STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00770

HSIDES UN YONTEF

Menasheh Unger

Permanent preservation of this book was made possible by
An Anonymous Donor

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנשה אונגער

חסידות און יום־טוב

פון זעלבן מחבר:

חסידות און לעבן
ניו־יאָרק, 1946

פּשיסכע און קאָצק
פאַרלאַג „פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע", 1949

גוט יום־טוב קינדער
ניו־יאָרק, 1950

מועדים לשמחה
הוצאת „שלמה", תל־אביב, 1953

די חסידישע וועלט
פאַרלאַג „חסידות", ניו־יאָרק, 1955

ווערט בקרוב דערשיינען:

ענציקלאָפּעדיע פון חסידות
צוויי בענדער

די חסידישע וועלט
צווייטער טייל

•

אַדרעס פון מחבר:
MENASHE UNGER
3165 Decatur Avenue, Bronx 67, N. Y.

מנשה אונגער

חסידות און יום=טוב

פאַרלאַג „חסידות"
ניו־יאָרק, 1958

MENASHE UNGER

CHASSIDUS UN YOM-TOV

Copyright 1957, *by*
MENASHE UNGER
Bronx, N. Y.

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROS., 21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

אין אָנדענק פון

לאה זאַדוואָראַנסקי־רובין

אינהאַלט

אריינפיר IX
סליחות 3
ראש השנה 27
עשרת ימי תשובה............ 56
יום כפור 63
סוכות 113
הושענא רבה 134
שמיני עצרת 137
שמחת תורה 142
חנוכה 185
פורים 211
פסח 231
שבועות 291

מעשיות

דער באַרדיטשעווער איז מנצח דעם שטן............ 11
רביים זאָגן סליחות............ 16
סליחות ביים רבין............ 21
דער באַרדיטשעווער גנב׳עט צו ביים שטן מקטרג די עבירות............ 48
דער קאָזשעניצער מגיד און דער קיטרוג אין הימל ערב יום־כפור 101
אַן אורח אין סוכה............ 128
דער יצר־הרע האָט געוואָלט פראַוועןן הקפות מיטן באַרדיטשעווער 163
די גרויסע „נפילה" אין לובלין............ 167
אַן אַרענדאַר צעקריגט זיך מיט דער תורה 172
דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער און דאָס חנוכה־לעמפל............ 201
פורים ביים ראָזוואַדאָווער רבין............ 221
דאָס „שיינע קרבן פסח׳ל"............ 251
חייקל וואַסער־טרעגער............ 254
אַן אורח צום סדר............ 260
אַן אורח טענה׳ט זיך אויס מיטן רבונו־של־עולם ביים סדר............ 265
רבי וואָס האָט געוואַרט אויף משיח׳ן לכבוד פסח............ 272
מען דאַרף זאָגן די הגדה מיט התלהבות............ 278
שבועות ביים סאַנזער רבין............ 320

ניגונים

ארשת שפתינו פון מאָזשיצער רבין............ 53
השיבנו ד׳ אליך פון מאָזשיצער רבין............ 54
אין קצבה פון קאָזשעניצער מגיד............ 54
דביקות־ניגון פון מאָזשיצער רבין............ 55
כי אנו עמיך פון גערער רבין............ 107
כבקרת פון מאָזשיצער רבין............ 108
דביקות־ניגון פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק............ 109
דביקות־ניגונדל פון רבין ר׳ אהרן פון קאַרלין............ 110

יתגדל ויתקדש פון ראָפּשיצער רבין 139
אתה בחרתנו, קוידינאָווער ניגון 140
וויזשניצער שבת־יום־טובדיקער ניגון 141
אנא ד׳, ראָפּשיצער הקפות־ניגונדל 179
אנא ד׳, קאָצקער ניגון 179
הקפות־ניגונדל פון טשערנאָבילער רבין 180
חב״דער טאַנץ־ניגונדל 180
ניגון פון בעש״ט 181
טשערנאָבילער ניגון 182
יושב בסתר, ראָפּשיצער ניגון ביים בענטשן די חנוכה־ליכט 206
מאָזשיצער ניגון 206
ראָפּשיצער ניגון 207
אַלטער גערער ניגון 208
למנצח על אילת השחר, ראָפּשיצער ניגון 227
שושנת יעקב, זשאַבנער ניגון 227
„נישט געדאַוונט", קאָצקער ניגון 228
ראָזוואַדאָווער ניגון אויף פּסח 282
כל חמירא פון דינאָווער רבין 283
והיא שעמדה, קאַרלינער ניגון 283
ויהי בחצי הלילה, בראַצלאַווער ניגון 284
אחד מי יודע, זשאַבנער ניגון 285
שיר השירים, ראָפּשיצער ניגון 285
קול דודי פון ליאַדער רבין 285
מאָזשיצער ניגון 325
בעל־שם־טוב ניגון 325
ניגון פון רבין ר׳ מענדעלע וויטעבסקער 326
חב״דער יום־טוב ניגון 327

בילדער

שופר פונם 18טן יאָרהונדערט 1
שול־קלאַפּער פון פּוילן פונם 19טן יאָרהונדערט 3
זילבערנע תורה־ציץ 25
ראש־השנה־טעלער 27
זילבערנע כתר־תורה 61
זילבערנער גאַרטל־שלאָס 63
זילבערנע אתרוג־פּושקע 111
זילבערנע אתרוג־פּושקע 113
זילבערנע עץ־החיים׳ס 142
אַלטע שמחת־תורה פאָן 178
חנוכה־מנורה 183
בעש״ט חנוכה־לעמפּל 185
זילבערנע מגילה־שייד 209
שלח־מנות־טעלער 226
פאַקסימיליע פון דער עלטסטער אילוסטרירטער הגדה 229
פּסח־קערה 231
זילבערנע ספר־תורה־ציץ 288
שבועות־רייזעלע 291

אַריינפיר

אין דעם בוך „חסידות און יום־טוב" האָבן מיר געוואָלט געבן אַ זאַמלונג פון געקליבענע חסידישע תורה'לעך, מנהגים, ווערטלעך און מעשיות, וואָס זאָל אויפן בעסטן אופן כאַראַקטעריזירן דעם מהות פון חסידות, וואָס איז אין איר בלי־פּעריאָד אין תוך געווען אַ פאָלקס־באַוועגונג און וואָס דאָס ווערט צום בולטסטן אָפּגעשפּיגלט און קומט צום שאַרפסטן צום אויסדרוק אין די ימים־טובים.

די מחלוקתן וואָס עס האָבן געפירט, לשם שמים, די מתנגדים, זיינען שוין פון לאַנג אָפּגעווישט געוואָרן. איצט אָנערקענט שוין יעדער איינער די גרויסקייט פון חסידות, די וואַרעמקייט, דאָס לחלוחית, וואָס חסידות האָט אַריינגעבראַכט אין די עצמות יבשות פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין מזרח־אייראָפּע.

בלויז די משכילים זיינען געווען פאַרבלענדט און האָבן נישט געקענט דערזען די גרויסע ווערטן פון דער חסידישער באַוועגונג. בלויז זיי האָבן געשיקט זייערע פיילן אויף די חסידישע מנהיגים. בלויז זיי האָבן נישט געוואָלט, און נישט געקענט, דערזען די נאַציאָנאַלע טרייב־קראַפט פון חסידות, דעם גרויסן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן כוח פון חסידות, די פילאָזאָפיע פון חסידות, די פאָלקסטימלעכקייט פון חסידות, דאָס דער־הייבן דאָס חשיבות פון דעם פאָלקס־מענטש, פון דעם אונטערדריקטן יידן און עם־הארץ, ווייל בעת זיין אויפשטייג און בלי־פּעריאָד איז אין חסידות געווען שטאַרק ניכר דער סאָציאַלער, נאַציאָנאַלער און יושר'דיקער מאָמענט.

ר' ישראל בעל־שם־טוב, דער באַגרינדער פון חסידות, און זיינע תלמידים, וועלכע זיינען אַרויסגעוואָקסן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, האָבן פאַרטיידיקט דעם פשוטן פאָלקס־מענטש, האָבן דערהויבן די נידעריקע יידישע שיכטן און פאַראָרעמטן קליינבירגערטום צו אַ העכערער מדריגה, האָבן איינגעפלאַנצט אין זייערע פאַר'יאוש'טע הערצער בטחון און שמחה.

די חסידישע באַוועגונג איז אויפגעקומען אין מיטן פונעם 18טן יאָרהונדערט אין פּאָדאָליע און וואָלין. זי האָט אין משך פון אַ קורצער צייט אַרומגעכאַפּט ברייטע שיכטן פונעם יידישן פאָלק און אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט און אין אָנהייב פון 19טן יאָר־הונדערט, איז חסידות שוין געווען אַזאַ פאָלקס־באַוועגונג, וואָס האָט איינגענומען אַלע קהלות אין אוקראַינע, גאַליציע, אַ גרויסן טייל פוילן, אַ גרויסן טייל ווייס־רוסלאַנד און איז אַריינגעדרונגען קיין רומעניע, אונ־גאַרן און אין אַ קליינעם טייל פון ליטע, אַזוי אַז מען קאָן מיט רעכט

זאָגן, אַז חסידות האָט אַרומגענומען דעם גרעסטן טייל פון מזרח־אייראָ־פעאישן אידנטום.

עס האָט געמוזט ליגן אַ געוואַלטיקער כוח אין דער חסידישער באַוועגונג, וואָס האָט צוגעצויגן אַזויפיל יידן און פאַרנומען אַזעלכע גרויסע שטחים. דער כוח פון חסידות איז געלעגן אין דעם, מיין איך, וואָס ער האָט דערהויבן די גערדריקטע נשמה פון דעם יידישן פאָלקס־מענטש, פון דאָרפס־ייד און בעל־מלאכה, און וואָס ער האָט דערהויבן דאָס חשיבות פון דער יידישער פאָלקס־שפּראַך און וואָס ער האָט ווייטער געוועבט דעם גרויסן חלום פון גאולה...

אָט די דאָזיקע אַטריבוטן פון חסידות קומען צום בולטסטן צום אויסדרוק אין די תורות פון די שבתים און דער עיקר אין די ימים־טובים. ווייל אין אַלע טעג פון דער וואָך האָבן כמעט אַלע יידן געפילט דעם זעלבן טעם פון גלות. אויך דער תקיף, נגיד, און דער אַריינגייער אין פּריצישן הויף, האָט אָפטמאָל געפילט דעם גלות־יאָך אויף זיינע פּלייצעס און דערזען אַז די יידן געפינען זיך ווי אַ „לעמעלע צווישן וועלף״...

אַנדערש איז אָבער געווען ווען עס איז געקומען אַ שבת און דער עיקר אַ יום־טוב. דעמאָלט איז שטאַרק אַנזעעוודיק געוואָרן דער אונטער־שיד צווישן אָרעם און רייך, צווישן וואוילגעלערנטן און עם־הארץ, צווישן אַ „שיינעם בעל־הבית״ און אַ בעל־מלאכה.

אָבער חסידות האָט אָט די אונטערדריקטע יידישע שיכטן דערהויבן און זיי געשטעלט אַמאָל העכער ווי דעם למדן און רב.

דאָס קען מען זען פון דעם אָפּקלייב פון די פאַרשידענע תורה׳לעך, ווערטלעך און מעשיות, וואָס מיר האָבן צונויפגעזאַמלט אין דעם בוך „חסידות און יום טוב״.

דורך פאַרשידענע תורה׳לעך און מעשיות דערזעט מען ווי חסידות הייבט אויף דאָס חשיבות פון אָרעמאַן, בעל־מלאכה, דאָרפס־ייד, עם־הארץ און פּראָסטיאַק.

אָט איז אַ מעשה ווי אַזוי הייקל וואַסערטרעגער פון לובלין ריכט אָפּ דעם סדר, און דער „חוזה״ פון לובלין ווינטשט זיך צו האָבן אַ חלק פון זיין עולם הבא (זייט 254—259).

אַ נישט־ריכטיקער טייטש פון אַן עם־הארץ, אָדער אַ פאַרגרייזטע עברי פון אַ דאָרפס־ייד, מאַכט אַ רעש אין הימל און ראַטעוועט יידן פון אַ מגיפה (זייטן 71—72). אַ שניידערישער טייטש פון אַ פּסוק ראַטעוועט יידן (זייט 77). און דאָס קאָן מען אויך אָפּלערנען פון פאַרשידענע אַנדערע תורה׳לעך, ווערטלעך און מעשיות, וואָס ווערן געבראַכט אין אונזער בוך.

חסידות האָט געהאַלטן, אַז עיקר עבודת הבורא איז: כוונת הלב, „רחמנא ליבא בעי״. און אָט דעם דאָזיקן געדאַנק האָט חסידות אַרויס־

געבראַכט דורך פֿאַרשידענע תּורה׳לעך און מעשׂיות, וואָס מיר האָבן גע־בראַכט אין אונזער בוך, ווי די מעשׂה מיטן ייִנגל, אַ יתום, וואָס האָט נישט געקענט דאַווענען און ער האָט ערב יום־כּפּור בלויז געעפֿנט דעם אַלטן סידור און האָט אָנגעהויבן צו וויינען און געבעטן גאָט אַז ער זאָל פֿאַר אים דאַווענען (זייט 4). דאָס זעלבע טוט אויך חייקל וואַסערטרעגער און ער בעט גאָט ער זאָל פֿאַר אים אָפּריכטן דעם סדר, וואָס מיר האָבן פֿריער דערמאָנט. אויך אַן עם־הארץ וואָס קאָן נאָר „אלף־בית" בעט גאָט ער זאָל פֿאַר אים אויספֿלעכטן תּפֿילות (זייט 31).

אַן אַנדערע וואַריאַציע וועגן אַ ייִנגל וואָס קאָן נישט דאַווענען, איז די מעשׂה מיטן דאָרפֿס־ייִנגל און זײַן פֿייפֿערל (זייטן 43—44), וואָס איז שוין אַרײַן אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור.

און כאָטש יעדער יום־טוב האָט געהאַט דעם זעלבן חסידישן שטייגער־לעבן, דאָך האָט חסידות, האָב איך באַמערקט, אויסגעטײלט יעדן יום־טוב באַזונדער, אַרויסצובריינגען זײַן פֿילאָזאָפֿיע און קוק אויפֿן מענטשן, די באַציאונג פֿון יחיד צו דער עדה, מענטש און גאָט, גלות און גאולה, בעסער דערקענען און פֿאַרשטיין זיך אַלײן. טאַקע בעטן גאָט אין די ימים־נוראים ער זאָל מוחל זײַן די זינד, אָבער מעגן אויך האָבן טענות צו גאָט, אַז ייִדן זײַנען נישט אינגאַנצן שולדיק, אַז אויך דער רבונו־של־עולם איז שולדיק די ייִדן אַ חוב, ווי די מעשׂה מיטן שנײַדער, וואָס פֿאָדערט אַ דין וחשבון פֿון גאָט (זייטן 81־82).

אַזוי, למשל, הייסט דער באַרדיטשעווער רבי אַ ייִדן ער זאָל מוחל זײַן גאָט (זייטן 67—68), אָדער די מעשׂה מיטן שנײַדער (זייטן 77—78), וואָס איז אַזוי שיין אויסגענוצט געוואָרן פֿון אונזער קלאַסיקער י. ל. פּרץ אין זײַן מעשׂה „בערל שנײַדער". לויטן זעלבן נוסח איז אויך די מעשׂה ווי ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער לאָזט נישט מקטרג זײַן אויף ייִדן (זייטן 88—89).

אויך דער שפּאָלער זיידע טענה׳ט זיך אויס מיט גאָט (זייטן 41—42), און דאָס זעלבע טוט אויך ר׳ שלמה לענטשנער (זייט 34).

אין דער אָפּטייל „ימים נוראים", פֿאַרנעמט דעם גרעסטן פּלאַץ דער גרויסער מליץ יושר, ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער. פֿאַרשידענע תּורה׳לעך און מעשׂיות זײַנען פֿון אים פֿאַראַנען אין אונזער בוך, ווי, למשל, „ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער איז מליץ טוב אויף ייִדן" (זייט 39), דער „אונטער־שיד צווישן מענטש און גאָט" (זייט 92), „ר׳ לוי יצחק דער מליץ יושר" (זייטן 80—81) און אַ צאָל אַנדערע.

אָט דאָס איז אַן אייגנאַרטיקער טאָן, וואָס חסידות האָט אַרײַנגעבראַכט אין ייִדישן לעבן. ס׳איז גאָר אַנדערש פֿון די מוסר־רייד פֿון די מגידים און דרשנים פֿון פֿאַר דער חסידות־תּקופֿה, וועלכע האָבן בלויז געשטראָפֿט דאָס ייִדישע פֿאָלק, פֿאַר זיי געמאָלן דעם גיהנום מיט די שוידערלעכסטע פֿאַרבן

און מעורר געווען די יידן זיך מסגף צו זיין מיט פאַרשידענע סגופים און זיך צו פייניקן מיט פאַסטן לאַנגע תעניתים.

חסידות איז אַרויסגעטראָטן קעגן אַזעלכע סגופים, ווי עס ווערט אַזוי אינטערעסאַנט אַרויסגעבראַכט אין דעם משל, וואָס ר׳ יעקב פון אסטראה האָט געגעבן (זייט 8). אויך חסידות האָט מעורר געווען תשובה צו טאָן, אָבער ווען ר׳ משה לייב סאַסאָווער האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר תקיעת שופר זאָגן מוסר, האָט ער בלויז געשטראָפט די רייכע און ער האָט זיך דערלויבט צו זאָגן, אַז על פי מידת היושר וואָלט די וועלט געדאַרפט פאַרטיילט ווערן צווישן אַלע מענטשן גלייך, און אַז דער אָרעמאַן האָט זיין פאַרמעגן ביים רייכן, אַזוי אַז ווען דער רייכער גיט צדקה, גיט ער נישט זיינס נאָר דאָס וואָס געהער צום אָרעמאַן... (זייטען 34־35).

חסידות האָט אויך געהאַלטן אַז דער אמתער צדיק טאָר גאָר נישט זען קיין שלעכטס אויף אַ יידן (זייט 41, זע אויך די מעשה וואָס „סאַדי־גורער חסידים דערציילן וועגן די וואָס רעדן שלעכטס אויף יידן״, זייטן 45־47). און וואָס עס מיינט באמת תשובה טאָן, האָט אויפן בעסטן אופן דערקלערט ר׳ שניאור־זלמן פון ליאַדי (זייט 57)... לויט דער חסידישער אויפפאַסונג, דאַרף תשובה קומען דורך שמחה (זייטן 50־60).

און ווי פלעגט ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער זינגען?

„רבונו־של־עולם!
פאַר דיין גיהנום
האָב איך קיין מורא נישט,
דיין גן־עדן דאַרף איך נישט,
פאַרוואָס־זשע דען דין איך דיך?
ווייל איך האָב דיך ליב!״...

אָט דאָס איז געווען די פילאָזאָפיע פון חסידות וועגן תשובה טאָן. דעריבער האָט ר׳ לוי־יצחק זיך געקענט אַוועקשטעלן ראש־השנה פאַר שמונה־עשרה און זינגען „דרי מעלה״ און פרעגן דעם רבונו־של־עולם: „וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויפן פאָלק ישראל?״...

**
*

פון די פאַרשידענע תורה׳לעך, ווערטלעך און מעשיות וואָס מיר האָבן אַריינגענומען אין יום־טוב סוכות, זעט מען אַז עס גייט דורך דער חסידישער מאָטיוו פון געבן צדקה, העלפן אַן אָרעמאַן, וואָס דאָס איז דער אמתער „נוי־סוכה״ (זייטן 117־116, און אין אַן אַנדערער וואַריאַציע אויף זייט 118), אָדער די מעשה פון ר׳ משה־לייב סאַסאָווער, וואָס גיט אַוועק זיין געלט, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעגרייט צו קויפן אַן אתרוג, צו אַן אָרעמען וואַסער־טרעגער ער זאָל קויפן אַ פערד (זייט 119).

אַזוי ווי דער סדר איז געווען צו מאַכן בשותפות׳דיקע סוכות, האָט חסידות אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פאַר יידן זיך צו האַלטן צוזאַמען,

ווי: „די סוכּה פון אַ שוסטער" (זייט 199) און „מען דאַרף זיצן מיט אַלע יידן צוזאַמען" (זייטן 120־121).

חסידות האָט אויך אויסגענוצט די ארבעה מינים, די אושפּיזין, אַרויס־צוברענגען זיין פילאָזאָפיע, אַז „אַ גוט האַרץ איז אַמאָל וויכטיקער ווי אַ שיינער אתרוג" (זייט 124), און ווי אַזוי „אַן אושפּיזין ווערט אַן אורח אין סוכּה" (זייט 128־133).

אינעם יום־טוב שמחת־תורה האָט חסידות אַריינגעפלאָכטן דעם חסי־דישן געדאַנק אַז אַלע יידן דאַרפן זיך האַלטן פאַר אַן עם סגולה און אַז דער פּשוטער ייד האָט די זעלבע רעכט זיך צו פרייען מיט דער תורה ווי דער תורה־לערנער (זייט 148) און אַז די עיקר תורה איז — דער מענטש, ווייל „דער מענטש איז דער פינפטער טייל פון שולחן־ערוך" (זייט 150).

„אַלע יידן זיינען גלייך — זאָגט דער ריזשינער רבי — אַלע יידן טאַנצן צוזאַמען און פרייען זיך צוזאַמען מיט דער תורה" (זייטן 153־154).

אין שמחת־תורה ווערט אויך אויסגענוצט דער חסידישער רעיון, אַז יידן דאַרפן תמיד זיין בשמחה (זייטן 151־152). און ווידער ווערט אַרויסגעבראַכט די חסידישע אידייע, אַז אַ פּשוטער ייד האָט אַ רעכט צו האָבן טענות צו גאָט, ווי די מעשׂה מיטן אַרענדאַר וואָס האָט זיך צעקריגט מיט דער תורה (זייטן 172־178).

אַ צאָל אַזעלכע תורה׳לעך און ווערטלעך זיינען פאַראַן אין דעם אָפּטייל שמחת־תורה.

***

אין די אָפּטיילונגען חנוכּה און פּורים קומט צום אויסדרוק דער חסי־דישער געדאַנק, אַז דער צדיק דאַרף זיך נישט דערהייבן איבערן פאָלק, נאָר ער דאַרף זיין מיטן פאָלק, פילן זיינע ליידן און אים טרייסטן. ווי ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער זאָגט אויף אהרנען, אַז כאָטש אהרן איז דערהויבן געוואָרן צו אַ כּהן־גדול, דאָך האָט ער זיך נישט דערווייטערט פון פאָלק (זייטן 191־192), און אין אַן אַנדערער וואַריאַציע — דער טייטש פון באַר־טיטשעווער רבין (זייט 192).

אויך ווערט אַרויסגעבראַכט די חסידישע שיטה אַז ווען דאָס פאָלק באַשטימט עמיצן פאַר אַ מנהיג, האָט ער אַ כּוח מיט זיין דיבור צו העלפן יידן, ווי עס ווערט געבראַכט אין דער מעשׂה וועגן דעם פּורים־רבי און ר׳ דודל טאַלנער (זייט 216) און אין אַן אַנדערן נוסח — „דער פּורים ביים זידיטשויווער רבין" (זייטן 217־218).

און ווידעראַמאָל שפּיגלט זיך אָפּ דער חסידישער מאָטיוו, אַז נאָר ווען עס הערשט אחדות צווישן די יידן קאָנען זיי זיך דערהאַלטן ווי אַ פאָלק, אָבער ווען זיי זיינען צעשפּליטערט קאָן מען זיי לייכט בייקומען (זייט 218).

חסידות איז געווען אַ באַוועגונג וואָס האָט געשטרעבט צו דער גאולה. חסידות האָט געוואַרעמט דעם חלום פון דער גאולה אין די הערצער פון יידישן פאָלק. חסידות האָט געטרייסט די יידן און זיי געגעבן בטחון אַז זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן פון ביטערן גלות.

חסידות האָט דאָס צום בולטסטן אַרויסגעבראַכט אין יום־טוב פסח.

איז דאָך פסח דער זמן פון דער גאולה, ווי די חז״ל זאָגן: אין חודש ניסן איז מען אויסגעלייזט געוואָרן און אין ניסן וועט מען אויסגעלייזט ווערן. זעען מיר ווי דער קאָזשעניצער מגיד וויל גלייך גיין מיטן פרעמדן יידן, וואָס זינגט ביים סדר „פּאַדיאָם״, „לאָמיר גיין, לאָמיר פאַרלאָזן דעם גלות!״ (260־264). נאָר לא איכשר דורא, דער דור איז נאָך נישט געווען צוגעגרייט צו דער גאולה...

און דער אוהעלער רבי, דער וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אַרויסגעקוקט אויף משיח׳ן, איז זיכער אַז משיח איז געקומען ערב פסח; ער קאָן אָבער, מיט זיין גרויס תמימות, נישט פאַרשטיין פאַרוואָס ער איז צוערשט געקומען צו אים אין שטוב אריין (זייטן 272־277).

דער קאָצקער רבי האַלט, אַז די גאולה וועט קומען ווען מען וועט נישט קענען סובל זיין דעם גלות (זייט 233).

אויך דער אַלעקסאַנדער רבי האַלט אַז דער גלות מצרים איז געווען גרויס ווייל די יידן האָבן שוין מער נישט געפילט דעם יאָך (זייטן 240־241). און אויך דער גערער רבי זאָגט, אַז די גאולה וועט קומען ווען די יידן וועלן אַליין דערפילן דעם גלות (זייט 421). דער „חוזה״ פון לובלין האָט געזאָגט, אַז יידן דאַרפן זיך נישט מייאש זיין אינעם פינסטערן גלות (זייט 236), און דער ריזשינער רבי פלעגט ביים סדר רעדן וועגן ארץ־ישראל (זייטן 242־243).

גלות, גאולה, משיח, ארץ־ישראל — אָט דאָס זיינען די מאָטיוון וואָס חסידות האָט אַרויסגעבראַכט אין יום־טוב פסח.

* * *

אין יום־טוב שבועות, אין זמן מתן־תורה, האָט חסידות אַריינגעלייגט זיינע כוונות און געדאַנקען וועגן ייד און תורה; אַז זמן מתן־תורה איז טאַקע געווען אין שבועות, אָבער זמן קבלת־התורה איז יעדן טאָג (זייטן 295־296); אַז יעדער ייד באַזונדער איז מקבל די תורה לויט זיין השגה (זייט 296). אויך האָט חסידות אין שבועות ווידעראַמאָל אַרויסגעבראַכט דעם עיקר־געדאַנק פון חסידות, אַז יידן דאַרפן האָבן אחדות (זייט 297). אָדער ווי פּאָעטיש דער קאָזשעניצער מגיד האָט געזאָגט: „ווען אַלע יידן וואָלטן געלעבט אין אחדות און זיך געגעבן די הענט, וואָלט פון אַלע הענט געוואָרן איין האַנט, וואָס וואָלט געקענט דערגרייכן ביז צום כסא־הכבוד״ (זייט 299).

חסידות האָט אויך געלערנט, אַז דער ייד דאַרף טאָן יעדע מצוה מיט ריינע כוונות; אַז מען קאָן אַמאָל זיך אָפּנאַרן; אַז ווען אפילו איינער איז אַ גרויסער פּאַסטער, קאָן ער זיין אַ „גונב דעת עצמו“ (זייט 308); אַז דער אמתער טייטש פון „לא תגנוב“ איז „דו זאָלסט זיך אליין נישט באַ׳גנב׳ענען (זייט 301); אָדער אַז „מיט תמימות איז זייער לייכט אָפּצונאַרן מענטשן“ (זייט 302).

אויף פאַרשידענע אופנים ברענגט חסידות אַרויס אין שבועות די וויכטיקייט, אַז דער ייד זאָל דערפילן אַז דער עיקר עבודת־הבורא איז די כוונה פון דער מצוה, ווי די מעשה מיטן בעש״ט וואָס האָט נישט געקענט אַריינקומען אין אַ בית־המדרש, ווייל די תורה און תפילות פון די לומדישע יידן זיינען נישט אַרויף אין הימל (זייט 306), אָדער דאָס שאַרפע וואָרט פון סאָכאַטשאָווער רבין פאַרוואָס דער בעש״ט איז געקומען אויף דער וועלט (זייטן 307־308), און פאַרשידענע אַנדערע חסידישע פּערל וואָס ברענגט אַרויס דעם עצם מהות פון חסידות.

***

מיר האָבן אין דעם בוך „חסידות און יום־טוב“ געבראַכט אַ זאַמלונג פון געקליבענע תורה׳לעך, מנהגים, ווערטלעך און מעשיות, וואָס מיר האָבן אַרויסגענומען פון פאַרשידענע ספרים אָדער מפּי השמועה וואָס איך האָב געהערט דערציילן אין מיין פאָטערס הויז, אָדער פון אַנדערע חסידים. מיר האָבן זיי איבערגעגעבן אין דער חסידישער פאָרם, האַלטנדיק זיך נאָענט צום חסידישן נוסח. פאַרשטייט זיך אַז געוויסע תורה׳לעך און ווערט־לעך וואָס ווערן צוגעשריבן צו איין רבין, קענען גאָר שטאַמען פון אַן אַנ־דערן רבין. עס האָט געקענט טרעפן, אַ ייד האָט געהערט אַ גוט־וואָרט פון אַ רבין, האָט ער עס דערנאָך, שלא בכוונה, דערציילט וועגן זיין רבין. און עס זיינען אויך פאַראַן חסידישע ווערטלעך און טייטשן וואָס זייגעפינען זיך אויך ביי די עולמישע רבנים.

צו דערגרונטעווען זיך וועגן אָפּשטאַם פון חסידישע ווערטלעך און מעשיות פאָדערט זיך אַ ספּעציעלע שטודיע. מיר ווייסן אָבער אַז חסידות האָט צוגעפּאַסט די תורה׳לעך, ווערטלעך און מעשיות צו אַזאַ רבין, וואָס דאָס איז ביי אים געווען דער עיקר עבודה..

ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער איז אָנגענומען אין דער חסידישער וועלט פאַר אַ מליץ יושר פאַר יידן, האָט חסידות אים צוגעשריבן די תורה׳לעך, ווערטלעך און מעשיות וואָס האָבן אַ שייכות צו פאַרטיידיקן דאָס פאָלק ישראל און זיך אָננעמען פאַרן פאָלק ישראל, זיך אויס׳טענה׳ן מיטן רבונו־של־עולם וועגן פאָלק ישראל.

ווערטלעך און מעשה׳לעך וואָס האָבן אַ שייכות צו אהבת ישראל, ווערן געוויינלעך צוגעשריבן צו ר׳ משה־לייב סאָסאָווער, צו ר׳ דודל לעלעווער און צום וואָרקער רבין. אפילו אַזאַ פּערל פון דער מאָדערנער יידישער לי־

טעראַטור, ווי „אויב נישט נאָך העכער״ פֿון אונזער קלאַסיקער י. ל. פּרץ, געפֿינט זיך אין דער חסידישער מעשה־ליטעראַטור וועגן גרויסן אוהב־ישראל ר׳ משה־לייב סאַסאָווער (זייט 89).

חכמה׳לעך, הלצה׳לעך, המצאה׳לעך וועלן צוגעשריבן צום ראָפּשיצער רבין, וועלכער איז אָנגערופֿן געוואָרן דער „חכם פֿון די רביים״.

עמקות׳דיקע טייטשן, טיפֿע חסידישע רעיונות ווערן, על פּי רוב, צו־געשריבן צו די רביים פֿון פּשיסכע און קאָצק און צו זייערע תּלמידים; אַרײַנטייטשונגען אין פּסוקים יידישע ווערטער — צו דער קאַרלינער די־נאַסטיע, צו די תּלמידים פֿון קאַרלין און צו ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער.

אינעם בוך „חסידות און יום־טוב״ איז אויך אַרײַנגעבראַכט גע־וואָרן אַ צאָל חסידישע ניגונים וואָס איך האָב געזאַמלט און וואָס זײַנען, „על־פּי־רוב״, נאָך אין ערגיץ נישט פֿאַרשריבן געוואָרן. אויב יאָ — אין אַן אַנדערער וואַריאַציע.

דאָס רוב ניגונים שטאַמען פֿון די רביאישע גזע׳ס פֿון וועלכע דער מחבר שטאַמט און וואָס ער אַליין האָט געהערט זינגען אָדער אין זײַן פֿאָטערס הויף אָדער פֿון חסידים פֿון אַנדערע רביים אין פּוילן, ארץ־ישראל און אין אַמעריקע.

ס׳רוב חסידישע ניגונים זײַנען אָן ווערטער. בלויז אייניצלנע ניגונים האָבן עטלעכע אידישע ווערטער, ווי דער וויזשניצער ניגון (זייט 141), דער קאַרלינער ניגון וואָס האָט שוין אַ גאַנצע סטראָפֿע (זייט 110), אָדער דער קאָצקער ניגון „נישט געדאַוונט״ וואָס איז שוין אַ ליד אין יידיש (זייט 228). אַזאַ ניגון מיט יידישע ווערטער איז אויך ר׳ מענדעלע וויטעבסקערס ניגון (זייט 326).

די נאָטן פֿון די ניגונים זײַנען פֿאַרשריבן געוואָרן פֿון דעם באַוואוסטן יידישן קאָמפּאָזיטאָר מיכאל געלבארד.

כדי צו באַצירן דאָס בוך האָבן מיר אַרײַנגעגעבן פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אַ צאָל אַלטע יידישע חפצים וואָס מיר האָבן גענומען, מיט זייער דערלוי־בעניש, פֿון יידישן מוזעאום אין ניו־יאָרק און בצלאל־מוזעאום אין ירושלים.

צום סוף פֿון בוך האָבן מיר געגעבן ביאָ־ביגראַפֿישע נאָטיצן וועגן די רביים און ספֿרים וואָס ווערן דערמאָנט אין בוך. מיר האָבן זיי נישט אָנ־געגעבן אין טעקסט גופֿא, כדי נישט צו באַשווערן דאָס אויג פֿון לייענער. די נומעראַציעס נאָך יעדער ביאָ־ביבליאָגראַפֿישער ידיעה זײַנען די זייטן פֿונעם בוך וואו דער רבי אָדער ספֿר ווערט דערמאָנט.

צום סוף וויל דער מחבר אויסדריקן אַ דאַנק צום בוך־קאָמיטעט און צו יחידים, פֿריינט וואָס האָבן געהאָלפֿן אַרויסגעבן דאָס בוך, און בפֿרט צו די פֿריינט: סעם רובין, נתן וואַרשאַו, יוסף אַרנאָלד און יצחק פֿעלד, וואָס האָבן מיט זייערע ביישטייערונגען און מי דערמעגלעכט אַז דאָס בוך זאָל קענען דערשײַנען.

מ. א.

ימים נוראים



אַ שופר פונים 18טן יאָרהונדערט

סליחות



אַ שול־קלאַפּער פון פוילן פונים 19טן יאָרהונדערט

דער „ספר החיים"

ביי די רביים פון גאַליציע, וואָס שטאַמען פון דער גזע פון ראָפּשיצער רבין, איז געווען אַ מנהג, אַז פון ראש־חודש אלול ביז ערב ראש־השנה שרייבן די חסידים אַריין זייערע נעמען און בקשות אין אַ ספר, וואָס ווערט אָנגערופן „ספר החיים".

דאָס „ספר החיים" ווערט אַריינגעבראַכט צום רבין פאַר תקיעת־שופר. דער רבי קוקט עס דורך און האַלט עס מיט זיך ביי תקיעת־שופר און ביים דאַווענען מוסף.

ווי אַזוי דער רבי ר' אלימלך האָט אויסגעטייטשט אַ פּסוק

דער רבי ר' אלימלך פון ליזשענסק האָט געטייטשט דעם פּסוק „אָז תשמח בתולה במחול" (ירמיה ל"א, י"ב — דעמאָלט וועט די יונגפרוי זיך פרייען אין טאַנץ:) דעמאָלט וועט זיך פרייען די בתולה, דאָס מיינט מען דעם חודש אלול, וואָס זיין מזל איז בתולה, „במחול" — ווען דער אייבערשטער וועט מוחל זיין די יידן... (בני יששכר)

ווי אַזוי דער רבי ר׳ מרדכילע נאַדוואָרנער האָט געמוסרט אַ בעל תפילה

אַמאָל, שבת־פאַר־סליחות, איז געקומען צום רבין ר׳ מרדכילע נאַדוואָרנער אַ חסיד. זונטאָג נאָך סליחות האָט זיך דער חסיד זייער שטאַרק געאײַלט אַהיימצופאָרן.

פרעגט אים דער רבי:

„וואָס איז דאָס אײַלעניש אַזוי גרויס?״

„איך בין אַ בעל־תפילה ביי אונדז אין שטעטל — ענטפערט דער חסיד — מוז איך אַרײַנקוקן אין מחזור און איבערחזרן די תפילות.״

האָט אים דער רבי געענטפערט:

„אינעם מחזור האָסטו גאָר ניט אַרײַנצוקוקן, דאָרטן וועסטו געפינען שטיין דאָס זעלבע וואָס פאַראַיאָרן, דו קוק בעסער אַרײַן ביי דיר אין האַרצן, זיי מעיין אין דײַנע מעשים און גרייט דיך אַליין צו!...

(לקוטי מהרי״ח, צום סוף פון מנהגים פון חודש אלול)

אַ משל פון בעל שם טוב

דער בעל־שם־טוב האָט אַמאָל פאַר סליחות געזאָגט אַ משל:

אַ מענטש האָט אַמאָל געבלאָנדזשעט אין וואַלד און ער האָט ניט געוואוסט וועלכער וועג עס איז דער ריכטיקער. פלוצלינג האָט ער באַגעגנט אַ צווייטן מענטשן, וואָס איז אים אַקעגן געקומען, האָט ער זיך זייער געפרייט, ווייל ער האָט געמיינט, אַז איצט וועט ער שוין זיכער וויסן וועלכער וועג עס פירט אַרויס פון וואַלד. און ווי זיי האָבן זיך באַגעגנט, פרעגט אים דער וואָס האָט געבלאָנדזשעט: „אפשר ווייסטו וועלכער וועג עס פירט אַרויס פון וואַלד? ווייל שוין אַ פאָר טעג ווי איך בלאָנדזשע און ווייס ניט ווי אַזוי אַרויסצוגיין.״

האָט דער צווייטער אים געענטפערט:

„אויך איך, ברודער, בלאָנדזשע אין וואַלד שוין אַ פאָר טעג און ווייס ניט דעם ריכטיקן וועג. אָבער איין זאַך קאָן איך דיר יאָ זאָגן: גיי ניט אויף דעם זעלבן וועג וואָס איך בין געגאַנגען, ווייל איך ווייס עס אויף זיכער אַז דער דאָזיקער וועג פירט ניט אַרויס פון וואַלד. לאָמיר דערפאַר ביידע צוזאַמען זוכן אַ נייעם וועג...״

דאָס זעלבע איז מיט אונדז — האָט דער בעש״ט אויסגעלאָזט, — איין זאַך קען איך אייך זאָגן אויף זיכער: דער וועג וואָס די יידן זיינען ביז איצט געגאַנגען, האָט ניט געפירט צו דער גאולה. לאָמיר דערפאַר אַלע צוזאַמען אָנהייבן זוכן אַ נייעם וועג!...

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער איז מלמד־זכות אויף יידן פאַר סליחות

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער איז אַמאָל געגאַנגען מיט זיין משמש דעם ערשטן טאָג סליחות, פאַרטאָגס, אין שול אַריין. פלוצלינג האָט אָנגעהויבן שטאַרק רעגענען, האָט זיך ר׳ לוי יצחק געשטעלט אונטער אַ דאַך פון אַ שענק. אין דער שענק זיינען געזעסן יידישע שכורים, גנבים און זולל־וסובאניקעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגערעכנט פון זייערע „מסחרים" און כסדר געטרונקען משקה.

האָט דער משמש אַריינגעקוקט דורכן פענצטער און דערזען ווי די יידישע גנבים פרעסן און זויפן.

„רבי — גיט דער משמש אַ זאָג — זעט ווי די פושעי־ישראל זיצן אין דער נאַכט פון סליחות און הולטאַיען!"

„חס־ושלום — האָט זיך דער רבי אָפּגערופן — יידן זיינען אַ הייליק פאָלק, דאָס זיצן זיי איצט און בענטשן נאָך דער סעודה."

האָט ווידער דער משמש אַ קוק געגעבן דורכן פענצטער און דערזען ווי די גנבים גיבן זיך די הענט, זאָגט ער ווידער צום רבין:

„רבי, זיי גיבן זיך איצט די הענט ווייטער צו גנבענען!"

„חס־חלילה — ענטפערט ר׳ לוי יצחק — דו זעסט שלעכט. זיי גיבן זיך די הענטביים טרינקען ,לחיים׳, וואָס ס׳איז אַ יידישער מנהג!..."

האָט דער משמש ווידער אַמאָל געכאַפּט אַ קוק דורכן פענצטער און געזען ווי די גנבים סודען זיך.

„רבי, זיי דערציילן זיך ווי אַזוי און ביי וועמען זיי האָבן געגנבעט."

„אויב אַזוי — האָט ר׳ לוי יצחק אויסגערופן מיט שמחה — זיינען זיי דאָך אמתע בעלי־תשובהניקעס. זיי זיינען זיך מתוודה איינער פאַרן אַנדערן פאַר סליחות, כדי זיי זאָלן גיין צו סליחות מיט ריינע הערצער און מיט געלייטערטע נשמות..."

אין די ימים־נוראים קען מען זיך אויף קיינעם נישט פאַרלאָזן

דער בעש"ט האָט געזאָגט: „מען טאָר זיך ניט פאַרלאָזן אויף די בעלי־תפילות אין די ימים־נוראים", און ער האָט דערויף געזאָגט אַ משל:

אין אַ מדינה איז אַמאָל געווען אַ גרויסער גיבור, האָט זיך דאָס גאַנצע לאַנד פאַרלאָזט אויף אים און די מענטשן האָבן זיך ניט געלערנט קיין תכסיסי־מלחמה. איינמאָל איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה מיט אַ צווייטער מדינה, האָט דער גיבור געוואָלט אַרויסנעמען זיינע כלי־זיין מלחמה צו האַלטן מיטן שונא, אָבער דער שונא האָט זיך געקליגט און האָט צוגעגנבעט דאָס כלי־זיין פונעם גיבור. די מענטשן פון דער מדינה האָבן גאָרנישט געקענט העלפן דעם גיבור, ווייל זיי האָבן זיך ניט געהאַט געלערנט די תכסיסי־מלחמה און דער שונא האָט איינגענומען דאָס לאַנד.

דערמיט ווערט מען פאַרשטיין דעם פּסוק אין תהלים (פּ״ט) „אַשרי העם יודעי תרועה״ — וואָרום דעם פאָלק וואָס ווייסט ווי צו בלאָזן שופר, דאָס מיינט מען, דאָס פאָלק וואָס פאַרלאָזט זיך ניט אויפן גיבור, נאָר די מענטשן אַליין ווייסן ווי מלחמה צו האַלטן, דעמאָלט „באור פּניך יהלכון״ — וועלן זיי אַנטקעגנגיין דעם מלך און ניט זיי וועלן זיך פאַרלאָזן אויף די גדולים, אויף די בעלי־תפילות, נאָר אַליין מתפלל זיין צו גאָט.

(תולדות יעקב יוסף, פרשת אמור און בן פורת יוסף, דף מ״ד)

דער כוח פונם תהילים־ניגון

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט אַמאָל, אין ערשטן טאָג סליחות, פאַרן אָנהייבן צו זאָגן תהילים, דערציילט אַזאַ מעשה:

בשעת דער גרויסער מהומה, ווען עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די גזירה צו כאַפּן קליינע קינדער צום מיליטער, האָט מען צוגענומען יידישע עופעלעך און זיי אַוועקגעפירט קיין מרחקים, זיי אָפּגעריסן פון טאַטע־מאַמע, כדי זיי זאָלן פאַרגעסן דאָס יידישקייט.

ווען עס איז געקומען ראש־השנה האָבן זיך די קינדער אין דער פרעמד דערמאָנט, אַז עס איז היינט אַ יום־הדין און זיי האָבן געוואָלט תפילה טאָן צום רבונו־של־עולם, אָבער קיינער פון זיי האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען קיין איין תפילה פון אויסנווייניק.

רופט זיך אָן איין קינד:

„אין די טעג פון די ימים־נוראים פלעגט מען זאָגן תהילים מיט גרויס התעוררות, איז אפשר געדענקט ווער ס׳איז אַ קאַפּיטל תהילים, אָדער לכל הפחות אַ פּסוק תהילים?״

אָבער קיין איין קינד האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען אַפילו קיין איין וואָרט פון תהילים.

זיינען זייערע יידישע הערצלעך געוויין באַזאָרגט, וואָס אין אַזאַ הייליקן טאָג קאָנען זיי ניט מתפלל זיין צום אויבערשטן.

ביז איין ייִנגל האָט זיך דערמאָנט דעם ניגון פון תהלים־זאָגן און ער האָט זיך אָנגערופן:

„תהילים זאָגן פון אויסנווייניק קאָנען מיר טאַקע ניט, אָבער דעם ניגון פון תהילים־זאָגן, געדענק איך. טאָ לאָמיר כאָטש זינגען דעם ניגון פון תהילים־זאָגן.״

און אַלע קינדער האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויסזינגען דאָס געזאַנג פון תהילים־זאָגן, און מיטן כוח פונעם בלויזן ניגון זיינען זיי אַלע געהאָלפן געוואָרן.

און ר׳ לוי יצחק האָט אויסגעלאָזט:

„אויך מיר ווייסן ניט קיין פירוש המילות פון תהילים, אָבער דעם ניגון קאָנען מיר זינגען, טאָ לאָמיר אַלע אינאיינעם שרייען: „אשרי האיש אשר לא הלך״...

און די גאַנצע עדה יידן האָט מיטגעזאָגט מיט די מתיקותדיקע טענער פון ר׳ לוי יצחקס תהילים־זאָגן.

(זכרנו לחיים, ל״ה)

זאָגן תהלים

חסידים זיינען זיך נוהג אין ערשטן טאָג סליחות צו זאָגן תהילים.

אין „קיצור מלקוטי מהר״ן תנינא״, פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער, ווערט געבראַכט, אַז „ווער ס׳וויל זוכה זיין צו תשובה, זאָל ער זאָגן תהלים. פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן גאָר קיין התעוררות ניט תשובה צו טאָן; פאַראַן, ווידער, מענטשן, וואָס ווען זיי האָבן שוין אַפילו אַ גלוסטונג תשובה צו טאָן, האָבן זיי, ווידער, פאַרשידענע מניעות דערצו. דעריבער איז אַ סגולה צו זאָגן תהילים, ווייל אַז מען זאָגט תהילים, דערוואַכט אַ גרויסער ווילן תשובה צו טאָן.״

די אמתע כוונות פון שופר־בלאָזן

אַ מנהג איז געווען ביי ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, אַז דעם ערשטן טאָג סליחות, נאָכן דאַווענען, האָט ער אויסגעפּרואווט די בעלי־תקיעות, צו זען ווער עס קען בעסער בלאָזן שופר.

זיינען זיך צונויפגעקומען די בעסטע שופר־בלאָזערס פון דער גאַנ־צער שטאָט, ווייל יעדער איינער האָט געוואָלט האָבן די זכיה צו זיין דער בעל־תקיעה ביים באַרדיטשעווער רבין אין ראש־השנה.

האָט דער באַרדיטשעווער אויסגעפּרואווט יעדן איינעם באַזונדער און געפרעגט:

„וואָס ביסטו מכוון בשעתן שופר־בלאָזן?״

האָט זיך יעדער איינער געפליסט צו באַווייזן אַז ער געדענקט פון אויסנווייניק אַלע כוונות פון אַר״י הקדוש און פון די גרעסטע מקובלים, אַזוי ווי עס ווייסן נאָר די „יודעי חן״...

אָבער קיין איינער פון זיי האָט ניט נושא־חן געווען אין די אויגן פון באַרדיטשעווער רבין.

ביז איינמאָל איז געקומען אַ פּשוטער ייד און האָט געזאָגט צו ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער:

„רבי, איך בין אַ פּראָסטאַק, האָב פיר דערוואַקסענע טעכטער, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט שוין פון לאַנג געמעגט הערן שפּילן, און איך קען זיי ניט חתונה מאַכן. בין איך מכוון ביים שופר־בלאָזן און טראַכט: רבונו־של־עולם! איך טו אַזוי ווי דיין רצון איז, בין מקיים דיין געבאָט און בלאָז שופר, טאָ טו־זשע דו אויך ווי מיין רצון איז און שיק מיר צו זווגים פאַר מיינע פיר דערוואַקסענע טעכטער!...״

האָט זיך דאָס האַרץ פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער אָנגעפילט מיט שמחה און ער האָט געזאָגט:

„דו ווייסט מכוון צו זיין די אמתע כוונות ביים בלאָזן שופר און דו וועסט זיין דער בעל־תקיעה ביי מיר היינטיקן ראש־השנה!...״

פאַרוואָס דער רבי ר׳ יעקב יוסף פון אָסטראָה איז געווען קעגן סיגופים

דער רבי ר׳ יעקב יוסף פון אָסטראָה האָט ניט געהאַלטן דערפון, אַז די יידן זאָלן פאַסטן און זיך מסגף זיין, אַפילו אין די סליחות־טעג. ער האָט דאָס מסביר געווען מיט אַ משל:

דאָס פאַסטן און מסגף זיין זיך איז געגליכן צו דעם שטייער וואָס די גבירים, די בעלי־תקיפים לייגן אַרויף אויף די אָרעמעלייט פון שטאָט: ווען די ראשי־הקהל שיקן די סטראַזשניקעס אויפמאָנען דעם שטייער ביי די אָרעמעלייט, האָט דאָך דער אָרעמאַן, נעבעך ניט צו באַצאָלן, מוז ער געבן שוחד דעם סטראַזשניק און ער רוקט אים אַריין אַ מטבע אין דער יד אַריין, וואָס ער האָט אָנגעגרייט צו קויפן שפּייז, איבערצולעבן דעם טאָג און דער חוב בלייבט ווייטער שטיין.

וואָלט דאָך גלייכער געווען, אַז די גבירים אַליין זאָלן באַצאָלן די שטייערן און ניט אַרויפלייגן דעם עול אויף די אָרעמעלייט?

דאָס זעלבע איז אויך מיטן מענטשלעכן גוף — האָט דער רבי ר׳ יעקב יוסף אויסגעלאָזט — די אויגן, אויערן, און דאָס מויל, זיי זיינען די עשירים, און זיי זינדיקן. דער מאָגן אָבער איז אַ גרויסער אָרעמאַן, ער עסט ניט מער ווי איין סעודה אַ טאָג און ער איז ריין פון יעדער זינד ,צום סוף, ווען אַ מענטש זינדיקט און האָט דערנאָך חרטה, לייגט ער אַרויף דעם עונש אויפן אָרעמאַן — אויפן מאָגן, וועלכער איז דער קמצן, און ער קויפט זיך אויס מיט פאַסטן, אַזוי אז דער אמתער חוב, — די עבירות — בלייבן. עס וואָלט דערפאַר בעסער געווען אַז די אמתע עשירים — די אברים פון גוף, וואָס זינדיקן: די אויגן, אויערן און דאָס מויל, זיי אַלע זאָלן אָפּצאָלן דעם חוב און זאָלן אויפהערן זינדיקן...

(ספרן של צדיקים)

מען דאַרף וויסן אויף וואָס מתפלל צו זיין

איינמאָל אין סליחות־טעג איז אַריינגעקומען צום רבין ר׳ חיים סאַנ־דזער אַ דאָרפס־ייד מיט אַ קוויטל און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל האָבן אַ שפּעדיק יאָר, אַ יאָר פון פּרנסה.

האָט דער סאַנדזער רבי אַ טיפן קרעכץ געגעבן און האָט געזאָגט:

איך וועל דיר דערציילן אַ משל: אַמאָל איז געווען אַ בן־מלך, וואָס האָט געהאַט אַלע מעלות־טובות, נאָר ער איז געווען אַ גרויסער עקשן. האָט דער מלך געזוכט פאַרשידענע עצות ווי אַזוי זיין זון זאָל אויפגעבן זיין שלעכטע מידה. האָט מען אים געעצהט, אַז ער זאָל זיין זון אַוועקשיקן אין מרחקים און זאָל אים אַריינגעבן אין אַ הויז פון אַ פּויער, וועט ער זיך פאַר־בעסערן.

האָט דער מלך אַזוי געטאָן און האָט זיין זון אַוועקגעשיקט וויט־וויט צו אַ פּויער און האָט דעם פּויער אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אים געבן עסן לחם צר ומים לחץ, בלויז ברויט מיט וואַסער, כדי ער זאָל זיך דערמאָנען, וואָס ער האָט פאַרלוירן, וועט ער זיך פאַרבעסערן.

דער בן־מלך איז אָבער געווען אַזאַ עקשן, אַז ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס און האָט ניט געבעטן זיין פאָטער, דעם מלך, אַז ער זאָל אים צוריקנעמען אַהיים.

מיט דער צייט איז דער בן־מלך אַזוי פאַרגרעבט געוואָרן, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן ווער ער איז. אָבער דער מלך האָט אין האַרצן געהאַט אַ גרויס גלוסטעניש צו זען זיין זון, און דאָס בענקעניש איז ביי אים גע־וואַקסן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ביז איינמאָל איז דער מלך געפאָרן אויף אַ ווייטער נסיעה, וואָס מען רופט „לוסטרייזע״. איז ער דורכגעפאָרן דעם דאָרף וואו זיין זון האָט זיך אויפגעהאַלטן. האָט דער מלך אַרויסגע־געבן אַ באַפעל צו זיינע דינער, אַז מען זאָל אויסרופן איבערן גאַנצן דאָרף, אַז ווער עס וויל אים זען, קאָן אים זען און פאַר אים פאַרברענגען אַלע זיינע בקשות.

זיינען געקומען פאַרשידענע פּויערים צו זען דעם מלך און פאַרגע־לייגט זייערע כלערליי בקשות, און צווישן זיי איז אויך געווען דער בן־מלך.

ווען דער בן־מלך איז געבליבן מיט דעם פאָטער, דעם מלך, אויג אויף אויג, איז דער בן־מלך אַרויפגעפאַלן אויף די אַקסלען פון דעם מלך און ביידע האָבן ביטער געוויינט.

פרעגט דערנאָך דער מלך זיין זון:

„זאָג מיר, וואָס איז דיין פאַרלאַנג?״

ענטפערט דער בן־מלך:

„איך וויל, טאַטע, דו זאָלסט זאָגן דעם פּויער, אַז ער זאָל מיר געבן בעסער צו עסן און אַ ווייך געלעגער.״

האָט דער מלך אויפגעהויבן זיין קול מיט אַ געוויין און האָט געזאָגט:
„ווי איז מיר, בחינם איז געווען מיין האָפענונג. איצט האָסטו געהאַט אַ שעת־הכושר פאַר זיך אויסצובעטן, אַז איך זאָל דיך צוריקברענגען אויף דיין אָרט, אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, אָבער דו ביסט אַזוי מגושם געוואָרן, אַז דו האָסט פאַרלאַנגט נאָר, אַז מען זאָל דיר געבן בעסער צו עסן. ווי און ווינד איז מיר!"
„אָט דאָס זעלבע איז מיט דיר, — האָט דער סאַנדזער רבי זיך געווענדט צום דאָרפס־ייד. — אין די איצטיקע טעג וואָלסטו געדאַרפט בעטן גאָט וועגן ענינים, וואָס זיינען נוגע דעם כלל ישראל, אַז די גאולה שלימה זאָל קומען, און דו בעטסט נאָר אויף פּרנסה!"
(אַן ענלעכער משל ווערט אויך געבראַכט אין ספר „דרכי חיים").

דער באַרדיטשעווער איז מנצח דעם שטן

איינמאָל פאַר ראש־השנה האָט ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער געדאַרפט פירן אַ שווערע מלחמה מיט דעם „סמך־מם״. שוין פון ערשטן טאָג סליחות אָן האָט זיך געפילט, אַז דער באַרדיטשעווער גרייט זיך צו אַ שווערן קאַמף.

די חסידים, וואָס זיינען געווען אין באַרדיטשעווערס בית־המדרש, האָבן געזען באַשיינפּערלעך, אַז שווערע וואָלקנס האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויפן הימל.

אַ מנהג האָט דער באַרדיטשעווער געהאַט אויפצוזיין אַ גאַנצע נאַכט פאַר דעם ערשטן טאָג סליחות.

און אַזוי האָט זיך נוהג געווען ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער: ווי נאָר מען האָט געמאַכט אַ הבדלה האָט ער זיך פאַרמאַכט אין זיין חדר מיוחד און געלערנט די מסכתא ראש־השנה. ווען עס איז געקומען חצות איז ער געגאַנגען אין מקוה אַריין. ער האָט זיך טובל געווען מ״ב טבילות קעגן די מ״ב שמות, וואָס זיינען מרומז אין דער תפילה „אָנא בכח״.

אַרויס פון דער מקוה, האָט ר׳ לוי יצחק זיך אָנגעטאָן די ווייסע מלבושים און איז אַהיימגעגאַנגען, האָט זיך געזעצט אויף דער ערד און אָפּגעריכט חצות.

די בכיות און יללות פון באַרדיטשעווער רבין זיינען געגאַנגען עד לב השמים און זיי האָבן אָנגעפילט די הערצער פון די חסידים, וואָס זיינען געווען אין בית־המדרש, מיט אימה און פחד.

און ווען דער באַרדיטשעווער האָט פאַרענדיקט דאָס אָפּריכטן חצות איז ער גלייך אַריינגעקומען אין בית־המדרש צו זאָגן סליחות פאַרן עמוד.

און אין דעם דאָזיקן יאָר האָט ר׳ לוי יצחק געמערט זיינע כוונות און „יחודים״ בשעתן טובל זיין זיך, מער פון אַלע אַנדערע יאָרן. די געוויינען ביים אָפּריכטן חצות האָבן געלעכערט די הערצער און אַלע האָבן געפילט, אַז ער גרייט זיך צו אַ שווערער מלחמה מיטן שטן.

דער רבי ר׳ ברוכל פון מעזשיבעזש, וועלכער איז געווען זיין בר־פלוגתא, האָט דאָס מאָל פאַרקוקט אויף אַלעם און האָט אים געשיקט אַ בריוול מיט אַ ספּעציעלן שליח, אין וועלכן ער האָט אים אָנגעזאָגט ער זאָל זיך שטאַרק אונטערגאַרטלען, ווייל די מלחמה מיטן שטן וועט האַיאָר זיין אַ גרויסע.

געוואוסט האָט מען, אַז ר׳ לוי יצחק איז שוין ניט איינמאָל געשטאַנען פאַר אַ גרויסער מלחמה מיטן מלאך מקטרג און האָט אים תמיד גובר

געוועזן, ווייל ר׳ לוי יצחק שרעקט זיך ניט מעיז פּנים צו זיין אַפילו כּלפּי מעלה און זאָגן דעם רבונו־של־עולם אַזעלכע האַרבע רייד, אַז אַלע זיבן הימלען ווערן אַזש דערציטערט.

אַט קאָן זיך ר׳ לוי יצחק אָוועקשטעלן פאַרן עמוד און זיך ווענדן צום רבונו־של־עולם מיט אַזעלכע דבורים:

„רבונו דעלמא כולא! זיי זיך נוהג, לכל הפּחות, ווי אַ פּשוטער ייד פון מאַרק איז זיך נוהג. אַ ייד אין מאַרק, ווען די תפילין פאַלן אים אַראָפּ וועט ער זיך איינבייגן מיט אימה און פּחד און ער וועט די תפילין אויפהייבן פון דער ערד. ער וועט די תפילין קושן און האַלדזן און דו, רבונו־של־עולם, האָסט אַראָפּגעוואָרפן דיינע תפילין, וואָס דאָס זיינען די יידן, ווייל אין דיינע תפילין שטייט בפירוש „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ; שוין אַ צוויי טויזנט יאָר ווי דיין ליב פאָלק ישראל איז אין גלות, איז בשפל המצב און דו טראַכסט גאָרנישט זיי אויפצוהייבן פון דער ערד. איז אויב דו וועסט די יידן איצט מוחל זיין זייערע זינד, איז גוט; ווען ניט, וועל איך שרייען אין אַלע גאַסן, אַז דו לייגסט פּסולע תפילין".

די דאָזיקע רייד האָבן דערגרייכט דעם כסא הכבוד און דער אייבער־שטער אַליין האָט געשמייכלט פון גרויס הנאה־וועגן און האָט געזאָגט:

„נצחתני בני, האָסט מיך מנצח געוועזן, מיין זון. סלחתי כדבריך. איך בין זיי מוחל!"...

און האָט זיך געטראָפן אין אַט־דעם יאָר, אַז אַלע שערי־רחמים זיינען געווען פאַרשלאָסן און דער באַרדיטשעווער האָט דערפילט, אַז דער שטן גרייט זיך צו ברענגען פּעק עבירות פאַרן כסא הכבוד, האָט דער באַר־דיטשעווער זיך אָוועקגעשטעלט ביי סליחות און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן:

„לך ה׳ הצדקה ולנו בושת הפּנים". און ער איז געבליבן שטיין און האָט אָנגעהויבן צו טענהן: „וואָס? מיר יידן זאָלן זיך שעמען? מרא דעלמא כולא! ניט גענוג, וואָס מיר ווערן געשלאָגן, געשאָכטן און געהרגעט אויף קדוש השם, ווייל מיר לייענען יעדן טאָג „שמע ישראל", זאָלן מיר זיך נאָך שעמען און באַהאַלטן אונדזער פּנים פאַר בושה? ניין! זאָלן זיך שעמען די, וואָס שלאָגן אונדז. זאָל זיך שעמען דער, וואָס קאָן אונדז העלפן און העלפט אונדז ניט! און איז טאַקע „לך ה׳ הצדקה"? איז טאַקע אַלץ, וואָס דו טוסט, על־פּי צדק? איך, לוי יצחק, זאָג, אַז ווען די יידן זאָלן דיך רופן צו אַ דין־תורה, וואָלט דער פּסק־דין אויסגעפאַלן לטובת די יידן. איז אויב דו וועסט איצט מיט זיי טאָן אַ צדקה און וועסט זיי מוחל זיין און אָנשרייבן אַ גוט קוויטל, דעמאָלט וועלן מיר קאָנען זאָגן מיטן גאַנצן האַרצן „לך ה׳ הצדקה".

און ווידער האָבן די גוטע מלאכים אַרויפגעבראַכט די טענות פון דעם באַרדיטשעווער פאַרן כסא הכבוד און די שערי רחמים זיינען געעפנט

געוואָרן, אָבער ר׳ לוי יצחק האָט געזען אַז דער קיטרוג איז נאָך אַלץ שטאַרק, אַז מען דאַרף ברענגען נאָך טענות און ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו זאָגן:

„מיר קלאַפּן זיך ,על חטא׳ און זאָגן ,אָשמנו׳, מיר האָבן געזינדיקט. זע, רבונו־של־עולם, ווי ערלעך די יידן זיינען. אַמאָל, ווען די יידן האָבן עוסק געווען ערלעך אין מסחר, ווען אַ וואָרט איז געווען אַ וואָרט און אַ מאָס אַ מאָס, איז ווען זיי זיינען אין די ימים־נוראים געקומען אין שול אַריין און האָבן געזאָגט ,אָשמנו, בגדנו, גזלנו׳, האָבן זיי געזאָגט ליגן, ווייל זיי האָבן ניט געזינדיקט. זיי האָבן ניט געגזלט. איצט אָבער זאָגן די יידן אין שול בלויז אמת, ווייל מיר האָבן געזינדיקט. ,אָשמנו, בגדנו, גזלנו׳, אַלץ איז אמת..."

און די טענות זיינען דערהערט געוואָרן אין הימל. אָבער דער באַר־דיטשעווער האָט נאָך אַלץ געזען, אַז דער שטן האָט זיך פאַרלייגט און אַלע זיינע טענות וועלן ניט פּועלן, איז ר׳ לוי יצחק אַרויס פון זיין חדר מיוחד דורך אַ הינטער־טיר. ער האָט גערופן זיין גבאי ער זאָל מיט אים מיטגיין, און זיי זיינען געגאַנגען שטיל דורך די אָרעמע שמאָלע געסלעך פון שטאָט.

די חסידים האָבן געוואַרט אין בית־המדרש, אַז דער באַרדיטשעווער זאָל אַריינקומען זאָגן סליחות, אָבער די טיר פון חדר מיוחד האָט זיך ניט געעפנט, און ווער וועט וואַגן צוצוגיין און עפענען די טיר פון באַרדי־טשעווערס חדר?

און ר׳ לוי יצחק האָט דערווייל געבלאָנדזשעט צוזאַמען מיט זיין גבאי צווישן די טונקעלע געסלעך און געזוכט, ביז ער האָט פון איין איינ־געפאַלן הייזל געזען אַרויסשיינען אַן אור, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אַ הייליקע נשמה מוז זיך געפינען אין דעם דאָזיקן הויז.

איז דער באַרדיטשעווער אַריין צוזאַמען מיט זיין גבאי אין הויז, האָט ער געזען אַ פרוי זיצן און זאָגן „תחינות".

די פרוי האָט דערקענט דעם צדיק און זי איז אויפגעציטערט געוואָרן.

געוואוסט האָט די פרוי, אַז דער דרך פון באַרדיטשעווער איז אין די סליחות־טעג צו גיין אין די שטובן, וואו עס זיינען פאַראַן זינדיקע מענטשן און זיי זאָגן מוסר, זיי מעורר צו זיין צו תשובה, און אַזוי ווי ר׳ לוי יצחק איז איצט פאַר די ערשטע סליחות אַריינגעקומען צו איר, מוזן אירע זינד זיין זייער גרויס.

האָט די פרוי אָנגעהויבן צו וויינען:

„הייליקער רבי, איך האָב טאַקע געזינדיקט, אָבער וואָס איך האָב געקאָנט, האָב איך געטאָן תשובה צו טאָן אויף מיינע זינד, און אויב דער רבי האַלט, אַז עס איז נאָך אַלץ ניט גענוג, אדרבה, זאָל דער הייליקער צדיק מיר אַרויסגעבן אַ נייע תשובה!"

האָט ר׳ לוי יצחק איר געענטפערט:

„וויין ניט און זיי ניט פאַרזאָרגט. דו ביסט ניט קיין זינדיקע. דו האָסט אַ גרויסן זכות אין הימל, אָבער פריער דערצייל מיר וואָס עס האָט זיך מיט דיר פּאַרלאָפן!״

און די פרוי האָט אָנגעהויבן צו דערציילן:

„זיבעצן יאָר בין איך אַלט געווען, ווען טאַטע־מאַמע זיינען מיר געשטאָרבן. זייער פּרנסה איז געווען די מילכיקעריי, וואָס זיי האָבן געהאַט אָפּגעדונגען ביים פּריץ, און ווען איך בין געבליבן אַ יתומה, בין איך געגאַנגען צום פּריץ אים בעטן ער זאָל ווייטער לאָזן מיך האַלטן די מילכיקעריי.

„און ווי נאָר דער פּריץ האָט מיך דערזען האָבן זיך זיינע אויגן אָנגעצונדן און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט מיר גראָבע רייד און געוואָלט מיט זיינע טמאדיקע הענט מיך אָנרירן. איך האָב אים אָפּגעשטויסן פון מיר און געוואָלט אַנטלויפן, אָבער דער פּריץ איז מיר פאַרלאָפן דעם וועג. ער האָט געענדערט זיין קול און אָנגעהויבן צו מיר גאָר רעדן זיסע רייד: ער וועט אַלץ טאָן פאַר מיר; ער וועט זיין גוט צו מיר, און אַזוי רעדנדיק האָט ער געגעבן אַ נעם אָן מיינע צוויי שוואַרצע צעפּ און האָט זיי געקושט. איך בין באַלד אַרויסגעלאָפן פון פּריצס פּאַלאַץ, און ווי נאָר איך בין אַהיימגעקומען האָב איך גלייך גענומען אַ שער און אָפּגעשוירן מיינע צוויי צעפּ און אויף מאָרגן אינדערפרי בין איך באַלד אַוועק פון דאָרף. איך בין אַריין אין שטאָט. דאָ בין איך געווען אַ משרת אַ פּאָר יאָר אין גבירישע הייזער, ביז איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ מאַן. שוין אַ יאָר ווי מיין מאַן איז מיר געשטאָרבן, און איך בין געבליבן זיצן אַן אַלמנה, און מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז ער איז געשטאָרבן צוליב מיין חטא, וואָס איך האָב דערלאָזט, אַז טמאדיקע ליפּן זאָל אָנרירן מיינע האָר.״

„און וואו זיינען די אָפּגעשניטענע צעפּ?״ האָט דער באַרדיטשעווער געפרעגט.

„איך האָב זיי. איך האַלט זיי פאַרשלאָסן אין אַ קעסטעלע, און ווען דאָס האַרץ ווערט מיר שווער, נעם איך אַרויס די צעפּ, קוק אויף זיי און זיי ווערן נאָס פון מיינע טרערן, ווייל איך ווייס, אַז די זינד מיינע איז געווען אַ גרויסע.״

„גיב מיר איין צאָפּ״, האָט דער באַרדיטשעווער זי געבעטן.

און די פרוי האָט דערפילט די בקשה פון צדיק און האָט אים געגעבן אַ צאָפּ, און דער באַרדיטשעווער האָט געזאָגט צום גבאי: „לאָמיר גיין״, און זיי האָבן גלייך פאַרלאָזט דאָס הויז מיט אַ ברכה. און אין בית־המדרש פון באַרדיטשעווער רבין האָבן די חסידים אַלץ געוואַרט ר׳ לוי יצחק זאָל אַריינקומען און זאָל אָנהייבן צו זאָגן סליחות.

און דער באַרדיטשעווער איז פלוצלינג געגעבן אַ קום אַריין אין בית־המדרש מיט זיין גבאי, ניט דורך דער טיר פונעם חדר מיוחד, נאָר דורך דער טיר, וואָס פירט פון גאַס אַריין. ער איז גלייך צוגעגאַנגען צום עמוד און געזאָגט:

„מרא דשמיא! אויב אונדזערע זינד זיינען טאַקע אַזוי פיל, אַז זיי וועגן אַראָפּ די וואָגשאָל לחובה, לייג איך אַרויף אַט דעם צאָפּ אויף דער צווייטער וואָגשאָל און ער וועט זיכער איבערוועגן די צווייטע וואָגשאָל צו אונדזער זכות!"

און עס איז באַלד געוואָרן אַ רעש אין הימל. אַלע שערי רחמים האָבן זיך געעפנט, און מיט אַ שטראַלנדיק פנים האָט ר׳ לוי יצחק אָנגעהויבן צו זאָגן סליחות.

און דער באַרדיטשעווער האָט מנצח געווען דעם שטן.

און אין יענעם יאָר זיינען די תפילות אָנגענומען געוואָרן און די יידן האָבן געהאַט אַ שנת ברכה והצלחה — אַ גוט, געבענטשט יאָר.

רביים זאָגן סליחות

דער רבי ר׳ לוי יצחק, פון באַרדיטשעוו, איז געבענטשט געוואָרן מיט אַ זיס קול. ווען ער האָט זיך צעזונגען, פלעגן די מלאכי השרת שטילשווייגן און זיך צוהערן צו זיין געזאַנג. ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער פלעגט אַליין צופאַסן ווערטער צו זיינע ניגונים.

זיין באַליבט ניגונדל מיט יידישע ווערטער יעדן טאָג פאַרן דאַווענען איז געווען: „רבונו של עולם! דער גיהנום טוט מיך נישט שרעקן, אין דיין גן־עדן האָב איך נישט קיין חשק אַריינצוגיין — פאַרוואָס דען דין איך דיך? נאָר צוליב דעם, ווייל נאָר דיך האָב איך ליב״...

זיין שווער פון לעווערטאָוו האָט אים זייער ליב געהאַט, און פאַרוואָס האָט ער אים נישט געזאָלט ליב האָבן, ווען דער זיבעצן־יאָריקער איידעם, ר׳ לוי יצחק, האָט שוין געשמט אין דער גאַנצער געגנט פאַר אַ גרויסן בקי אין אַלע קעמערלעך פון דער תורה און פאַר אַ גרויסן בעל מנגן, וואָס מאַכט וויינען אַלע, וואָס הערן אים!... און אויב עס איז אָפּגעקילט געוואָרן די ליבע פון שווער צו זיין איידעם איז עס געווען משום מעשה שהיה:

די ראשי הקהל זיינען געקומען צו זיין שווער און האָבן צו אים געזאָגט: עס דערנענטערן זיך די טעג פון סליחות און די ימים נוראים, מיר ווילן האָבן אַ בעל־תפילה, וואָס זאָל מיט זיין קול מעורר זיין די הערצער פון די יידן און זיי ברענגען תשובה צו טאָן, ווילן מיר, אַז אייער איידעם, ר׳ לוי יצחק, זאָל האַיאָר זיין אונזער בעל תפילה.

דער ענין האָט אפילו אַרויסגערופן אַ לאַנגן וויכוח. אַ טייל האָבן געטענהט, אַז ר׳ לוי יצחק איז נאָך צו יונג ער זאָל זיין אַ בעל־תפילה און עס איז פאַראַן אַ בפירושער דין, אַז אַ שליח־ציבור דאַרף זיין אַ „זקן ורגיל וזקנו מגודל״; און די אַנדערע האָבן געטענהט, אַז דער יונגערמאַן איז ריין פון יעדן חטא מער פון די זקנים און מיר וויסן פון כלל, אַז „אין זקן אלא מי שקנה חכמה״, און דערצו איז דער יונגער ר׳ לוי יצחק אַ רגיל אין דאַווענען און ער האָט אַ היבש בערדל.

נאָך לאַנגע אַמפּערנישן איז מען געקומען צו אַ פשרה, אַז אין די ימים הנוראים אַליין זאָל ר׳ לוי יצחק נישט דאַווענען פאַרן עמוד, ווייל ער איז נאָך צו יונג, אָבער די ערשטע סליחות זאָל ער יאָ זיין דער ש״ץ.

און ר׳ לוי יצחק האָט מסכים געווען צו זאָגן די ערשטע סליחות פאַרן עמוד.

און ווען עס איז געקומען צו די ערשטע סליחות, האָבן זיך אַלע

יידן, ווייבער און קינדער פאַרזאַמלט אין שול אין לעווערטאָוו, צו הערן דעם „חזן" זאָגן סליחות.

די שול איז געווען פול געפּאַקט און ר' לוי יצחק איז געקומען מיט זיין שווער פון מקווה אין שול אַריין.

ר' לוי יצחק האָט זיך איינגעהילט אין טלית און איז געבליבן שטיין שטיל פאַרן עמוד, מען האָט נישט געהערט קיין קול.

אַ מענטש קאָן שרייען פון איין עק וועלט צו דער צווייטער און זיין קול זאָל נישט דערהערט ווערן, — דאָס איז, ווען אַ מענטש שרייט פון האַלז, און נישט פון האַרץ; און ווידער, קאָן אַ מענטש האַלטן פאַרשלאָסן זיינע ליפּן און זיין קול קאָן דערהערט ווערן און זאָל אַריינדרינגען אין יעדן אבר פון אַ יידן. ווען? — ווען דאָס האַרץ ווערט פאַרברענט פאַר דביקות און התלהבות. מען הערט נישט קיין קול, אָבער יעדער איינער, וואָס שטייט נאָענט צו אים, פילט אַ מין התעוררות, וואָס דרינגט אַריין אין אַלע אברים. און אַזאַ מין שטילן געשריי האָבן אויך דערהערט דעמאָלט אַלע יידן אין דער שול צו סליחות אין לעווערטאָוו.

דאָס „שטילע געשריי" האָט אַזוי געדויערט עטלעכע מינוט, ביז ר' לוי יצחק אַליין האָט עס איבערגעריסן מיט זיין זיס קול. ער האָט אָנגעהויבן זיך אויסצוטענהן מיטן רבונו של עולם און האָט אים געבעטן אויף יידיש ער זאָל מוחל זיין די יידן.

די יידן אין לעווערטאָוו זענען נישט געוואוינט געווען צו אַזאַ מין סליחות. זיי האָבן געוואָלט, אַז דער חזן זאָל זאָגן די פּיוטים, וואָס געפינען זיך אין די סליחות, אָבער ר' לוי יצחק האָט גאָר גערעדט אויף יידיש צום אויבערשטן און ערשט דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו זאָגן סליחות, האָבן די בעלי־בתים דערנאָך געהאַט תרעומות אויף ר' פּרצן, דעם שווער פון ר' לוי יצחקן, און ר' פּרץ האָט ווידער געהאַט אַ ביטער האַרץ אויף זיין איידעם ר' לוי יצחק, און ר' לוי יצחק האָט שוין מער נישט געדאַוונט פאַרן עמוד אין לעווערטאָוו.

מיט צען יאָר שפּעטער איז ר' לוי יצחק אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ רב אין זשעלעכאָוו.

גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז דער חזן איז פאַר די ימים הנוראים נפטר געוואָרן, און אַזוי ווי די ראשי הקהל האָבן געוואוסט, אַז זייער רב האָט אַ זיס קול, האָבן זיי אים געבעטן ער זאָל דאַוונען פאַרן עמוד און ער זאָל זאָגן די ערשטע סליחות. אַ מנהג איז געווען אין זשעלעכאָוו, אַז דער חזן האָט נישט געטאָרט משנה זיין קיין וואָרט פון דעם אָנגענו־מענעם נוסח. און ווען ר' לוי יצחק האָט זיך געשטעלט זאָגן סליחות און האָט אָנגעהויבן זאָגן קדיש און זיך אָנגעהויבן אויסצוטענהן מיטן אויבערשטן אויף יידיש, האָבן זיי גאָרנישט פאַרשטאַנען דעם נייעם

חסידישן דרך און זיי האָבן אים שוין מער נישט געלאָזט דאַווענען אין די ימים הנוראים.

דאָס זעלבע איז אויך געווען אין ריטשוואָל, וואו ר׳ לוי יצחק איז דערנאָך געוואָרן רב. אויך דאָרט האָבן די קעגנער פון חסידות נישט געקענט סובל זיין דעם נייעם נוסח צו זאָגן פאַר די סליחות פּזמונים אין יידיש. ערשט אין באַרדיטשעוו האָט ר׳ לוי יצחק געקענט אָנהויבן די סליחות מיט זיין יידישן נוסח:

„גוט מאָרגן דיר, רבונו של עולם! איך, לוי יצחק בן שרה פון באַרדיטשעוו, קום צו דיר מיט אַ טענה: וואָס ווילסטו פון פאָלק ישראל?“

דאָס איז דער באַקאַנטער קדיש, וואָס ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער פלעגט אויסזינגען. און אַזוי האָט ר׳ לוי יצחק גאַנץ ימים־הנוראים געדאַוונט פאַרן עמוד, און אין זיינע תפילות אויך געזאָגט יידישע תפילות און האָט זיך אויסגעטענהט מיטן אויבערשטן אויף יידיש און האָט ממליץ טוב געווען אויף די יידן אין הימל.

* * *

אַ צווייטער צדיק, וואָס האָט מיט זיין נגינה געלעכערט הימלען, איז געווען ר׳ ישעיה פון דינאָוויץ (פּאָדאָליע), וועלכער איז קיין רבי פון חסידים נישט געווען, נאָר ער ווערט פאַררעכנט אין דער חסידישער ליטעראַטור אַלס „חסיד גדול וקדוש“ (סדר הדורות החדש).

אויך ר׳ ישעיה פון דינאָוויץ האָט „איינגענומען“ די שטאָט דינאָוויץ מיט זיין זאָגן פאַרן עמוד די ערשטע סליחות.

ר׳ ישעיה איז געבוירן געוואָרן אין באַרדיטשעוו. ווען ר׳ ישעיה איז נאָך גאָר יונג געווען, איז ער פאַריתומט געוואָרן פון זיין פאָטער און מוטער.

דאָס יינגל האָט געהאַט אַ שיין קול. מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט געקענט נאָכמאַכן די קולות פון אַלע זינג־פייגל אין וואַלד, און ער פלעגט טאַקע גאַנצע טעג זיצן אין וואַלד איינער אַליין און זינגען קאַפּיטלעך תהלים פון אויסנווייניק, ווייל קיין חברים האָט ער נישט געהאַט. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, האָבן די שטאָט־באַלעבאַטים אָנגעהויבן צו זאָרגן וועגן אַ תכלית פאַר דעם יתום ישעיה און זיי האָבן באַשלאָסן אים צו פאַרדינגען פאַר אַ משרת אין אַ ווייַן־געשעפט. דער יונגער ישעיה האָט מסכים געווען צו ווערן אַ משרת אין דעם ווייַן־געשעפט, אָבער ער האָט זיך אויסגערעדט מיטן בעל־הבית, אַז איין שעה אין טאָג זאָל ער זיין פריי, ער זאָל קענען גיין אין וואַלד אַריין און זיך מתבודד־זיין מיטן רבונו של עולם.

ישעיה האָט געדינט געטריי זיין בעל־הבית: ער האָט געטראָגן אויף די פּלייצעס די שווערע קאָרבן מיט פלעשער וויין פון וויין־קעלער אין געשעפט אַריין און ער האָט קיינמאָל זיך נישט מתרעם געווען, און

ווען ער האָט געקראָגן זיין פרייע שעה, פלעגט ער לויפן אין וואַלד אַריין און דאָרט זינגען קאַפּיטלעך תהלים.

איינמאָל האָט דער משרת ישעיה דערהערט אין וואַלד אַ זינג־פויגל זינגען מיט גאָר שיינע טרעלעכלעך. דער משרת ישעיה האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון אָרט פון וואַנען דאָס קול איז געקומען. ער האָט געוואָלט נאָכמאַכן דאָס געזאַנג פון שפּיל־פויגל, אָבער דאָס דאָזיקע געזאַנג האָט ער נישט געקאָנט נאָכמאַכן. האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט ביים בוים און ער האָט תפילה געטאָן. ער האָט געזאָגט:

„רבונו של עולם! אַזאַ קליין באַשעפעניש קאָן דיך לויבן און פאַר דיר זינגען מיט אַזעלכע שיינע טרעלעכלעך און איך, וואָס מיין האַרץ גייט אויס פאַר דיר צו זינגען און דיך לויבן, קאָן אַזוי שיין נישט זינגען. טו עס פאַר דיינעטוועגן און גיב מיר אַזאַ שיין קול ווי דער שפּיל־פויגל האָט; און איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל פאַר דיר דאַווענען אין די קומענדיקע ימים־הנוראים אַזוי ווי קיינער האָט נאָך פאַר דיר נישט געדאַוועט.

און אַזוי האָט דער משרת ישעיה תפילה געטאָן און ער האָט גאָר־נישט געוואוסט, אַז זיין פרייע שעה איז שוין פון לאַנג אַריבער.

ווען ער איז צוריקגעקומען אין ווייַן־געשעפט אַריין, האָט אים דער בעל־הבית פאַר גרויס כעס געגעבן אַ פּאַטש, אַזש בלוט האָט זיך ביים משרת געלאָזט פון האַלז.

און ווען דער משרת האָט זיך גוט אויסגעהוסט, האָט ער פּלוצלונג דערפילט, אַז זיין קול האָט זיך אים אינגאַנצן געביטן. ער איז אַראָפּ אין קעלער ברענגען אַ גרויסן גאָנשער וויין און האָט זיך דאָרט פאַרזוימט אַ היבשע ווייַלע. ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען און ער האָט דערהערט, אַז ער קאָן זינגען מיט אַזעלכע טרעלעכלעך פונקט אַזוי ווי דער שפּיל־פויגל אין וואַלד.

האָט ר׳ ישעיה פאַרשטאַנען, אַז זיין בקשה איז אין הימל אָנגענומען געוואָרן.

דאָס איז געווען אַ טאָג פאַר ערב שבת סליחות. ר׳ ישעיה האָט נישט געוואָלט בלייבן אין באַרדיטשעוו און דאָרט זאָגן די ערשטע סליחות פאַרן עמוד, ווייל „במקום גדולים אל תעמוד", דאָרט איז דאָך פאַראַן ר׳ לוי יצחק, וואָס ווייסט ווי אַזוי זיך אויסצוטענהן מיטן רבונו של עולם. האָט ער דערהערט, אַז אַ פור גייט קיין דינאָוויץ, איז ער מיטגעפאָרן. און ווען ער איז ערב שבת אָנגעקומען קיין דינאָוויץ, איז ער געגאַנגען אין מקווה אַריין און באַלד אַריין אין שול דאַווענען. ער האָט זיך געשטעלט אין אַ ווינקל און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן פאַר זיך „הודו".

פּלוצלונג האָבן אַלע שול־באַלעבאַטים דערהערט זיין מתיקותדיק קול, איז מען נאָך קבלת שבת צו אים צוגעגאַנגען, אים געגעבן שלום

עליכם און אים פאַרבעטן אויף שבת צו עסן ביים שענסטן בעל־הבית פון שטאָט. זיי האָבן אים געבעטן ער זאָל דאַווענען פאַרן עמוד שחרית אָדער מוסף, אָבער ר׳ ישעיה האָט אָפּגעזאָגט זייער בקשה און האָט באַוויליקט צו זאָגן סליחות.

ווען עס איז געקומען דער ערשטער טאָג סליחות, זיינען אַלע יידן — אנשים, נשים וטף — געווען אין שול הערן ר׳ ישעיה זאָגן סליחות. און ווען ר׳ ישעיה האָט זיך געשטעלט פאַרן עמוד און אָנגעהויבן צו זאָגן סליחות, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די מלאכים העלפן אים צו זינגען; און פייגל פליען אַרום אין שול און זינגען מיט!...

און אָט, מיט אַזאַ מתיקותדיק קול האָט ר׳ ישעיה געזאָגט סליחות. ר׳ ישעיה האָט שוין אויך געדאַווענט ראש השנה און יום־כפור אין דינאָוויץ. בלויז איין יאָר איז ר׳ ישעיה דאָרט געזעסן און דאָך האָט מען אים גערופן ר׳ ישעיה דינאָוויצער. ער איז דערנאָך געוואָרן אַ קרעטשמער אין אַ דאָרף און איז געווען אַ חסיד פון מגיד פון מעזריטש, און ער האָט פאַרשפרייט דעם דרך החסידות נישט דורך זאָגן תורה, נאָר דורך זיינע מתיקותדיקע ניגונים.

(הנגון והרקוד בחסידות)

סליחות ביים רבין

מוצאי־שבת־סליחות באַלד נאָך הבדלה האָט זיך דער רבי ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער פאַרשלאָסן אין זיין חדר מיוחד, די טיר פאַרמאַכט, און קיינער האָט ניט געוואַגט אַריינצוגיין אַהין.

קיין מלוה־מלכה האָט מען דעם שבת־צו־נאַכטס ניט געמאַכט, ווייל אַ גרויסער פּחד האָט אַרומגענומען דעם רבין מיט זיינע חסידים, און בכלל איז דער גאַנצער שבת אַדורך אין אימה און פּאַרכטיקייט: די „תורות״ ביים „טיש״ זיינען אַלע געזאָגט געוואָרן אין איין נוסח: זיי האָבן נאָר דער־מאָנט אין דעם גרויסן „יום־הדין״, וואָס קומט אָן; און אַפילו די נגונים, וואָס דער רבי האָט געזונגען אַ גאַנצן שבת ביי די „טישן״, באַזונדערס ביי שלש־סעודות, זיינען געווען דורכגעוועבט מיט אַ שטילן, באַהאַלטענעם טרויער, און די טענער זיינען געווען מער ענלעך צו געוויין, ווי צו געזאַנג.

און ווען מען האָט אַרויסגעהערט דאָס שטילע ברומען פון רבינס חדר־מיוחד, בעת ער האָט געזאָגט „תקוני זוהר״, האָבן אַלע חסידים דערפילט, אַז עס איז שוין אָנגעקומען די צייט פון מאַכן אַ „חשבון הנפש״.

אין דער גבאים־שטוב זיינען געזעסן די קוויטל־שרייבערס ביי לאַנגע טישן און האָבן געשריבן קוויטלעך מיט גענדזענע פעדערס פאַר די חסידים, וועלכע האָבן זיך געאיילט צו פאַרלאָזן דעם „הויף״ באַלד אין דער פרי, „כעלות״, נאָך די סליחות.

די קוויטלעך זיינען געווען קורצע, אָן איבעריקע בקשות. מ׳האָט איצט נאָר איינגעשריבן דעם נאָמען פונעם חסיד און די נעמען פון זיין גאַנצער משפּחה, און די איינציקע בקשה: „לכתיבה טובה״. דאָס זעלבע קוויטל איז דערנאָך איבערגעשריבן געוואָרן אינעם „ספר החיים״, וואָס דער רבי פלעגט אַדורכקוקן ראש־השנה פאַר תקיעת־שופר.

פון צייט צו צייט זיינען אַריינגעקומען פרישע מענטשן, דאָרפס־יידן מיט קורצע מלבושים, מיט הויכע שטיוואַליעס און טוכענע היטלען. זיי האָבן אָוועקגעשטעלט די בייטשן ביי דער טיר און ניט וואַרטנדיק ביז מען וועט זיי געבן שלום־עליכם, זיינען זיי צוגעגאַנגען צו די חסידים, און צו יעדן איינעם אויסגעשטעקט די האַנט, זאָגנדיק „שלום עליכם״.

אַ ריח פון צייטיקע עפּל און פלוימען האָט זיך צעטראָגן פון זייערע גופים און אָנגעפילט די גאַנצע שטוב. דאָס זיינען געווען די יידישע סאַדאָווניקעס, וועלכע פאַרברענגען דעם גאַנצן זומער אין די סעדער. אַ טייל זיינען געקומען מיט זייערע ווייבער און קינדער. די פרויען זיינען אַריינגעגאַנגען צו דער רביצין אין שטוב מיט פולע קויבערס מיט פּירות, וואָס זיי האָבן געבראַכט אַ מתנה אויף די ימים־נוראים. די חסידים, וועלכע זיינען געזעסן אין שטוב, האָבן נאָכגעשאָקלט מיט זייערע

קעפּ, ווען זיי האָבן דערפילט דעם ריח פון די פּירות, זאָגנדיק „כרם ישראל״, און זייערע פּנימער האָבן געשיינט פאַר פרייד.

די דאָרפס־יידן זיינען באַלד צוגעגאַנגען צו די קוויטל־שרייבערס, און בעת זיי האָבן אויסגערעכנט די נעמען פון זייערע ווייבער און קינדער, האָבן זיי אַרויסגענומען תהלימלעך, וואָס די בלעטלעך זיינען שוין געווען פאַרגעלט און צעריסן, און אַזוי ווי זיי האָבן נאָר אָנגעהויבן צו זאָגן דעם ערשטן פסוק, — „אַשרי האיש״, — האָבן זיי גלייך אָנגעהויבן צו כליפּען מיט טרערן. דאָס האַרץ איז זיי געווען פול און עס איז אַריבער איבער די ברעגעס... זיי האָבן שנעל געשלונגען די שווערע עברי פון תהלים, פון וועלכער זיי האָבן קיין איין וואָרט ניט פאַרשטאַנען, און דערביי אויס־געגאָסן זייער ביטער האַרץ: האָט דאָך דער פּריץ ביי איינעם צוגענומען די אַרענדע; איז דאָך ביי אַ צווייטן געפאַלן די קו, און אַן אַנדערער האָט גאָר אַ טאָכטער, וואָס האָט זיך צופיל געחברט מיטן פּריצ׳ס זון... און באַלד וועט די גרויסע שאַנד פאַר אַלעמען אַנטפּלעקט ווערן...

צווישן די דאָרפס־יידן האָבן זיך אַרומגעדרייט די „יושבים״ און צונויפגענומען „תיקון״. זיי האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט חוזקדיקע בליקן און איינער האָט צום צווייטן שטילערהייט געזאָגט:

„הער נאָר, ווי ער זעצט דאָרט ווי אַ בעקער!...״

ביסלעכווייז זיינען זיך די חסידים צעגאַנגען און די גבאים־שטוב איז כמעט געוואָרן ליידיק. אַ פּאָר חסידים זיינען געלעגן אויסגעלייגט אויף די בענק, אונטערשפּאַרנדיק די קלימעקלעך צוקאָפּנס. פון דער ברענענדיקער ליכט, וואָס איז געבליבן שטיין אויפן טיש, האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גרויסער שאָטן און אָנגעפילט דאָס גאַנצע חדר. עס האָט זיך געהערט אַ שטאַרק שנאָרכן פון די שלאָפנדיקע „יושבים״, און פון צייט צו צייט האָבן זיך אַרויסגעהערט שווערע קרעכצן פון דעם דערנעבנדיקן רבינס „חדר־מיוחד״.

און הערש משרת האָט זיך אַרומגעדרייט איינער אַליין מיטן בעזים אין דער האַנט און האָט אויסגעקערט די שטוב, און בשעת־מעשה גע־טראַכט: די נאַכט וועט ער זיך מוזן אַדורכשמועסן מיט דער דינסט נעכע... אָט איז שוין ווידער געקומען ר׳ מיכל דינאַיצער און מסתמא וועט ער שוין ווידער רעדן מיטן רבין וועגן דעם שידוך... וואָרים שוין מער ווי אַ יאָר ווי אָט דער ר׳ מיכל קומט יעדע פּאָר וואָכן צום רבין און בעט זיך, אַז דער רבי זאָל מסכים זיין, אַז ער, הערש משרת, זאָל ווערן אַ חתן פאַר זיין טאָכטער, און דער רבי איז אים אַלץ מדחה און זאָגט: „נאָך ניט געקומען די צייט״; ווער ווייסט, וואָס דער רבי וועט מאָרגן ענטפערן... — האָט הערש משרת געטראַכט.

האָט ער דאָך, הערש משרת, שוין פון לאַנג געוואָלט דערפון רעדן מיט איר, מיט דער דינסט נעכע, נאָר זינט דער רבי האָט באַפוילן, אַז הערש

משרת זאָל עסן אין דער גבאים־שטוב, און זאָל לערנען ביינאַכט ביי אַ ספּעציעלן מלמד וואָס דער רבי האָט פאַר אים צוגענומען. האָט ער אויפ־געהערט אַריינצוקומען אין דער קיך אַריין און מער מיט נעכען ניט גע־רעדט... אָבער די נאַכט וועט ער זיך מוזן טרעפן מיט נעכען און ביידע צוזאַמען וועלן טראַכטן אַן עצה, ווי אַזוי אַרויס גאַנץ פון דער געפאַר...

און ווען הערש משרת האָט פאַרענדיקט דאָס אויסקערן די גבאים־שטוב און איז אַוועקגעפאַלן אַ מידער אויף דעם באַנק־בעטל, וואָס איז געשטאַנען לעבן אויוון, זיינען אים באַפאַלן שווערע חלומות. און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז צוריק אַ קליין ייִנגעלע, וואָס איז אַנטלאָפן פון זיין פאָטער, דעם שניידער אין טאַרנע קיין רימאַנאָוו ווען דער רבי ר׳ מענדעלע איז געהאַט געקומען קיין טאַרנע אויף שבת. ער שפּילט זיך מיט דער קליינער יתומה, נעכע, וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן ביים רבין אין „הויף״ נאָך דעם, ווי איר פאָטער, ר׳ שלמה חזן, און די מוטער, פריידל די „פּשעקופּקע״, זיינען אין איין יאָר געשטאָרבן אויף דער „בויך־קראַנקהייט״, וואָס איז דעמאָלט געווען אַן „אונטערגאַנג״ אין שטעטל, און האָט צוגענומען גאַנצע משפּחות. זיי ביידע ליגן אין גאָרטן און קאַטשען זיך אין גראָז, ווען פּלוצלינג קומט־אַן דער דאָרפס־ייִד ר׳ מיכל דינאַיצער און צעשיידט זיי ביידן: רייסט אים אָפּ פון נעכען און נעמט אים צו; הויבט ער אָן וויינען, שטייט לעבן אים דער רבי ר׳ מענדעלע און זאָגט: „איך הייס!״... האָט הערש אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו וויינען אין שלאָף, ביז ער האָט זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט און דערזען דעם רבין ר׳ מענ־דעלע שטיין לעבן אים. ער האָט אים שוין, אַפּנים, געהאַט געוועקט אַ היבשע צייט, כדי ער זאָל אים באַגלייטן אין מקוה אַריין.

פאַרשלאָפן און פויל האָט זיך הערש אָנגעהויבן אָנצוטאָן און פאַר גרויס איילעניש האָט ער אָנגעהויבן אַרויפצוציען דעם לינקן שטיוול אויפן רעכטן פוס, וועלכער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַרויף, ביז מ׳האָט אַריינגעבראַכט אַ ליכט און הערש האָט דערזען דעם טעות...

אין גאַס האָט מען שוין געהערט טריט פון איינצלנע ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפּעדערט צו קומען פריער אין בית־המדרש אַריין.

פון אַ זייטיק געסל האָט זיך אַרויסגעהערט דאָס רופנדיקע קול פון דעם שטאָטישן שמש, וועלכער האָט געוועקט די שלאָפנדיקע ייִדן מיט אַ וויינענדיק קול:

ייִדעלעך, ייִדעלעך,
טייערע, הייליקע נשמהלעך,
שטייט אויף לעבודת הבורא!

און פון אַלע הייזער האָט זיך דערהערט דאָס אויפמאַכן פון די לאָדנס. אַ טייל ייִדן זיינען געגאַנגען מיט לאַמטערנעס, צוהאַלטנדיק מיט ביידע הענט די אויסגעהאַקטע שייבלעך, כדי דער ווינט זאָל ניט אויסלעשן די ליכט.

אין מיטן מאַרק זיינען געשטאַנען גרויסע וועגענער פול אָנגעפּאַקט מיט פלוימען, און סטאַך, דער שטאָטישער היטער, האָט זיך געדרייט צווישן זיי, טראַכטנדיק ווי אַזוי מען קאָן עפּעס טועם זיין...

און ווען דער רבי ר' מענדעלע איז צוזאַמען מיט הערש משרת אַדורכגעגאַנגען דעם בית־המדרש, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער מקוה, האָט מען שוין אַרויסגעהערט דאָס תהלים־זאָגן פון די אַלטע יידן און דאָס ביטערע געוויין פון דער ווייבערשער שול, וואו די ווייבער האָבן געזאָגט „תחינות".

פון דער מקוה איז דער רבי גלייך אַריינגעגאַנגען אין בית־המדרש אַריין. אויפן וועג האָט ער באַגעגנט משה מלמד, וועלכער האָט שוין פון יאָרן לאַנג געהאַט גענומען אויף זיך פאַר אַן עובדא צו טראָגן איצט וואַסער פאַר די יידן. און טראָגנדיק אַזוי די צווי קאַנען וואַסער מיט דער פאַר־קאַטשעטער קאַפּאָטע, האָט ער געזאָגט תהלים אויף אויסנווייניק.

און ווען דער רבי איז צוגעקומען צום שוועל פון בית־המדרש, האָט זיך גלייך דערהערט אַ געשריי:

„שאַ, דער רבי גייט!..."

אָבער דער רבי איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון בית־המדרש און האָט זיך פאַרטיפט אין מחשבות, און דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו הערשן:

„ברענג מיר באַלד דאָס טאַבאַק־פּושקעלע, וואָס איך האָב פאַרגעסן אין מיין חדר".

הערש איז אַהיימגעלאָפן, און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז איצט איז קיינער ניטאָ אין „הויף" אַ חוץ די דינסט, נעכע, און דאָס אייניקל פונעם רבין, אַ קינד פון צוויי יאָר. איצט וועט ער קאָנען זיין מיט נעכען אַליין, אויג אויף אויג... איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק דורכן מוח, — און ער האָט פאַרגיכערט זיינע טריט.

אויפן וועג האָט הערש באַגעגנט לויפן אין בית־המדרש אַריין פאַר־שפּעטיקטע יידן, און זיינע אויערן האָבן דערהערט דאָס קול פון רבינס סליחות, וואָס האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן שטעטל:

„הנשמה לך והגוף פעלך, חוסה על עמלך"...

און הערשן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס בעט זיך איצט דער רבי ר' מענדעלע ביי אים, ער זאָל געדענקען ווער ער איז און זאָל ניט נכשל ווערן . . . און פון דער אַנדערער זייט האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער דערהערט דאָס קול פון נעכען, וועלכע רופט אים צו זיך...

און ווען הערש משרת איז צוריק אַריינגעקומען אין בית־המדרש אַריין האָט דער רבי איינגערוימט אַ סוד צו איינעם פון זיינע אַלטע חסידים:

„הערשעלע איז געוועזן אַן עומד בנסיון; ער האָט אין זיך אַ ניצוץ פון דער נשמה פון יוסף הצדיק..."

ראש השנה



אַ זילבערנע תורה־ציץ פאַר ראש־השנה פון יאָר 1766,
פון פיעטריקאָוו, פוילן.

ראש השנה

ראש־השנה־טעלער פונעם ד׳־טן יאָרהונדערט

יעדער איינער דאַרף אַרבעטן פאַר זיך

איינמאָל איז דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימאַנאָוו אַריינגעקומען ערב ראש השנה צו מנחה אין בית־המדרש האָט ער געזען, אַז עס זיינען געקומען אַ פערציק חסידים צו אים אויף ראש השנה. האָט דער רבי ר׳ מענדעלע געזאָגט:

„אַ גוטע חברותא! אָבער זייט וויסן, אַז איך קאָן אייך אַלע נישט טראָגן אויף מיין פּלייצע! יעדער איינער וועט דאַרפן אַרבעטן פאַר זיך אַליין תשובה צו טאָן!“...

(שיחות יקרים)

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער מאַכט אַ בייט מיט באַשעפער

אַמאָל ראש השנה פאַרן דאַווענען האָט ר׳ לוי יצחק זיך אויסגע׳טענה׳ט מיטן אויבערשטן אויף אַזאַ אופן:

„רבונו־של־עולם! איך וועל מיט דיר מאַכן אַ שטיקל חילוף, גוט?

„ווילסטו דאָך אַודאי וויסן וואָס פאַר אַ חילוף איך וויל מיט דיר מאַכן ?
„וועל איך דיר זאָגן :
„איך וועל דיר אַוועקגעבן אַלע עוונות, חטאים ופשעים פון די יידן !
ווערסטו דאָך אַודאי פרעגן, וואָס איך וויל פאַר זיי ?
„וועל איך דיר זאָגן :
„כ'וויל סליחה, מחילה וכפרה !
„אפשר מיינסטו אָבער, אַז איך וויל גלייך אויף גלייך ? זאָג איך דיר „ניין !"
„ווערסטו דאָך אַודאי פרעגן, וואָס נאָך איך וויל פון דיר ?
„כ'וויל בני, חיי ומזוני !
„ווערסטו דאָך אַודאי פרעגן : צו וואָס טויג דאָס בני ?
„וועל איך דיר זאָגן :
„בנים עוסקים בתורה !
„ווערסטו דאָך אַודאי פרעגן : צו וואָס טויג דאָס חיי ?
„וועל איך דיר זאָגן :
„חי חי יודוך ד' !
„ווערסטו דאָך פרעגן : צו־וואָס טויג דאָס מזוני ?
„וועל איך דיר זאָגן :
„ואכלת ושבעת וברכת את ד' אלוקיך !"

פאַרוואָס מען לייענט אין ראש השנה די פרשה פון הגר

„דעריבער", האָט געזאָגט דער רבי ר' דודל לעלעווער, „לייענט מען ראש־השנה די פרשה פון הגר און ישמעאל, כדי צו דערמאָנען די ווערטער, וואָס דער מלאך האלוקים האָט געזאָגט צו הגרן : „אל תירא כי שמע אלהים אל קול הנער באשר הוא שם" (בראשית כ"א, י"ז — זאָלסט נישט מורא האָבן, וואָרים גאָט האָט זיך צוגעהערט צום קול פונעם יינגל, וואו ער איז דאָרט). זאָגן די חז"ל, אַז מ'האָט ישמעאלן נישט דן געווען, ווי די מקטריגים האָבן געוואָלט, פאַר זיינע שפּעטערדיקע מעשים, נאָר, „באשר הוא שם"... און אויך מיר בעטן דאָס זעלבע : הגם עס איז גלוי וידוע פאַרן אויבערשטן, אַז נאָך ראש־השנה וועלן מיר ווידעראַמאָל אַרויס פון דער צוים און ווידעראַמאָל געשטרויכלט ווערן אין חטאים און עוונות, זאָל זיך דער רבונו־של־עולם נישט רעכענען דערמיט, נאָר ער זאָל מיט אונז טאָן דאָס זעלבע וואָס ער האָט געטאָן מיט ישמעאלן, און אונז דן זיין „באשר הוא שם", לויט אונזער אויפפירונג אין די ראש־השנהדיקע טעג".

דאָס צעבראָכענע האַרץ

אַמאָל האָט דער בעל־שם־טוב געזאָגט צו זיין תלמיד ר׳ וואָלף קיציס, ער זאָל זיך אויסלערנען די כוונות פון די תקיעות, ווייל ער וועט זיין ראש השנה זיין בעל־תוקע.

האָט ר׳ וואָלף קיציס מעיין געווען אין די קבלה־ספרים און האָט אויפגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר די כוונות, וואָס מען דאַרף מכוון זיין ביי תקיעת שופר, כדי ער זאָל קענען אין דעם אַריינקוקן בשעת די תקיעות, און ער האָט דאָס פּאַפּיר באַהאַלטן אין קעשענע.

ראש השנה ביי תקיעת־שופר, זוכט ר׳ וואָלף קיציס דאָס פּאַפּיר אין אַלע קעשענעס און קען עס נישט געפינען. האָט ער זיך געוואָלט דערמאָנען די כוונות פון אויסנווייניק, האָט ער אָבער אַלץ פאַרגעסן. האָבן טרערן אָנגעהויבן צו פליסן פון זיינע אויגן און ער האָט געבלאָזן שופר אָן שום כוונות, נאָר מיט אַ שטאַרק צעבראָכן האַרץ.

נאָכן שופר־בלאָזן האָט דער בעל־שם־טוב צו אים געזאָגט:

„אינעם מלכס היכל זיינען פאַראַן אַ סך חדרים, און מיט ספּעציעלע שליסלען קען מען עפענען יעדן חדר. אָבער אַ האַק איז שטאַרקער פון שליסלען און זי ברעכט־אויף אַלע שלעסער. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן אַלע כוונות קעגן אַ צעבראָכענע האַרץ?״ (אור ישרים)

אַליין דאַרף מען זיין אַ גיבור

ראש השנה פאַר תקיעת שופר האָט דער בעל־שם־טוב געזאָגט אויפן פּסוק „אשרי העם יודעי תרועה, ד׳ באור פניך יהלכון״ — ווען דאָס פאָלק פאַרלאָזט זיך נישט אויפן גיבור, נאָר זיי ווייסן אַליין די תרועת המלחמה, ווי אַזוי מלחמה צו האַלטן — דעמאָלט איז „באור פניך יהלכון״...

(אור הגנוז לצדיקים)

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער טענהט זיך אוים מיט גאָט

ערב־ראש־השנה פאַרטאָגס, האָט ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער אַמאָל אויפגעוועקט זיין משמש, אים געהייסן מיטנעמען מיט זיך אַ פלאַש יי״ש מיט אַ גלעזל און איז צוזאַמען מיט אים געגאַנגען איבער די פינצטערע גאַסן אין „הקדש״ אַריין, וואו עס פלעגן נעכטיקן די אורחי־פּרחי. דאָרט האָט ער אויפגעוועקט אַ ייד, אים דערלאַנגט אַ גלעזל בראָנפן און געזאָגט:

„ס׳איז אייך אַוודאי קאַלט, טאָ נאַט אייך אַ גלעזל יי״ש, מאַכט אַ לחיים און איר וועט זיך אַביסל דערוואַרעמען!״

„כ׳דאַרף טאַקע זייער נייטיק אַ גלעזל בראָנפן — האָט דער ייד גע־

ענטפערט — אָבער וואָס קומט מיר אַרויס, אַז איך קען עס ניט טרינקען, כ׳האָב זיך נאָך ניט געוואַשן די הענט און נאָך ניט געדאַוונט...״

אַזוי איז ר׳ לוי יצחק געגאַנגען פון איין ייד צום צווייטן, אָבער קיין איינער פון זיי האָט ניט געוואָלט טרינקען. פון יעדערן באַזונדער האָט ער באַקומען דעם זעלביקן ענטפער.

איז ר׳ לוי יצחק דערנאָך געגאַנגען צו אַ גוי, אים אויפגעוועקט און אים אַ פרעג געטאָן:

„איוואַן, וויפּיעש וואָדקי? (וועסט טרינקען בראָנפן?)״

„דאַי! דאַי! (גיב, גיב)״ — האָט דער גוי געענטפערט.

און ר׳ לוי יצחק האָט אים געגעבן אַ גלעזל בראָנפן.

צומאָרגנס פאַר תקיעת־שופר, האָט ר׳ לוי יצחק אַ קלאַפּ געטאָן אין באַלעמער און האָט אויסגעשריגן:

„רבונו־של־עולם, זע דעם אונטערשיד צווישן אַ ייד און אַ גוי: אַ ייד געדענקט אין דיר אַפילו אין דער מינוט, ווען ער שטייט אויף פון שלאָף, ער פאַרגעסט דיך קיינמאָל ניט, דו אָבער, מאַכסט זיך אין אונדז יאָ פאַרגעסן... און דו האַלטסט זיך נאָך פאַר גערעכט!״...

(רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער)

פאַרוואָס ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט געמוזט וואַרטן מיט די תקיעות

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער איז אַמאָל געשטאַנען ראש־השנה פאַר תקיעת־שופר, מיטן שופר אין דער האַנט אויפן באַלעמער, פאַרוואָרפן דעם טלית איבערן קאָפּ און געשוויגן. ער האָט שוין געהאַט אָפּגעזאָגט „למנצח״ און „מן המצר״ און די חסידים האָבן שוין אַרויסגעקוקט, אַז ער זאָל מאַכן די ברכה און אָנהייבן בלאָזן שופר, אָבער ר׳ לוי יצחק איז כסדר געשטאַנען פאַרטראַכט און געשוויגן.

האָבן חסידים שוין מורא געהאַט, אַז אין הימל איז חס־ושלום פאַראַן אַ קטרוג, אויף יידן, אַז דער שטן, רחמנא־ליצלן, האָט זיכער געבראַכט אַ פּאַק מיט עבירות פון יידן און דערפאַר איז איצט ר׳ לוי יצחק פאַר׳מוח׳ט, ווייל ער דאַרף אָפּשרייען די גזירה אין הימל, ווי זיין שטייגער איז געווען...

אָבער עס איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנגע ווײַלע און נאָך אַ היפּשע ווײַלע און ר׳ לוי יצחק רירט זיך אַלץ ניט פון אָרט, און שטייט נאָך אַלץ, דעם טלית איבערגעוואָרפן איבערן קאָפּ און שווייגט...

אַן אימה און אַ פחד האָט אַרומגענומען אַלע חסידים פון דער קלויז...

און פּלוצלינג האָט ר׳ לוי יצחק אָפּגעדעקט דעם טלית פון פנים און האָט זיך געווענדט צום עולם און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

„רבותי, ביי דער טיר איז פאַראַן אַ ייד, אַ דאָרפסגייער, וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן ביי אָרעמע עלטערן און ער האָט דערפאַר קיינמאָל ניט געלערנט אין קיין חדר. אַ גאַנץ יאָר גייט ער אַרום פון איין דאָרף צום צווייטן און זוכט פרנסה פאַר זיין בני־בית.

איצט, פאַר תקיעת־שופר, האָט זיך דער ייד זייער צעוויינט, ווייל ער קען ניט דאַוונען, און ער האָט געזאָגט צום רבונו־של־עולם:

‚דו איינציקער גאָט! דו ווייסט דאָך זיכער די אמתע כוונות פון אַלע תפילות. מער פון ‚אלף־בית׳ קען איך ניט, וועל איך דערפאַר פאַר דיר זאָגן בלויז די אותיות: ‚אלף, בית, גימל׳... און דו מאַך פון זיי תפילות...׳

„דערפאַר האָבן מיר געמוזט שווייגן — האָט ר׳ לוי יצחק אויסגעלאָזט מיט גרויס פאַרכטיקייט — ווייל גאָט אַליין זיצט איצט אויף זיין שטול און פלעכט זיך אויס תפילות פון יידנס אלף־בית...״

וואָס דער קאָברינער רבי האָט אויסגערופן פאַר תקיעת־שופר

פאַר די תקיעות פלעגט דער רבי ר׳ משה קאָברינער זיך אוועקשטעלן ביים שולחן און אויסרופן צום עולם:

„הייליקע יידן, טייערע ברידערלעך, זאָל זיך קיינער פון אייך, אין דער איצטיקער הייליקער שעה, ניט פאַרלאָזן אויף מיר, נאָר זאָל איט־לעכער טאָן פאַר זיך, זאָל איטליכער פון אייך זיך אַליין איינזינען האָבן...״ און ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן, „למנצח מזמור״...

פאַרוואָס מען בלאָזט שופר

אַ רבי האָט אַמאָל פאַר תקיעת־שופר געזאָגט אַ משל אויף דעם, פאַר־וואָס מען בלאָזט שופר.

עס איז אַמאָל געווען אַ גרויסער מלך, האָט ער געשיקט זיינע קינדער אין וואַלד אַרייַן אויף אַ געיעג אויף חיות. האָבן די קינדער פאַרבלאָנ־דזשעט אין טיפן וואַלד און האָבן ניט געפונען דעם וועג אַהיים. האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען און רופן: „טאַטע, טאַטע! נעם אונדז אַרויס פון וואַלד!״ אָבער קיינער האָט זייער געשריי ניט געהערט. האָבן זיי זיך געטראַכט: „אפשר האָבן מיר שוין פאַרגעסן די שפּראַך פון אונדזער פאָטער — דערי־בער דערהערט ער ניט אונדזער געבעט? וואָס־זשע זאָלן מיר טאָן — האָבן זיי זיך באַקלערט — אפשר זאָלן מיר שרייען אָן ווערטער?״ און זיי האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט אויסצוקלייבן איינעם פון זיי, ער זאָל פאַר זיי שרייען, און זיי האָבן אים אָנגעזאָגט: „געדענק, אַז מיר אַלע זיינען אָפּהענגיק פון דיר!...״ („ליקוטי יקרים״. אַן ענלעכער משל ווערט אויך געבראַכט אין „אור המאיר״ פון מגיד ר׳ זאב וואָלף פון זשיטאָמיר.)

פאַרוואָס מען בלאָזט שופר

איינמאָל האָט דער באַרידטשעווער אין ראש־השנה פאַר תקיעת־שופר געזאָגט אַ משל פאַרוואָס מען בלאָזט שופר.

אַ מלך איז אַמאָל געגאַנגען אין אַ גרויסן וואַלד אויף יאַגד, צו כאַפּן חיות און פייגל. איז ער אַריין טיף אין וואַלד און ער האָט ניט געוואוסט דעם וועג אַרויסצוגיין, צו קומען צוריק אַהיים אין זיין פּאַלאַץ. האָט ער אין וואַלד דערזען פּויערים און זיי געפרעגט וואו דער ריכטיקער וועג איז. האָבן זיי אָבער ניט געוואוסט וואָס אים צו ענטפערן, ווייל זיי זיינען קיינ־מאָל ניט געגאַנגען אויפן מלכ׳ס וועג.

זוכנדיק ווייטער, האָט דער מלך באַגעגנט אַ קלוגן מענטשן, אַ חכם. האָט דער חכם פאַרשטאַנען אַז דאָס איז דער קעניג, האָט ער אים גלייך געוויזן דעם דרך־המלך. האָט דער מלך אים אַריינגענומען אין זיין פּאַלאַץ און האָט אים געמאַכט פאַר דעם העכסטן פון אַלע זיינע שרים און האָט באַפוילן אים אָנצוטאָן אין טייערע בגדים און די אַלטע קליידער האָט ער געהייסן באַהאַלטן אין שאַף־קאַמער.

אין אַ צייט אַרום האָט דער דאָזיקער מענטש זיך פאַרזינדיקט פאַרן מלך, האָט דער מלך געהייסן זיינע קעניגלעכע ריכטער זיי זאָלן אים משפּטן. האָט דער חכם גרויס צער געהאַט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דער פּסק־דין וועט זיין אַ שווערער, לויט זיין זינד אַקעגן דעם קעניג. איז ער געפאַלן פאַר די פיס פונעם קעניג און האָט פאַר אים געוויינט און געבעטן, אַז איידער מען וועט אים משפּטן, זאָל מען דערפילן זיין איינציקע בקשה און אים אָנטאָן זיינע אַלטע מלבושים, די, וואָס ער האָט געטראָגן ווען ער האָט אַרויסגעפירט דעם מלך פון וואַלד.

האָט דער מלך דערפילט זיין פאַרלאַנג. און ווען מען האָט דעם חכם אָנגעטאָן זיינע אַלטע מלבושים, האָט דער קעניג זיך דערמאָנט וועגן דעם גרויסן חסד, וואָס דער דאָזיקער חכם האָט מיט אים געטאָן, אַז ער האָט אים צוריקגעבראַכט אין קעניגלעכן פּאַלאַץ אַריין. האָט דער קעניג אויף אים רחמנות געקראָגן, האָט אים מוחל געווען די זינד און האָט אים צוריק געמאַכט פאַר דעם העכסטן פון אַלע זיינע שרים.

דער משל איז אויף אונדז יידן. בשעת מתן־תורה, ווען הקדוש־ברוך־הוא איז געגאַנגען צו יעדער אומה ולשון און געבעטן זיי זאָלן מקבל זיין די תורה, האָט קיינער פון זיי ניט געוואָלט זי אָננעמען, נאָר מיר יידן האָבן מקבל געווען די תורה מיט שמחה און תענוג און מיר האָבן נאָך אַפילו געזאָגט „נעשה“ פאַר „נשמע“. און איצט ווען מיר האָבן געזינדיקט און עס קומט ראש־השנה, דער יום־הדין, בלאָזן מיר שופר, און מיר זיינען זיך מתלבש אין די מלבושים, וואָס מיר זיינען געגאַנגען בעת מתן תורה, ווען מיר האָבן אים געמאַכט קיניגן איבער אונדז מיטן שופר, אַזוי ווי

עס שטייט אין פסוק: „ויהי קול השופר הולך וחזק מאד" (שמות י"ט, י"ט) — און דער קול פון שופר איז געגאַנגען און זיך זייער געשטאַרקט, כדי מיר זאָלן דערמאָנען דעם אייבערשטן אין דעם דאָזיקן זכות, ער זאָל אונדז דערפאַר מוחל זיין די זינד און זאָל אונדז אָנשרייבן אַ גוט קוויטל און לאַנגע און גוטע יאָרן. (קדושת לוי)

דער אונטערשייד צווישן דעם יצר־הרע און דעם מענטשן

דער רבי ר' נח לעכעוויטשער האָט פאַר תקיעת־שופר געזאָגט:

מיר זאָגן היינט „ואתה יודע יצרם כי הם בשר ודם". „אתה יודע יצרם", דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז צווישן דעם יצר־הרע און אַ בשר־ודם איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד. דער יצר־הרע האָט ניט קיין ווייב און קינדער, דער יצר־הרע טראָגט ניט אויף זיך קיין עול־פרנסה און דער עיקר — דער יצר־הרע האָט ניט קיין יצר־הרע, וואָס זאָל אים אָנרעדן ניט צו פאָלגן. איז אים דעריבער לייכט אויסצופירן בשלימות דיין באַפעל און די שליחות, וואָס דו האָסט אים געגעבן, אָנצורעדן דעם מענטשן צו זינדיקן. אַנדערש איז אָבער מיטן בשר־ודם, וועלכער האָט אַ ווייב און קינדער, וואָס דאַרפן זאָרגן יעדן טאָג פאַר פרנסה, וואָס דאָס איז שווערער ווי קריעת־ים־סוף, און דערצו האָט ער נאָך אַ יצר־הרע, אַ פגע־רע, וואָס קריכט אים נאָך אויף שריט און טריט, טאָ, וואָס איז דער וואונדער, וואָס ניט שטענדיק איז ער אימשטאַנד דאָס אַלץ בייצוקומען?

ווי אַזוי ר' דוד לעלעווער האָט מכוון געווען כוונות פאַר די תקיעות

דער רבי ר' דוד לעלעווער איז געווען דער שטענדיקער בעל־תקיעה ביים רבין פון לובלין. איינמאָל פאַר די תקיעות, דער „חוזה" פון לובלין שטייט שוין אויף דער בימה אין בית־המדרש אַרומגעגאַרטלט מיט אַלע שופרות און וואַרט, אַז ר' דודל לעלעווער זאָל אַרויפקומען אויפן בעלעמער.

אָבער ר' דודל לעלעווער איז ניט געקומען. האָט מען אים אָנגעהויבן אַרומזוכן אין בית־המדרש, אין דעם פאָליש־שטיבל און אין ערגיץ ניט געפונען. האָט דער „חוזה" פון לובלין אַרויסגעשיקט זיין גבאי, ער זאָל אים זוכן אויף זיין אכסניא, אפשר איז ער נאָך אין דער היים און איז זיך מכין פאַר די תקיעות, איז מכוון גרויסע כוונות.

האָט דער גבאי אָבער געטראָפן ר' דודל לעלעווערן שטיין אין מיטן מאַרק, צווישן אַ סך וועגענער, מיט אַ פולן ספּאָדיק מיט האָבער און געגעבן פאַשע די פערד.

איז דער גבאי געבליבן שטיין זייער פאַרחידושט און ער האָט צו אים געזאָגט:

„ר׳ דודל, וואָס טוט זיך מיט אייך? דער רבי וואַרט דאָך שוין אויף אייך אַ היפּשע צייט און איר פּאַשעט גאָר די פערד?"

„איך האָב געוואוסט, אַז די יידישע בעלי־עגלות — האָט זיך ר׳ דודל לעלעווער תמימותדיק פאַרענטפערט — געפינען זיך אין בית־המדרש; אַ גאַנצן טאָג דאַוונען זיי, און זיי האָבן זיכער פאַרגעסן צו געבן פּאַשע די פערד, בין איך אַרויסגעגאַנגען זיי געבן עסן. ס'איז דאָך אַ רחמנות, צער־בעלי־חיים!..."

און ר׳ דודל לעלעווער איז באַלד דערנאָך אַריין אין בית־המדרש און האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן שופר.

און דער „חוזה" פון לובלין האָט דערנאָך געזאָגט:

„ר׳ דודל האָט היינט מכוון געווען גאָר גרויסע כוונות פאַר די תקיעות."

ר׳ שלמה לייב לענטשנער טענהט זיך אוים מיט גאָט

דער רבי ר׳ שלמה לייב לענטשנער האָט זיך אַמאָל אַוועקגעשטעלט פאַר די תקיעות און געזאָגט:

„רבונו־של־עולם! ווען אַ ייד לאָזט אַראָפּ די תפילין אויף דער ערד, ווערט ער אויפגעציטערט און ער פאַסט אַ גאַנצן טאָג פון גרויס צער, ווייל אין תפילין געפינט זיך דיין געטלעכער נאָמען! די גמרא זאָגט, אַז מיר יידן זיינען דיינע תפילין: ‚תפילין של מרא־דעלמא מאי כתיב בהן? ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ!' (אין די תפילין פון דעם האַר פון דער וועלט, וואָס שטייט דאָרט אָנגעשריבן? וואו איז נאָך פאַראַן אַזאַ פאָלק ווי די יידן אויף דער וועלט!) בעטן מיר דעריבער: ‚אָבינו מלכנו הרם קרן ישראל עמך,' וואָרים ווי אַזוי קאָנסטו צוזען און ווי אַזוי, רבונו־של־עולם, קאָנסטו דערלאָזן, אַז דיינע תפילין, די יידן, זאָלן זיך אַרומוואַלגערן אויף דער ערד און אויסשטיין אַזוי פיל בזיונות?!"

דער אָרעמאַן האָט זיין פאַרמעגן ביים גביר

איינמאָל פאַר תקיעת־שופר האָט דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן עמוד און האָט אָנגעהויבן די חסידים צו זאָגן מוסר און זיי מעורר געווען, זיי זאָלן געבן מער צדקה, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן פּסוק: „כי יהיה בך אביון" (דברים ט"ו, ז׳) — אַז עס וועט זיין ביי דיר אַן אָרעמאַן.

עס שטייט ניט „כי יהיה לך," ביי דיר, נאָר „בך" אין דיר, פאַרוואָס? נאָר על פּי מידת־היושר וואָלט די וועלט געדאַרפט פאַרטיילט ווערן צווישן אַלע מענטשן גלייך. און אַזוי האָט טאַקע דוד המלך געטענהט מיט גאָט, ווי מיר געפינען אין מדרש־רבה פרשת משפטים. דוד המלך האָט געזאָגט:

„ישב עולם לפני אלקים״ ,תִיישב עולמך בשוה העניים והעשירים׳ — עס זאָל קיין חילוק ניט זיין צווישן אָרעם און רייך.

אָבער בעוונותינו הרבים, מוזן מיר זאָגן, אַז די מענטשן, וועלכע עס איז געגעבן געוואָרן די „בחירה״ צו האַנדלען לויט זייער פרייען ווילן, האָבן אָנגעהויבן אויסצוכאַפּן איינער ביים צווייטן און דער גביר ווערט רייכער אויפן חשבון פון דעם אָרעמאַן... וואָרנט דעריבער אונדז די תורה „כי יהיה בך אביון...״ דער אביון, דער אָרעמאַן, האָט דאָך אייגנטלעך זיין פאַרמעגן „בך״, ביי דיר, דאָס האָסטו דאָך ביי אים דורך פאַרשידענע אופנים צוגערויבט זיין חלק, טאָ גיב־זשע אים כאָטש אַ טייל דערפון, זיי אים כאָטש בייהילפיק ווי ווייט מעגלעך, ווייל דו גיסט דאָך אים ניט דיינס, נאָר זיינס!...

דער באַרדיטשעווער ווערט ברוגז

איינמאָל ראש־השנה איז ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער געשטאַנען אויפן באַלעמער מיטן שופר אין דער האַנט און געוואָלט בלאָזן שופר. אָבער ער האָט ניט געקענט אַרויסברענגען קיין קול. ער האָט געטאָן פאַר־שידענע סגולות, ער האָט גענומען דעם שופר פון איין מויל־ווינקל צום צווייטן, אַריינגעזאָגט אינעם שופר „ויהי נועם״, אָבער עס גייט ניט. דער שטן האָט זיך אַריינגעלייגט און ניט געלאָזט בלאָזן. האָט דער באַרדיטשע־ווער אַוועקגעלייגט דעם שופר אויפן טיש, האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און האָט געזאָגט:

„רבונו־של־עולם! אויב דו ווילסט ניט, אַז איך לוי יצחק זאָל פאַר דיר בלאָזן שופר, זאָל קומען איוואַן און זאָל ער בלאָזן!״

און באַלד דערנאָך האָט דער באַרדיטשעווער שוין געקענט בלאָזן שופר.

דער ייד הקדוש און זיין תלמיד ר׳ בונם פאַר תקיעת־שופר

דער „ייד הקדוש״ פון פשיסכע האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטן בעל־תקיעה, נאָר אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען:

ראש־השנה, נאָכן לייענען זיינען געשטאַנען אין אַ ריי פאַרן אָרון־קודש אין זיין בית־המדרש די אַלע חסידים זיינע, וואָס האָבן געקענט בלאָזן שופר. דער „ייד הקדוש״ איז פאַר זיי דורכגעגאַנגען פאַמעלעך, האָט געקוקט אויף יעדן איינעם און אויסגעקליבן דעם, וואָס האָט אים געפאַלן. דעם, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן, האָט דער „ייד הקדוש״ געהייסן ער זאָל צו אים אַריינקומען אַליין אין זיין חדר־מיוחד, כדי ער זאָל אים דאָרטן איבערגעבן די כוונות פון תקיעת־שופר.

איינמאָל איז געשטאַנען צווישן די חסידים אין דער ריי אויך ר׳

שמחה בונם, וועלכער איז דערנאָך געווען דער ממלא־מקומו פון „ייד הקדוש". אין יענער צייט איז ער נאָך געווען אַ פשוטער סוחר, וואָס פלעגט פאָרן קיין דאַנציק אויפן יאַרמאַרק און איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין קורצע דייטשע מלבושים; מען האָט אים גערופן צווישן די חסידים „דער דייטש".

ווען די חסידים האָבן דערזען דעם „דייטש" שטיין אין דער ריי צווישן די בעל־תקיעות, האָבן זיי זיך פאַרוואונדערט און איינער האָט געזאָגט צווייטן: „וואָס, דער ,דייטש' וויל זיין דער בעל־תקיעהביים רבין?"

אָבער נאָך מער זיינען זיי פאַרחידושט געוואָרן, ווען דער „ייד הקדוש" איז פאַמעלעך דורכגעגאַנגען פאַר דער ריי, האָט אויסגעקליבן דעם „דייטש" און אים געהייסן אַריינקומען אין זיין חדר־מיוחד.

אינעם חדר־מיוחד האָט דער „ייד הקדוש" מגלה געווען ר' שמחה בונמען די אמתע כוונות פון שופר־בלאָזן, און ער האָט אים געהייסן גיין אין מקוה אַריין זיך טובל זיין און זיך צוגרייטן צו זיין דער בעל־תקיעה.

„זאָל דער רבי מיר מוחל זיין — האָט ר' שמחה בונם געזאָגט עניוות־דיק — איך קאָן ניט בלאָזן קיין שופר."

„וואָס? דו קענסט ניט בלאָזן? — האָט דער ,ייד הקדוש' אויסגעשריגן מיט גרויס פאַרוואונדערונג — פאַרוואָס ביסטו געשטאַנען אין דער ריי צווישן די בעלי־תקיעות?"

„איך האָב דאָס געטאָן, ווייל איך האָב זייער געגלוסט צו וויסן די כוונות פון תקיעת־שופר" — האָט ער געענטפערט.

„הייסט עס אַז דו האָסט מיך אויסגענאַרט?" — האָט דער ,ייד הקדוש' אויסגערופן מיט תרעומות, אָבער ער האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז מען טאָר ניט האָבן אַפילו אַ שמץ פון כעס פאַר תקיעת־שופר, און ער האָט אים בנעימותדיק געפרעגט:

„מעג אַ תלמיד אויסנאַרן זיין רבין?"

און ר' שמחה בונם האָט ווייטער געזאָגט:

„איך האָב געמיינט, — האָט ר' שמחה בונם געענטפערט — אַז כדי צו וויסן די סודות פון תקיעת־שופר, מעג מען אויסנאַרן אַפילו זיין רבין, און איך האָב זיך דאָס אָפּגעלערנט פון משה רבנו: אויך ער האָט אָפּגענאַרט זיין רבין, דעם רבונו־של־עולם אַליין."

דער „ייד הקדוש" האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף זיין תלמיד און געקוקט אויף אים פאַרוואונדערט.

און ר' שמחה בונם האָט ווייטער געזאָגט:

„ווען הקדוש־ברוך־הוא האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר דעם פאָטער פון די נביאים און ער האָט אים געהייסן גיין קיין מצרים אויסצולייזן די יידן, האָט משה רבנו געוואָלט וויסן דעם הייליקן נאָמען פון אייבערשטן און

ער האָט צו אים געזאָגט: ,אָט וועל איך קומען צו די יידן און זיי וועלן מיך פרעגן וואָס איז זיין נאָמען, וואָס זאָל איך זיי ענטפערן?' און דערנאָך ווען דער רבונו־של־עולם האָט אים מגלה געווען זיין הייליקן נאָמען: ,אהיה אשר אהיה', האָט משה רבנו ניט געוואָלט גיין קיין מצרים און ער האָט געזאָגט: ,שלח נא ביד תשלח', דאָס מיינט, איך בין גאָר ניט ראוי צו אַזאַ שליחות, שיק אַן אַנדערן. איך האָב נאָר געוואָלט וויסן דיין הייליקן נאָמען."

„אָבער עס שטייט דאָך דאָרטן ווייטער: ,ויחר אף ד' במשה', אַז כביכול האָט מתרעם געווען אויף זיין תלמיד" — האָט דער ,ייד הקדוש' געזאָגט.

„אָבער דעמאָלט איז דאָך ניט געווען פאַר תקיעת־שופר" — האָט ר' שמחה בונם געענטפערט.

און חסידים דערציילן, אַז דער „ייד הקדוש" האָט מיט פרייד אויס־גערופן: „האָסט מיך מנצח געווען. וואויל איז דעם רבין, וואָס האָט אַזאַ תלמיד!..."

ר' לוי יצחקס קדיש

ראש השנה פאַר קדיש האָט אַמאָל ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער זיך אָנגעהויבן אויסצוטענהן מיטן אויבערשטן:

„גוט מאָרגן דיר, רבונו־של־עולם! איך, לוי יצחק בן שרה סאָסיע פון באַרדיטשעוו, בין געקומען צו דיר מיט אַ דין־תורה פון דיינע יידן... וואָס האָסטו צו די יידן? וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט אָן די יידן?

„אַז וואו נאָר אַ זאַך איז „אמור אל בני ישראל!" אַז וואו נאָר אַ זאַך איז „צו את בני ישראל!"

„אַז וואו נאָר אַ זאַך איז „דבר אל בני ישראל!"

„דערבאַרעמדיקער טאַטע אין הימל! וויפיל אומות זיינען פאַראַן אויף דער וועלט?

„פרסיים, בבליים, אדומים...

„די רוסן וואָס זאָגן?

„אונזער קייזער איז אַ קייזער!"

„די דייטשן וואָס זאָגן? „אונזער מלכות איז אַ מלכות!"

„די ענגלענדער וואָס זאָגן?

„אונזער קעניג איז אַ קעניג!"

„און איך, לוי יצחק בן שרה סאָסיע מבאַרדיטשעוו זאָג:

„איך וועל זיך פון אָרט נישט רירן...

„איך וועל פון דאַנען נישט אַוועקגיין.

„און אַ סוף זאָל עס נעמען און אַן עק זאָל עס נעמען צום גלות!

„יתגדל ויתקדש שמה רבא!"

דאָס לויב־געזאַנג פון באַרדיטשעווער פאַר שמונה־עשרה

אַמאָל ראש־השנה פאַר שמונה־עשרה, האָט ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער אָנגעהויבן זינגען מיט אַ מתיקותדיקן ניגון:

„דרי מעלה עם דרי מטה יפחדון וירעדון מאימת שמך; דרי תהום עם דרי שאול ירעשון וירגזון מאימת דינך, אבל צדיקים ממקום גן־עדן ירננו ויזמרו לשמך. לכן אני, לוי יצחק מבאַרדיטשעוו, באתי לפניך בתפילתי ובבקשתי.

„מה לך אצל ישראל?

„דבר! — צו וועמען הייסטו רעדן?

„אל בני ישראל!

„אמור — צו וועמען הייסטו זאָגן?

„אל בני ישראל.

„צו — וועמען הייסטו באַפעלן?

„את בני ישראל.

„דעריבער פרעג איך דיך, רבונו־של־עולם:

„מה לך אצל ישראל?

„וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויפן פאָלק ישראל?

„הלא יש לך כמה כשדיים, פרסיים, ישמעאלים ומדיינים.

„מה לך אצל ישראל?

„אלא — מה, מוז דאָך געדרונגען זיין, אַז „חביבין ישראל שנקראו בנים למקום״. דעריבער טאַקע: „ברוך אתה ד׳...״

דער אַמאָליקער און היינטיקער מדבר

דער רבי ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער האָט געזאָגט אַמאָל ראש־השנה:

„זכרתי לך חסד נעוריך... לכתך אחרי במדבר״, — אויב דו געדענקסט אונדז, טאַטע אין הימל, און דו האַלטסט עס פאַר אַ זכות, וואָס מיר זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דיר, דעמאָלט אין דער מדבר, על אחת כמה וכמה דאַרפסטו געדענקען אונדזער נאָכגיין נאָך דיר אין דער היינטיקער מדבר, וואו מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט ווילדע חיות, מיט די געפערלעכסטע שלאַנגען און עקדישן. און עס איז אונדז פיל־פיל ערגער, ווי אין דער דעמאָלטדיקער מדבר, וואו עס איז געפאַלן פאַר אונדז מן פון הימל און מיר זיינען כמעט געווען פטור פון דער ביטערער דאגת־פרנסה.

וואָס דער אייבערשטער געדענקט

דער רבי יהודה צבי פון ראָזלע האָט געטייטשט די תפילה פון ראש־השנה: „כי זוכר כל הנשכחות אתה הוא מעולם״ — הקדוש־ברוך־הוא

וויל געדענקען נאָר דאָס וואָס דער מענטש פאַרגעסט; למשל, אויב אַ מענטש דאַוונט און טוט אַ מצוה און עס דוכט זיך אים, אַז ער האָט גאָר ניט געטאָן, — אַזעלכע מעשים טובים, זיינען חשוב פאַרן אייבערשטן און ער געדענקט זיי. ווען אָבער אַ מענטש געדענקט, אַז ער האָט שוין געדאַוונט, שוין געלערנט און ער האַלט זיך שטאָלץ דערמיט, דאָס געדענקט ניט דער רבונו־של־עולם. (עשר צחצחות)

ר׳ לוי יצחק איז מליץ טוב אויף די יידן

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער איז, כידוע, געווען אַ מליץ־טוב אויף יידן פאַרן אייבערשטן.

און זיין דרך איז געווען, אַז ווען ער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן אין מיטן דאַוונען און ער פלעגט זיך אויסטענהן מיטן רבונו־של־עולם. ער פלעגט אים אויפווייזן, אַז דאָס פאָלק ישראל איז אַ גוט פאָלק און אַז די יידן זיינען געטרייע קינדער פון זייער פאָטער אין הימל.

איינמאָל, ביים מוסף פון ראש־השנה, ווען ר׳ לוי יצחק האָט געזאָגט פאַרן עמוד „ונתנה תוקף" און ער איז געקומען צום פסוק „ויכון בחסד כסאך ותשב עליו באמת", האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט אָנגעהויבן צו רעדן פּראָסט מאַמע־לשון:

„רבונו־של־עולם, ווילסטו, אַז דיין כסא־הכבוד זאָל זיין אָנגעברייט פאַר דיר און דו זאָלסט אויף אים זיצן מיט אמת, אַז דיין שטול זאָל זיין אַזאַ שטול, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מלך מלכי המלכים, און אַז דו וועסט אַרויסגעבן אַ גזירה, זאָל מען זי מקיים זיין — זאָלסטו זיך פירן מיט דיינע קינדער, מיטן פאָלק ישראל, מיט דער מידה פון חסד און רחמים און זאָלסט אַרויסגעבן גוטע גזירות, ישועות ונחמות. אויב אָבער דו וועסט זיך נוהג זיין מיט אונדז מיט מידת הדין און וועסט, חלילה, גוזר זיין אויף אונדז שלעכטע גזירות, זאָגן מיר דיר, אַז דו וועסט ניט זיצן אויף דיין שטול מיט אמת, ווייל די צדיקי הדור וועלן דיך ניט לאָזן זיצן אויף דיין שטול. דו וועסט גוזר זיין און זיי וועלן די גזירות מבטל מאַכן. דעריבער בעט איך ביי דיר, מלך חי וקים, פאַרנעם מיין געבעט, אַז עס זאָל מקוים ווערן: „ויכון בחסד כסאך ותשב עליו באמת!"

פאַרוואָס די מלאכים ציטערן ראש־השנה

דער בעלזער רבי האָט אַמאָל געפרעגט: פאַרוואָס שטייט „ומלאכים יחפזון"? פאַרוואָס ציטערן די מלאָכים, קענען זיי דען זינדיקן?

נאָר דער תירוץ איז, אַז דער רצון הבורא איז, אַז די מלאָכים זאָלן

זיין מליצי־יושר און זאָלן תמיד מלמד־זכות־זיין אויף יידן. און ראש־השנה און יום־כיפור, ווען יידן ווערן געמשפט פאַרן בית־דין־של־מעלה, און מען הייבט אָן פאַרשרייבן זייערע עבירות, ציטערן די מלאכים טאָמער וועלן זיי ניט קענען געפינען קיין זכות אויף די יידן...

וואָס עס מיינט „לרעים ולטובים"

דער רבי ר׳ הירש פון זידיטשעוו האָט געזאָגט:

„עס שטייט אין ראש־השנהדיקן פיוט „וכל מאמינים", „הטוב ומטיב לרעים ולטובים" — ער איז גוט און טוט גוטס צו די שלעכטע און גוטע. איז דאָך קשה, אויב השם־יתברך איז אַ מטיב לרעים, איז ער דאָך מיט די טובים אַודאי מטיב. איז וואָס איז עס פאַר אַ רבותא? נאָר דער פשט איז אַזוי: ער טוט גוטס „לרעים", צו די וואָס ווייסן, אַז זיי זיינען רעים — זינדיק, און אפילו „לטובים", אויך צו די וואָס האַלטן זיך פאַר טובים און מיינען, אַז זיי זיינען כולו צדיקים..."

די עבירות פון לובלינער

איינמאָל איז דער ראָפּשיצער רבי ר׳ נפתלי צבי, וועלכער איז געווען אַ געטרייער תלמיד פון „חוזה" פון לובלין, געגאַנגען מיטן „חוזה" צו „תשליך". ווען דער „חוזה" האָט פאַרענדיקט זאָגן תשליך, האָט ער אויס־געליידיקט די קעשענעס, אַזוי ווי דער מנהג איז. האָט זיך דער ראָפּשיצער רבי אַראָפּגעבויגן און געמאַכט זיך ווי ער וואָלט עפּעס אויפגעקליבן.

„נפתלי", האָט אים דער חוזה געפרעגט, „וואָס טוסטו?"

„איך קלויב צונויף די עבירות פונעם רבין", — האָט ר׳ נפתלי ראָפּ־שיצער געענטפערט. „דעם רבינס עבירות וועלן ביי מיר ווערן מצוות..."

וויינען אין די ימים־נוראים

ר׳ נחמן בראַצלאַוור האָט געזאָגט, אַז דאָס עיקר־געוויין דאַרף קומען פון שמחה, ווי עס שטייט: „בשמך יגילון כל היום" (תהילים פ״ט, י״ז) — מיט דיין נאָמען פרייען זיי זיך אַ גאַנצן טאָג. די ראשי תיבות פון די ווער־טער זיינען „בכיה" — געוויין. (ליקוטי עצות)

דער רבי ר׳ ברוכל פון מעזשיבעזש האָט געזאָגט: ס׳שטייט „שערי דמעות לא ננעלו" — די טויערן פון טרערן ווערן ניט פאַרשלאָסן (ברכות ל״ג, עמוד ב׳). איז דאָך קשה: אויב זיי ווערן ניט פאַרשלאָסן — צוליב וואָס דאַרף מען זיי אינגאַנצן האָבן? איז דער תירוץ, אַז מען דאַרף די טויערן, כדי — אויב מען וויינט ווי אַ שוטה, דעמאָלט ווערן די טויערן פאַרמאַכט. (טעמי המנהגים)

מען דאַרף זיין נזהר, אַז דאָס וויינען, וואָס מען וויינט אין די ימים־נוראים, זאָל ניט קומען מחמת עצבות. (דרך החסידים)

מען טאָר ניט זען קיין שלעכטס אויף אַ ייד

דער רבי ר׳ נחום טשערנאָבילער האָט אַמאָל ראש־השנה געזאָגט, אַז דער אמתער צדיק, וואָס האָט גאָר קיין שלעכטס ניט אין זיך, זעט ניט קיין שום שלעכטס אויף קיין שום מענטשן, און דער וואָס זעט שלעכטס ביי אַ צווייטן, איז פונקט אַזוי ווי דער וואָס קוקט אַריין אין אַ שפּיגל. אויב זיין פּנים איז אויסגעשמירט, וועט ער אויך אין שפּיגל זען אַזאַ פּנים, ווען אָבער זיין אייגן פּנים איז ריין, וועט ער קיין שום שפּרענקעלע אויפן פּנים אין שפּיגל ניט זען. — וואָס דער מענטש איז, דאָס זעט ער...

(אור עינים, פּרשת חוקת אין נאָמען פון בעש״ט)

דער „שפּאָלער זיידע" טענהט זיך אוים מיטן אויבערשטן

און איינמאָל ראש השנה האָט דער שפּאָלער זיידע געזאָגט:

„רבונו־של־עולם! וואָס ווילסטו פון די יידן? ווען דו וואָלסט געוועזן געמאַכט דעם גיהנום זיי זאָלן אים קענען זען מיט זייערע אויגן, און די תאוות וואָלסטו געוועזן באַהאַלטן אין „ראשית חכמה" אָדער אין אַן אַנדערן מוסר ספר, וואָלסטו געקענט קומען צו זיי מיט אַ טענה פאַרוואָס זיי זיינען נישט ריין פון זינד. אָבער דו, רבון העולמים, האָסט דאָך געטאָן פאַרקערט. די תאוות האָט דער מענטש פאַר זיינע אויגן און דעם גיהנום האָסטו באַהאַלטן אין „ראשית חכמה". איז אַ חידוש אַז זיי זינדיקן?"

און נאָך האָט דער שפּאָלער זיידע געזאָגט:

„איך האָב אויסגע׳פּעול׳ט ביים אויבערשטן כ׳זאָל האָבן פּשוטע קינדער, כדי איך זאָל קענען ממליץ זיין פאַר זיי פאַרן רבונו־של־עולם און זאָגן: כאָטש כ׳האָב פּשוטע קינדער האָב איך זיי ליב ווי מיין אייגענע נשמה! דאַרפסטו אויך אַזוי טאָן!..."

און איינמאָל זיינען געווען ביים שפּאָלער זיידען אויף ראש השנה די צדיקים: ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, ר׳ זישע פון אַניפּאָליע, ר׳ מאָטעלע נעשכיזער און ר׳ לייב מוכיח פון פּאָלנאָה.

נאָך דער סעודה זיינען די פינף צדיקים אַריין אין אַ חדר מיוחד און זיי האָבן גערעדט וועגן דער גאולה. האָט דער רבי ר׳ זישע געזאָגט צו ר׳ לייב פון פּאָלנאָה:

„דו ביסט שולדיק מער פון אונז אַלע, וואָס משיח איז נאָך נישט געקומען. דו ביסט דאָך אַ מוכיח, דאַרפסטו פּועלן ביי די יידן, אַז זיי זאָלן תשובה טאָן".

האָט זיך אויפגעשטעלט דער שפּאָלער זיידע. ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט צום הימל און האָט געזאָגט:

„רבונו־של־עולם! איך גיב דיר אַ תקיעת־כף, אַז דורך שטראָף און יסורים וועלן די יידן נישט תשובה טאָן, איז פאַרוואָס זאָלסטו זיי אָנטאָן יסורים בחינם? דו ווייסט דאָך וואָס דער סוף וועט זיין! בעט איך דיך, דו זאָלסט זיין אַ גוטער טאַטע צו די יידן און פּונקט אַזוי ווי אַ טאַטע איז זיך מרחם אויף זיינע קינדער, אַזוי זאָלסטו זיך מרחם זיין אויף די יידן!"

און דער שפּאָלער זיידע האָט זיך שטאַרק צעוויינט, און אַלע וואָס זיינען דאָרט געווען האָבן מיטגעוויינט. (באר החסידות 149־150)

דער באַרדיטשעווער איז מתיר כביכול צו שרייבן שבת

ווען עס איז אַמאָל אויסגעפאַלן ראש־השנה אום שבת, האָט זיך דער באַרדיטשעווער אַוועקגעשטעלט פאַר מוסף און האָט זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו־של־עולם:

„מרא דעלמא כולא! האַר פון אַלע וועלטן, דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט דעם דין פון דער תורה, אַז שבת טאָר מען ניט שרייבן, נאָר פאַר פּיקוח־נפש, האָט די תורה מתיר געווען עובר צו זיין אויף אַן עבירה. איז, אויב דו וועסט אונז אָנשרייבן אַ „גוט קוויטל", מעגסטו שרייבן. אויב אָבער חלילה ניט, זיינען מיר דיך מזהיר און דערמאָנען דיך, אַז היינט איז ראש־השנה, וואָס איז אויסגעפאַלן אום שבת, און שבת טאָר מען ניט שרייבן!...

ראש־השנה אין ארץ־ישראל

דער רבי ר' נחמן בראַצלאַווער האָט געזאָגט:

די עיקר הייליקייט פון אַ ייד איז, ער זאָל זוכה זיין צו שטייגן פון איין מדרגה צו אַ צווייטער אין עבודת הבורא, און דאָס קאָן נאָר קומען דורך דער קדושה פון ארץ־ישראל, און דער עיקר נצחון אין דער מלחמה, וואָס מיר פירן אויף דער וועלט איז, צו קומען קיין ארץ־ישראל. און דאָס איז אונדזער גאַנצע עבודה, וואָס מיר זיינען עוסק אין איר פון ראש־השנה ביז שמיני־עצרת — אַלץ איז, כדי צו אַנטפּלעקן די הייליקייט פון ארץ־ישראל, כדי מיר זאָלן זוכה זיין אינגיכן צו קומען קיין ארץ־ישראל.

און נאָך האָט ר' נחמן געזאָגט:

דער עיקר הייליקייט פון ארץ־ישראל ווערט נתגלה אין ראש־השנה, ווי עס שטייט אין פּסוק: „עיני ה' אלוקיך בה מראשית השנה" (דברים י"א, י"ב) — תמיד זיינען די אויגן פון גאָט דיין גאָט אויף איר פון אָנהייב יאָר ביז סוף יאָר. (לקוטי עצות חדש)

עלית הנשמה פון בעש"ט אין ראש־השנה

אין דער חסידישער וועלט איז באַקאַנט דער בריוו, וואָס ר' ישראל בעל־שם־טוב, דער באַגרינדער פון חסידות האָט געשריבן צו זיין שוואָגער ר' אברהם גרשון קיטיווער קיין ארץ־ישראל.

אין דעם דאָזיקן בריוו דערציילט דער בעש"ט, אַז „אין ראש־השנה תק"ז האָב איך געמאַכט השבעות און געהאַט עלית הנשמה"... און דער בעש"ט שרייבט ווייטער וועגן די פלאימדיקע ענינים וואָס ער האָט געזען אין הימל, אַז ער איז אַריין אין היכל המשיח „וואו משיח לערנט תורה מיט אַלע תנאים און צדיקים און אויך מיט די שבעה רועים, און אַז ער האָט געזען אַ גרויסע שמחה ביי זיי. „און איך האָב געפרעגט משיחן ,ווען וועסטו קומען?' האָט ער מיר געענטפערט: ,ווען דיין תורה וועט פאַרשפרייט ווערן אויף דער וועלט'..."

„...און אין ראש־השנה תק"י האָב איך געהאַט עלית הנשמה און האָב געזען אַ גרויסן קיטרוג אויף די יידן, ביז עס איז כמעט געגעבן געוואָרן דעם ס"ם (שטן) רשות חרוב צו מאַכן מדינות און קהילות. האָב איך זיך מוסר נפש געווען און האָב מתפלל געווען: זאָלן די יידן פאַלן דורך דיר, גאָט, און ניט דורך מענטשן"...

און דער בעש"ט דערציילט ווייטער אין בריוו, ווי אַזוי ער האָט אין הושענה־רבה מיט זיין תפילה מבטל געמאַכט די גזירה.

דאָס פייפערל

אַ דאָרפס־ייד, וואָס איז יעדעס יאָר אויף ראש־השנה געפאָרן צום בעל־שם־טוב, האָט געהאַט אַ יינגל, וואָס האָט געהאַט זייער אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, אַז ער האָט אפילו נישט געקענט קיין צורה פון אַן אלף. דער פאָטער האָט אים דעריבער נישט מיטגענומען אויף די ימים־נוראים אין שטאָט אַריין, ווייל ער האָט נישט געקענט דאַווענען.

אָבער ווען דאָס יינגל איז געוואָרן אַ בר־מצוה, האָט דער פאָטער אים מיטגענומען מיט זיך אויף יום־כפור צום בעל־שם־טוב.

דאָס יינגל האָט געהאַט אַ פייפערל, וואָס ער האָט דערויף געשפּילט ווען ער פלעגט פּאַשען די שעפּסן אין פעלד.

דאָס יינגל האָט דאָס פייפערל אַריינגעלייגט אין זיין קעשענע — און דער פאָטער זיינער האָט דאָס גאָר נישט באַמערקט — און געפאָרן מיטן פאָטער אין שטאָט אַריין.

יום־כפור זיצט דאָס יינגל אין שול, און ער קאָן נישט דאַווענען. עס קומט צו מוסף, זאָגט דאָס יינגל צום פאָטער: „טאַטע! איך האָב אַ פייפערל, און איך וויל געבן אַ פייף".

האָט דער פּאָטער זיך אויף אים אָנגעבייזערט, און דאָס יינגל האָט דערשטיקט אין זיך זיין שטאַרקן באַגער. אָבער ווען מען האָט אָנגעהויבן צו דאַווענען מנחה האָט דאָס יינגל ווידער געזאָגט: „טאַטע! לאָז מיך אַרויסנעמען דאָס פּייפערל!"

האָט דער פּאָטער אַרויסגעלייגט זיין האַנט אויף דעם זונס קעשענע און האָט אים נישט געלאָזט אַרויסנעמען דאָס פּייפערל. ווען מען האָט אָנגעהויבן צו דאַווענען נעילה, האָט דאָס יינגל זיך שוין מער נישט גע־קענט איינהאַלטן. ער האָט געגעבן אַ שטופּ אַוועק זיין פּאָטערס האַנט, האָט געגעבן אַ נעם־אַרויס דאָס פּייפערל פון זיין קעשענע און האָט געגעבן אַ פּייף, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין דער גאַנצער שול.

אַלע מתפּללים זיינען געבליבן שטיין נבהל ומשתומם. אָבער דער בעל־שם־טוב האָט ווייטער געדאַוונט.

מוצאי יום־כּפּור האָט דער בעל־שם־טוב געזאָגט, אַז דער פּייף פונ'ם דאָרפס־יינגל האָט געעפנט אַלע טויערן פון הימל, וואָס זיינען געווען פאַרשלאָסן פאַר די יידישע תּפילות.

(קבוצת יעקב)

דער רבי ר' מאירל פּרעמישלאַנער זאָגט די חסידים ווער עס מעג זיין אַ שליח־צבור

אַמאָל זיינען חסידים געקומען צום רבין ר' מאירל פּרעמישלאַנער און האָבן זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז ביי זיי אין שטעטל איז פאַראַן אַ ייד אַ גביר, אָבער אַ גרויסער קמצן און אַ בעל־תּקיף, דערצו האָט ער ניט קיין שיין קול און איז ניט קיין גרויסער למדן, אָבער ער האָט זיך איינגע־שפּאַרט אַז ער מוז דאַווענען ראש־השנה פאַרן עמוד.

האָט ר' מאירל פּרעמישלאַנער געשיקט אַ שליח נאָך דעם גביר פון יענעם שטעטל און האָט צו אים געזאָגט:

„דו ווייסט דאָך מסתמא, אַז דריי תּפילות זיינען פאַראַן: ‚תּפילה למשה', ‚תּפילה לדוד' און ‚תּפילה לעני'. איז דערפון געדרונגען, אַז ווער עס איז אַזאַ גרויסער צדיק ווי משה רבנו, איז, כאָטש ער האָט ניט קיין שיין קול און איז אַפילו אַ כבד־פּה ווי משה רבנו, ווערט זיין תּפילה אָנ־גענומען.

„ווען ווידער ער האָט אַזאַ שיין קול ווי דוד המלך, איז, כאָטש ער איז ניט קיין צדיק גמור מעג ער אויך דאַווענען פאַרן עמוד, ווייל זיין תּפילה וועט אָנגענומען ווערן. און ווער עס איז ווידער אַ גרויסער אָרעמאַן, און זיין האַרץ איז צעבראָכן און פאַרקלעמט, איז, כאָטש ער האָט ניט די מידות פון משה רבנו און ניט אַזאַ שיין קול ווי דוד המלך, מעג ער אויך זיין אַ שליח־צבור, ווייל זיין תּפילה וועט אָנגענומען ווערן.

„אָבער דו, — האָט ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער זיך געווענדט צום גביר — וואָס דו האָסט ניט קיין איינע פון די דריי מידות, ניט דו ביסט אַזאַ צדיק ווי משה רבנו, ניט דו האָסט אַזאַ זיס קול ווי דוד המלך, און ניט דו ביסט אַן אָרעמאַן, דיין האַרץ זאָל דיר זיין צעבראָכן, נאָר דו ביסט אַ גרויסער עושר און אַ קאַרגער מענטש, דערצו נאָך אַ בעל־תקיף, דו טאָרסט זיכער ניט דאַוונען פאַרן עמוד און זיין דער שליח־צבור פאַרן כלל־ישראל, ווייל דיינע תפילות וועלן זיכער ניט אָנגענומען ווערן אין הימל!...״

זיינען די רייד פון ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער אַריינגעדרונגען אינעם האַרצן פון קאַרגן גביר און ער האָט מסכים געווען ניט צו זיין קיין שליח־צבור...

וועגן די, וואָס רעדן שלעכטס אויף יידן

סאַדיגורער חסידים דערציילן: אַ רב פון אַ קליין שטעטל אין גאַליציע, וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון אַ מפורסמדיקן רבין פון מעזריטשער מגידס תלמידים, איז אַמאָל געקומען אויף ראש־השנה צום ריזשינער רבין, ר׳ ישראלטשע קיין סאַדיגורע, האָט אים דער ריזשינער מקבל־פּנים געווען מיט גרויס שמחה און האָט אים אויסגעפרעגט אויף די יידן פון זיין שטעטל.

האָט דער רב זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן אויף דער הפקרות, וואָס הערשט אין שטעטל און אויף דעם יונגן דור, וואָס דערווייטערט זיך פון יידישקייט.

האָט דער ריזשינער גלייך אָפּגעווענדט זיין פּנים פון אים און האָט מער מיט אים ניט געוואָלט רעדן.

האָבן זיך דעם רבינס „מקורבים״ וועלכע זיינען בשעת מעשה דאָרט געווען שטאַרק פאַרוואונדערט.

האָט דער ריזשינער דאָס דערפילט און האָט געזאָגט:

דער דור המדבר איז געווען אַ דור דעה, ווייל זיי האָבן דאָך די זכיה געהאַט מקבל צו זיין די תורה אויפן באַרג סיני און דער אויבערשטער האָט זיי געגעבן ברויט פון הימל — דעם מן, וואָס ווי אונדזערע חכמים זאָגן איז דאָס געווען אַזאַ ברויט, וואָס די „מלאכי השרת עסן״ (יומא, ע״א, ב׳). איז דאָך קשה, פאַרוואָס האָט אַזאַ דור־דעה ניט געוואָלט עסן אַזאַ הימליש ברויט און האָט געשריגן: „נפשנו קצה בלחם הקלוקל״?

נאָר דער תירוץ איז: די תורה זאָגט, אַז „המן כזרע גד לבן״. פרעגן די חז״ל, וואָס איז אַזוינס געווען גד? ענטפערן זיי: „שהיה מגיד עוונותיהם של ישראל״, אַז ער האָט געזאָגט די עבירות פון די יידן. און ווער עס רעכנט אויס עבירות אויף יידן, — האָט דער ריזשינער אויסגעלאָזט, — איז ווען אפילו ער קומט פון הימל, אָדער ער איז אַ גרויסער מיוחס, אַ צדיקס אַן אייניקל, ווערט די שיינע נשמה זיינע פאַרדאָרבן...

און דער ריזשינער רבי האָט ווייטער געפּירט זיין הייליקן שמועס:

אין דעם טאָג, ווען ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער איז געבוירן געוואָרן, איז דער בעל־שם־טוב געזעסן צוזאַמען מיט זיין „חבריא־קדישא״ אין זיין בית־המדרש און ער איז געווען בדיחא דעתא, האָט ער געהייסן ברענגען „משקה״ און צובייסן. זיינען די תלמידים זיינע געזעסן און האָבן זיך פאַר־וואונדערט:

„וואָס איז היינט אַנדערש פון אַלע אַנדערע טעג?״

האָט דאָס דערפילט דער בעש״ט, און ער האָט געענטפערט:

„היינט איז אַ גרויסע נשמה אַראָפּגענידערט געוואָרן אויף דער וועלט. די נשמה איז אַ הייליקע און זי וועט זיין אַ מליץ יושר און וועט מלמד זכות זיין אויף יעדן איינעם פון יידישן פאָלק, בפרט וועט וואַקסן דער כוח פון דער דאָזיקער הייליקער נשמה צו פאַרמאַכן דאָס מויל פון די מקטרגים אין די טעג פון ראש־השנה און יום־כיפור.״

אויך די מלאכי עליון — האָט דער ריזשינער ווייטער דערציילט — האָבן זיך געפרייט אין הימל אין דעם טאָג, און זיי זיינען געקומען פאַרן כסא־הכבוד מיטן מלאך מיכאל — וועלכער איז דער שר פון די יידן — בראש, און זיי האָבן געדאַנקט דעם רבונו־של־עולם, וואָס ער האָט אַזאַ גרויסע נשמה געלאָזט אַראָפּנידערן אויף דער וועלט. אָבער עס איז גע־קומען דער שטן, דער „סמאל״, און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן כסא הכבוד און האָט אָנגעהויבן צו טענהן:

„רבונו־של־עולם: דו האָסט באַשאַפן דעם מלאך מיכאל, כדי ער זאָל זיין א סניגור פאַר דיין פאָלק ישראל, ער זאָל פאַרטיידיקן די יידן און זאָל אויף זיי מלמד זכות זיין, בפרט אין די ימים־נוראים, און מיר האָסטו באַפוילן איך זאָל זיין דער מקטרג אויף יידן, איך זאָל פאַר דיר אויסרעכענען זייערע עבירות. מיין אַרבעט האָב איך אויסגעפירט באמונה, ערלעך. איך האָב נאָכגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך פון די יידישע הייזער, און פאַר מיין אויג איז ניט געווען פאַרהוילן אפילו די קלענסטע עבירה. איך האָב צונויפגעזאַמלט אַלע זינד און זיי געבראַכט פאַר דיין בית־דין. מיר איז אויסגעקומען אַ סך מאָל מלחמה צו האַלטן מיטן מלאך מיכאל. וואָס האָט מיך בייגעקומען און פאַרטיידיקט דאָס יידישע פאָלק, און איצט האָסטו גאָר אַראָפּגעגעבן אויף דער וועלט די נשמה פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, וועלכער וועט צוהעלפן דעם מלאך מיכאל מלמד זכות זיין אויף די יידן, און מיך האָסטו געלאָזט איינעם אַליין?״

„איז וואָס איז דיין פאַרלאַנג?״ — האָט מען אים געפרעגט אין הימל.

„מיין בקשה איז — האָט דער שטן געענטפערט — דו זאָלסט אויך מיר געבן אַן אַרויסהעלפער. מיין פאַרלאַנג איז, דו זאָלסט שטעלן אין מיין רשות אַ צאָל צדיקים, וועלכע זאָלן מיר אַרויסהעלפן צו כאַפּן די יידן ביי עבירות!...״

און דער ריזשינער רבי האָט אַ שווערן זיפץ געגעבן און האָט געזאָגט:
„דעם שטנס בקשה איז נעבעך דערפילט געוואָרן, און דאָס זיינען די צדיקים, וועלכע זוכן חטאים אויף יידן אין יעדן דור"!...
„איך האָב נאָך געהאַט די זכיה — האָט דער ריזשינער רבי אויסגע־לאָזט — ווען איך בין נאָך קליין געווען צו קענען ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, און ער האָט געקענט פאַרטיידיקן דאָס יידישע פאָלק קעגן דעם קטרוג פון שטן און קעגן די, וואָס רעדן שלעכטס אויף יידן, אפילו ווען מען איז אַ מיוחס, ווייל מען העלפט דערמיט דעם שטן"!...

מען דאַרף וויסן ווי אַזוי מתפלל צו זיין

דער רבי ר' יהושעלע דזשיקעווער האָט אַמאָל ראש־השנה פאַרן דאַווענען דערציילט פאַר די חסידים אַזאַ מעשה:
„בעת דער קרימער מלחמה איז דער צאַר ניקאָלאַי געשטאַנען באַגענט צום קריגס־פראָנט צוצוזען די מלחמה, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין סעוואַסטאָפּאָל. אַ דערנעבנדיקער זעלנער האָט פּלוצלינג באַמערקט, אַז אַ קויל פליט פון שונאס לאַגער גלייך צום צאַר צו, האָט ער פאַרשטעלט דעם צאַר מיט זיין קערפּער און די קויל איז אַריין אין זיין לייב, אים שטאַרק פאַרוואונדעט, אָבער אַזוי־אַרום געראַטעוועט דעם צאַר פון אַ זיכערן טויט.
„ווען דער צאַר האָט דעם זעלנער דערנאָך באַזוכט אין שפּיטאָל, האָט ער אים געפרעגט, וואָס ער פאַרלאַנגט פאַר דער גרויסער געטריי־שאַפט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן.
„דער זעלנער האָט געטראַכט און געטראַכט און האָט ענדלעך אַרויס־געזאָגט זיין פאַרלאַנג:
„איך בעט דעם צאַר", האָט דער זעלנער אַ דערשראָקענער געזאָגט, „מען זאָל מיך איבערשיקן אין אַן אַנדערן באַטאַליאָן, ווייל דער קאַפּראַל פון מיין באַטאַליאָן איז זייער אַ שלעכטער מענטש!"
„דער צאַר האָט גלייך זיין בקשה דערפילט און האָט אויסגעלאָזט:
„זע, וואָס פאַר אַ נאַר דו ביסט, דו האָסט דאָך געקענט פאַרלאַנגען, איך זאָל דיך אַליין מאַכן פאַר אַ קאַפּראַל, וואָלסטו שוין מער ניט געדאַרפט מורא האָבן פאַרן צווייטן קאַפּראַל!"
„דאָס זעלבע איז אויך מיט אונדז יידן", האָט דער דזשיקעווער רבי אויסגעלאָזט, „אַנשטאָט צו בעטן, אַז משיח זאָל קומען און מיר זאָלן פטור ווערן מיט איינמאָל פון אַלע צרות, זיינען מיר מתפלל ראש־השנה, אַז מען זאָל אונדז געבן פרנסה, אַ גוטע עלטער — אַלץ נעבן־זאַכן, און אין דעם עיקר, אין דער אמתער גאולה, פאַרגעסן מיר!...

דער באַרדיטשעווער גנבעט צו ביים שטן־מקטרג די עבירות

„ניטאָ מער די וועלט וואָס אַמאָל — האָט ר׳ ירוחם סופר פאַרפירט אַ חסידישן שמועס מיט די חסידים, ראש־השנה פאַר תקיעת־שופר, — וואו זעט מען היינט דאָס התלהבות וואָס אַמאָל?

„אמת, איר קומט אויך צום רבין — האָט ער געגעבן אַ צעקעם זיין לאַנגע גראָע באָרד מיט זיינע פינף פינגער — אָבער עס פעלט דער ברען, דאָס דביקות וואָס מיר האָבן אַמאָל געהאַט. דער רבי שטייגט וואָס אַמאָל אַלץ העכער און העכער, פון איין מדרגה צו דער צווייטער און מיר פאַלן אַראָפּ, וואָס אַמאָל אַלץ טיפער און טיפער...״

די חסידישע יונגעלייטלעך, וואָס זיינען געקומען צום רבין, האָבן געוואוסט, אַז ר׳ ירוחם סופר האָט ליב זיי צו מוסרן, אָבער דאָס מוסרן זיינס האָט זיי אַ הנאָה געטאָן. זיי האָבן געוואוסט, אַז ווי נאָר ר׳ ירוחם סופר וועט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, וועט ער אָנהייבן צו דער־ציילן אַ מעשה. און זיי האָבן טאַקע קיין טעות ניט געהאַט.

וואָרים ווי נאָר ר׳ ירוחם האָט גוט אָפּגעקרעכצט אויף דעם היינטיקן דור, אויף די יונגע חסידים, וואָס לעבן אין אַ בלינדער וועלט, איז ער באַלד איבערגעגאַנגען פון זיין שמועס צו אַ מעשה.

„נו, איך זע דאָך שוין, אַז איר ווילט הערן אַ מעשה, האַ? — האָט ר׳ ירוחם אויפגעהויבן זיינע פאַרטרערטע אויגן — דער רבי זיצט זיך דאָרט ביחידות און לערנט זוהר פאַר תקיעת־שופר, וויל איך אייך דערציילן אַ מעשה פונעם באַרדיטשעווער צדיק, וועלכער איז תמיד געווען אַ מליץ־יושר אויף יידן, ווי אַזוי ער האָט אַמאָל אויסגענאַרט אין הימל אַ גוט ,קוויטל׳ ביים אייבערשטן״.

ר׳ ירוחם סופר האָט אויסגעטאָן די געדראַטעוועטע ברילן, וואָס ער האָט על־פּי־רוב, געטראָגן אויפן שטערן אָנשטאָט אויף דער נאָז, און ער האָט אָנגעהויבן:

אַמאָל איז דער באַרדיטשעווער רבי, זכותו יגן עלינו, אַרויפגעקומען אין הימל אום ראש־השנה, ווען עס איז דער „גרויסער יאַרמאַרק״, ווי ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער פלעגט זאָגן. האָט דער באַרדיטשעווער דערזען ווי עמיצער האָט געבראַכט אַ סך וועגענער, פול אָנגעפּאַקט מיט סחורה.

איך, אַלס היימישער מעקלער — האָט דער באַרדיטשעווער רבי גע־זאָגט, — האָב געוואָלט וויסן ווער דער סוחר איז און וואָס פאַר אַ סחורה ער האָט געבראַכט, ווייל אפשר וועל איך קענען דערביי פאַרדינען עפּעס מעקלעריי.

און אַזוי ווי דער סדר פון די מעקלערס איז, קודם־כל געוואָר צו ווערן ווער דער סוחר איז, כדי צו וויסן מיט וועמען מען גייט האַנדלען, האָב איך גלייך אָפּגעזוכט מיינע בעסטע פריינט, דעם מלאך מיכאל מיטן מלאך גבריאל און זיי אַ פרעג געטאָן:

„ווייסט איר ניט אַמאָל ווער דער סוחר איז פון אָט די אַלע שווער־געלאָדענע וועגענער און וואָס פאַר אַ סחורה ער האָט דאָרטן אין די גרויסע זעק?"

„יאָ, מיר ווייסן", — האָבן די צוויי מלאכים געענטפערט טרויעריק, — „מיר וועלן דיר, לוי יצחק, אַלץ דערציילן: דער סוחר פון די וועגענער איז דער שטן, זיין נאָמען איז יצר הרע, אַמאָל רופט מען אים אויך סמאל און מלאך־המות און אין די אַלע וועגענער האָט ער אָנגעפּאַקט זעק מיט עבירות, חטאים און עוונות, וואָס די יידן האָבן, נעבעך, געטאָן אַ גאַנץ יאָר, און זיי האָבן אויף זיי קיין תשובה ניט געטאָן."

„פינסטער איז מיר אין מיינע אויגן" — האָב איך אַ געשריי געגעבן. ווי פייערדיקע שפּיזן האָבן די ווערטער מיך געשטאָכן אין האַרצן און איך האָב זיך ביי זיי געבעטן:

„טייערע פריינט מיינע! גיט מיר אַן עצה! זאָגט, וואָס טוט מען? ווען דער דאָזיקער סוחר וועט חס־ושלום אַרויפלייגן אָט די אַלע פּעק מיט די עבירות אויף איין וואָגשאָל, וועלן זיי דאָך זיכער איבערוועגן דאָס ביסל מצוות און זכיות פון די יידן, וואָס מען וועט אַרויפלייגן אויף דער אַנדע־רער וואָגשאָל!"...

„האָב איך אָנגעהויבן אַרומלויפן אויפן הימל ווי אַ פאַרוואונדעטער לייב: ראַטעוועט, גוטע ברידער מיינע!"

„וויין ניט, שריי ניט — האָבן די צוויי גוטע מלאכים געענטפערט — מיר האָבן פאַר דיר אַ גוטע עצה: דאָ, ניט ווייט פון דאַנען, געפינט זיך דער וועג צום גרויסן תהום. מיר וועלן כאַפּן אַ שמועס מיטן שטן און דו פאַרקלייב זיך אין אַ זייט, כאַפּ זיך צו צו די וועגענער מיט די פּעק עבירות און וואַרף זיי אַלע גלייך אַריין אינעם תהום, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק: „ותשליך במצולות ים כל חטאותם" — און דו זאָלסט אַריינוואַרפן אין דער טיפעניש פון ים זייערע אַלע זינד, און דערנאָך זאָל דער שטן דיך גיין לאָדן לדין, צום בית־דין של מעלה..."

און כאָטש איך האָב גוט געוואוסט, — האָט דער באַרדיטשעווער צדיק ווייטער דערציילט — אז ווען דער שטן וועט מיך פּאַקן, וועט ער מיך באַלד שלעפּן צו אַ דין־תורה פאַרן בית־דין של מעלה, האָב איך אָבער קיין אַנדערע ברירה ניט געהאַט. כדי צו ראַטעווען די יידן מוז מען אַלץ איינשטעלן און מיטן אייגענעם לעבן ריזיקירן, — האָב איך צו מיר אַליין געזאָגט — און אַזוי איז טאַקע באַלד געשען. די צוויי גוטע מלאכים האָבן גענומען אויף אַ שפּאַציער דעם שטן, מעשה גוטער־ברודער, זיי האָבן אים

מכבד געווען מיט אַ ביסל משקה, דער שטן האָט זיך דערפון ניט אָפּגעזאָגט און ער האָט געטרונקען פולע כוסות און איך בין מיר אויף אַ פּאָר מינוט געוואָרן אויס באַרדיטשעווער רב און בין געוואָרן אַ בעל־עגלה. איך האָב געטריבן שנעל די פערד, וואָס האָבן געדאַרפט שלעפּן די שווערע וועגע־נער מיט די עבירות, ביז איך בין צוגעקומען צום תהום, דאָרט האָב איך מיט זיי זייער רעכט געטאָן, אַזוי ווי די צוויי גוטע מלאכים האָבן מיך געהייסן. איך האָב אַלע וועגענער מיט איינמאָל אַריינגעוואָרפן אין תהום אַריין און איך בין מיר, מעשה וואוילער יונג, צוריקגעגאַנגען צו דעם אָרט וואו איך האָב איבערגעלאָזט מיינע חברים, די צוויי גוטע מלאכים. און אַזוי ווי זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי באַלד אָפּגעלאָזט דעם שטן, וועלכער איז שוין געווען שיכור ווי לוט און זיי האָבן מיך געפרעגט: „נו, האָסט געטאָן אַזוי ווי מיר האָבן דיר גע׳עצהט״?

האָב איך זיי דערציילט וואָס איך האָב געטאָן, און ווי איך שטיי אַזוי און רעד מיט די מלאכים מיכאל און גבריאל דערהער איך פּלוצלינג אַ גרויס געשריי: „געוואַלד, מען האָט מיך באַגנבעט!״

דאָס איז אַרומגעלאָפן דער שטן, ווי אַ פאַרסמטע מויז און האָט גע־שריגן: „וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אויפן הימל זאָלן זיין גנבים? זינט איך געפין איך זיך דאָ, איז נאָך אַזוינס ניט געשען. ווער האָט צוגענומען מיינע אַלע וועגענער, וואָס זיינען געווען שווער אָנגעלאָדן מיט עבירות?...״

אָבער קיינער האָט אים ניט געענטפערט און איך בין מיר געשטאַנען אַן אַ זייט, ווי עס פּאַסט פאַרן באַרדיטשעווער רב, און האָב מכבד געווען די מלאכים מיט אַ שמעק טאַבאַק.

ווייזט אָבער אויס, אַז איך בין ניט געווען גענוג אָפּגעהיט, ווייל ווען איך האָב געטריבן די וועגענער צום תהום, האָב איך מיר ניט פאַרשטעלט דאָס פּנים און מוסרים זיינען פאַראַן אומעטום, אפילו אין הימל. האָט מיך געזען טרייבן די וועגענער אַ יונג מלאכל, וואָס האָט ניט געוואוסט צוליב וואָס דער שטן צערייסט זיך אַזוי דעם ספּאָדיק צו געפינען צו־ריק זיין סחורה און ער האָט אים אָנגעוויזן אויף מיר, און באַלד איז דער שטן אַרויפגעפלויגן צום בית־דין של־מעלה מיט אַ געשריי, אַז אין הימל האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ גנב, וואָס זעט אפילו אויס צו זיין אַן אָפּגעהיטענער ייד, און גלייך איז ער צוריקגעקומען מיט אַ קוויטל אין דער האַנט, אַז ער לאָדט מיך צו אַ דין־תורה פאַרן בית־דין של־מעלה און ער פאַרלאַנגט איך זאָל תיכף ומיד מיט אים גיין.

איך האָב געוואָלט מיך באַראַטן מיט מיינע גוטע ברידער, מיט די צוויי מלאכים, אָבער דער שטן האָט מיך שוין ניט אָפּגעלאָזט, נאָר איך זאָל גלייך מיט אים גיין צום בית־דין של־מעלה. האָב איך שוין קיין אַנדערע ברירה ניט געהאַט און איך בין מיט אים מיטגעגאַנגען.

ווי איך בין געקומען פאַרן בית־דין של־מעלה, האָט דער שטן זיך

אָוועקגעשטעלט און ער האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך באַקלאָגט פאַר די דיינים, און זיי דערציילט, ווי אַזוי ער האָט, נעבעך, אַ גאַנץ יאָר שווער געאַרבעט, ביז ער האָט צונויפגעקליבן די אַלע עבירות פון די יידן און מיט אַמאָל איז געקומען צו גיין אַט דער ייד — האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר — און האָט אים באַגנבעט. ער האָט אים צוגענומען אַלע עבירות.

האָב איך שוין מער ניט געקענט לייקענען און איך האָב זיך מודה געווען, אַז איך האָב צוגעגנבעט די אַלע וועגענער מיט די עבירות.

„ווער ביסטו און וואָס איז דיין נאָמען?" — האָט מיך איינער פון די דיינים געפרעגט.

„איך בין דער באַרדיטשעווער רב — האָב איך אין איין שרעק גע־ענטפערט — און מיין נאָמען איז לוי יצחק."

ווען דער שטן האָט דערהערט מיין נאָמען, איז זיין האַרץ ווי פאַר־גליווערט געוואָרן און ער האָט זיך אָנגעהויבן צו בעטן ביים בית־דין של־מעלה, אַז מען זאָל מיר גאָרניט טאָן, אַבי איך זאָל אויסזאָגן וואו איך האָב די וועגענער מיט די עבירות אַהינגעטאָן.

„דו וועסט זיי שוין מער קיינמאָל ניט געפינען — האָב איך געענט־פערט — איך האָב זיי אַריינגעוואָרפן אין תהום אַריין, פון וואַנען מען קאָן גאָרניט צוריק אַרויסנעמען."

איז דער שטן געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און די דיינים פון בית־דין של־מעלה זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ באַזונדערן חדר, כדי זיך צו באַראָטן וואָס פאַר אַ פסק־דין אויף מיר אַרויסצוגעבן. און באַלד זיינען די דיינים צוריק אַריינגעקומען, זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די שטולן. דער בית־דין־שמש האָט געהייסן אַלע זיך אויפשטעלן און דער ראש בית־דין, דער עלטסטער פון די דיינים האָט פאָרגעלייענט דעם פסק־דין, אַז אַזוי ווי איך האָב שוין מער ניט די גנבה, זאָל איך באַצאָלן מזומן געלט, וויפל די גנבה האָט אָנגעטראָפן.

„אָבער וואו זאָל איך נעמען געלט? — האָב איך אָנגעהויבן בעטן ביים בית־דין של־מעלה, — אַלע וויסן, אַז איך בין אַ גרויסער אביון, אַז ווען איך האָב נאָר אַ מטבע אין קעשענע גיב איך עס אַוועק צו אַן אָרעמאַן."

„אַז דו האָסט ניט די גנבה אין דיין האַנט זי צוריק אָפּצוגעבן און מזומן געלט צו באַצאָלן פאַר דער גנבה האָסטו אויך ניט — האָט דער אב בית־דין געענטפערט — איז דער דין, לויט דער תורה, „ונמכר בגנבתו", זאָל ער פאַרקויפט ווערן פאַר אַ קנעכט פאַר זיין גנבה!..."

האָט מען באַלד געמאַכט אַן עפנטלעכע ליציטאַציע אויפן באַרדיטשע־ווער רב, און עס איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז ווער עס וועט געבן מער, דער וועט אים קאָנען אָפּקויפן פאַר אַ קנעכט...

און פון אַלע סוחרים, וואָס זיינען געקומען אָפּקויפן דעם באַרדיטשע־ווער רבין, האָט דער רבונו־של־עולם אַליין געגעבן אַלץ מער און ער האָט

אָפּגעקויפט דעם באַרדיטשעווער רבין פאַר זיין אייביקן קנעכט!...

און אויף דעם באַרדיטשעווער רבין ווייזט אָן דער בעל הפּייט, ווען ער זאָגט: „לקונה עבדיו בדין״, — ער, גאָט, קויפט זיינע קנעכט לויטן דין.

און באַלד האָט מען אָנגעהויבן אַרויפצולייגן אויפן וואָגשאָל די אַלע מצוות, וואָס די יידן האָבן געהאַט און דער שטן איז אַרומגעלאָפן אַ ברוגזער און ער האָט זיך געבעטן מען זאָל נאָך צואוואַרטן אַביסל, ווייל ער האָט נאָך צו ברענגען אַ זעקל מיט עבירות, וואָס ער האָט פאַרגעסן אויף דער ערד.

האָט מען אים נאָכגעגעבן און מען האָט געוואַרט. אָבער ווען דער שטן איז צוריקגעקומען מיט אַ קליין זעקעלע עבירות און ער האָט דערזעען, אַז די מצוות און די זכיות פון די יידן ווען אַלץ אַריבערוועגן די עבירות, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען, אַז דאָס וועגן אויף דער וואָג־שאָל וועט האַ־יאָר ניט זיין ריכטיק, ווייל דער באַרדיטשעווער רב האָט אים באַגנבעט.

ווייזט אויס, אַז דער רבונו־של־עולם האָט געוואָלט אָננעמען די טענות פון דעם שטן, ווייל די יידן האָבן, נעבעך, אין יענעם יאָר געהאַט אַ סך געזינדיקט.

איז אָבער געשען אַ נס, אַז גראָד דעמאָלט איז אויסגעפאַלן ראש־השנה אום שבת, האָט דער באַרדיטשעווער רבי זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן כסא־הכבוד און האָט אַזוי געזאָגט:

„רבונו־של־עולם, האַר פון אַלע וועלטן, דו ווייסט דאָך וואויל דעם דין פון דער גמרא, אַז אין שבת טאָר מען ניט שרייבן, נאָר די גמרא פּסקנט, אַז „פּקוח נפש איז דוחה שבת״, דאָס הייסט, אַז צו ראַטעווען אַ יידיש נפש פון אַ געפאַר, מעג מען מחלל שבת זיין. איז, אויב דו, רבונו־של־עולם, ווילסט די יידן היינט, אום שבת אָנשרייבן אין דיין ספר הזכרונות צום לעבן און צום גוטן, מעגסטו שרייבן שבת, ווייל אויב מען מעג כדי ראַטעווען בלויז איין נפש מחלל שבת זיין, מעג מען דאָך דאָס זיכער טאָן, ווען מען וויל ראַטעווען אַלע יידן. אויב אָבער דו האָסט בדעה, חס־וחלילה, צו שרייבן פאַרקערט, זאָג איך דיר אָן, אַלס באַרדיטשעווער רב, אַז דו טאָרסט ניט שרייבן אום שבת; אַזוי איז דער יידישער דין! און אויף מאָרגן טאָרסטו ניט וואַרטן מיט דיין שרייבן, ווייל די גמרא זאָגט: „בת דינא בטל דינא״, אַז דער דין נעכטיקט נאָר איין נאַכט ווערט ער שוין בטל. דערפאַר איז מיין עצה טובה, דו זאָלסט זיך ניט צוהערן צום שטן און ניט עובר זיין אויפן יידישן דין און טאַקע אָנשרייבן אַ גוט קוויטל פאַר אַלע יידן!...״

און אין דעם דאָזיקן יאָר — האָט ר׳ ירוחם סופר פאַרענדיקט זיין מעשה — איז געווען אַ גרויסע שפע ביי יידן און פּרנסה איז געווען בריוח און דאָס חסידות איז שטאַרק געוואַקסן...

ארשת שפתינו

פון מאָזשיצער רבין



השיבנו ד' אליך

פון מאָזשיצער רבין



אין קצבה

פון קאָזשעניצער מגיד



אַ דביקות־ניגון

פון מאָזשיצער רבין

הײליק דערהױבן. רעזי.



עשרת ימי־תשובה

מנהגים אין עשרת ימי תשובה

אין „ראשית חכמה״ ווערט געבראַכט אין נאָמען פון הרמ״ק, אַז די טעג צווישן ראש־השנה און יום־כיפור זיינען אַזוי ווי חול־המועד, מען טאָר ניט טאָן קיין מלאָכה, נאָר מען דאַרף זיך מתבודד זיין אין תורה און תשובה. (שם טוב קטן)

איינמאָל איז געקומען אַ ייד צווישן כסה לעשור צום „שפת אמת״ (דער גערער רבי), אים צו פרעגן אַן עצה אין מסחר, און ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט אַז דער רבי זאָל אים נאָך אין זעלבן טאָג געבן אַ תשובה, ווייל עס איז זייער אַ וויכטיקער ענין. האָט דער גערער רבי אים געענטפערט:
„היינט איז ניט פאַראַן קיין וויכטיקערע זאַך ווי צו טאָן תשובה״.
(שיח שרפי קודש, חלק ראשון)

מען איז זיך נוהג ניט אויסצורופן קיין חרם אין די עשרת ימי תשובה, כדי מען זאָל ניט מעורר־זיין די כוחות פון דין אין דער דאָזיקער צייט.
(רמ״א, אורח חיים, סימן תר״ב)

די תפילות פון יידן ווערן אָנגענומען

דער בעש״ט האָט געזאָגט: „אויב מען קאָן ניט מכוון זיין קיין שום כוונה, זאָל מען מתפלל זיין צו גאָט בלויז דערפאַר, וואָס השם יתברך האָט געהייסן מתפלל זיין, און ווען אַפילו מען ווייסט ניט דעם פירוש המלות, וועט די תפילה עולה זיין אין הימל, ווייל די ווערטער פון תורה און תפילה האָבן אין זיך אַ קדושה עליונה, אַ גרויסע הייליקייט און ווען די ווערטער גייען אַרויס פון האַרצן פון אַ מענטשן לשם שמים, מאַכן זיי גרויסע תקונים אין די אויבערשטע וועלטן״.
(אור ישרים, אין נאָמען פון „מגן אברהם״, אין נאָמען פון בעש״ט)

ביים בעל שם טוב איז אַנדערש געווען

אַ פאַכטער איז אַמאָל פאַר יום־כיפור אַריין צום רבין ר׳ יעקב־יוסף, דעם „בעל־התולדות״, אים געגעבן אַ קוויטל און אים געבעטן, ער זאָל אים אָנווינטשן, ער זאָל האָבן פרנסה.

„טו תשובה", האָט דער „בעל־התולדות" געענטפערט.

האָט דער פאַכטער אַ קרעכץ געטאָן און האָט געזאָגט:

„אַ שאָד, וואָס דער בעל־שם־טוב איז שוין מער נישטאָ. ווען איך בין געקומען צו אייער רבין און איך האָב אים דערציילט, אַז איך בין נכשל געוואָרן אין אַ גנבה, האָט ער זיך נישט צוריקגעהאַלטן מיר צו העלפן, כאָטש די גנבה איז נאָך געווען ביי מיר. און איר, נאָך איידער איך האָב געַגנבעט, ווילט איר שוין איך זאָל תשובה טאָן..."

(ספורים יקרים, זייט 21)

וואָס עס מיינט תשובה טאָן

דער רבי ר' שניאור זלמן פון ליאַדי שרייבט אין „תניא", אַז „תשובה־טאָן מיינט בלויז חרטה האָבן אויף די זינד, אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט אין דער גמרא (סנהדרין דף פ"ג און אין חושן משפט סוף סימן ל"ד וועגן ענין עדות), דאָס מיינט, אַז דער מענטש זאָל אָפּמאַכן ביי זיך אין האַרצן, אַז ער וועט שוין מער ניט זינדיקן. אָט דאָס איז דער עיקר תשובה... און ניט ווי עס איז די מיינונג פון המון־עם, אַז תשובה מיינט פאַסטן... דעריבער האָט דער רמב"ם און דער סמ"ג ניט דערמאָנט קיין שום תענית אין די מצוות פון תשובה, נאָר בלויז ווידוי און בעטן גאָט ער זאָל אונדז מוחל זיין."

מען דאַרף וויסן, וואָס די זינד איז

חסידים האָבן געפרעגט דעם „חוזה" פון לובלין:

„די חז"ל זאָגן: „רשעים אפילו על פתחו של גיהנום אינם חוזרים בתשובה" — רשעים, אפילו ווען זיי זיינען שוין ביי דער טיר פון גיהנום, טוען זיי נישט קיין תשובה. פרעגט זיך: זעען זיי דען נישט, אַז מען פירט זיי שוין אַריין אין גיהנום?"

האָט דער „חוזה" געענטפערט:

„ווען מען פירט זיי אין גיהנום אַריין, גלויבן זיי, אַז דער גן־עדן איז פאַר זיי אָנגעגרייט. און דאָס וואָס מען פירט זיי אַריין אין גיהנום איז, כדי זיי זאָלן פון דאָרט אַרויסנעמען די זינדיקע נשמות, וואָרים ווי קומט אַ „צדיק" אין גיהנום אַריין?" (נפלאות הרבי, אות רמ"ה)

אַן ענלעכע מעשה ווערט דערציילט פון רבין ר' נפתלי ראָפּשיצער. מען האָט אים געפרעגט: „עס שטייט: רשעים אפילו על פתחו של גיהנום אינם חוזרים בתשובה, קאָן מען דען תשובה טאָן ביי דער טיר פון גיהנום?"

האָט ר' נפתלי ראָפּשיצער געענטפערט:

„תשובה טאָן קאָן מען טאַקע נישט, אָבער מודה זיין, אַז מען האָט

געזינדיקט, דאָס קען מען יאָ. און די רשעים, אפילו ווען זיי זענען שוין ביי דער טיר פון גיהנום, וועלן נישט מודה זיין, אַז זיי האָבן געזינדיקט, נאָר זיי גלויבן, אַז זיי האָבן געטאָן בלויז מצוות"...

(חסידים מספרים, סימן י"ב)

גאָט הערט אַלע תפילות

דער רבי ר' אורילע סטרעליסקער האָט געטייטשט: „כי אתה שומע תפילת כל פה" — אפילו די תפילות וואָס זיינען אָן כוונת־הלב, נאָר „כל פה" — אינגאנצן בלויז מיטן מויל, הערסטו אויך צו. (ברכת אברהם)

תשובה טאָן איז אָן אַ תנאי

אַ חסיד איז אַריין פאַר יום־כיפור צום רבין ר' בער פון וועל־בראָזש און האָט געזאָגט:

„רבי, איך בין גרייט תשובה צו טאָן מיטן תנאי איך זאָל באַפרייט ווערן פון מיינע יסורים".

„און ווען דו האָסט געזינדיקט האָסטו זיך אויך אויסגערעדט אַ תנאי?" האָט דער רבי אים געפרעגט. (לקוטים יקרים, זייט 16)

דער מקור פון שלעכטס

אַ איד איז אַמאָל פאַר יום־כיפור געקומען צום רימאַנאָווער רבין ר' הערש משרת, און האָט געזאָגט:

„איך וויל תשובה טאָן".

„ווער לאָזט דיך נישט?"

„איך זוך דעם מקור פון שלעכטס, כדי איך זאָל אים קאָנען אויסרייסן".

„און צוליב דעם ביסטו געקומען קיין רימאַנאָוו?"

„בלויז קיין רימאַנאָוו? איך פאָר אַרום אין דער גאַנצער וועלט און זוך".

„דו פאַרשווענדסט דיין צייט בחינם. זאָלסט נישט זוכן דעם מקור פון שלעכטס אין רימאַנאָוו און נישט אין קיין אַנדער אָרט; דער מקור פון שלעכטס איז אין דיר, בלויז אין דיר אַליין"...

ווי אַזוי תשובה צו טאָן

חסידים דערציילן:

אַ איד איז אַמאָל געקומען אין די עשרת ימי תשובה צום ריזשינער רבין און האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט:

„איך וויל תשובה טאָן אויף מיינע זינד“.
„פאַרוואָס טוסטו דאָס נישט?“ האָט דער ריזשינער אים געפרעגט.
„איך ווייס נישט ווי אַזוי מען טוט תשובה“.
„און ווי אַזוי צו זינדיקן האָסטו געוואוסט?“
„איך האָב געטאָן, דערנאָך האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איך האָב געזינדיקט“.
„טו איצט אויך דאָס זעלבע, האָב חרטה און דער חשבון וועט שוין אַליין קומען“...

די דרשה אין שבת תשובה

דער רבי ר׳ שמעלקע ניקעלשבורגער פלעגט זאָגן אויף די רבנים, וועלכע זיינען יוצא מיטן דרשנען פאַרן עולם צוויי מאָל אין יאָר: שבת־הגדול און שבת־תשובה, אַז אויף זיי קלאָגט עס דער נביא און זאָגט: „והגד לעמי פשעם ולבית יעקב חטאתם, ואותי יום יום ידרשון“ (ישעיה נ״ח א) און זאָג מיין פאָלק זייער פאַרברעך, און דעם הויז פון יעקב זייערע זינד, און זיי זוכן מיך נאָך טאָג פאַר טאָג. אַנשטאָט מדריך צו זיין דעם עולם יעדן טאָג, אים כסדר מעורר צו זיין און אים לערנען דעם דרך אין יידישקייט, זיינען זיי יוצא מיט „ואותי יום יום ידרשון“, מיטן דרשנען „יום יום“ צוויי טעג, צוויי שבתים אין יאָר...

תשובה דורך שמחה

דער רבי ר׳ מאירל אַפּטער האָט געהאַט אַ דרך, אַז ער פלעגט מעורר זיין די אידן צו דינען דעם אייבערשטן, דורך שמחה.

איינמאָל שבת־שובה, איז דער רבי ר׳ מאירל פון אַפּט אַריין אין בית־המדרש, ער איז אַרויף אויפן באַלעמער און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן מיט גרויס התעוררות:

„יידן! לאָמיר מפייס זיין אונזער הייליקע תורה, ווייל מיר האָבן זי מבייש געווען אַ גאַנץ יאָר און מיר האָבן נישט מקיים געווען די מצוות פון דער תורה!“...

דער אַפּטער רבי האָט געזאָגט די ווערטער מיט אַזאַ התלהבות, אַז יעדעס וואָרט האָט לעכערט דאָס האַרץ פון יעדן יידן. און באַלד איז אויסגעבראָכן אַ גרויס געוויין אין בית־המדרש. יעדער איד האָט זיך דער־מאנט זיינע חטאים און האָט געקלאָגט מיט ביטערע טרערן, וואָס ער האָט אַ גאַנץ יאָר מבייש געווען די תורה...

דער רבי ר׳ מאיר אַפּטער איז אַרויס פון בית־המדרש און אַריין צו זיך אין שטוב אַריין, און די יידן האָבן געוויינט אַן ערך פון אַ צוויי שעה צייט.

ווען דער אַפּטער רבי איז נאָך אַ צוויי שעה אַרום, צוריקגעקומען אין בית המדרש אַריין און ער האָט געזען אַז די יידן וויינען נאָך אַליי, האָט ער געגעבן אַ קלאַפּ אין שטענדער און ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען:

יידן! נישט אַזוי האָב איך געמיינט, נישט דורך וויינען קאָן מען תשובה טאָן. איך האָב געוואָלט איר זאָלט תשובה טאָן מתוך שמחה, וואָס דאָס איז די אמתע תשובה".

און דער אַפּטער רבי, האָט מיט זיין שיין קול אָנגעהויבן צו זינגען „האדרת והאמונה לחי עולמים" מיט אַזאַ שמחה און חדוה, אַז אַלע האָבן אויפגעהערט צו וויינען...

און די יידן האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט און זיי האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן.

די יידן האָבן געטאַנצט אַן ערך פון אַ שעה מיט גרויס שמחה. און ערשט דערנאָך האָט דער רבי ר' מאירל פון אַפּט געהייסן דאַווענען מנחה.

(קהל חסידים החדש)

פאַרוואָס דער רב זאָגט אַ דרשה שבת־שובה

„דערפאַר האָט מען איינגעפירט — פלעגט דער ראָפּשיצער זאָגן — דעם מנהג אַז דער רב זאָל שבת־שובה זאָגן אַ דרשה, מחמת, טאָמער איז דער רב אַ צדיק תמים און האָט ניט אויף זיך קיין שום עבירה אויף וואָס תשובה צו טאָן, זאָל ער זינדיקן מיט דער דרשה, וואָרום על־פּי־רוב זיינען אַזעלכע דרשות אַן עבירה יעדעס וואָרט!..."

* * *

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם גערער רבין ר' איטשע מאיר, גערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר „חדושי הרי"ם", פאַרוואָס האָט דער „שולחן ערוך" ניט קיין „הלכות תשובה" אַזוי ווי דער רמב"ם האָט? האָט דער „חדושי הרי"ם" געענטפערט: ווייל דער רמב"ם האָט געשריבן הלכות אַפילו אויף די דינים וואָס זיינען ניט נוהג בזמן הזה, אָבער דער שולחן ערוך האָט נאָר געשריבן דינים און הלכות וואָס זיינען נוהג בזמן הזה, און כידוע טוט מען בזמן הזה ניט קיין תשובה!...

יום כפור



אַ זילבערנע כתר־תורה פון פוילן, פון דעם ערשטן העלפט
פון 19־טן יאָרהונדערט.

יום כפור



אַ זילבערנער שלאָס פון אַ גאַרטל צו אַ קיטל פון לעמבערג,
פון יאָר 1863.

מנהגים פון ערב יום־כיפור

אין אַ סך שטעט און שטעטלעך אין פוילן איז פאַראַן אַ מנהג, אַז ערב יום־כיפור, אינדערפרי נאָכן דאַוונען, טיילט די חברה קדישא בראָנפן און האָניק־לעקעך צו די מתפללים. אַ טעם פאַר דעם מנהג ווערט געבראַכט אין „מנהגי בית יעקב“ (סימן קצ"א), ווייל אויב עס איז נגזר געוואָרן אין הימל עמיצן אָנצוקומען צו אַנדערע מענטשן, צו מתנת בשר־ודם, זאָל די גזירה מקוים ווערן איצט און מען זאָל דערמיט יוצא זיין, וואָס מען נעמט לעקעך און בראָנפן פון דער חברה קדישא...

אויך ווערט געבראַכט אַ טעם אין „טעמי המנהגים“ (פ"ז ע"א), פאַר־וואָס מען עסט ערב יום־כיפור קרעפּלעך מיט פלייש, ווייל פלייש איז מרמז אויף „דין“, און טייג — אויף „רחמים“, באַמיט מען זיך „ווייך צו מאַכן די דינים“...

יידן טראָגן יום־כיפור אַ קיטל, ווייל זיי זיינען געגליכן צו מלאכים. אין תלמוד ירושלמי, אין דער גמרא ראש־השנה פ"א, ג' ווערט געבראַכט, אַז „דער מנהג פון דער וועלט איז, אַז ווען אַ מענטש דאַרף שטיין פאַר אַ משפט , טוט ער זיך אָן שוואַרצע מלבושים. די יידן טוען אָבער ניט אַזוי, נאָר זיי טוען זיך אָן ווייסע מלבושים און הילן זיך איין אין ווייסע קליי־דער“...

די ערב יום־כיפורדיקע חלות

ערב יום־כיפור איז געווען אַ מנהג אין פאַרשיידענע יידישע קהילות צו באַקן חלות אין דער פאָרעם פון פליגלען, ווייל די יידן זיינען אין יום־כיפור געגליכן צו די מלאכים אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט אין מדרש און די מלאכים האָבן צו זעקס פליגלען. (ספר הטעמים)

אין ליטע איז געווען אַ מנהג אויסצופאָרעמען אויף דער חלה, ערב יום־כיפור, אַ צורה פון אַ לייטערל, אַלס רמז, אַז די יידישע תפילות זאָלן אַרויפגיין אין הימל אַריין דורך אַ לייטער...

אין אַ סך רבישע הויפן איז געווען אַ מנהג אויסצופאָרעמען אויף די חלות אַ צורה פון אַ פויגל. אויך מסתמא צוליב דעם זעלבן טעם: ווייל די יידן זיינען געגליכן צו מלאכים, וואָס האָבן פליגלען...

דער מנהג פון איבערבעטן זיך ערב יום־כיפור

עס איז אַ מנהג ערב יום־כיפור צו בעטן מחילה איינער ביים צווייטן. אין „לקט ישר" ווערט געבראַכט, אַז עס איז געווען אַ מנהג ביים גאון ר' ישראל איסרלין, אַז אַלע בעלי־בתים פון שטאָט זיינען געקומען צום גאון יום־כיפור ביינאַכט און געבעטן ביי אים מחילה. דערנאָך איז דער שמש אַרויף אויף דעם באַלעמער און האָט געזאָגט: „זאָל הערן די גאַנצע קהילה קדושה. דער רב ר' ישראל איסרלין בעט ביי אייך אַלע מחילה. און ווער עס האָט אויף אים עפּעס אַ תרעומות, ווער עס רעכנט, אַז דער רב האָט אין משך פון יאָר אים ניט ריכטיק געפּסקנט און האָט אים גורם געווען היזק־ממון, בעט דער רב, אַז דער דאָזיקער ייד זאָל אים איצט מוחל זיין און נאָך יום־כיפור זאָל ער דעם רב רופן צו אַ דין־תורה". און דער מחבר פון „לקט ישר" לאָזט אויס, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געזען, אַז עס זאָל ווער פון די בעלי־בתים נאָך יום־כיפור רופן דעם גאון צו אַ דין־תורה.

דער רבינו עובדיה מברטנורא שרייבט אין איינער פון זיינע רייזע־באַשרייבונגען, אַז אין פּאַלערמאָ האָט ער געזען אַ מנהג, אַז יום־כיפור ביינאַכט און אין דער נאַכט פון הושנא רבא, זיינען די יידן נאָך מעריב גע־בליבן זיצן אין דער שול און מען האָט געעפנט דעם ארון קודש, און אַלע ווייבער פון שטאָט זיינען אַריינגעקומען אין שול אַריין און האָבן געקושט די ספרי תורה. (אין אַ סך שטעט אין גאַליציע ווערט דער מנהג אויסגע־פירט שמחת־תורה ביי די הקפות).

ביי די תימנישע יידן אין אַדען איז איינגעפירט אַ מנהג, אַז יום־כיפור ביינאַכט נאָך מעריב גייט יעדער איינער צו צום צווייטן און האַלדזט אים און קושט אים און ווינטשט אים אָן, אַז זיינע תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן אין הימל. אַזוי שרייבט ר' יעקב איבן ספיר אין זיינע רייזע־באַשריי־בונגען (חלק שני), אַז ער האָט געזען דעם דאָזיקן מנהג אין אַדען און אַז

ער איז זייער ענלעך צו דעם מנהג פון די אַראַבער, וואָס קושן זיך אין זייערע יום־טובים און ווינטשן איינער דעם אַנדערן, אַז די תפילות זאָלן אַרויפגיין אין הימל אַריין.

דער מנהג פון צינדן ליכט אין דער שול

דער מנהג פון אָנצינדן ליכט אין שול ערב יום־כיפור פאַרנאַכט, וואָס זאָל ברענען איבער גאַנץ יום־כיפור, ווערט געבראַכט אין מדרש תנחומא אויפן פסוק: „ולקחתם לכם ביום הראשון"... אַז גאָט האָט געהייסן אָנצינדן די מנורה אין בית המקדש, ניט ווייל אים פעלט אויס ליכט, נאָר ווייל די נשמה פון אַ מענטשן איז געגליכן צו ליכט, ווי עס שטייט אין פסוק: „נר ד' נשמת אדם"...

אין אַ סך שטעט און שטעטלעך אין פוילן איז געווען אַ מנהג צו ציען קנייטלעך ערב יום־כיפור דורך צעלאָזענעם וואַקס, צו מאַכן ליכט, און ביי יעדן קנייטל דערמאָנען די נשמות פון די צדיקים און פון די פאַר־שטאָרבענע קרובים.

אין בעלזער הויף איז געווען אַ מנהג, אַז דער בעלזער רבי האָט גע־זאָגט מוסר די ווייבער ביים ציען די קנייטלעך. טויזנטער חסידים פלעגן שטיין פאַר דער שול און הערן דעם רבינס מוסר־זאָגן, די בכיות זיינען דעמאָלט געגאַנגען עד לב השמים...

ר' פנחס קאָריצער הייסט זאָגן דעם אמת

דער רבי ר' פנחס קאָריצער האָט געלערנט זיינע חסידים זיי זאָלן זיך דערווייטערן פון שקר און נאָר זאָגן דעם אמת.

ער פלעגט זאָגן: „ווען יעדער זאָל זאָגן דעם אמת, וואָלט משיח געקומען".

און איינמאָל ערב יום־כפור איז געשטאַנען דער עולם חסידים אין בית־המדרש און געזאָגט תהלים מיט גרויסע בכיות, האָט זיך אויסגעדרייט דער רבי ר' פנחסל קאָריצער פון זיין עמוד מיטן פנים צו די חסידים און ער האָט געזאָגט:

„עס איז בחינם אייער געשריי. אייערע תפילות גייען נישט אַרויף אין הימל. אַ גאַנץ יאָר האָט איר געזאָגט ליגן, ווי אַזוי קאָנען תפילות אָנגענומען ווערן, ווען זיי גייען אַרויס פון מענטשן, וואָס זייער מויל האָט געזאָגט שקר? טייערע יידן! נעמט אויף זיך פון היינט אָן און ווייטער נישט מער צו זאָגן קיין ליגן, און איך בין אייך מבטיח, אַז אייערע תפילות וועלן אָנגענומען ווערן". (באר החסידות, זייט 35)

דער באַרדיטשעווער איז מליץ יושר

ווען ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט געהאַלטן ביים זאָגן די תפילה: „והסר שטן מלפנינו ומאחרינו״, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ער האָט געזאָגט:

„בשעת ווען יעדע יידישע משפחה זיצט פּורים ביי דער סעודה און עס הערשט שמחה אין שטוב, קומט דער שטן און איז מקטרג און ער זאָגט פאַרן כביכול:

„זע, ווי דיין פאָלק ישראל איז זיך משמח, עסט און טרינקט, אַז דער געדאַנק איז ביי אים נישט קלאָר״.

ענטפערט מען אים אין הימל:

„זע וואָס עס איז געווען אַ טאָג פריער — אַ טאָג פון פאַסטן, אסתר־תענית, און יידן האָבן געפאַסט און געזאָגט תפילה צום אויבערשטן״.

אויך ערב יום־כפור קומט דער שטן און שטעלט זיך אַוועק פאַרן כסא הכבוד און ער זאָגט:

„עס קומט באַלד אָן דער יום־הדין און זע ווי דיין פאָלק עסט און טרינקט״.

ענטפערט מען אים אין הימל:

„זע, וואָס עס וועט זיין אין דעם טאָג וואָס וועט קומען, — יום כפור, דעמאָלט וועלן יידן פאַסטן און בעטן פאַרן אויבערשטן״.

דעריבער זאָגן מיר די תפילה פאַרן רבונו־של־עולם, — האָט דער באַרדיטשעווער אויסגעלאָזט — „והסר שטן מלפנינו ומאחרינו״.

לאָמיר שטילשווייגנדיק שרייען

דער רבי ר׳ מענדעלע וואָרקער האָט אַמאָל ערב יום־כפור געזאָגט: „תשובה דאַרף קומען פון האַרצן״.

„מען דאַרף שטילשווייגנדיק שרייען, ווי עס שטייט: „אענך בסתר רעם״. דער רעם־דונער דאַרף זיין בסתר — פאַרבאָרגן, דעמאָלט ענטפערט דער אויבערשטער. מיר זאָגן אין דער תפילה: „אם תשיב מיד תקבלו״, — מען קען דאָס פאַרטייטשן מיט אַ משל: ווען אַ סוחר ברענגט סחורה וואָס איז נישט דער זמן דערויף, וועט מען מדקדק זיין אין דער סחורה, און אויב מ׳וועט געפינען עפּעס אַ פעלער אין דער סחורה, וועט מען זי נישט קויפן. אויב אָבער אַ סוחר ברענגט זיין סחורה אין זמן, וועט קיין מענטש נישט אַזוי שטאַרק מדקדק זיין אין דער סחורה און וועט זי קויפן. דאָס זעלבע איז מיט תשובה־טאָן ערב יום־כפור און יום־כפור, עס איז דער זמן פון תשובה טאָן, איז מען נישט אַזוי שטאַרק מדקדק אין הימל און אפילו עס איז פאַראַן אַ חסרון, נעמט מען זי אָן. דאָס איז דער טייטש,

וואס מיר זאָגן אין פיוט: „אם ישוב מיד תקבלו״, — ווי נאָר איר וועט תשובה טאָן וועט מען גלייך ביי אייך אָרויסכאַפּן די „סחורה״ פון די הענט!״...
(מגדולי החסידות, ספר ג׳ זייט 108)

די גרעסטע מדריגה איז זיך אַליין אײנזינען צו האָבן

דער סאַנזער רבי, ר׳ חיים האַלבערשטאַם, האָט אַמאָל ערב־יום־כיפור געזאָגט:

„ווען איך בין יונג געווען האָט אין מיר געברענט אַ גרויס פייער, און איך האָב געגלויבט, אַז איך וועל די גאַנצע וועלט מחזיר למוטב זיין. ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, האָט זיך דאָס פייער אַביסל איינגעשטילט. האָב איך געזאָגט, די גאַנצע וועלט וועל איך טאַקע נישט מתקן זיין, אָבער אויף די יידן פון מיין שטאָט וועל איך קאָנען משפיע זיין, זיי זאָלן תשובה טאָן.

„יאָרן זיינען אַוועק און איך האָב דערזען, אַז איך האָב פאַרלאַנגט צופיל. האָב איך געטראַכט, עס וועט גענוג זיין, אַז איך וועל מחזיר למוטב זיין מיין אייגן בני־בית. איצט, ווען עס האַלט שוין ביי נעילה, זע איך, אַז איך האָב מיין גאַנץ לעבן געחלומט. איצט האָב איך בלויז איין תפילה: הלוואי איך זאָל לכל־הפחות זיך אַליין מתקן זיין״...

(מקור חיים, סימן תר״י)

* * *

אין דברים ערבים זייט 8, ווערט געבראַכט פון רבין ר׳ אייזיקל פון קאָמאַרנע, אַז ער האָט געזאָגט: „אין מיין יוגנט האָב איך געגלויבט, אַז איך וועל מיט אַ שטורעם־ווינט אַרויף אין הימל, אַזוי ווי אליהו הנביא. איצט, ווען איך בין שוין אַלט, האָב איך מער נישט קיין האָפענונג דערויף. איצט האָב איך בלויז איין תפילה: איך זאָל נישט אַראָפּ אין שאול־תחתיות. אָבער אָן יענעם יוגנט־גלויבן — ווער ווייסט, וואו איך וואָלט זיך איצט געפונען?...״

ווי אַזוי דער אוהעלער רבי איז געווען אַ מליץ יושר

איינמאָל ערב יום־כפור האָט דער אוהעלער רבי, ר׳ משה טייטל־בוים, געדרשנט אין בית המדרש. פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פון דרשענען און האָט געהייסן אַלע קינדער פון בית המדרש זיי זאָלן זיך אויסשטעלן אַרום דעם ארון קודש.

„קינדער מיינע״, האָט ר׳ משה אויסגערופן, „זענט איר גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר דער יידישער אמונה אויב גאָטס רצון וועט אַזוי זיין?״

און באַלד האָט דער רבי ר׳ משה אַליין געענטפערט:

„איך קען דאָך אייך, טאָ רופט אַלע אויס אויף אַ קול: יאָ, מיר זיינען גרייט צו שטאַרבן!"

און די קינדער האָבן נאָכגעזאָגט דעם רבינס רייד.

דעמאָלט האָט זיך דער רבי ר׳ משה אויסגעדרייט צום ארון קודש און האָט אויסגערופן:

„רבונו של עולם! די תורה דערציילט וועגן איין יינגל, יצחק אבינו, וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם און דאָ שטייט פאַר דיר אַ גאַנצע עדה אַזעלכע יצחקס. קוק אַראָפּ פון הימל און זיי זיך מרחם אויפן פאָלק ישראל..."

ביידע ווילן תשובה טאָן

צעבראָכן און פאַר׳צער׳ט איז דער רבי ר׳ בער פון ראַדאָשיץ ערב יום־כפור אַריינגעקומען צום „חוזה" פון לובלין.

„איך וויל תשובה טאָן" האָט ער געזאָגט.

„אויף וועלכע זינד?" האָט דער „חוזה" געפרעגט.

האָט דער רבי ר׳ בער זיך צעוויינט:

„איך בין ערגער פון די גרעסטע בעלי־עבירות, איך ווייס אָפילו נישט, וואָס מיינע זינד זיינען".

„איך בין אויך אַזוי", האָט דער „חוזה" געענטפערט, „לאָמיר ביידע צוזאַמען תשובה טאָן".

(בית הלל, געבראַכט אין ספר חסידים מספרים)

* * *

אין ספר „ליקוטים חדשים", זייט 11, ווערט דערציילט אַן ענלעכע מעשה וועגן רבי לוי יצחק בערדיטשעווער. אַ פאַררייכטער פון כלים איז אַמאָל דורכגעגאַנגען דורך רבי לוי יצחק בערדיטשעווערס הויז און ער האָט געפרעגט: „פאַראַן וואָס צו פאַרריכטן?" האָט דער בערדיטשעווער רבי זיך צעוויינט און האָט געזאָגט: „פאַראַן, פאַראַן, אָבער איך ווייס נישט ביי וואָס אָנצוהייבן". אין ספר „אור ישרים", זייט 47, ווערט די זעלבע מעשה געבראַכט לויט אַן אַנדערן נוסח: דער בערדיטשעווער רבי האָט געענטפערט: „וואָס דאַרף איך פאַרריכטן כלים, אַז איך האָב זיך אַליין נאָך נישט פאַרריכט".)

חשבון הנפש אום ערב יום־כיפור

דער סאַנדזער רבי איז געווען אַזאַ מתמיד אין לערנען, אַז ער האָט פאַרשריבן אין אַ פנקס יעדע רגע וואָס ער האָט באַלמוטשעט פון לערנען. ערב יום־כפור האָט ער גענומען דעם פנקס און צונויפגערעכנט וויפיל רגעס ער האָט מבטל געווען פון לערנען אין משך פון יאָר, און ער פלעגט

זייער ווײנען און תשובה טאָן אויף דעם בטול תורה. די חסידים זיינע פלעגן זאָגן, אַז די אַלע רגעס, וואָס ער האָט מבטל געווען פון לערנען, האָבן קיינמאָל ניט באַטראָפן מער ווי דריי שעה אין יאָר. און אָט אויף די דריי שעה, וואָס ער האָט ניט געלערנט אין משך פון אַ גאַנץ יאָר, האָט דער סאַנדזער רבי תשובה געטאָן...

(די זעלבע מעשה ווערט אויך דערציילט וועגן ווילנער גאון).

וואָס מיינט „על חטא... ביצר הרע?"

דער ראַדאָמסקער רבי ר' שלמהלע האָט אַמאָל ערב יום־כיפור גע־פרעגט די חסידים: פאַרוואָס זאָגן מיר אין די על חטאס אויך „על חטא שחטאנו לפניך ביצר הרע", איז דען פאַראַן אַן עבירה וואו אין דעם איז ניט שולדיק דער יצר־הרע?

נאָר דער תירוץ איז אַזוי: כידוע, איז דער יצר הרע באַשאַפן געוואָרן בלויז אָנצורעדן דעם מענטשן צו זינדיקן, אָבער אַליין באַטייליקט ער זיך ניט אין דער עבירה. אַמאָל טרעפט אָבער, אַז דער יצר הרע רעדט איין דעם מענטשן, אַז דאָס, וואָס ער הייסט אים טאָן, איז גאָר אַ מצווה, און ער אַליין וועט אים צוהעלפן טאָן די דאָזיקע „מצווה"; אַזוי־אַרום ווערט דער יצר הרע אַ שותף צו דער עבירה. שלאָגן מיר זיך דעריבער באַזונדער „על חטא... ביצר הרע", אויף די עבירות וואָס מיר האָבן געזינדיקט בשותפות מיטן יצר הרע... (חסידישע אוצרות)

דער ייד איז פול מיט בטחון

דער רבי ר' משה קאָברינער האָט אַמאָל געזאָגט ערב יום־כיפור ביים טיש:

די גמרא זאָגט אין יומא (פ"א): „כל האוכל בתשיעי, כאילו מתענה תשיעי ועשירי" — ווער עס עסט דעם ניינטן טאָג, (אין תשרי, ערב יום־כיפור), איז גלייך ווי ער וואָלט געפאַסט דעם ניינטן און דעם צענטן טאָג. איז אויב אַזאַ טאָג, ערב דעם יום הדין — האָט ר' משה קאָברינער געזאָגט, — ווען מען דאַרף זיך שטעלן צום משפט פאַר גאָט און אָפּגעבן אַ דין וחשבון פאַר אַלע מעשים, קאָן זיך נאָך אַ ייד אַוועקזעצן צום טיש און עסן בלויז דערפאַר, ווייל אַזוי הייסט די תורה, איז אָט דאָס אַליין שוין אַ גרויסע מדרגה, וואָרום דאָס באַווייזט, אַז דער ייד איז פול מיט בטחון צום אויבערשטן, אַז ער וועט אים מוחל זיין, און שוין צוליב דעם אַליין, פאַר־דינט ער טאַקע מען זאָל אים מוחל זיין אין הימל אַלע זיינע חטאים!...

פאַרוואָס מיר גרויסן זיך מיט עקידת יצחק

דער רבי ר' יצחק פון וואָרקע האָט אַמאָל ערב יום־כיפור געזאָגט צו זיינע חסידים:

פאַרוואָס דערמאָנען מיר אין די ימים־נוראימדיקע טעג כסדר דעם זכות וואָס אַברהם אָבינו האָט געפּירט זיין זון יצחק צו דער עקידה? ביי די סליחות שרייען מיר „זכור ברית אברהם ועקידת יצחק״. וואָס פאַר אַ גרויסקייט איז דאָ געווען? און ווען הקדוש־ברוך־הוא באַווייזט זיך צו אַ פּשוטן ייד און זאָגט אים ער זאָל ברענגען זיין זון צו דער עקידה, וואָלט ער דען דאָס ניט געווען מקיים געווען?

נאָר דער ענטפער איז — האָט דער וואָרקער רבי מסביר געווען, — וואָס ווען גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען „קח נא את בנך״ (בראשית כ״ב, ב׳), איז צו אים געקומען דער שטן און האָט צו אים געזאָגט: זע נאָר זע, אברהם, וואָס דו גייסט טאָן. צוויי יידן זיינען בסך הכל פאַראַן אויף דער גאַנצער וועלט, דו און דיין זון יצחק. אַז ישמעאל, דער זון פון הגרן, האָט זיך דערווייטערט פון יידישקייט — דאַרף איך דאָך דיר ניט דערציילן, דאָס ווייסטו דאָך אַליין. און איצט מאַך דיר אַליין אַ פּשוטן חשבון: דו און שרה זייט דאָך שוין אַלט און וועט קיין קינדער זיכער מער ניט קענען האָבן, און אויב דו וועסט טאַקע ברענגען דיין יצחק פאַר אַ קרבן, וועט דאָך אויסגעמעקט ווערן דער זכר פון אַ יידן אויף דער וועלט; אויב דו וועסט אומברענגען דיין יצחקן, וועט דאָך אונטערגיין דער שטאַם פון אַ גאַנץ יידיש פאָלק, וואָס עס וועט דאַרפן פון אים אַרויסוואַקסן...

אָבער אברהם אָבינו האָט זיך ניט צוגעהערט צו די טענות פון שטן און ער האָט געענטפערט: „איך בין מחויב מקיים צו זיין גאָטס געבאָט; ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל ברענגען מיין איינציקן זון פאַר אַ קרבן, דאַרף איך עס טאָן. די אַלע חשבונות, אַז אויף דער וועלט וועלן פעלן יידן — גייט מיך גאָר נישט אָן; עס איז גאָטס וועלט, און עס איז ניט מיין אויפגאַבע צוצושטעלן אים יידן אויף דער וועלט״.

אָט אין דעם איז די גרויסקייט פון אברהם אָבינו; ער האָט קיין שום חשבונות ניט געוואָלט מאַכן; ער האָט זיך צו קיין שום טענות, וואָס אין ערשטן בליק זעען זיי אויס צו זיין ריכטיקע, ניט געוואָלט צוהערן, נאָר ער איז געווען מוכן ומזומן אויסצופירן דעם באַפעל פון השם־יתברך. דעריבער דערמאָנען מיר כסדר אין די ימים־נוראימדיקע תפילות דעם זכות פון עקידת יצחק...

(מאוצר המחשבה של החסידות, זייט 44)

דער גאָסטינינער רבי קומט בעטן מחילה

איינמאָל איז אין גאָסטינין אויסגעבראָכן אַ מחלוקה מיטן רבי׳ן צוליב אַ שוחט, וואָס דער גאָסטינינער רבי האָט געאסרט זיין שחיטה. די מחלוקה איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ערב־יום־כפור האָבן אַ צאָל בעלי־בתים געמאַכט אַ מנין פאַר זיך אין שטוב, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט דאַוונען צוזאַמען מיטן גאָסטינינער רבי׳ן אין בית־המדרש.

ערב יום כפור פאַר כל־נדרי, ווען דער רבי איז געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין דאַוונען, האָט ער געפרעגט זיין משמש ר׳ אברהם־יוספן, צי ער וועט מיט אים מיטגיין מפייס זיין די יידן? האָט דער משמש געזאָגט, אַז ער וועט מיטגיין מיטן רבי׳ן.

איז דער גאָסטינינער רבי גלייך אַוועק מיטן משמש צו דעם הויז וואו די בעלי־בתים האָבן געמאַכט אַ מנין פאַר זיך און ער האָט זיך געשטעלט פאַר דער טיר.

די יידן זיינען געשטאַנען אין שטוב אָנגעטאָן אין זייערע קיטלען און טליתים גרייט צו זאָגן כל־נדרי. פּלוצלונג האָבן זיי דערזען דעם גאָסטינינער רבי׳ן שטיין ביי דער טיר. זיינען זיי אַלע נבהל ונשתומם געוואָרן, און זיי זיינען אַלע שטיל געוואָרן. האָט זיך דער גאָסטינינער רבי אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר און האָט אָנגעהויבן פאַר זיי צו וויינען, זיי זאָלן אים מוחל זיין.

האָט דאָס געווען פון רבי׳ן דורכגענומען די בעלי־בתים און זיי האָבן אַלע געוואָלט צוריקגיין אין בית־המדרש אַריין דאַוונען מיטן רבי׳ן צוזאַמען, אָבער דער גאָסטינינער רבי האָט צו זיי געזאָגט:

„אַזוי ווי איר האָט שוין קובע געווען אַ מנין צום דאַוונען, זאָלט איר דאָ דאַוונען יום־כפור״.

און עס איז דערנאָך געוואָרן שלום אין שטאָט.

(שיח שרפי קודש, זייט 35, סימן קס״ח)

דו האָסט געזינדיקט און אויף מיר זאָגסטו

דער רבי ר׳ נפתלי ראָפּשיצער, איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ גרויסער ווערטל־זאָגער. איינמאָל, ערב יום־כיפור פאַרנאַכט, ביים דאַוונען די שטילע שמונה־עשרה ביים „חוזה״ אין לובלין, האָט אַ חסיד אויף זיין פּלייצע אַרויפגעלייגט דעם מחזור און געזאָגט די שמונה־עשרה מיט די „אָשמנוס״ און „על חטאס״. נאָך דער שמונה־עשרה זאָגט ר׳ נפתלי צו דעם פרעמדן חסיד:

„דו האָסט געזינדיקט און אויף מיר לייגסטו אַרויף!״...

אַ דאָרפס־ייד ראַטעוועט יידן פון אַ מגפה

איינמאָל האָט דער ראָפּשיצער דערציילט, אַז דעם יאָר ערב יום־כיפור האָט אַ דאָרפס־ייד אָפּגעראַטעוועט די יידן פון אַ מגפה, ווייל ס׳איז געהאַט אַרויס אַ גזר מן השמים, אַז אַ סך ווייבער זאָלן אין דעם יאָר שטאַרבן. איז געקומען אַ דאָרפס־ייד אין שטאָט אַריין, אַ פּראָסטאַק, און ער האָט ערב יום־כיפור פאַרנאַכט געשטעלט זיך דאַוונען מנחה פאַרן עמוד און ווען

ס׳איז געקומען צו דער „הויכער שמונה־עשרה״, האָט ער אָנשטאָט צו זאָגן ביי ברוך עלינו... ברוך אתה ד׳ מברך „השנים״ געזאָגט פאַרגרייזט מברך „הנשים״ און אַזוי אַרום האָט ער אויסגעבעטן, אַז די גזירה אויף די ווייבער זאָל בטל ווערן.

אַ טייטש פון ר׳בין ר׳ ברוכל

דער רבי ר׳ ברוכל פון מעזשיבוזש האָט תמיד געלערנט די חסידים זיי זאָלן זיין בשמחה. אפילו ערב יום־כפור ביי דער סעודה המפסקת איז דער רבי ר׳ ברוכל געווען בשמחה און ער האָט געטיילט די חסידים ביים טיש פאַרשידענע זיסקייטן און ער האָט צו זיי געזאָגט: „איך האָב אייך זייער ליב, ווען איך זע אַ גוטע זאַך אויף דער וועלט, וויל איך עס אייך געבן, געדענקט גוט דעם פסוק: „טעמו וראו כי טוב״, — זייט גוט טועם, וועט איר זען, אַז דאָרט וואו עס איז דאָ גוטס — דאָרט איז השם יתברך!״

און דער רבי ר׳ ברוכל האָט אָנגעהויבן צו זינגען דעם זמר:

„מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו״.

(הניגון והריקוד בחסידות, זייט 152)

דער ריזשינער רבי טענהט זיך אוים מיט גאָט

דער ריזשינער רבי ר׳ ישראלטשע האָט אַמאָל ערב יום־כיפור ביי דער סעודה־המפסקת זיך שטאַרק פאַרטראַכט. ער האָט זיך געשפּילט מיט זיין טאַבאַק־פושקעלע און טראָפּנס שוויס זיינען גערונען פון זיין פּנים, וואָס האָט געלויכטן ווי אַ לפּיד־אש. אַן אימה און פּחד איז דעמאָלט באַפאַלן אַלע חסידים.

דער ריזשינער רבי איז אַזוי געווען פאַרמוטשט אַ היפּשע ווײַלע. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו זיינע חסידים:

אויב דער רבונו־של־עולם וועט מיט אונדז ניט האַנדלען מיט רחמים, וועלן מיר מיט אים ריידן מיט דין, וואָרום דער טייטש פון פסוק „למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך״ (תהילים קי״ט) איז: די יידן שטעלן דיך, רבונו־של־עולם, היינט צום משפט, ניט דו די יידן, „כי הכל עבדיך״, וואָרום די אַלע צרות וואָס קומען אויף אונדז יידן, דאָס גאַנצע גלות און די גאַנצע דחקות איז נאָר, ווייל מיר זיינען דיינע קנעכט און ווילן דינען נאָר דיך אַליין!...

און טרערן זיינען געפאַלן אויפן התלהבותדיקן פּנים פון ריזשינער רבין, און אַלע חסידים האָבן מיטגעוויינט מיטן רבין מיט דמעות שליש.

(בית־ישראל)

צוויי טרערן

דער רבי ר׳ יצחק נעשכיזער האָט דערציילט, אַז דער רבי ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער איז תמיד געווען אין שמחה, און מיט דעם דאָזיקן כח האָט ער אויסגעפועלט זיינע בקשות פאַרן כלל ישראל.

„איינמאָל ערב יום־כפור האָב איך געזען ווי ר׳ לוי יצחק איז גע־זעסן ביי דער סעודה און ער האָט זייער שיין געזונגען און דערנאָך האָבן פון זיינע אויגן געטריפט בלויז צוויי טרערן און נישט מער״.

(זכרון טוב)

אַ טייטש פון ריזשינער רבין

דער ריזשינער רבי איז אַמאָל געזעסן ערב יום־כיפור ביי דער סעודה און האָט געזאָגט:

דאָס וואָס עס שטייט „ועניתם את נפשותיכם״, — מיינט מען, אַז איר וועט קאָנען פאַרענטפערן אייער נפש. (זכרנו לחיים כ״ו)

דער מנהג פון זאָגן כל־נדרי

דער מנהג פון זאָגן כל נדרי ערב יום־כיפור פאַרנאַכט איז אויפגעקו־מען אין די צייטן פון די גאונים. דאָס הייסט צווישן דעם זיבעטן יאָרהונ־דערט ביז דעם עלפטן בערך.

פריער האָט מען געמיינט, אַז דער מנהג פון זאָגן כל נדרי איז אַנטשטאַנען אין די צייטן פון די מאַראַנען אין שפּאַניע, ווען מען האָט געצוואונגען די יידן זיך צו שמדן און צו לעבן אויסערלעך ווי קריסטן. די יידן האָבן אין געהיים, האָט מען געזאָגט, ערב יום־כיפור געזאָגט די תפילה כל נדרי, כדי עס זאָל זיי באַפרייען פון אַלע שבועות און נדרים וואָס זיי נעמען אויף זיך, ווייל די גלחים צווינגען זיי דערצו.

אָבער איצט ווייסט מען שוין אויף זיכער, אַז אין דער צייט פון די גאונים איז דער מנהג שוין געווען באַקאַנט. דערפאַר איז טאַקע כל נדרי פאַרפאַסט געוואָרן אויף דער אַראַמישער שפּראַך, ווייל דער המון־עם אין בבל האָט גערעדט אַראַמיש. די לומדים האָבן געזאָגט כל נדרי אויף העברעאיש. די גאונים האָבן זיך באַמיט מבטל צו זיין דעם מנהג. אַזוי שרייבט רב האי גאון, אַז „מיר זיינען ניט מתיר נדרים צווישן ראש־השנה און יום־כיפור. מיר האָבן ניט געהערט פון אונדזערע עלטערן, אַז זיי זאָלן דאָס האָבן געטאָן, און מיר דאַרפן אויך אַזוי טאָן און ניט משנה זיין דעם מנהג פון די ישיבות.״

אויך דער „כל־בו״ (סימן ס״ח), שרייבט וועגן מנהג פון זאָגן כל נדרי:
„מיר האָבן שוין אַרויסגעזאָגט אונדזער מיינונג און מיר האָבן אויפגע־

קלערט, אַז מען זאָל אינגאַנצן ניט זאָגן כל נדרי, וואָרום וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס, וואָס אַ מענטש איז מבטל זיין נדר, וואָס ער האָט פריער געטאָן? און דער מנהג האָט דעריבער קיין ממשות ניט".

עס האָבן אָנגעוויזן די יידישע געלערנטע, ווי שמואל קרויז און י. פּאָזנאַנסקי, אַז דער מנהג צו זאָגן כל נדרי איז אַנטשטאַנען אין די צייטן פון קאַמף צווישן די רבנישע יידן און די קאַראַאימער אין ארץ־ישראל. וואָרום די קאַראַאימער זיינען געווען קעגן דעם, אַז אַ ייד זאָל קאָנען מתיר זיין זיינס אַ נדר. (אויספירלעכער וועגן דעם איז פאַראַן אין די אַרבעטן פון שמואל קרויז „דאָס פּראָבלעם כל נדרי" אין „יאָרבוך דער יידיש־ליטעראַרישן געזעלשאַפט", באַנד 19, פראַנקפורט־אַם־מאַין, יאָר 1928, זייט 85־97, און פון ישראל דאַווידסאָן אין „דהי אַמעריקען דזשואיש ייר בוק", באַנד 25, פילאַדעלפיע, 1923, זייט 180־194.)

דער נוסח פון כל נדרי אַמאָל אין בבל איז געווען „מיום כפורים שעבר עד יום הכפורים הזה הבא עלינו לטובה" (פון דעם פאַרגאַנגענעם יום־כיפור ביז דעם היינטיקן יום־כיפור), ווי עס ווערט געבראַכט אין נוסח פון עמרם גאון. אָבער דער רבינו תם האָט דעם נוסח מתקן געווען און ער האָט געשריבן, אַז מען זאָל זאָגן אויף דער צוקונפט: „מיום כפורים זה עד יום הכפורים הבא עלינו לטובה"...

די דאָזיקע אויסבעסערונג איז אָנגענומען געוואָרן אין די יידישע קהילות אין פוילן, אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך. פאַראַן אָבער מקומות, וואָס האַלטן זיך ביים אַלטן נוסח צו זאָגן „פון דעם פאַרגאַנגענעם יום כפור ביז דעם היינטיקן יום כפור".

אין ירושלים זאָגט מען לויט ביידע נוסחאות: „מיום כפורים שעבר עד יום הכפורים הזה" און „מיום כפורים זה עד יום הכפורים הבא עלינו לטובה"...

דער ניגון פון כל נדרי שטאַמט פון אַ סך שפּעטערע צייטן ווי די ווערטער. לויט ווי מען נעמט אָן איז דער ניגון אַנטשטאַנען ביי די דייטשע יידן אין דרום־דייטשלאַנד צווישן דעם 15־טן און 16־טן יאָרהונדערט.

אַ גענויע אָפּהאַנדלונג וועגן ניגון פון כל נדרי איז פאַראַן ביי דעם גרויסן יידישן מוזיק־פאָרשער א. צ. אידעלסאָן אין „היברו יוניאָן קאַלעדזש עניועל", 1931—1932.

די ספרדישע יידן זאָגן אויך כל נדרי ערב יום־כיפור פאַרנאַכט, אָבער ניט מיטן זעלבן ניגון וואָס די אשכנזישע יידן, נאָר מיט דער מע־לאָדיע פון סליחות.

דער בעלזער רבי צו כל נדרי

ערב יום־כיפור פאַרנאַכט האָט איינמאָל דער אַלטער בעלזער רבי ר' שלום זיך אָוועקגעשטעלט אין בית־המדרש, נאָך דעם ווי די ווייבער האָבן

שוין געהאַט געלייגט די קנייטלעך און ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן: „שלשה דברים צריך אדם לומר ערב שבת עם חשיכה: עשרתם, ערבתם, הדליקו את הנר". „ערב שבת עם חשיכה", דאָס מיינט מען ערב יום־כיפור פאַרנאַכט. דעמאָלט איז שוין דער לעצטער זמן תשובה צו טאָן, און דער־פאַר דאַרף יעדער ייד זיך דערמאָנען אין די דריי זאַכן:

„עשרתם" — עס זיינען שוין אַוועק די עשרת ימי תשובה. „ערבתם" — עס איז שוין אַריבער דער ערב יום־כיפור. „הדליקו את הנר" — עס ברענען שוין די ערב יום־כיפור־ליכט, טאָ אויף ווען־זשע וואַרטן מיר מיט אונדזער תשובה־טאָן? אויף וואָס־זשע וואַרטן מיר? וויי, וויי צו אונדז! דערמאָנט אייך „אם לא עכשיו, אימתי"?

דערציילט מען, אַז עס איז דעמאָלט געוואָרן אַזאַ יללה אין בית־המדרש, אַז דער בעלזער רבי אַליין האָט אָנגעהויבן צו שרייען: „גענוג! גענוג!" און ער האָט זיך געשטעלט זאָגן „כל נדרי".

ר' לוי יצחק זאָגט נאָך אַ וואָרט פון רבונו של עולם

ר' לוי יצחק בערדיטשעווער האָט אַמאָל נאָך כל־נדרי אַ קלאַפּ געטאָן אין שטענדער און האָט אויסגעשריגן:

„די חז"ל זאָגן: „האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם" (ווען עמיצער זאָגט נאָך אַ זאַך אין נאָמען פון דעם זאָגער, ברענגט ער די גאולה אויף דער וועלט), דעריבער זאָג איך „ויאמר ד' סלחתי כדבריך", און דער רבונו של עולם דאַרף עס מקיים זיין".

(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער)

מען דאַרף נישט צופיל טראַכטן וועגן די עבירות

כאָטש ערב יום־כיפור פאַר כל נדרי זיינען די הייליקסטע מינוטן ביי יעדן ייד: יעדער איינער איז דעמאָלט פאַרנומען מיט מאַכן אַ חשבון הנפש פאַר גאָט, דאָך האָט דאָס קאָצקער חסידות כמעט אינגאַנצן מבטל געווען דאָס וויינען פאַר כל נדרי. ביי אַ קאָצקער חסיד איז געווען רעכט ער זאָל ערב יום־כיפור פאַרנאַכט זיך אַוועקזעצן לערנען אַ שיעור גמרא, גלייך ווי יעדן טאָג, אָדער ער זאָל זיך גאָר אַביסל צולייגן שלאָפן, און שפּעט ביינאַכט זאָל ער זיך אויפכאַפּן, זיך וואַשן די הענט, צונויפקלאַפּן אַ מנין יידן צו זאָגן כל נדרי און דאַוונען מעריב...

פאַר קאָצק איז געווען דער עיקר כוונה.

* * *

דער רבי ר' איטשע מאיר פון גער, גערופן דער „חדושי הרי"ם", דער געטרייער קאָצקער חסיד, האָט אַמאָל געזאָגט: „שטעלט אייך פאָר, ווען מען וואָלט קומען אייך זאָגן, אַז עס איז אין היינטיקן דור פאַראַן אַ ייד,

וואָס האָט גלוי אליהו יעדן טאָג, וואָלט איר ניט געלאָפּן הונדערטער מיילן אים צו זען? היינט זשע אַז דער מלך אחאב האָט געזען אליהו הנביא יעדן טאָג פּנים־אל־פּנים און ער האָט דערצו גע׳האַט דעם כוח צו ריידן קעגן אים מיט אַזוינע שאַרפע רייד, ווי עס ווערט געבראַכט אין תנ״ך, נו, דאַרפן מיר ניט מליץ טוב זיין אויף אים?״

* * *

אין דעם לעצטן יאָר פאַר דער פּטירה פון גערער רבין האָט ער געזאָגט אַ מאמר ערב יום־כיפור פאַר די חסידים, וואָס מיר גיבן דאָ איבער כמעט מיט דעם זעלבן לשון, וואָס ער איז דעמאָלט געזאָגט געוואָרן און אַזוי ווי ער איז פאַרשריבן געוואָרן.

דער ענין פון מלמד זכות זיין אויף יידן איז אַ גרויסע מידה. אינעם מאמר: „הוי דן את כל אדם לכף זכות״ (זיי יעדן מענטש דן צום גוטן) איז: „את כל אדם״ ניט דער פשט „יעדן מענטשן״, נאָר „דעם גאַנצן מענטשן״. אַז מען איז, הייסט עס, דן דעם גאַנצן מענטשן, ווען מען פאַר־טראַכט זיך אין זיין מצב, אין זיין סביבה, און ביי וואָסערע אומשטענדן ער האָט דאָס און דאָס געטאָן, דעמאָלט וועט מען תמיד געפינען אַ זכות אויפן מענטשן.

ווייל מיר ווייסן, אַז עס זיינען פאַראַן „ששים רבוא אותיות לתורה״, די תורה פאַרמאָגט זעקס הונדערט טויזנט אותיות, וואָס דאָס זיינען די ששים רבוא נשמות פון ישראל, און דערפאַר, אַז מען טוט זיך מיען אין דער תורה, ווערט מען אַ מחותן מיט דעם כלל ישראל, און אַז מען טוט עפּעס פאַרן כלל קריגט מען צוריק פונעם כלל, און אַ סך מאָל האָט מען פון כלל מער, ווי מען האָט געטאָן פאַר אים...

ווייל אַז מען איז זיך כולל מיטן כלל ישראל, קאָן מען האָבן פון יעדן ייד עפּעס פון זיין „עכשיו״.

וואָרום „כשאני לעצמי מה אני״ — אַז איך זאָל זיין אָפּגעטיילט חס־ושלום, פון כלל, וואָס בין איך ווערט? טאָמער האָב איך עפּעס קאַליע געמאַכט אין איין „עכשיו״, איז עס דאָך שוין פאַרפאַלן אויף אייביק, ווייל איין „עכשיו״ מיט אַ צווייטן „עכשיו״ קאָן מען דאָך ניט פאַרריכטן, וואָרום יעדע רגע איז מצומצם אין אַן אַנדערן אור, יעדע מינוט איז אַ נייע, משעת בריאת העולם, די פאַרגאַנגענע וועט מער ניט זיין און די קומענדיקע וועט ווידער זיין אַ נייער „עכשיו״. היינט־זשע ווער שמועסט נאָך, אַז ער, דער מענטש, האָט קאַליע געמאַכט אַ גרויסע זאַך און ער טראַכט פריער אין „סור מרע״, טראַכט ער זיך דאָך אַריין אין די געמיינקייטן, וואָס ער האָט געטאָן, און עס איז אַ כלל גדול: וואו מען טראַכט, דאָרט ליגט מען. קומט דאָך אויס, אַז דער מענטש ליגט גאָר מיט זיין גאַנצן נפש און מיט זיין גאַנצער נשמה אין די געמיינקייטן, און ער וועט זיכער ניט קאָנען קומען אַזוי אָרום צו אַ תשובה שלמה, ווייל עס וועט נתגשם ווערן ביי אים דער

מוח און עס וועט ווערן דערפון אַ טמטום המוח, און ער וועט ווערן אַראָפּ־געצויגן אין עצבות. דערפאַר טאָקע דאַרף מען ניט טראַכטן פון „סור מרע", ווייל — טאָטשע אַהין די בלאָטע, טאָטשע אַהער די בלאָטע — בלאָטע בלייבט בלאָטע; יאָ געזינדיקט, נישט געזינדיקט, וואָס האָט מען דערפון? אין דעם זעלביקן „עכשיו", אַצינד, ווען איך טראַכט פון די חטאים, קאָן איך דאָך זיין אַ „מנקב מרגליות" (לעכערן פּערל), אַז אין הימל זאָל מען יאָ האָבן עפּעס אַ נוצן דערפון. דאַרף מען אַנטלויפן פון דעם אַלעם, נאָר האָבן ריינע מחשבות און לויטערע כוונות. דערפאַר איז דער טייטש „סור מרע" — קער זיך אָפּ פון רע, קלער אין אים ניט אַריין; „ועשה טוב" — און זע נאָר אין יעדן „עכשיו" צו טאָן גוטס.

דעריבער הייבט, ערב יום־כיפור, דאַרף מען פילן „עצבות החטא" מיט ישוב הדעת און זיין פריילעך, און אַפילו די „על חטאס" וואָס מען דאַרף זאָגן יום־כיפור, דאַרף מען דורכזאָגן וואָס גיכער, ניט ליגן אין זיי, נאָר אין זינען האָבן: „ותמלוך אתה ד' לבדך"!...

אַ שניידערשער טייטש פון אַ פּסוק ראַטעוועט יידן

דער ראָפּשיצער רבי איז אַמאָל יום־כפור נאָך כל־נדרי געוועזן שטאַרק פאַרזאָרגט. חסידים האָבן מורא געהאַט, אַז ער זעט אַ גרויסן קיטרוג אין הימל, אָבער פּלוצלינג האָט זיך דער ראָפּשיצער רבי אויסגעדרייט פון עמוד און געזאָגט: „רופט מיר צו בערל שניידער".

האָט מען צוגערופן בערל שניידער. פרעגט אים דער ראָפּשיצער רבי: „וואָס איז דער טייטש פון פּסוק „אם עונינו ענו בנו"?

„וואָס הייסט, דער רבי ווייסט ניט דעם טייטש?" — האָט דער שניידער תמימותדיק געענטפערט — „דער פּשט איז דאָך אַ פּשוטער: אם עווינו — אויב אפילו מיר האָבן געזינדיקט, ענו בנו (אנו בנו) — זיינען מיר דאָך דיינע קינדער..."

האָט דער ראָפּשיצער רבי דערנאָך געזאָגט צו די חסידים:

„בערל שניידער איז זייער גערעכט", און ער האָט מיט שמחה שוין פאַרענדיקט זאָגן די יום־כפור־ביינאַכטיקע תפילות.

נאָך יום־כפור האָט דער ראָפּשיצער רבי דערציילט די חסידים, אַז אין הימל איז געווען אַ גרויסער קיטרוג, דער שטן האָט געבראַכט אַ סך עבירות, אָבער דער טייטש פון בערל שניידער האָט געראַטעוועט די יידן מען זאָל זיי אָנשרייבן אַ גוט קוויטל אין הימל!...

אַ דין־תורה מיט גאָט

איינמאָל, ערב יום־כיפור פאַרנאַכט, האָט ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער זיך אָוועקגעשטעלט פאַרן עמוד צו זאָגן כל נדרי, אָבער עס איז אַוועק־

געגאַנגען אַ היפּשע צייט און די חסידים האָבן דערזען ווי דער באַרדי־טשעווער ליגט מיטן קאָפּ אויפן עמוד און שווייגט. פּלוצלינג קערט זיך אויס ר׳ לוי יצחק צום עולם און זאָגט צום משמש ער זאָל אים גלייך גיין רופן הערשלען דעם שניידער.

איז דער משמש אַרומגעלאָפן איבער דער שול און הערשל שניידער ניט געפונען.

„גיי אַהיים און ברענג אים גלייך אין שול אַריין!" — האָט ר׳ לוי יצחק באַפוילן.

איז דער שמש אַוועק און גלייך געבראַכט הערשלען אין שול.

„הערשל — פרעגט אים ר׳ לוי יצחק — פאַר וואָס ביסטו מעכב די ידישע תפילות?"

„וואָס זאָל איך טאָן, רבי, — ענטפערט הערשל — אַז כ׳האָב ניט פאַר וועמען „אים" צו רופן צו אַ דין־תורה. אַדרבה, אויב דער רבי וויל זיין דער דיין, בין איך מסכים."

„לאָמיר אויסהערן דיינע טענות" — ענטפערט ר׳ לוי יצחק.

און הערשל דער שניידער הויבט אָן דערציילן:

„די מעשה איז אַזוי געווען: אַנומעלט פאַר סליחות, שיקט מיך רופן דער פּריץ, כ׳זאָל אים אויפנייען אַ נייעם פּעלץ. קום איך אַריין צום פּריץ און ניי אים אַ פּעלץ פון די בעסטע פוקסן. אַזוי נייענדיק, גיב איך אַ קוק, אַז ס׳זיינען דאָ אַ צען פוקסענע פּעלעכלעך איבעריקע, טראַכט איך זיך, דאָס איז דאָך ריינער „יתור" און אַזוי ווי איך בין, לא עליכם, אַ ייד אַן אָרעמאַן, וועל איך מיר צונעמען די איבעריקע פעלעכלעך און וועל האָבן צושטייער צום נדן, חתונה צו מאַכן מיין טאָכטער.

„און איך האָב די פאַר פעלעכלעך איינגעוויקלט אין אַ זעקל און בין אַהיימגעגאַנגען.

„אָפּגעגאַנגען עטלעכע וויאָרסט, הער איך ווי אַ רייטער יאָגט מיך נאָך. באַפאַלט מיך אַ פּחד, באַהאַלט איך דאָס זעקל אונטער אַ בוים און אַליין זעץ איך מיך אויפן גראָז וואַרטן אויפן רייטער."

„בערל, צוריק צום פּריץ! שרייט אויס צו מיר דער רייטער, — ער דאַרף דיך האָבן."

„כ׳קום צוריק צום פּריץ און אַן אימת מות באַפאַלט מיך, מי יודע, וואָס ער וועט מיר טאָן."

„הערשקע, — מאַכט צו מיר דער פּריץ, — עס פעלט אַ „הענגער" צום פּעלץ; אַזוי מאַכט הערשקע פאַרטיק אַ שטיקל אַרבעט?"

„דאַנק איך גאָט, וואָס ער האָט מיט מיר געטאָן אַזאַ נס און איך ניי־אָן דעם הענגער און לאָז מיך צוריק אין וועג אַריין.

„און אַז כ׳בין צוריקגעקומען צום בוים, האָב איך מיין זעקל מיט די פעלעכלעך שוין ניט געפונען. זעץ איך זיך אַוועק פאַרטרויערט און טראַכט

אַריין אין גאַנצן ענין: ווער האָט געקאָנט צונעמען די פּעלעכלעך? ניט אַנ־דערש, ווי כביכול אַליין, ער האָט ניט געוואָלט איך זאָל זיי צוגנבענען, הגם אין אונדזער שניידערישער מלאכה איז מען זיך נוהג אַז „יתור" איז דער־לויבט צו נעמען.

„איז אויב אַזוי — זאָג איך — אַז דו, רבונו־של־עולם, האָסט מיר געקאָנט אָפּטאָן אַזאַ זאַך, וויל איך מער ניט אַרבעטן פֿאַר דיר און איך וויל מער ניט זיין פרום.

„כ'בין אַהיימגעקומען, דאָס ווייב גייט מיר אַנטקעגן: „הערשל, וואָש זיך, ווערסטו עסן וועטשערע". איך, אָבער, אויף צו־להכעיס, זעץ מיך אַוועק און עס אומגעוואַשן. אָפּגעגעסן און ניט געבענטשט, ניט געדאַוונט קיין מעריב, זיך געלייגט שלאָפן אָן קריאת־שמע. מאָרגן אינדערפרי — ווייטער ס'אייגענע: ניט געדאַוונט, ניט געמאַכט קיין ברכה. געקומען די סליחות־טעג, ניט אויפגעשטאַנען צו סליחות. ראש־השנה, ניט געגאַנגען דאַווענען, ניט געהערט קיין שופר בלאָזן, און איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל, אַז ער האָט מיר געקאָנט אַזוינס אָפּטאָן, וויל איך מער מיט אים קיין שום עסקים ניט האָבן!...

איז אָבער געקומען ערב יום־כיפור — און ערב יום־כיפור מוז מען דאָך אַלעמען מוחל זיין, מוז איך דאָך דעם רבונו־של־עולם אויך מוחל זיין, איז ביי מיר געבליבן: גוט, כ'וועל אים מוחל זיין, נאָר מיט איין תנאי: ער, דער רבונו־של־עולם, זאָל אין דעם דאָזיקן טאָג מוחל זיין אַלעמען אַלע עבירות; דעמאָלט בין איך אים אויך מוחל; טאָמער ניט, וויל איך ניט!...

טאָ, אַדרבא, רבי, פּסקנט איר אַליין, צי בין איך גערעכט צי ניט?"

האָט ר' לוי יצחק אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און האָט געזאָגט:

„רבונו־של־עולם, איך לוי יצחק, דער דיין, פּסקן, אַז הערשל שניידער איז גערעכט, הערשל דער שניידער איז דיר מוחל, דערפֿאַר אָבער, מוזטו אויך מוחל זיין אַלע אונדזערע עבירות, אַלע חטאים פון גאַנצן כלל־ישראל!.."

און דערנאָך האָט ער זיך מיט גרויס פרייד אויסגעדרייט צום עמוד און אָנגעהויבן זאָגן כל נדרי.

(רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער)

דער רבי ר' שמעלקע פֿאַר כל־נדרי

אין דעם ספר „דבר תורה", ווערט דערציילט, ווי אַזוי דער רבי ר' שמעלקע פון ניקלשבורג האָט מעורר געווען די יידן תשובה צו טאָן ערב יום־כפור פאַר כל־נדרי.

די אַלטע שול איז געווען פול מיט יידן, אַלע האָבן געוואַרט דער רבי ר' שמעלקע זאָל אַריינקומען. פּלוצלינג האָט זיך געהערט אַן אומע־טיק געוויין און מען האָט געזען זיך אַריינשלייכן דעם רבין ר' שמעלקע,

איינגעהילט אין טלית. ער איז צו צום אָרון קודש און אויפן וועג האָט ער מיט אַ וויינענדיק קול געזאָגט דעם פסוק „כי ביום הזה״... און די משנה פון רבי עקיבא: „אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם, אבינו שבשמים״ (וואויל איז אייך יידן: פאַר וועמען זייט איר זיך מטהר און ווער איז אייך מטהר, אונדזער פאָטער אין הימל). און דערנאָך האָט ער געזאָגט נאָך פסוקים, וואָס זיינען מעורר צו תשובה.

דאָס געוויין אין שול איז געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער און דער־נאָך האָט דער רבי ר׳ שמעלקע אָנגעהויבן צו ריידן וועגן דער גרויסקייט פון דעם דאָזיקן הייליקן טאָג, ווי גרינג עס איז תשובה צו טאָן, און ער האָט דערויף געזאָגט אַ משל.

„אַמאָל איז געווען אַ גרויסער קעניג, האָט ער געהאַט אַ זון, וואָס ער האָט אים זייער ליב געהאַט. דער קעניג האָט אָבער געהאַט אַ ראַטגעבער, וואָס איז געווען אַ שלעכטער מענטש, האָט ער כסדר גערעדט פאַרן קעניג אויף זיין זון. האָט דער קעניג מער ניט צוגעלאָזט זיין זון צו זיך. איינ־מאָל איז דעם קעניגס ראַטגעבער אַוועקגעפאָרן אויף אַ טאָג, האָט דער זון אויסגענוצט די צייט. ער איז אַריינגעלאָפן צו זיין פאָטער, דעם מלך און האָט אָנגעהויבן פאַר אים צו וויינען און אים צו בעטן ער זאָל אים מוחל זיין, ווייל ער האָט חרטה אויף אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן. איז גע־וואָרן אָנגעפילט דאָס האַרץ פון מלך מיט רחמנות און ער האָט מוחל געווען זיין זון.

„דער נמשל איז: אַ גאַנץ יאָר איז דער שטן מקטרג פאַרן רבונו־של־עולם, אַזוי ווי די חז״ל זאָגן, אַז „השטן״ איז בגמטריא שס״ד (באַטרעפט 364), וואָס דאָס זיינען די טעג פון יאָר חוץ יום־כיפור, און בלויז אין אינעם היינטיקן הייליקן טאָג, האָט דער שטן קיין רשות ניט מקטרג צו זיין. דעריבער לאָמיר אויסנוצן די צייט און תשובה טאָן״.

און אַלע יידן אין שול האָבן אויפגעהויבן איין גרויס געוויין און האָבן תשובה געטאָן.

און דערנאָך האָט דער רבי ר׳ שמעלקע נאָך געזאָגט מוסר דעם עולם און ער האָט צוגעגעבן: „זייט וויסן, אַז געוויין אַליין איז עצבות און די גמרא זאָגט אין שבת (דף ל׳ עמוד ב׳) אַז די שכינה רוט ניט אין עצבות נאָר אין שמחה, און אין דעם היינטיקן טאָג, דאַרפן אַלע יידן זיין בשמחה. די בכיה דאַרף זיין מיט שמחה״...

ר׳ לוי יצחק דער מליץ יושר

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, דער מליץ יושר פאַר יידן, האָט אַמאָל, ערב יום־כיפור פאַרנאַכט, בשעת דער גאַנצער עולם איז שוין געווען אין שול, גענומען אַ ליכט און אָנגעהויבן צו זוכן אונטער די בענק.

„וואָס זוכט דער רבי?" — האָבן די חסידים פאַרחידושט געפרעגט.

„כ'זוך אַ שיכורן ייד און איך קאָן אים בשום אופן ניט געפינען" — האָט ר' לוי יצחק געענטפערט און ער האָט אָנגעהויבן זיך אויסצוטענהן מיטן רבונו־של־עולם, ווי זיין שטייגער איז געווען.

„רבונו־של־עולם — האָט ער אָנגעהויבן — זע, וואָס פאַר אַ טייער פאָלק דיינע יידן זיינען: דו האָסט זיי געבעטן צו עסן און צו טרינקען ערב יום־כיפור און זיי נאָך געזאָגט, אַז „כל האוכל ושותה בתשיעי", ווער עס עסט און טרינקט ערב יום־כיפור, „כאילו מתענה תשיעי ועשירי", איז פונקט ווי ער וואָלט געווען געפאַסט ערב יום־כיפור און יום־כיפור. טאָ פרעג איך דיך אַליין, ווען די אומות העולם וואָלטן געווען געהאַט אַזאַ טאָג, וויפיל פון זיי וואָלטן שוין איצט געלעגן טויט־שיכור, וויפיל וואָלטן זיך שוין געווען געוואַלגערט אין דער בלאָטע; וויפיל וואָלטן זיך שוין געווען צעממיתט און צעהרגעט איינער דעם אַנדערן. אָבער גיב נאָר אַ קוק אויף דיינע יידן: בייטאָג האָבן זיי מקיים געווען די מצוה — געגעסן און געטרונקען, און איצט נאָך אײדער עס איז פינסטער, זיינען זיי אַלע שוין פאַרזאַמלט אין שול, קיינער איז חס־ושלום ניט שיכור, קיינער שלאָפט ניט, אַלע שטייען זיי אויף די פיס און וויינען מיט ביטערע טרערן, דו זאָלסט זיי מוחל זיין און זיי טוען תשובה מיטן גאַנצן האַרצן. טאָג, פרעג איך דיך אַליין, רבונו־של־עולם, צי פאַרדינען זיי דען ניט מיט דעם אַליין, אַז דו זאָלסט זיי מוחל זיין אַלע זייערע זינד און זיי אָנחתמענען לחיים טובים מיט אַ גוט געבענטשט יאָר?"

ווייל מיר זאָגן דעם אמת דאַרף מען אונז מוחל זיין

אַמאָל האָט ר' לוי יצחק פאַר כל נדרי געזאָגט:

„היינטיקע דורות זיינען ערליכערע ווי אַמאָל. אַמאָליקע דורות האָבן אפילו יום־כיפור אין שול ניט געזאָגט קיין אמת: זיי פלעגן זיך קלאַפּן אין האַרצן: „אשמנו, בגדנו, גזלנו", אָדער „על חטא שחטאנו" און קיין איין וואָרט איז ניט אמת געווען; זיי האָבן זיך מתוודה געווען אויף עבירות, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט געטאָן.

„אָבער היינטיקע דורות, ווען מיר קומען אין שול ערב יום־כיפור, זאָגן מיר דעם גאַנצן אמת: „אשמנו, בגדנו, גזלנו"... אַלץ אמת, ניטאָ קיין איין וואָרט שקר און דערפאַר אַליין, זיינען מיר ווערט אַז גאָט זאָל אונדז מוחל זיין אונדזערע זינד".

אַ שניידער האָט געפאָדערט אַ חשבון פון גאָט

דער רבי ר' אלימלך פון ליזשענסק איז אַמאָל, ערב יום־כיפור פאַר כל־נדרי, געבליבן שטיין אין שול און האָט ניט געוואָלט זאָגן קיין כל־נדרי.

די חסידים האָבן געוואַרט מיט גרויס אימה און פחד, ביז דער רבי ר׳ אלימלך האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרמוחטקייט און ער האָט געזאָגט:

„איך האָב געמוזט וואַרטן מיט כל־נדרי אויפן שניידער, וואָס וואוינט הינטער דער שטאָט.״

און דער רבי אלימלך האָט דערציילט:

„דער שניידער אליהו האָט זיך היינט אויפגעהויבן אין דער פרי און האָט געדאַוונט אין שול גלייך מיט אַלע יידן. פאַרנאַכט, צו מנחה, איז ער אויך געווען אין שול, אָבער ווען ער איז אַהיימגעגאַנגען עסן די לעצטע סעודה, האָט ער אַרויסגענומען אַ גרויס בוך, וואו ער האָט אַריינגעשריבן אַלע עבירות וואָס ער האָט געטאָן אַ גאַנץ יאָר, און ער האָט אַזוי געזאָגט:

„רבונו־של־עולם, עס איז איצט געקומען די צייט מיר זאָלן מאַכן אַ חשבון צווישן זיך. אָט וועל איך צונויפרעכענען אַלע עבירות, וואָס איך האָב געטאָן, איך וועל זען וויפיל זיי באַטרעפן״.

און דער שניידער האָט אָנגעהויבן צונויפצורעכענען. דערנאָך האָט ער ווידער אַרויסגענומען אַ גרויס בוך און ער האָט געזאָגט:

„און אָט אין דעם בוך האָב איך ווידער פאַרשריבן אַלע עוולות, וואָס דו, רבונו־של־עולם, האָסט געטאָן קעגן מיר.״

און דער שניידער האָט אָנגעהויבן אויסצורעכענען אַלע יסורים און צרות, צער און עגמת נפשן וואָס ער און זיין גאַנץ הויזגעזינט האָבן געהאַט אַ גאַנץ יאָר: וויפיל מאָל זיינע קינדער זיינען קראַנק געוואָרן און ער האָט ניט געהאַט קיין מטבע צו רופן אַ רופא; וויפיל מאָל ער און זיין ווייב און קינדער האָבן ניט דערעסן צו דער זעט — און דער שניידער האָט אַלץ צונויפגערעכנט און ער האָט געזאָגט:

„רבונו־של־עולם, ווען איך זאָל וועלן מיט דיר פירן אַ ריכטיקן חשבון, וואָלסטו מיר געדאַרפט אַ סך אַרויסצאָלן. אָבער אַזוי ווי היינט איז ערב יום־כיפור און דער סדר־העולם איז, אַז ערב יום־כיפור איז מען מוחל איינער דעם אַנדערן, בין איך דיר אויך מוחל, בתנאי, דו זאָלסט מיר צוזאָגן אַז אויך דו וועסט זיך נוהג־זיין מיט די יידן מיט יושר און דו וועסט זיי מוחל זיין אויף אַלע זייערע עבירות.״

און דער רבי ר׳ אלימלך האָט אויסגעלאָזט:

„איך האָב געמוזט וואַרטן מיט כל־נדרי, ווייל אין דער פמליא־של־מעלה איז געוואָרן אַ גרויסער רעש. די ווערטער פון פשוטן שניידער האָבן געעפנט טויערן אין אַלע הימלען, דער שטן איז אַרומגעלאָפן אַ פאַר־סמטער, און סוף־כל־סוף האָט דער כסא הכבוד מסכים געווען אונדז אַלע מוחל צו זיין און אונדז צו פאַרשרייבן אין ספר החיים.״

און דער רבי ר׳ אלימלך האָט דערנאָך אָנגעהויבן צו זאָגן כל־נדרי, יעדעס וואָרט האָט געלעכערט דאָס האַרץ פון יעדן יידן.

(סיפורי נפלאות מגדולי ישראל)

דער קאָזשעניצער מגיד טענהט זיך אוים מיט גאָט

כידוע, איז דער קאָזשעניצער מגיד, ר׳ ישראל, געווען זייער אַ גרויסער חלוש; ער איז געווען קליין און אויסגעדאַרט, אַזוי אַז ער פלעגט כל־ימיו ליגן אין זיין בעטל און גיין אין העמדער פון האַזנפעל.

איינמאָל, ערב יום־כיפור, איז דער קאָזשעניצער מגיד אַראָפּ פונעם בעטל צו זאָגן כל־נדרי פאַרן עמוד, און ווען ער האָט געהאַלטן ביי „ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך" האָט ער מפסיק געווען אַ ווײַלע און זיך אָנגעהויבן אויסטענהן מיטן רבונו־של־עולם:

רבונו־של־עולם, — האָט ער אָנגעהויבן — קיינער, אַחוץ דיר, ווייסט ניט ווי שוואַך איך בין און קיינער, אַחוץ דיר, ווייסט ניט ווי שטאַרק דו ביסט, און אַז איך האָב זיך געשטאַרקט מיט די לעצטע כוחות און זיך געשטעלט פאַרן עמוד, בלויז פאַר דיינע קינדערס וועגן, איז דיר, רבונו־של־עולם, שווער צו זאָגן פאַר זייערטוועגן אָט די צוויי ווערטער „סלחתי כדבריך"?... זאָל אפשר די מניעה זיין, ווייל מיר האָבן היינט ווייניק צדיקים אויף דער וועלט? — האָסטו דאָך דערפאַר ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער, וועלכער איז שקול כנגד אַלע צדיקי־הדור!... זאָל אפשר די מניעה זיין, ווייל מיר האָבן ניט קיין נביאים? — האָסטו דאָך דערפאַר רבי איציקל, דער „חוזה" פון לובלין, וועלכער לייכט אויף דער וועלט ווי אַן אורים־ותומים!... זאָל אפשר די מניעה זיין ווייל עס פעלן בעלי תשובה? זאָג איך דיר, אַז איך מיט מיין קראַנקן גוף בין גרייט תשובה צו טאָן פאַרן גאַנצן כלל־ישראל... לכן, בעט איך דיך, רבונו־של־עולם, טו אונדז צוליב און זאָג „סלחתי"!...

און דער קאָזשעניצער מגיד האָט מיט אַלע כוחות געגעבן אַ געשריי: „ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך"...

ר׳ לוי יצחק האָט שוין מער ניט קיין כח, און הייסט גאָט אַליין דאַווענען

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט אַמאָל ביי כל־נדרי זיך געפילט זייער אָפּגעשוואַכט פון אַזוי פיל וויינען און קלאָגן, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און געזאָגט: „רבונו־של־עולם! כ׳האָב שוין קיין כוח ניט ווייטער צו זאָגן, איצט זאָג דו: „ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך!"...

אהבת ישראל פון סטרעליסקער רבין

דער רבי ר׳ אורילע סטרעליסקער, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן דער „שרף", איז געווען אַ גרויסער אוהב ישראל. ער האָט געהאַט אַ מנהג אַז יעדן אין דער פרי פאַרן דאַווענען, האָט ער זיך געזעגנט מיט זיין רביצין

און בני־בית, ווייל ער גייט דאַווענען, און זיך מוסר נפש זיין פאַרן אייבערשטן, ווייסט ער נישט צי ער וועט בלייבן לעבן...

אויפן וועג אין בית־המדרש אַריין, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין די טירן פון די שטובן, וואו עס האָבן געוואוינט אלמנות, און זיי געוואונטשן „גוט־מאָרגן", ווייל זייערע הערצער, האָט ער געזאָגט, זיינען פאַר'צער'ט, דאַרף מען זיי מחזק זיין...

אַזאַ אוהב ישראל איז דער „שרף" געווען...

איינמאָל יום־כפור ביינאַכט האָט דער סטרעליסקער רבי געזען ווי זיין משרת כאַפּט זיך אויף פון שלאָף און לויפט צו צום פאַס־וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט פון שטוב און טרינקט שנעל אַביסל וואַסער צו שטילן זיין דורשט. דער סטרעליסקער רבי האָט אים נישט איבערגעשלאָגן, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער דורשט פון משרת מוז זיין אַזוי גרויס, אַז עס איז ממש געווען סכנת־נפשות. האָט דער סטרעליסקער רבי אים נישט געוואָלט דערמאנען, אַז עס איז היינט יום־כפור, טאָמער וועט ער נישט וועלן טרינקען, וועט ער שטעלן זיין לעבן אין סכנה.

דער משרת איז אַ פאַרשלאָפענער צוריקגעגאַנגען אויף זיין געלעגער און ער איז באַלד ווידער איינגעשלאָפן. אָבער באַלד דערנאָך האָט זיך דער משרת ווידער אויפגעכאַפּט און איז שנעל צוגעלאָפן צום פאַס וואַסער און אויסגעטרונקען אַ פול קריגל וואַסער. האָט דער שרף אויך דאָס מאָל נישט געוואָלט דערמאנען דעם משרת, אַז עס איז היינט יום־כפור, טאָמער וועט ער נישט וועלן טרינקען, וועט ער שטעלן זיין לעבן אין סכנה. ערשט ווען דער משרת האָט זיך צום דריטן מאָל אויפגעכאַפּט און געוואָלט טרינקען, האָט דער „שרף" פאַרשטאַנען אַז איצט איז שוין מער קיין סכנות־נפשות ניטאָ, האָט ער אים צוגערופן און געזאָגט:

„ס'איז דאָך היינט יום־כפור!"

דער משרת האָט געהאַט גרויס צער, וואָס ער איז נכשול געוואָרן אין טרינקען אום יום־כפור.

און דער טשאָרטקאָווער רבי, וואָס האָט די מעשה דערציילט, האָט אויסגעלאָזט: „אָט אַזוי גרויס איז געווען די מידה פון אהבת ישראל ביים „שרף", אַז אפילו אין יום־כפור, האָט ער נישט געוואָלט גורם זיין קיין צער אַ יידן, ווען עס איז ביי אים געווען בלויז אַ ספק סכנות־נפשות...

(דברי דוד)

דער באַרדיטשעווער הייסט אַ יידן מוחל זיין גאָט

איינמאָל, ערב יום־כיפור פאַרנאַכט איז ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער אַריינגעקומען אין בית־המדרש אַריין און ער איז ניט גלייך צו צום עמוד

צו זאָגן כל־נדרי, ווי ער פלעגט תמיד טאָן, נאָר געשפּרייזט אין בית־המדרש אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, ביז ער האָט דערזען ווי אַ ייִד ליגט אויף דער ערד און וויינט מיט ביטערע טרערן. איז ר׳ לוי יצחק צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט אַזוי שטאַרק.

„ווי אַזוי זאָל איך ניט וויינען? — האָט דער ייִד אָפּגעענטפערט — פּאַראַ יאָרן האָב איך אַלץ געהאַט, איך בין געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש, און איצט בין איך אַן אָרעמאַן און פאַרמאָג גאָרנישט״ — און ער האָט ווייטער דערציילט:

„רבי״ מיט אַ יאָר צוריק בין איך געזעסן אין דאָרף; איך האָב זיך אויפגעפירט ווי גאָט האָט געבאָטן; איך האָב יעדן ייִד געגעבן צו עסן און טרינקען, ווער עס איז אַריין צו מיר אַ הונגעריקער איז אַרויס אַ זאַטער. מיין ווייב האָט זיך אויסגעצייכנט מיט נאָך מער אָפּגעהיטנקייט; זי איז געווען נאָך פרומער פון מיר. זי פלעגט גיין איבער די וועגן און זען צי וואַנדערנדיקע ייִדן גייען ניט אַרום קיין הונגעריקע, און זי פלעגט זיי אָנעסן און אָנטרינקען.

„איצט איז ער געקומען — דער ייִד האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אין דער הויך — און האָט ביי מיר צוגענומען מיין ווייב. איז נאָך דאָס ניט גענוג — האָט ער אויך פאַרברענט מיין שטוב. איך בין געבליבן אָן אַ ווייב מיט זעקס קליינע קינדער, און אָן אַ דירה דערצו. איך האָב אויך געהאַט אַ גראָבן סידור, וואו אַלע תפילות, פּיוטים און יוצרות זיינען געווען געדרוקט לויטן סדר און איך האָב אים ניט געדאַרפט בלעטערן, כדי צו זוכן די תפילות, און אויך דער סידור איז פאַרברענט געוואָרן. צוליב דעם אַלעם קאָן איך דען אים מוחל זיין?״

גלייך האָט ר׳ לוי יצחק געהייסן אויפזוכן אין בית המדרש אַזאַ גראָבן סידור, ווי דער ייִד האָט פאַרמאָגט. מען האָט אַזאַ סידור געפונען און ר׳ לוי יצחק האָט אים דעם סידור געגעבן. ווען דער ייִד האָט דערזען דעם סידור האָט ער אין אים גענומען בלעטערן מיט גרויס פלייסיקייט. ר׳ לוי יצחק איז די גאַנצע צייט געשטאַנען נעבן דעם ייִד. נאָכדעם האָט ער אים געפרעגט:

„איצט ביסטו אים מוחל? איצט האָסטו צום רבונו־של־עולם גאָר־נישט?״

„איצט בין איך אים מוחל״, האָט דער ייִד געענטפערט.

דער רבי ר׳ משה טייטעלבוים פון אוהעל טענהט זיך אוים מיט דעם רבונו־של־עולם פאַר כל־נדרי

אין פאַרשיידענע קהילות איז געווען אַ מנהג, אַז פאַר כל־נדרי האָט דער רב געזאָגט מוסר די ייִדן און זיך אויסגעטענהט מיט גאָט. אַ סך רבנים און רביים פלעגן דעמאָלט ממליץ טוב זיין אויף די ייִדן.

ווענן דעם רבין ר׳ משה טייטלבוים פון אוהעל ווערט דערציילט, אַז איינמאָל ערב יום־כיפור פאַר כל־נדרי, האָט דער רבי געעפנט דעם ארון קודש און האָט געזאָגט:

„רבונו־של־עולם, דו ווייסט דאָך דעם אמת, אַז איך בין דער שלעכט־סטער מענטש אויף דער וועלט. דו ווייסט דאָך אויך דעם אמת, אַז איין מעלה האָב איך נאָך, ברוך השם, וואָס איך האָב אין מיין גאַנץ לעבן קיין ליגן ניט געזאָגט. וועל איך דאָך איצט, פאַר כל־נדרי, אַוודאי און אַוודאי קיין ליגן ניט זאָגן. זאָג איך איצט דיר, רבונו־של־עולם, אַז אויב „משה בן חנה" וואָלט געוווּסט, אַז ער וועט ווערן אַלט און משיח וועט ניט האָבן געקומען, וואָלט ער זיכער ניט געוווען געקאָנט אויסהאַלטן. דו אָבער, מרא דעלמא, האָסט אים אָפּגעשטופּט פון טאָג צו טאָג, ביז דער דאָזיקער עלנטער מענטש איז אַלט געוואָרן. און וואָס איז דאָס פאַר אַ גרוי־סע קונץ ביים רבונו־של־עולם אָפּצוחוזקן פון אַן אַלטן נאַר? דעריבער בעט איך דיך איצט, האַר פון דער גאַנצער וועלט, זע, אַז משיח זאָל גלייך קומען!

„ניט פאַר מיין טובה ווענן בעט איך דאָס ביי דיר, גאָט, נאָר טאָקע פאַר דיין אייגענער טובה ווענן, כדי דיין נאָמען זאָל גרויס ווערן אויף דער וועלט. און איך אַליין בין מוותר אויף מיר. איך וויל זיין די כפּרה פאַר אַלע יידן און אפילו ניט די זכיה האָבן צו זיין דאָס פוסנבענקעלע פאַר די גרוי־סע צדיקים, אַבי משיח זאָל קומען און טאָקע גלייך!

„רבונו־של־עולם! דו ווייסט דאָך דעם אמת, אַז איך בין דאָס מכוון בלויז פאַר דיין טובה ווענן, — האָט דער אוהעלער רבי זיך געבעטן ביי גאָט מיט גרויס געוויין, — און איך בין מוסר מיין נשמה און מיין גאַנצן גוף בלויז פאַר דיין כבוד ווענן. בעט איך דיר טו עס מיר צוליב און זע, אַז משיח זאָל קומען און עס זאָל נעמען אַ סוף צו די יידישע צרות..."

אָט מיט אַזוינע האַרציקע רייד האָט זיך דער אוהעלער רבי אויס־געטענהט מיטן רבונו־של־עולם און די חסידים וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין שול האָבן געוויינט מיט ביטערע טרערן און געבעטן, אַז משיח זאָל קומען...

דערנאָך ערשט האָט דער אוהעלער רבי אָנגעהויבן צו זאָגן כל־נדרי...

דער ראָפּשיצער שעמט זיך אַריינצוגיין צו כל־נדרי

איינמאָל, ערב יום־כיפור פאַרנאַכט, זיינען די חסידים שוין אַלע געווען אין בית־המדרש אין ראָפּשיץ און זיי האָבן געוואַרט אויפן ראָפּשי־צער רבין ער זאָל אַריינקומען זאָגן כל־נדרי. עס איז געוואָרן זייער שפּעט און דער ראָפּשיצער רבי איז אַלץ ניט אַריינגעקומען. האָבן די חסידים געבעטן זיין זון, ר׳ אליעזרל, דער שפּעטערדיקער דזשיקאָווער רבי, ער

זאָל אַרײַנגײן צום פאָטער און זען, פאַרוואָס דער רבי קומט ניט אַרײַן אין בית־המדרש.

איז ר׳ אליעזרל אַרײַן צום ראָפּשיצער רבין אין חדר, האָט ער אים געטראָפן זיצן און ביטערלעך װײנען, װי אַ קלײן קינד. האָט ר׳ אליעזרל די ערשטע רגע מורא געהאַט צוצוגײן צום פאָטער אים פרעגן פאַרװאָס ער װײנט אַזױ שטאַרק, אָבער דאָך האָט ער זיך שפּעטער געשטאַרקט און האָט אים געפרעגט:

„טאַטע, פאַרוואָס וויינסטו אַזוי און גייסט ניט אַריין צו כל־נדרי?"

„קינד מיינס, — האָט דער ראָפּשיצער מיט אַ געוויין געענטפערט, — איך שעם מיך אַריינצוגיין אין בית־המדרש אַריין: אַ גאַנץ יאָר האָב איך צוגעזאָגט דעם רבונו־של־עולם, אַז כ׳וועל תשובה טאָן און מתקן זיין אַלע מיינע מעשים רעים, דערנאָך, אַז ס׳איז דורכגעגאַנגען דאָס יאָר, האָב איך אים צוגעזאָגט צו טאָן תשובה אין די ימים־נוראים. איצט איז שוין ערב יום־כיפור פאַר כל־נדרי און איך זע, אַז כ׳האָב נאָך גאָר ניט אָנגעהויבן תשובה צו טאָן, דערפאַר שעם איך מיך אַריינצוגיין אין בית־המדרש אַריין."

און דער ראָפּשיצער האָט ווידער אָנגעהויבן צו וויינען.

האָט אים דער זון ר׳ אליעזרל אַזוי געזאָגט:

„איך זאָג דיר צו, טאַטע, אַז פון איצט אָן וועסטו שוין תשובה טאָן און טו צוליב דעם עולם חסידים און קום אַריין זאָגן כל־נדרי."

ערשט דעמאָלט, ווען דער זון זיינער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט נאָך תשובה טאָן, האָט ער מסכים געווען אַריינצוגיין אין בית־המדרש אַריין און אָנצוהייבן זאָגן כל־נדרי.

דער רבי ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער וויל נישט זאָגן קיין כל־נדרי

איינמאָל, ערב יום־כיפור פאַרנאַכט, האָבן די חסידים געוואַרט אין בית־המדרש, דער רבי ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער זאָל אַריינקומען, און דער רבי ר׳ מאירל איז נאָך אַלץ נישטאָ. גאָר שפּעט האָט ער זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון בית־המדרש, ער האָט געקוקט אויפן עולם און האָט געזאָגט:

„איך זע, אַז איר אַלע זענט שוין דאָ און איר וואַרט, אַז מאיר זאָל זאָגן כל נדרי. וויל איך אייך זאָגן, אַז ווען אפילו איר וועט וואַרטן ביז אין דער פרי וועט מאיר נישט זאָגן כל־נדרי. מיר האָבן געלערנט: „עבירות שבין אָדם למקום יום הכפורים מכפר, עבירות שבין אָדם לחבירו, אין יום הכפורים מכפר עד שירצה את חברו" (סוף יומא). דערפאַר וויל מאיר, אַז איר זאָלט איינער דעם אַנדערן מוחל זיין.

האָבן באַלד אַלע געשריען: „מיר זיינען מוחל איינער דעם אַנדערן".

אָבער דער רבי ר' מאירל פּרעמישלאַנער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דער שוועל פון בית־המדרש און האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און ער האָט געזאָגט:

„איר מיינט מסתמא, אַז מאיר פאַרשטייט גאָר נישט? איצט זענט איר זיך מוחל איינער דעם צווייטן, אָבער אַז עס וועט דורכגיין דער הייליקער טאָג, וועט זיין, ווער עס איז עמעצן שולדיק אַ חוב, וועט מען ביי אים צונעמען אַפילו דאָס קישן פון בעט. מאיר וויל דאָס נישט. מאיר וויל, אַז דער וואָס קען באַצאָלן, נאָר מען דאַרף וואַרטן אַ שטיקל צייט זאָל דער מלוה וואַרטן, און דער וואָס קען נעבעך נישט באַצאָלן, וואָס וועט איר ביי אים צונעמען, די נשמה?"

זיינען געווען אין בית־המדרש גבירים פון לעמבערג, האָבן זיי פאַר־שטאַנען, אַז דער רבי ר' מאיר מיינט זיי. זיינען זיי צו אים צוגעגאַנגען און האָבן אים געזאָגט:

„רבי, מיר וועלן אַזוי טאָן ווי דער רבי הייסט".

איז באַלד דער רבי ר' מאירל צוגעגאַנגען צום עמוד און האָט געזאָגט: „רבונו־של־עולם, די יידן זיינען זיך מוחל איינער דעם אַנדערן בלב שלם, זיי־זשע אויך דו זיי מוחל און ער האָט גלייך אָנגעהויבן צו זאָגן כל נדרי". (שיחות צדיקים, געבראַכט אין „ימים נוראים" זייט 125.)

דער באַרדיטשעווער רבי לאָזט נישט מקטרג זיין אויף יידן

ערב יום־כפור פאַר כל־נדרי האָט ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער דערפילט, אַז אין הימל איז פאַראַן אַ גרויסער קטרוג.

דער שטן האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן כביכול און ער, דער כביכול, האָט דעם שטן געפרעגט:

„פון וואַנען קומסטו?"

„פון בית־המדרש. כ'בין געגאַנגען הערן וואָס די יידן בעטן דיך, היינט, ערב יום־כפור. אָבער, כ'האָב נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט, וואָס זיי זאָגן. איך האָב געזען, ווי זיי מאַכן מיט די ליפּן, אָבער זיי זאָגן די ווערטער אַזוי שנעל, אַז עס איז זיי שווער צו פאַרשטיין. אַזעלכע תפילות דאַרפן בשום אופן נישט אויפגיין פאַר דיר".

איז געוואָרן אַ גרויסער רעש אין דער פמליא־של־מעלה. דער שטן האָט מקטרג געווען פאַרן רבונו־של־עולם אויפן כלל ישראל און ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל אויף זיי ממליץ זיין.

רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט אָבער מרגיש געווען, וואָס עס טוט זיך אין דער פמליא־של־מעלה, האָט ער געהאַט אַן עלית־נשמה און ער איז צוגעלאָפן צום כסא־הכבוד און געזאָגט:

„רבונו־של־עולם! אַ קינד, וואָס ליגט אין וויגעלע און וויינט מיט אַ משונהדיק וויך קול, וועט דען אַ פרעמדער מענטש פאַרשטיין, וואָס דאָס קינד וויל? אָבער די מוטער פון קינד וועט באַלד מרגיש זיין דעם פאַר־לאַנג פון קינד... און דו ביסט דאָך די מאַמע פון די יידן, דאַרפסטו דאָך אַודאי פאַרשטיין, וואָס דיינע קינדער ווילן און כאָטש זיי זאָגן נישט אַרויס שאַרף און ריין די ווערטער און זיי פאַרשטייען נישט די ווערטער — דאַרפסטו דאָך זייערע תפילות מקבל זיין".

איז געוואָרן אַ שמחה אין דער פמליא־של־מעלה. דער שטן מקטרג איז אַנטשוויגן געוואָרן און ר' לוי יצחק האָט אָנגעהויבן צו זאָגן „כל נדרי".

דער רבי ר' משה לייב סאַסאָווער פאַרשפּעטיקט צו קומען צו כל נדרי

דער רבי ר' משה לייב סאַסאָווער האָט אַמאָל פאַרשפּעטיקט צו קומען אין קלויז אַריין צו כל נדרי. די חסידים זיינען שוין אַלע געווען אין קלויז, מען האָט שוין געהאַט אָפּגעזאָגט די „תפילה זכה" און דעם רבין האָט מען נאָך אַלץ ניט געזען. און אַזוי ווי מען האָט געוואוסט, אַז דער רבי איז שוין פון לאַנג געהאַט אַרויסגעגאַנגען פון זיין שטוב אין דער קלויז אַריין, האָט מען זיך שטאַרק געחידושט וואָס ער איז נאָך ניט אָנגעקומען.

איז דער גבאי אַרויס אים זוכן, האָט ער אים גאַר געטראָפן זיצן אין אַ שטוב און וויגן אַ קינד...

איז דער גבאי צוגעגאַנגען צום רבין און האָט אים געזאָגט:

„די גאַנצע קלויז חסידים וואַרט דאָך שוין אויפן רבין צו זאָגן כל נדרי און דער רבי זיצט גאַר דאָ?..."

„וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? — האָט זיך דער רבי ר' משה לייב סאַסאָווער תמימותדיק אָנגערופן — אַז ווען איך בין דורכגעגאַנגען אָט די שטוב, האָב איך געהערט אַ קינד זייער שטאַרק וויינען, און דער טאַטע און די מאַמע זיינען אַוועק אין שול אַריין זאָגן כל נדרי, נו, בין איך אַריין איינשטילן דאָס קינד. און איצט, אַז עס איז שוין איינגעשלאָפן, קאָנען מיר שוין גיין זאָגן כל נדרי", — האָט דער רבי ר' משה לייב סאַסאָווער אויס־געלאָזט.

ווען דער לעכעוויטשער רבי פלעגט מקנא זיין ערב יום־כיפור

דער לעכעוויטשער רבי פלעגט זאָגן ערב יום־כיפור פאַר כל נדרי:
איך בין מקנא דעם מילנער פאַר זיין צעבראָכן האַרץ, וואָס ער האָט

איצט. ווייל אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, ווען עס קומט ווער צו אים צו צעמאָלן אַ זעקל ווייץ, נעמט ער אַראָפּ אַ ביסל מעל, צו האָבן אויף אַ חלהלע אויף שבת, אָבער היינט דערמאָנט ער זיך אָן די דאָזיקע עבירות, וואָס ער טוט אַ גאַנץ יאָר און ער גיט אַ שטאַרקן קרעכץ און צוליב אָט־דעם בלויזן קרעכץ בין איך אים מקנא, ווייל די גמרא זאָגט (ברכות ז׳ א׳): עס איז בעסער איין אמתער קרעכץ פון אַ מענטשן, ווי אַ סך מלקות!...

מען דאַרף אַפילו די „על חטא'ם" זאָגן מיט התלהבות

דער ראָזוואַדאָווער רבי, ר׳ משה, האָט אַמאָל ערב יום־כיפור פאַר כל נדרי געזאָגט:

„אַלץ דאַרף מען זאָגן מיט התלהבות און מיט אַ חסידישן ברען, אַפילו די „תפילה זכה" און די „על חטאס", ווייל אַז מען זאָגט עס פאַרטרויערט, מתנגדיש קאַלט, פּועלט מען גאָר ניט".

און דער רבי ר׳ משה ראָזוואַדאָווער האָט דערציילט אַ מעשה וועגן בעל־שם־טוב, אַז איינמאָל איז דער בעש"ט געפאָרן מיט זיין חברותא וויַנ־טערצייט אויפן וועג, האָבן זיי געזען פון דער וויַיטנס ווי פּויערים שטייען אויפן פאַרפרוירענעם טייך און שניידן אויס אַ צלם אין אייז. האָט דער בעש"ט געהייסן אָפּשטעלן דאָס פאָרן און ער האָט זיך גוט איינגעקוקט, וואָס די גויים טוען, און ער האָט דערנאָך געזאָגט צו זיינע מקורבים:

„אָט דאָ האָט איר אַ רמז אויף די קאַלטע יידן. וואָס קאָן נאָך זיין ריינער פון וואַסער אַליין, אָבער אַז מען איז קאַלט, אַז מען איז פאַר־פרוירן, זעט וואָס מען קאָן דערפון מאַכן!...

יידן זינגען שיין יום־כפור

דער רבי ר׳ זישא אַניפּאָליער האָט אַמאָל ערב יום־כפור ביינאַכט, נאָך כל נדרי, ווען דער חזן האָט געזונגען זייער שיין „ונסלח", געזאָגט:

„רבונו־של־עולם, ווען די יידן וואָלטן נישט געווען געזינדיקט, פון וואַנען וואָלטן זיי געוואוסט צו זינגען אַזוי שיין ,ונסלח'?"

(בית מלך, מונקאַטש, תרנ"ז)

דער בעש"ט זאָגט אַ משל פאַר כל־נדרי

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט אַמאָל יום כפור געזאָגט אַזאַ משל:

„עס איז אַמאָל געווען אַ קוימענקערער אין אַ קליין שטעטל. ווען די יידן האָבן זיך אין דערפרי אויפגעהויבן צו גיין דאַווענען אין בית־המדרש אַריין, האָט דער קוימענקערער שוין געהאַט אויסגעקערט אַ צאָל קוימענס

און זיין פנים איז געווען שטאַרק איינגעשמירט. פאַרנאַכט ווען די יידן זיינען ווידער געגאַנגען אין בית המדרש אַריין דאַוונען מעריב, האָבן זיי ווידער באַגעגנט דעם קוימענקערער אַ פאַרריסטן מיט אַ שוואַרץ פּנים. און דער קוימענקערער אַליין, איז טאַקע אַ גאַנצן טאָג אַרומ־געגאַנגען אַ פאַרשמירטער מיט סאַזשע. בלויז אַ שעה, צוויי, ווען דער קוימענקערער איז אַהיימגעקומען האָט ער זיך אַרומגעוואַשן און זיין פּנים איז צוריק געוואָרן ווייס. איז ווען מען פרעגט די יידן אין שטעטל, „וואָס איז דער קוימענקערער, אַ ווייסער, צי אַ שוואַרצער?" האָבן זיי געהאַט אַ רעכט צו זאָגן — „אַ שוואַרצער", ווייל זיי האָבן דאָך אים תמיד געזען אַרומגיין מיט אַ שוואַרץ פּנים און שוואַרצע הענט.

ווען מען פרעגט אָבער דעם קוימענקערער אַליין: „וואָס ביסטו, אַ שוואַרצער צי אַ ווייסער?" — וועט ער זיכער ענטפערן „אַ ווייסער"! כאָטש ביינאַכט ווען ער שלאָפט, ווייסט ער דאָך גאָרנישט, אַ גאַנצן טאָג גייט ער אַרום אַ פאַרריסטער. בלויז אַ שעה אין דער פרי, איידער ער גייט אַרויס פון זיין שטוב און אַ שעה, צוויי, ביינאַכט, ווען ער קומט אַהיים און וואַשט זיך אַרום, איז ער אַ ווייסער, זיינען אָבער בלויז די עטלעכע געציילטע שעה פאַר אים וויכטיקער, ווי די שעהן פון אַ גאַנצן טאָג, ווייל דעמאָלט איז ער ביי זיך אין דער היים, דעמאָלט איז ער גאָר אַן אַנדערער ווי אין גאַס...

דאָס זעלבע איז אויך מיט די יידן — האָט דער בעש"ט אויסגעלאָזט — דו, רבונו־של־עולם, קוק זיך נישט צו צו די יידן אַ גאַנץ יאָר, ווען זיי זיינען אין גאַס, פאַרנומען מיט געבן חיונה ווייב און קינדער, קוק זיי אָן ווען זיי זיינען אין דערהיים — איצט, ערב יום־כפור, ווען זיי זיינען געגליכן צו מלאכים, אין אָט דעם טאָג זיינען די יידן ביי זיך אין דערהיים און זיי זיינען טאַקע בבחינת מלאכים, און דו רבונו של עולם דאַרפסט זיי מוחל זיין פאַר די זינד פון אַ גאַנץ יאָר, ווייל זיי זיינען אין דער פרעמד... אין גאַס. אין דערהיים זיינען זיי בחינת מלאכים...

אַז מען מאַכט אַ ברכה איז פאַרפאַלן

אַמאָל האָט דער רבי ר' ישראל ריזשינער יום־כפור ביים דאַוונען געפרעגט: „פאַרוואָס בענטשן מיר „מלך מוחל וסולח לעונותינו"? זיינען דען מיר טאַקע בטוח, אַז הקדוש ברוך הוא וועט מוחל זיין אונזערע זינד? טאָמער, חלילה, וועט ער נישט מוחל זיין, וועט דאָך אויסקומען, אַז מיר מאַכן אַ ברכה לבטלה?

„נאַר", האָט דער ריזשינער געזאָגט, „מיר קענען עס מסביר זיין מיט אַ משל:

„אַ קינד האָט אַמאָל געזען זיין פאָטער האַלטן אַן עפּל אין האַנט,

האָט דאָס קינד זייער געוואָלט האָבן דעם עפּל, ווײַל אָבער דער פֿאָטער זיך מיט אים שפּילן, שטרעקט ער אויס די האַנט מיטן עפּל און נעמט אים באַלד צוריק. אָבער וואָס טוט אַ קלוג קינד? ער מאַכט אויף שנעל אַ ברכה און ער איז זיכער, אַז דער פֿאָטער וועט אים געבן דעם עפּל, ווײַל ער וועט דאָך נישט וועלן, אַז דאָס קינד זאָל האָבן געמאַכט אַ ברכה לבטלה. אַזוי טוען מיר", האָט דער ריזשינער אויסגעלאָזט, „מיר מאַכן אויף שנעל אַ ברכה: „מלך מוחל וסולח לעונותינו" און מיר זײַנען שוין זיכער, אַז הקדוש ברוך הוא וועט אונז מוחל זײַן אונזערע זינד, ווײַל ער וועט דאָך נישט וועלן, אַז זײַנע קינדער זאָלן האָבן געמאַכט אַ ברכה לבטלה".

(טעמי המנהגים, חלק שלישי, זײַט 195)

זינד און תשובה

דער רבי ר' אברהם יהושע העשל פֿון אַפּט האָט אַמאָל ערב יום־כּפּור געזאָגט:

„דער ערגסטער פֿון די פּושעים, אויף וועלכן עס איז שוין אפילו קיין תשובה נישטאָ, איז דער, וואָס זאָגט: „אחטא ואשוב", אָדער „אחטא ויום הכפּורים מכפּר". — אפילו בשעת ער זינדיקט, האָט ער אין זינען דעם ענין פֿון תשובה און געדענקט דעם הייליקן טאָג יום כּפּור...

דער אונטערשיד צווישן די מענטשן און גאָט

אַמאָל יום־כּיפּור בעתן זאָגן דעם פּיוט: „אָנו מלאי עון ואתה מלא רחמים" (מיר זײַנען פֿול מיט זינד און דו ביסט פֿול מיט רחמים) האָט ר' לוי יצחק אויסגעשריגן מיט גרויס התלהבות:

„אָנו מלאי עון" — און ווי גרויס איז דען לוי יצחק אינגאַנצן, מ'שטיינס געזאָגט, וואָס איז פֿול מיט זינד? אָבער דו — „אתה מלא רחמים" — דו ביסט דאָך „אין סוף" (אומענדלעכקייט) — קומט דאָך אויס, אַז אויך דײַן רחמים האָט ניט קיין גבול און ניט קיין סוף..."

(רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער)

דאָס פֿאָלק האָט געהאָלפֿן דעם כּהן גדול

דער רבי ר' ישעיהו פּשעדבאָרזשער האָט געטײַטשט: „והכּהנים והעם העומדים בעזרה" — עזרה מיינט מען העלפֿן. דאָס פֿאָלק האָט אַרויסגעהאָלפֿן דעם כּהן גדול מיט זייערע תּפֿילות און תּחנונים, אַז זײַנע תּפֿילות זאָלן אָנגענומען ווערן. כאָטש דער כּהן גדול איז געווען דער

אויסדערוויילטער פון פאָלק, האָט ער אָבער נישט געקאָנט אַרייַנגיין אין קדשי קדשים אָן דער הילף פון פאָלק.

„און דאָס איז דער טייטש: „הכהן הגדול מאחיו״ — זיין גרויסקייט איז אים געקומען פון זיינע ברידער — פון פאָלק״.

(תפארת שלמה)

תפילה קאָן יעדער איינער טאָן

דער רבי ר׳ משה קאָברינער האָט בעתן דאַווענען יום־כפור געזאָגט צו די חסידים:

„מיר זאָגן: „ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה״. פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען צו שוואַך זיי זאָלן קאָנען פאַסטן; אַ טייל זיינען אָרעם, זיי זאָלן קאָנען געבן צדקה, אָבער יעדער פון אונז קאָן מתפלל זיין מיט ריינע כוונות, אַזוי, אַז קיינער קאָן ניט האָבן קיין תירוץ פאַרוואָס ער זאָל נישט דאַווענען מיטן גאַנצן האַרצן. ער קאָן נישט זאָגן, אַז ער איז שוואַך תשובה צו טאָן. ער האָט דאָך אַ קול צו דאַווענען...

„אָט דאָס מיינט דער פסוק אין שיר השירים (קאַפּיטל ב׳ פסוק י״ד) „כי קולך ערב״, מיינט מען נישט, אַז דיין קול איז זיס, נאָר דיין קול איז ערב פאַר דיר, אַז ווען דו טוסט תפילה מיט ריינע כוונות, וועסטו אויך טאָן תשובה און געבן צדקה, אויב דו וועסט עס נאָר קאָנען טאָן...״

(אור ישראל, זייט 164)

דער אָפּענער סידור

דער רבי ר׳ צבי הערש אלימלך דינאָווער האָט אַמאָל געעפנט דעם אר״י הקדוש׳ס סידור אויף זיין שטענדער אין בית־המדרש און האָט אָנגע־הויבן צו דאַווענען.

די חסידים האָבן אָבער באַמערקט, אַז דער דינאָווער רבי מישט נישט איבער קיין בלעטל פונ׳ם סידור.

נאָכן דאַווענען האָבן די חסידים געפרעגט דעם רבין, פאַרוואָס ער האָט געעפנט דעם סידור און נישט געדאַוונט פון אים. האָט דער דינאָווער רבי זיי געענטפערט מיט אַזאַ מעשה:

אין די צייטן פון בעש״ט זיינען אין אַ דאָרף געשטאָרבן די עלטערן פון אַ יידיש יינגל און ער איז געבליבן אַ קליינעכדיקער יתום.

דער פּריץ האָט גענומען דאָס יינגל צו זיך אין זיין הויז אַריין אים צו דערציען.

דער פּריץ האָט נישט אויסגעזאָגט דעם יינגל, אַז ער שטאַמט פון יידישע עלטערן. איינמאָל האָט דאָס יינגל דערזען ווי עס פאָרן דורך

דורכן דאָרף עטליכע פורן מיט דאָרפס־יידן אין שטאָט אַריין. דאָס ייִנגל האָט זיך געפרעגט ביי אַ יידן, פאַרוואָס זיי פאַרלאָזן די דערפער, און אַ ייד האָט אים געענטפערט, אַז זיי פאַרלאָזן נישט די דערפער, נאָר עס איז איצט פאַר ראש־השנה, פאָרן זיי אין שטאָט אַריין צו דאַוונען אין שטאָט.

מיט אַ וואָך שפּעטער זעט דאָס ייִנגל ווידער פאָרן דורכן דאָרף פורן מיט יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער. פרעגט ער ווידער אַ יידן פאַרוואָס זיי פאַרלאָזן די דערפער. ענטפערט אים אַ ייד, אַז זיי פאָרן איצט אין שטאָט אַריין אויף יום־כפור, ווייל אין דעם טאָג ווערט אין הימל פאַרגעבן די זינד פון דעם מענטשן, וואָס ער האָט געטאָן אַ גאַנץ יאָר.

דאָס ייִנגל האָט עפּעס דערפילט אין האַרצן, אַז אויך ער האָט גע־זינדיקט קעגן גאָט. איז ער אַריין צום פריץ אין הויז און האָט צונויפ־געזנומען זיין ביסל זאַכן און באַשלאָסן מיטצופאָרן מיט די יידן. ווי ער פאַקט אָזוי די זאַכן, געפינט ער אַן אַלטן סידור. האָט ער דעם סידור מיטגענומען. ער איז אַרויסגעגאַנגען אין מאַרק אַריין, וואו די יידישע פורן זיינען געשטאַנען, און האָט געבעטן אַ יידן ער זאָל אים מיטנעמען אין שטאָט אַריין.

דאָס ייִנגל איז ערב יום־כפור אָנגעקומען אין שטאָט אַריין. ער איז פאַרנאַכט געגאַנגען אין שול אַריין, וואו דער בעל־שם־טוב האָט גע־דאַוונט, און ער האָט דערזען, אַז יעדער איינער שטייט און וויינט און טוט תפילה צו גאָט און אַז ער איז איינער אַליין אין שול וואָס קאָן נישט דאַוונען.

האָט דאָס ייִנגל גענומען דעם אַלטן סידור, וואָס ער האָט מיטגע־בראַכט און ער האָט אים אַנידערגעלייגט אויפן שטענדער און ער אָנגע־הויבן צו וויינען:

„ליבער גאָט אין הימל! האַר פון אַלע וועלטן! איך ווייס ניט ווי אַזוי צו דאַוונען. אָבער זע, איך האָב דיר געבראַכט דעם גאַנצן סידור, דאַוון דו פאַר מיר!" און דאָס ייִנגל האָט איינגעגראָבן זיין קאָפּ אין סידור און ער האָט שטאַרק געוויינט.

האָט דער בעש"ט געזאָגט: „זיין תפילה איז אָנגענומען געוואָרן אין הימל", און דער בעש"ט האָט מיט שמחה אָנגעהויבן צו זאָגן כל־נדרי.

„ווען עס קומט צום סידור האר"י — האָט דער דינאָווער אויסגע־לאָזט — בין איך גלייך צו דעם דאָרפס־ייִנגל, עפן איך אויף דעם סידור און זאָג:

„יהי רצון אַז מיינע תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן אין הימל, ווי איך וואָלט מכוון געווען אַלע כוונות און שמות, וואָס געפינען זיך אין אָט דעם סידור..."

(עשר צחצחות, זייט 112)

ווען יום־כיפור פאַלט אוים אום שבת

דער צדיק ר׳ לייב, דער פאָטער פון ר׳ מאירל פרעמישלאַנער, פלעגט שטאַרק אָפּהיטן דעם שבתדיקן טאָג, און דורך דעם איז ער אויך געווען באַרימט. ווען ער פלעגט אין אַ וואָכנטאָג דורכגיין דעם מאַרק, האָט ער געהאַט פאַרמאַכטע אויגן און פלעגט זיך אָנהאַלטן אָן זיין שמש. אָבער ערב שבת פלעגט ער אַליין גיין אין מאַרק איינקויפן אויף שבת די בעסטע מאכלים. ווען ער פלעגט אַריינקומען אין אַ מעל־קראָם פלעגט ער זאָגן: „גיט לייבן דאָס בעסטע מעל אויף שבת״; אַזוי פלעגט ער אויך זאָגן, ווען ער פלעגט אַריינגיין צום קצב, אָדער פישער. וואָס ער האָט געקויפט אויף שבת, האָט ער אַלץ געבעטן דאָס בעסטע, כדי די שמחה פון שבת זאָל זיין וואָס גרעסער.

ווען יום־כפור פלעגט אויספאַלן אום שבת, פלעגט ער איינקויפן און צוגרייטן ווי פאַר אַ געוויינלעכן שבת. ער פלעגט אפילו אויפן טיש אַרויפשטעלן די געבאַקענע און געקאָכטע מאכלים. און ווען ער פלעגט קומען פון בית־המדרש נאָך כל־נדרי פלעגט ער זיך אַוועקזעצן ביים געגרייטן טיש און פלעגט זאָגן:

„רבונו־של־עולם, פון מיין זייט איז ניטאָ קיין מניעה. איך וויל הנאה האָבן און זיך פרייען מיטן שבת, אַזוי ווי דו האָסט אָנגעזאָגט. אָבער דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז אין דעם טאָג דאַרף מען פאַסטן — דעריבער, אויב דאָס איז דיין ווילן, גיט זיך לייב אונטער דיין הייליקן ווילן״.

און ער האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און צוריק אַוועקגעגאַנגען אין שול זאָגן תהילים...

נפש תחת נפש

צווישן די חסידים וואָס זיינען געקומען אויף די ימים נוראים צום ריזשינער רבי׳ן איז געווען אַ חסיד מיטן נאָמען ר׳ אשר. דער ריזשינער רבי האָט אים תמיד שטאַרק מקרב געווען און האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ גרויסע נשמה. ר׳ אשר איז געווען אַ חלוש און ער האָט געליטן פון אַ שווערע קראַנקייט. דער ריזשינער רבי פלעגט אויף אים גוזר זיין ער זאָל עפּעס טועם זיין אין יום־כפור.

צווישן שחרית און מוסף פלעגט דער ריזשינער רבי אים אַריינ־נעמען אין זיין חדר מיוחד און האָט אויף אים גוזר געווען ער זאָל עפּעס עסן, וואָס איז שוין געווען צוגעגרייט, און ר׳ אשר האָט געטאָן אַזוי ווי דער רבי האָט געהייסן.

אין דעם לעצטן יום־כפור, אין יאָר תרי״א (1851) האָט זיך דער ריזשינער רבי שטאַרק פאַרמוטשט ביי שחרית און ער איז גאַרנישט אַרויס פון זיין חדר מיוחד און ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין זיין חסיד ר׳ אשר און האָט אים נישט געזאָגט ער זאָל עפּעס טועם זיין.

האָט ר׳ אשר ווייטער געפאַסט, און ביי מוסף, אינמיטן זאָגן די עבודה, איז ר׳ אשר פאַרחלשט געוואָרן און זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען.

ווען דער ריזשינער רבי האָט זיך דערפון דערוואוסט האָט ער אויסגערופן: „נפש תחת נפש!״

נאָך סוכות איז דער ריזשינער רבי שלאָף געוואָרן און ג׳ חשון איז ער נפטר געוואָרן. (מגדולי החסידות, ספר י׳, זייט 168)

געשטילט דעם דאָרשט

איינמאָל האָט אַ ייד אַ גביר און אַ קמצן פאַרחלשט יום־כפור פאַר דאָרשט אין בית־המדרש פון רבין ר׳ חיים סאַנדזער, האָט מען געפרעגט דעם רבין, צי מען מעג אים געבן אַ טרונק וואַסער.

„על פי דין מעג מען אים געבן אַ לעפל וואַסער״, האָט ר׳ חיים סאַנדזער געזאָגט.

אָבער ער דאָרשט האָט זיך ניט איינגעשטעלט און דער ייד האָט ווידער פאַרחלשט. האָט דער סאַנדזער רבי געזאָגט:

„אויב ער וועט צוזאָגן צו געבן פאַר יעדן לעפל וואַסער הונדערט גילדן צדקה, וועט מען אים געבן צו טרינקען.״

ווען דער ייד, דער קמצן, האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך גלייך באַרואיקט און האָט שוין מער ניט געוואָלט טרינקען.

דער אויבערשטער איז מחויב אויסצולייזן די יידן

איינמאָל פאַר נעילה האָט דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק זיך אַוועקגעשטעלט זיך אויס׳טענה׳ן מיטן רבונו־של־עולם און ער האָט אַזוי געזאָגט:

„מרא דעלמא כולא! דורך דיין נביא ישעיה האָסטו אונז געפרעגט: „אי זה ספר כריתות אמכם אשר שלחתיה״ (ישעיה נ׳, א׳), דאָס הייסט, אַז דו, רבונו־של־עולם אַליין, ביסט מודה, אַז דו האָסט זיך מיט אונז פאַרבונדן אין אַ קשר פון נשואין, אַזוי ווי אַ פרוי מיט אַ מאַן, אַזוי ווי מיר זאָגן אין ברכת ארוסין: „מקדש עמו ישראל על ידי חופה וקדושין״. און דער דין איז דאָך, אַז דער מאַן איז מחויב אויסצוהאַלטן זיין ווייב מיט שפייז, באַקליידונג און רפואות און אפילו זי אויסלייזן פון איר געפענגעניש (שולחן ערוך, אבן עזר, סימן ס״ט, א־ב). דעריבער ווענדט זיך צו דיר דיין פאָלק ישראל, וואָס דו האָסט מקדש געווען דורך חופה וקדושין, און פאָדערן פון דיר דו זאָלסט דערפילן דיין חוב, דו זאָלסט זיי געבן שפייז, קליידער און שיקן אַ רפואה, און אויב מיר זיינען איצט געפאַנגען צווישן די פעלקער, ביסטו מחויב אונז אויסצולייזן, טאָמער וועסטו זאָגן,

ווייל מיר האָבן געזינדיקט איז בטל געוואָרן דיין התחייבות צו אונז? האָבן אָבער אונזערע חכמים געזאָגט: „אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנסה בו רוח שטות" (סוטה ג׳ עמוד א׳) — אַ מענטש טוט נישט קיין עבירה, נאָר סיידן עס גייט אין אים אַריין אַ רוח שטות, און עס איז דאָך אַ דין אין שולחן ערוך, אַז: „נשא אשה ואחר כך נשתטית, חייב לזונה ולרפאה" (שולחן ערוך, סימן ע׳, ח׳) — אַז אַ מענטש האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי און זי איז משוגע געוואָרן, דאַרף ער זי באַשפּייזן און זי היילן, דעריבער ביסטו מחויב אויך אונז צו העלפן און אונז אויסצולייזן פון אונזער געפאַנגענשאַפט און אונז אַרויסנעמען פון גלות"...

און דערנאָך האָט דער רבי ר׳ אלימלך זיך געשטעלט פאַרן עמוד דאַווענען נעילה.

די מצווה פון הכנסת אורחים און יום־כיפור

דער רבי ר׳ מרדכי נאַדוואָרנער האָט געהאַט אַ מנהג יעדן יום־כפור אַרומצוגיין אַ גאַנצן טאָג אין בית־המדרש און טיילן יידן שמעק־טאַבאַק. אויך האָט ער ערב יום־כפור געגעבן זאָקן צו אַלע יידן וואָס זיינען צו אים געקומען, ווייל אַזוי גרויס איז ביי אים געווען די מצווה פון הכנסת אורחים, אַז אפילו אין אַ טאָג ווען מען טאָר נישט עסן, האָט ער אויך זי געוואָלט מקיים זיין.

לשנה הבאה בירושלים

דער אוהעלער רבי ר׳ משה טייטלבוים האָט אַמאָל יום־כפור פאַר נעילה געזאָגט: „מיר זאָגן פסח נאָכן סדר: „לשנה הבאה בירושלים" און דאָס זעלבע זאָגן מיר יום־כפור נאָך נעילה. קומט דאָך אויס, אַז מיר שטופּן אָפּ די גאולה יעדעס האַלבע יאָר אויף אַ יאָר.

„נאָר דער תירוץ איז, אַז איינער פון די חז"ל זאָגט, אַז אין ניסן וועט מען אויסגעלייזט ווערן, און אַ צווייטער זאָגט: אין תשרי „עתידין להגאל", אַז אין תשרי וועט מען אויסגעלייזט ווערן. דער אמת איז, אַז איינער קריגט נישט אויפן צווייטן, ווייל די גאולה פרטית פאַר דעם פאָלק ישראל וועט זיין אין ניסן און די גאולה כללית — פאַר דער גאַנצער וועלט, וועט זיין אין תשרי.

„קומט דאָך אויס, אַז מיר קענען נישט זיין אין יום־כפור אין ירושלים, אויב מיר וועלן פריער נישט אויסגעלייזט ווערן אין ניסן. דעריבער איז נישט סותר איינס דאָס צווייטע, נאָר עס העלפט אַרויס. מיר דאַרפן זאָגן פסח ביים סדר לשנה הבאה בירושלים און דאָס זעלבע דאַרפן מיר זאָגן יום כפור."

(שיח ספורים, פסח)

דער כח פון טאַנצן

מען דערציילט:

ביז מוצאי יום־כפור איז דער הימל יעדע נאַכט געווען פאַרוואָלקנט און דער בעש"ט האָט נישט געקענט מחדש זיין די לבנה.

מוצאי יום־כפור האָט דער בעש"ט אַרויסגעשיקט זיינעם אַ מענטשן אין גאַס אַריין צו זען צי דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט. אָבער דער משמש איז צוריקגעקומען און געזאָגט אַז שווערע וואָלקנס פאַרדעקן דעם הימל. האָט דער בעש"ט דערפון געהאַט גרויס צער.

דערווייל זיינען זיך צונויפגעקומען חסידים און זיי האָבן נישט גע־וואוסט אַז דער בעש"ט זיצט אין עצבות און זיי האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן ווי זייער סדר איז געווען. ווען זיי זיינען אַריין אינעם רקוד מיט גרויס התלהבות, זיינען זיי טאַנצנדיק אַריין אינעם חדר פון בעש"ט און האָבן אים אַריינגעצויגן אינעם טאַנץ. און באַלד האָט זיך דערהערט אַ קול פון דרויסן: דער הימל האָט זיך אינגאַנצן אויסגעלייטערט און עס איז אַרויסגעקומען אַ זילבערנע לבנה, וואָס מען האָט אַזעלכע נאָך קיינ־מאָל נישט געזען.

(דברי דוד)

דאָס האַרץ ברענט

ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער איז אַמאָל צווישן כסה־לעשור געקומען קיין בראָד. ערב יום־כפור האָט ר' אפרים זלמן מרגליות אים פאַרבעטן צו עסן מיט אים די סעודה המפסקת און דאַוונען אין זיין בית־המדרש.

האָט ר' לוי יצחק מסכים געווען. מוצאי יום־כפור איז ר' לוי יצחק געגאַנגען אַהיים צו ר' אפרים זלמן מרגליות.

באַלד נאָך הבדלה האָט ר' לוי יצחק אָנגעהויבן צו שרייען:

„וויי איז מיר, דאָס האַרץ ברענט!"

האָט מען געוואָלט לויפן ברענגען אַ דאָקטאָר, האָט ר' לוי יצחק געוואונקען, אַז ער וויל גאָר ניט קיין דאָקטאָר, נאָר די גמרא סוכה, ווייל באַלד נאָך הבדלה האָט זיין האַרץ שוין געלעכצט צו לערנען וועגן דער מצוה פון זיצן אין סוכה.

פאַרוואָס יידן ווילן מער

איינמאָל מוצאי יום־כפור האָט ר' לוי יצחק אַריינגערופן צו זיך זיין תלמיד ר' אהרן זשיטאָמירער און אים דערציילט:

„היינט בעת הקדוש ברוך הוא איז געזעסן אויפן כסא־הכבוד און געמשפט די יידן, איז צו אים צוגעקומען דער ס"ם (שטן) און געזאָגט:

„רבונו של עולם — כ'האָב דיך עפּעס צו פרעגן: ווען איינער גנבעט

אַ רובל און וויל שפּעטער אַליין די גנבה צוריק אָפּגעבן, וויפיל דאַרף ער צוריקגעבן? אַ פּשיטא ניט מער ווי אַ רובל. היינט־זשע פאַרוואָס אַז אַ ייד גיט צדקה אַ רובל און ער פאַרלאַנגט פון דיר שפּעטער, אַז דו זאָלסט אים דערפאַר באַגליקן, דערפילסטו אַ סך מאָל זיין בקשה? אים קומט דאָך לויטן דין ניט מער צוריק ווי אַ רובל?"

„איך — זאָגט ווייטער ר' לוי יצחק — האָב דעם ס"ם באַלד שטיל געמאַכט און האָב אויסגעשריגן:

„וואָס פאַר אַ פאַרגלייך מאַכט ער דאָס? דער גנב, וועלכער האָט געגנבעט אַ רובל, האָט דאָך דעם געליטענעם נישט מער געבראַכט שאָדן ווי אַ רובל, דעריבער דאַרף דער גנב בשום אופן נישט מער צוריקגעבן ווי אַ רובל. אַנדערש איז אָבער ווען אַ ייד גיט אַ רובל צדקה. ווייל ווען אַ ייד גיט אַ רובל צדקה, האָט ער אין זינען און מיינט דערמיט דער־האַלטן דאָס לעבן פונ'ם אָרעמאַן מיט זיין ווייב און קינדער. און אין דער אמתן איז עס אַזוי. מיט אַ רובל דערהאַלט מען אָמאָל אַ יידן ביים לעבן. דעריבער טאַקע דאַרף דער רבונו של עולם, וואָס איז משלם מידה כנגד מידה, אויך אים מיט זיין בני־בית דערהאַלטן ביים לעבן און אים געבן, וואָס עס פעלט אים נאָר: בני, חיי ומזוני..."

דער בערדיטשעווער וויל מעקלעריי

איינמאָל מוצאי יום־כפור האָט ר' לוי יצחק בערדיטשעווער אַריינ־גערופן אַ מעקלער פון שטאָט און האָט אים געפרעגט:

„האָסט שוין אַ סך פאַרמעקלט זינט דו ביסט אַ מעקלער?"

„אַוודאי געננוג מסחרים אין מיין לעבן דורכגעפירט" — ענטפערט דער מעקלער.

„אויב אַזוי — רופט זיך אָפּ ר' לוי יצחק — וויל איך, דו זאָלסט מיר זאָגן וויפיל מיר קומט מעקלעריי, ווייל איך האָב היינט דורכגעפירט גאָר אַ גרויס געשעפט צווישן די יידן און גאָט".

דער מעקלער האָט זיך שוין גאָר נישט אָפּגערופן, ווייל ער האָט גע־וואוסט, אַז מסתמא וויל ר' לוי יצחק עפּעס אַרויסברענגען מיט זיין שמועס, עפּעס מלמד זכות זיין אויף די יידן. און ר' לוי יצחק האָט ווייטער געזאָגט:

„איך האָב היינט אַוועקגעגעבן גאָט־ברוך־הוא די „עוונות, חטאים ופשעים" און האָב גענומען ביי אים „מחילה, סליחה וכפרה" — איז וואָס קומט מיר דערפאַר? וואָס, דו ווייסט נישט? — האָט ער זיך ווייטער געווענדט צום מעקלער — וועל איך דיר זאָגן: איך וויל דערפאַר מעק־לעריי „בני חיי ומזוני". און אָט דאָס אַלץ — האָט ר' לוי יצחק אויסגע־לאָזט — גיב איך טאַקע אַוועק אַ מתנה די יידן..."

„גאָט'ס טאָג"

דער בעש"ט האָט געזאָגט: „פאַרוואָס רופט מען דעם טאָג נאָך יום־כפור „גאָט'ס טאָג"? ווייל מען הערט דעמאָלט אויף צו זאָגן „המלך הקדוש" און מען הויבט אָן צוריק צו זאָגן „האל הקדוש".

(אורחות חיים, גאולת ישראל און נופת צופים)

צוויי טעג יום־כפור

אין די גאָר אַלטע צייטן פלעגן חסידים און אנשי מעשה אין דייטש־לאַנד פאַסטן צוויי טעג יום־כפור. זיי האָבן געהאַלטן, אַז פונקט אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע יום־טובים איז פאַראַן אַ באַזונדערער טאָג, וואָס ווערט אָנגערופן „יום־טוב שני של גלויות", אַזוי דאַרף אויך יום־כיפור האָבן צוויי טעג, און זיי פלעגן טאַקע פאַסטן צוויי טעג.

דער גרויסער גאון, דער רא"ש, האָט ניט צוגעלאָזט, אַז מען זאָל פאַסטן צוויי טעג. דאָך האָבן אַ סך גאונים געפסקנט, אַז דער, וואָס האָט שוין איינמאָל אין זיין לעבן געפאַסט צוויי טעג יום־כיפור, דער מוז עס שוין כסדר טאָן, ווייל עס איז גלייך ווי ער וואָלט אַ נדר געטאָן צו פאַסטן נאָך אַ טאָג.

אין דעם ספר „מטה משה" ווערט געבראַכט אַ דין פאַר די, וואָס פאַסטן צוויי טעג יום־כיפור, אַז אויב דער צווייטער טאָג איז אויסגעפאַלן אין פרייטיק, טאָרן זיי ניט עסן פון די געקעכצן, וואָס מען האָט פאַר זיי אָנגעגרייט ערב שבת. אפילו ווען עמיצער האָט פאַר זיך אַליין געקאָכט פרייטיק מאכלים און ער האָט צוגעשטעלט מער שפייז, טאָרן די יידן וואָס פאַסטן צוויי טעג פון די שפייזן נישט עסן אין שבת, ווייל פאַר זיי איז דער דאָזיקער טאָג געווען „יום־כיפור" און מען האָט פאַר זיי גאָרנישט געטאָרט אָנגרייטן. זיי מעגן נאָר עסן, פסקנט דער „מטה משה", די שפייזן, וואָס עמיצער האָט אָנגעגרייט ערב שבת פאַר זיך אַליין און זיי פאַרבעטן צו דער סעודה...

געווען געציילטע חסידים, וואָס האָבן געהאַלטן פון דעם דאָזיקן מנהג צו פאַסטן צוויי טעג יום־כיפור.

דער קאָזשעניצער מגיד און דער „קיטרוג" אין הימל ערב יום־כּפּור

מען דאַרף וויסן וואָס צו בעטן ביים רבין ערב יום־כּפּור, האָט ר' ירוחם סופר אָנגעהויבן זיין שמועס מיט די חסידים, וואָס זיינען געקומען אויף יום־כּפּור צום זשאַבנער רבין. „מען דאַרף וויסן, אַז דער עיקר איז היינט יראת־שמים, נאָר דערצו דאַרף מען אויך האָבן אַ קאַפּיטשקעלע פּרנסה און אַ רואיקן קאָפּ. אויב אָבער איר וועט פריער איינשרייבן אין קוויטל פּרנסה — האָט דער אַלטער זשאַבנער חסיד איינגעטענהט מיט די יונגע חסידים — וועט דאָס נישט טויגן. אָט וועל איך אייך דערציילן, וואָס מען זאָגט נאָך וועגן אַלטן רבין, זכרונו לברכה: אַמאָל איז צו אים געקומען ערב יום־כּפּור אַ פרעמדער ייד, נישט קיין געהויבענער חסיד, און האָט אים אָפּגעגעבן אַ קוויטל און געבעטן אויף פּרנסה. האָט דער אַלטער, זכותו יגן עלינו, גאָר נישט געענטפערט. האָט זיך דער פרעמדער ייד אָפּגערוקט אָן אַ זייט אַ פאַרשעמטער. אָבער באַלד האָט ער דערזען, ווי אַ צווייטער חסיד איז צוגעקומען צום רבין און דערלאַנגט אַ קוויטל און דער רבי ווינטשט יענעם חסיד יאָ אָן הצלחה אין מסחר. איז דער פרעמדער ייד געווען אָן עקשן, איז ער צוריק צוגעגאַנגען צום רבין און האָט אים געפרעגט: „הייליקער רבי, מילא פריער, אַז איר האָט מיר נישט געענטפערט אויף מיין בקשה, האָב איך געמיינט, אַז איר האָט מיך מדחה געווען, ווייל איר זענט מבטל אַלע ענינים פון דער וועלט. אָבער איצט, ווען איך האָב אייך געהערט שמועסן מיט אייער חסיד וועגן מסחר־ענינים, פאַרשטיי איך שוין גאָרנישט פאַרוואָס איר האָט מיר נישט גע־וואָלט ענטפערן".

נו, האָט איר דאָך מסתמא געהערט, וואָס פאַר אַן עניו דער אַלטער, זכרונו לברכה, איז געווען — האָט ירוחם ווייטער דערציילט — האָט דער אַלטער אויף גאָרנישט געקוקט וואָס עס איז געווען ערב יום־כּפּור, און הונדערטער חסידים האָבן זיך נאָך געוואָלט פראַווען, און ער האָט דעם פרעמדן חסיד בנעימותדיק געענטפערט: „איך וועל אייך דאָס געבן צו פאַרשטיין מיט אַ משל:

„אַמאָל איז געפאָרן אַ גרויסער סוחר קיין לובלין אויפן יאַריד קויפן בריליאַנטן. האָט דער סוחר זיך פאַרזוימט אין אַ בריליאַנטן־געשעפט אַ לאַנגע צייט, ביז עס שוין געוואָרן זייער שפּעט און אַלע געוועלבער זיינען שוין פאַרמאַכט געוואָרן. פּלוצים איז אַריינגעלאָפן דער בעל עגלה פון דעם פרעמדן סוחר און האָט געזאָגט זיין בעל־הבית, אַז די געוועלבער

זיינען שוין אומעטום פאַרמאַכט און ער ווייסט נישט וואו איצט צו קויפן סמאַלע צו שמירן די רעדער פונ׳ם וואָגן. ווי נאָר דער גרויסער סוחר פון לובלין האָט דערזען דעם צער פון דעם פרעמדן יידן, ווייל ער וועט שוין מוזן איבערנעכטיקן אין לובלין מיט אַזוי פיל בריליאַנטן, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט, האָט ער אים באַרואיקט און געזאָגט, אַז ער וועט אים שענקען אַ ביסל סמאַלע, וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאַר זיינע וועגע־נער. איז געשטאַנען אין געוועלב נאָך אַ פרעמדער ייד, וואָס אים האָט אויך אויסגעפעלט סמאַלע פאַר זיין וואָגן. איז ער צוגעגאַנגען צום לובלי־נער סוחר פון בריליאַנטן און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים אויך פאַרקויפן אַ ביסל סמאַלע. האָט אים דער לובלינער בריליאַנטן־סוחר מיט כעס געענטפערט: — ייד איינער, האַנדל איך דען מיט סמאַלע צו שמירן רעדער? דער דאָזיקער סוחר האָט ביי מיר געקויפט זייער טייערע סחורה, פערל און בריליאַנטן, דערפאַר שענק איך אים אַ ביסל סמאַלע, ער זאָל קאָנען וואָס פריער אַהיים פאָרן. אָבער איר האָט ביי מיר קיין שום סחורה נישט געקויפט, טאָ פאַרוואָס זאָל איך אייך שענקען סמאַלע?...

„אַזוי איז אויך וועגן אייך — האָט דער רבי אויסגעלאָזט. — דער חסיד, וואָס קויפט ביי מיר תורה און חסידות, גיב איך אים אויך אַן עצה וועגן מסחרים, כדי ער זאָל קאָנען זיין אַ ירא שמים, אָבער איר האָט דאָך ביי מיר גאָרנישט געקויפט, טאָ פאַרוואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר איך זאָל אייך פאַרקויפן סמאַלע צו די רעדער? בין איך דען אַ סוחר פון סמאַלע?״...

זעט איר שוין ווי פאַרזיכטיק מען דאַרף זיין — האָט ירוחם ווייטער געזאָגט — כדי צו וויסן וואָס פאַר אַ קוויטל היינט אָפּגעבן דעם רבין״.

די חסידים האָבן זיך געשטופּט פון אַלע זייטן צו הערן, וואָס ר׳ ירוחם דערציילט. דער רבי איז געזעסן ביי זיך אין חדר און געלערנט זוהר. עס האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעהערט אַ שטיל וויינען ווי דאָס וואָרקען פון אַ טויב... די חסידים האָבן אָפּגעוואַרט ביז דער רבי וועט אַריינקומען עסן די ערב יום־כפורדיקע סעודה. זיי זיינען אַלע געשטאַ־נען מלא אימה, ווייל דער רבי אַליין האָט ערב יום־כפור געפירט אַ פחדימדיקן טיש. ווי נאָר דער רבי האָט געוואַשן, נאָכן וואַשן זיך, די חלה אין דער האַנט ביים מאַכן די „המוציא״, האָט ער זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד... היינט־זשע, ווען דער רבי האָט אָנגעהויבן זינגען דעם פזמון, וואָס מען זאָגט ערב יום־כפור ביי די סליחות: „מחר יהיה האות הזה״... האָבן זיך דאָך ממש טייכן טרערן געגאָסן פון זיינע אויגן. און אַז חסידים האָבן געזען, ווי דער רבי וויינט, זיינען זיי דאָך אַלע צעגאַנגען פאַר געוויין. איז טאַקע דער ערב יום־כפורדיקער טיש געווען איין שטיק געוויין... ווייל מען האָט געזען בחוש, אַז דער רבי אַליין האָט מורא פאַרן גרויסן יום־הדין, און דערפאַר האָט זיך דער רבי אָנגעטאָן יעדן

יום־כפור אין דעם קאָזשעניצער מגידס כאַלאַטל, וואָס עס איז אים גע־בליבן בירושה, כדי ער זאָל האָבן מער כח מגין צו זיין אויף דעם כלל ישראל...

און ווייסט איר פאַרוואָס דער רבי טוט אָן יום־כפור דעם הייליקן קאָזשעניצער מגידס כאַלאַטל? — האָט ר׳ ירוחם געפרעגט די חסידים, און ער האָט אַליין באַלד געענטפערט, — ווייל דער הייליקער קאָזשעני־צער מגיד איז געווען אַ גרויסער ממליץ טוב אויף יידן, פונקט אַזוי ווי דער בערדיטשעווער, און דערפאַר הילט זיך אונזער רבי איין אין דעם מגידס מלבושים...

איהר ווילט וויסן, וואָס פאַר אַ ממליץ טוב דער הייליקער קאָזשע־ניצער מגיד איז געווען? — האָט ר׳ ירוחם מיט זיינע פאַרטערטע אויגן געפרעגט, — זאָל זיין שטיל, וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה, נאָר בתנאי איר זאָלט זיך נישט שטופן.

די חסידים האָבן זיך געשטעלט אין אַן עגול אַרום ר׳ ירוחמען און ער האָט אָנגעהויבן:

דער הייליקער קאָזשעניצער צדיק האָט געהאַט אַ מנהג צו דאַווענען ימים־נוראים פאַרן עמוד. איינמאָל, — האָט ר׳ ירוחם גענומען ברייטלעך פירן אַ חסידישן שמועס, — איז דער הייליקער מגיד צוגעגאַנגען ערב יום־כפור זאָגן „כל־נדרי" פאַרן עמוד, האָט ער זיך זייער שטאַרק צע־וויינט, גאָר נישט ווי זיין סדר איז געווען. האָבן די חסידים זייער שטאַרק מורא באַקומען און זיי זיינען געשטאַנען אין איין פחד. זיי האָבן פאַר־שטאַנען, אַז דער ענין איז נישט פשוט... פלוצים האָט זיך דער קאָזשע־ניצער מגיד אויסגעדרייט צום עולם און אַ פרעג געגעבן: איז פאַראַן צווישן עולם איינער אַ פילאַווער? איז געוואָרן אַ גערודער צווישן עולם, ביז איינער אַ דאָרפס־ייד האָט זיך אָנגערופן, אַז ער איז פון אַ דאָרף, וואָס ליגט צווישן גביוועשאָוו און פילאַווע. האָט דער מגיד אים געהייסן צוקומען נענטער צו אים און ער האָט אים געפרעגט צי ער קען דעם פריץ פון דער שטאָט פילאַווע. האָט דער דאָרפס־ייד געענטפערט אַז יאָ. „און דעם פריצ׳ס הונט, קענסטו אויך?" — האָט דער הייליקער מגיד ווייטער געפרעגט. „איך קען" — האָט דער דאָרפס־ייד געענטפערט. „טאָ דערצייל, וואָס דו ווייסט וועגן פריץ מיטן הונט" — האָט דער מגיד שטרענג אַ זאָג געטאָן.

דער דאָרפס־ייד האָט זיך אויסגעהוסט און אָנגעהויבן צו דערציילן און די קאָזשעניצער חסידים האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דער מגיד איז אַזוי נייגעריק צו וויסן די מעשה וועגן פריץ מיטן הונט פונקט ערב יום־כפור פאַר כל־נדרי... און דער דאָרפס־ייד האָט דערציילט:

„דער פריץ האָט אַמאָל מיט זיך געבראַכט אַ גרויסן הונט פאַר זייער אַ סך געלט. ער האָט פאַר דעם הונט געלאָזט אויפבויען אַן אייגענע שטאַל

פאַר אַכט הונדערט רענדלעך און ער האָט דעם הונט אַליין געגעבן עסן יעדן טאָג. איינמאָל האָט דער הונט אַרויסגעכאַפּט דאָס עסן פון דעם פּריצס האַנט. איז דער פּריץ בייז געוואָרן און האָט צעוואָרפן די שטאָל און פאַרטריבן דעם הונט פון זיך. דרייט זיך איצט אַרום דער הונט אין פּילאַווע און טשעפּעט קיינעם נישט"...

ווי דער הייליקער מגיד האָט אויסגעהערט אָט די מעשה, האָט ער זיך באַלד צוריק אויסגעדרייט צום עמוד און האָט געגעבן אַ פייערדיקן געשריי: „נו, דו הערסט, מלאך מיכאל?" און ער האָט תיכף אָנגעהויבן צו זאָגן כל־נדרי...

מוצאי יום־כפור, ווען דער מגיד איז געזעסן מיט זיינע חסידים ביים טיש, האָט דער מגיד געזאָגט: „איך ווייס דאָך זיכער קשה זיין, וואָס איך האָב זיך אַזוי שטאַרק אויסגעפּרעגט ערב יום־כפור פאַר כל־נדרי וועגן דעם פּריץ פון פּילאַווע מיט זיין הונט? נאָר די מעשה איז אַזוי געווען, — האָט דער קאָזשעניצער מגיד דערציילט. — נעכטן איז אין הימל געווען אַ גאָר גרויסער קיטרוג אויף יידן. און אָט פאַרוואָס דער קיטרוג איז געווען: אין דער שטאָט מעכאָוו, לעבן קראָקע, האָט געוואוינט אַ ייד, אַ גרויסער אָרימאַן, האָט ער געדאַרפט חתונה מאַכן אַ טאָכטער. האָט אים זיין ווייב אָנגעהויבן צו פּייניקן, ער זאָל זיך אַרויסלאָזן איבער דער וועלט און צונויפקלויבן געלט אויף הכנסת כלה. איז דער אָרימאַן אָבער געווען אַ זייער שעמעוודיקער, איז ער געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט און האָט אין ערגעץ נישט באַקומען קיין געלט, ביז ער איז אָנגעקומען אויפן וועג, וואָס פירט קיין פּילאַווע. איז אים פּלוצים געוואָרן זייער טרויעריק אויפן האַרצן, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין ביטערן גורל, אַז ער דאַרף גיין פון אָרט צו אָרט קלויבן נדבות און אין ערגעץ גיט מען ניט קיין געלט. איז דער ייד אַ מידער אַנידערגעפאַלן אויף אַ שטיין, וואָס האָט זיך געפונען לעבן דעם וועג, און ער האָט זיך יאָמער־לעך צעוויינט.

„פּלוצים איז דורכגעפאָרן אין אַ קאַרעטע דער פּילאַווער פּריץ, שיכור ווי לוט, מיט גרויס פאַראַד. האָט דער שיכורער פּריץ דערהערט דאָס געוויין פון דעם אָרימען יידן. האָט ער געהייסן אָפּשטעלן די קאַרעטע און באַפוילן צוצורופן צו זיך דעם פרעמדן יידן. האָט דער ייד קיין ברירה נישט געהאַט און איז צוגעגאַנגען. האָט אים דער פּריץ געפרעגט, פאַר־וואָס ער וויינט אַזוי שטאַרק. האָט דער אָרימאַן אים דערציילט די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי ער דאַרף חתונה מאַכן אַ טאָכטער און ער איז שוין אויס־געווען אין אַ סך שטעט און אין ערגעץ קאָן ער נישט צונויפקלייבן דעם נויטיקן סכום, וואָס ער דאַרף האָבן. האָט אים דער שיכורער פּריץ גע־פרעגט: „וויפיל איז דיר נויטיק צו דער חתונה " האָט דער אָרימער ייד געענטפערט: „הונדערט רענדלעך". האָט דער שיכורער פּריץ תיכף

אַרויסגענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און האָט עפּעס אויפגעשריבן דערויף און האָט דאָס איבערגעגעבן צום אָרימען יידן און האָט אים געזאָגט: „דאָ האָסטו אַ כתב מען זאָל דיר אויסצאָלן אין שטאָט הונדערט רענדלעך. גיי גלייך קיין פּילאַווע און פרעג זיך נאָך וואו מיין פּאַלאַץ איז. ווייז דאָרטן דאָס דאָזיקע פּאַפּיר, וועט מען דיר באַלד אויסצאָלן דעם סכום געלט".

„און דער שיכורער פּריץ איז גלייך ווייטער געפאָרן מיט אַ גאַלאָפּ. האָט דער אָרימער ייד פאַרשטאַנען, אַז דער שיכורער פּריץ האָט פון אים געחוזקט און ער האָט אפילו גלייך געוואָלט דעם כתב צעררייסן, אָבער ער האָט זיך דערנאָך באַרעכנט: טאָמער וועט דער פּריץ צוריקקומען אין שטאָט אַריין אַן אויסגעניכטערטער און ער וועט זיך דערוויסן, אַז ער האָט צעריסן זיינס אַ כתב־יד, וועט ער אים זיכער געבן פעפּרציק נאַסע שמיץ.

„איז דער אָרימער ייד געגאַנגען קיין פּילאַווע מיט דעם פּריצס פּאַ־פּירל אין דער האַנט און איז ביי זיך געווען זיכער, אַז דער שיכורער פּריץ האָט פון אים געחוזקט. איז דער אָרימער ייד אָנגעקומען קיין פּילאַווע, איז ער גלייך געגאַנגען אין הקדש אַריין, דאָרט, וואו אַלע פרעמדע אָרימע לייט האַלטן זיך אויף. איז געקומען צוגיין דער פּרנס־חודש, דער, וועלכער דאַרף פון דער קהלשער קאַסע געבן געלט פרעמדע אָרימע לייט, האָט ער יעדן באַזונדער אויסגעפרעגט, וואָס זיין בקשה איז, כדי צו וויסן וויפיל אים צו געבן, און ווען ער איז צוגעקומען צו דעם אָרימען יידן פון מעכאָוו, האָט דער ייד אויסגעגאָסן פאַר אים זיין ביטער האַרץ און האָט אים געבעטן ער זאָל אים געבן אַ גרעסערע נדבה. אָבער דער פּרנס־חודש איז געווען אַ שלעכטער ייד. האָט ער אים געגעבן אינגאַנצן אַ פּאָר קאָפּיקעס און האָט אים געהייסן אַליין גיין איבער די הייזער קלייבן נדבות. איז דער ייד געגאַנגען איבער דער שטאָט אַ פּאָר טעג, האָט ער אָבער אפילו קיין גאַנצן גולדן נישט צונויפגענומען. איז ער ביינאַכט צוריקגעקומען אין הקדש אַריין און האָט זיך געזעצט אין אַ ווינקל און האָט ביטער געוויינט. און פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם קוויטל, וואָס דער פּריץ האָט אים געגעבן. האָט ער ביי זיך געטראַכט: אויב די יידן ווילן אים נישט געבן קיין געלט חתונה צו מאַכן זיין טאָכטער, וועט ער מאָרגן גיין פּרוּוון זיין מזל ביים פּריץ. אפשר האָט דער שיכורער פּריץ נישט געטריבן פון אים קיין קאַטאָוועס.

„דער אָרימאַן איז אינדערפרי אַוועקגעגאַנגען צום פּאַלאַץ פון דעם פּילאַווער פּריץ, און ווי ער איז אַריינגעקומען אין הויף פון׳ם פּאַלאַץ און האָט געוויזן דעם בריוו פון׳ם פּריץ, האָט מען אים גלייך אַריינגערופן אין דער סאַליע, וואו עס זיינען געזעסן די אויפזעער פון׳ם פּריצס גיטער און מען האָט מיט דעם יידן קיין לאַנגע מחזקות נישט געמאַכט, נאָר אים תיכף אויסגעצאָלט די הונדערט גאָלדענע רענדלעך.

„איז דער אָרימער ייד גלייך אַרויס פונ׳ם פּריצס פּאַלאַץ מיט אַ דערפרייט האַרץ, און ער איז באַלד געפאָרן אַהיים קיין מעכאָוו און האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער.

„און אַזוי ווי די מעשה האָט זיך פאַרלאָפן ערב ימים נוראים, איז געוואָרן אַ גרויסער קיטרוג אין הימל אויף יידן, הלמאי חתונה צו מאַכן אַ יידישע טאָכטער ווילן יידן נישט געבן קיין געלט, נאָר מען מוז אָנקומען צום פּילאָווער שיכורן פּריץ. דער קיטרוג איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו דער מלאך מיכאל האָט שוין געשוויגן און האָט נישט געפונען קיין ווערטער ווי אַזוי ממליץ טוב זיין אויף יידן... עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז מ׳זאָל דאָס וואָרט „פּרנסה״ אויסמעקן פון דעם „ספר־הזכרון״ און די יידן וואָלטן חס־וחלילה היי־יאָר געווען געהאַט אַ זייער שלעכט יאָר. דערפאַר האָב איך געוואָרט מיט כל־נדרי, — האָט דער קאָזשעניצער מגיד אויסגעלאָזט, — ביז איך האָב צוגערופן אָט דעם דאָרפס־ייד פון הינטער פּילאָווע, וועלכער האָט דערציילט די גאַנצע מעשה מיט דעם פּריץ און מיטן הונט, ווי דער פּריץ האָט אויסגעגעבן אויף אַ הונט אַזוי פיל געלט און דערנאָך האָט ער אים גאָר פאַרטריבן. האָב איך גערופן דעם מלאך מיכאל און האָב אים געזאָגט: דו זעסט, אַז דער פּריץ איז נישט אַזאַ גרויסער בעל צדקה, נאָר געלט איז ביי אים בכלל נישט חשוב, ווייל ער איז אַ הולטאַי און אַ שיכור, און אויף אַ הונט קאָן ער אויסגעבן צען מאָל אַזוי פיל ווי אויף אַ מענטשן, וואָרים אַלע וויסן, אַז די פּויערים, וואָס וואוינען אין זיינע גיטער, זיינען זייער און זייער אָרים און דער פּריץ הייסט זיי פאַר יעדער קלייניקייט גלייך שמייסן...

„דעמאָלט ערשט איז בטל געוואָרן דער קיטרוג אין הימל און איך האָב געקאָנט אָנהויבן זאָגן כל־נדרי״.

כי אנו עמיך



אַן אַלטער גערער ניגון, געזונגען ביים גערער רבין ר׳ איטשע מאיר, גערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר: דער „חידושי הרי״ם".

כבקרת

פון מאָזשיצער רבין



אַ דביקות־ניגון

געזונגען פון רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק

הימליש פארטראכט



א דביקות־נגונדל

פון רבין ר׳ אהרן קארלינער



דער רבי ר׳ אהרן קארלינער פלעגט דאָס ניגונדל זינגען פאַרן זאָגן תורה מיט די ווערטער:

„מלאכים שרפים ואופנים
פרעגן זיך אוואו איז גאָט?
אוי, וויי, וואָס ענטפערט מען זיי
לית אתר פנוי מיניה״ . . .

רביים פון דער קאַרלינער גזע פלעגן דאָס דביקות־ניגונדל זינגען פאַרן זאָגן תורה און פאַר פאַרדביקהן זיך אין אַ יום־טוב.

סוכּות



אַ זילבערנע אתרוג־פּושקע פונים 19טן יאָרהונדערט
אַן אַלטע זילבערנע אתרוג־פּושקע

סוכות



אַן אַלטע זילבערנע אתרוג־פּושקע.

סוכות דער „חג־האסיף"

דער יום־טוב סוכות ווערט אָנגערופן אין תנ"ך מיט פאַרשידענע נעמען, ווי חג הסוכות, חג ד' און חג האסיף, וואָס מען האָט אים געפייערט ווען מען האָט איינגעזאַמלט די תבואה פון די פעלדער.

אין יום־טוב סוכות פלעגן די יידן אין ארץ־ישראל, אין די צייטן פון בית־המקדש, עולה רגל זיין קיין ירושלים. עס פלעגן קומען יידן פון אַלע ווינקעלעך פון לאַנד, און אין די צייטן פון דעם צווייטן בית־המקדש — אויך פון בבל. די רעגירונג פלעגט אַכטונג געבן, אַז די וועגן זאָלן זיין זיכער קעגן רויבער. אָבער דאָך פלעגט זיך טרעפן, אַז מען איז אָנגע־פאַלן אויפן וועג אויף די עולה־רגלניקעס.

דער אַלטער יידישער היסטאָריקער יאָזעפוס פלאַוויוס דערציילט וועגן אָנפאַלן אויף די וועגן קיין ירושלים, און אין דער משנה פון מסכת שקלים (פרק ב') ווערט אָנגעגעבן וועגן אַ פאַל מיט געלט, וואָס איז געשיקט גע־וואָרן צום בית־המדרש און עס איז צוגעגנבעט געוואָרן אויפן וועג.

דער טעם פון זיצן אין סוכה

דער רמב״ם גיט אַ טעם פאַרוואָס מען דאַרף זיצן אין דער סוכה, כדי מען זאָל זיך דערמאָנען אין די צייטן פון גליק, אַז עס איז פאַראַן אָרעמקייט אויף דער וועלט און אַז אַ סך מענטשן מוזן וואוינען אין שטיבער אָן דעכער...

דער גאון ר׳ חיים אַלפנדרי האָט טאַקע דערמיט פאַרענטפערט דעם פסוק: „כל האזרח בישראל ישבו בסוכות״. פאַרוואָס איז די תורה מזהיר נאָר דעם אזרח, דעם יידן וואָס איז אַ בירגער אינם לאַנד? — ווייל טאַקע דעם אזרח דאַרף מען אָפטמאָל דערמאָנען, אַז עס איז פאַראַן אַ „דירת עראי״, מחמת גאַנץ אָפט דוכט זיך אויס דעם איינגעזעסענעם באַלעבאַטישן יידן, וועלכער איז באַזאָרגט מיט פרנסה און געניסט פון אַלע בירגער־רעכט אין לאַנד, אַז ער איז שוין זיכער מיט זיך, אַז זיין דירה איז שוין אַ „דירת קבע״ — דאַרף מען אים דערמאָנען, אַז ער דאַרף זיצן אין דער סוכה, אַז אומעטום איז דער ייד ניט זיכער...

מען זאָגט אויך נאָך פון אַ רבין אַ ווערטל. ער האָט געפרעגט: פאַרוואָס פרעגט מען ביי יידן ניט די פיר קשיות סוכות פונקט אַזוי ווי פסח? אויך אין דעם דאָזיקן יום־טוב זעט דאָך דאָס קינד פאַר זיך משונהדיקע זאַכן: מען פאַרלאָזט פלוצלינג די שטוב און מען זעצט זיך אַוועק עסן אין אַביידל. וואָלט מען דאָך געדאַרפט פרעגן „מה נשתנה״?

נאָר דער תירוץ איז, ווייל פסח זעט פאַר זיך דאָס קינד זאַכן, וואָס זיינען טאַקע אַנדערש פון דעם יידישן שטייגער לעבן אַ גאַנץ יאָר: די גאַנצע משפחה זיצטביים טיש במנוחה, מעשה בני חורין און עס ווערט אַלץ געפּראַוועט מיט אַ סדר. וואונדערט זיך דאָס קינד און פרעגט קשיות. אָבער סוכות זעט דאָס קינד גאָרנישט אַזוינס, וואָס זאָל זיין עפּעס אויסטערליש. יעדעס קינד ווייסט, אַז די יידן זיינען אַ וואַנדער־פאָלק; אַז יעדער ייד איז אַ נע־ונדניק און ער איז קיינמאָל ניט זיכער מיט זיין היים. דערפאַר דערוועקט עס ביים קינד קיין שום חידוש ניט און ער פרעגט ניט קיין קשיות...

די אושפיזין

לויט דער קבלה קומען־צוגיין זיבן אורחים אין דער סוכה אַריין צו דער סעודה. יעדן טאָג זיצט איינער פון די זיבן אבות אויבנאָן. לויטן סדר קומט די ערשטע נאַכט צו־גיין אברהם; די צווייטע נאַכט — יצחק; דערנאָך יעקב, יוסף, משה, אהרן און דוד.

דער אר״י הקדוש האָט אָבער מסדר געווען די אושפייזן אַזוי: אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף, דוד.

עס איז אויך אַמאָל געווען אַ מנהג ביי די מקובלים איינצולאַדן צו עסן אין דער סוכה זיבן חשובע אורחים, אָרעמעלייט פון שטאָט.

אין אַ סך רבייאישע הויפן איז געווען איינגעפירט אַ מנהג, אַז אויב דער רבי האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַן אושפיזין, פלעגט מען די נאַכט ווען דער אושפיזין איז אויסגעפאַלן, מאַכן אַ גרויסע סעודה. מען האָט געטרונקען אַ סך משקה.

פון קאָצקער רבין ווערט דערציילט, אַז מען האָט אים געזאָגט וועגן אַ געוויסן רבי'ן, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז ער זעט די זיבן אושפיזין ביי זיך אין דער סוכה. האָט דערויף דער רבי ר' מענדעלע קאָצקער געזאָגט:

„איך זע זיי ניט, אָבער איך גלויב די חז"ל, אַז די אושפיזין קומען צו אונז אין סוכה, און מיט אמונה זעט מען מער ווי מיט די אויגן..."

פייגל אין דער סוכה

די יידן אין מזרח־אייראָפּע האָבן געהאַט אַ מנהג אויפצוהענגען אין סוכה פייגל געמאַכט פון פּאַפּיר.

די פייגל האָבן געווייגטליך געמאַכט קינדער. דאָס מאַכן די פייגל איז געווען אַ גאַנצע קונסט. מ'האָט גענומען אייער געמאַכט צוויי לעכלעך איןביידע זייטן פון איי, אויסגעבלאָזן דאָס ווייסל און געלכל פון איי. מען האָט גענומען קאָלירט פּאַפּיר, עס געקנייטשט אין פאַלדן, ווי פעכערס, געמאַכט פון זיי פליגלען. די פליגלען האָט מען אַריינגעטאָן אין ביידע זייטן פון איי און אַן „עק" אין איין זייט פון דער לענגלעכער זייט פון איי. מען האָט די פליגלען און דעם עק פאַרטריפט מיט טריוואַקס. פון די איבערגעבליבענע שטיקלעך וואַקסענע ליכט פון יום־כפור, האָט מען געמאַכט קעפּ פאַר די פייגל און דעם קאָפּ און דעם „בויך" פון איי האָט מען באַגילדעט מיט לייש.

דער מנהג פון אויפהענגען פייגל אין דער סוכה איז אַן אַלטער. שוין פון אַ ליד אין 15טן יאָרהונדערט, וואָס געפינט זיך אין כתב־יד, זעען מיר, אַז עס איז געווען אַ מנהג אַזאַ אויפצוהענגען פייגל אין דער סוכה. לזכר פון דעם פסוק: כצפרים עפות כן תגן.

דער דאָזיקער מנהג איז אויך געווען אין דייטשלאַנד אינם 17טן יאָרהונדערט און פון דאָרט איז ער מסתמא אַריבער קיין פוילן.

אין דייטשלאַנד פלעגן די יידן אויפהענגען אין דער סוכה אייער באַצירט מיט פעדערן, זיי זאָלן אויסזען ווי אמתע פליענדיקע פייגל.

אין דייטשלאַנד איז אויך געווען אַ מנהג אויפצושרייבן אויף די אייער דעם פסוק „בסוכות תשבו שבעת ימים".

ביים ראַזוואַדאָווער רבין, ר' משה האָראָוויץ זצ"ל, איז געווען אַ מנהג אויפצוהענגען אין דער סוכה פלעשעלעך מיט די זיבן מינים, מיט וואָס ארץ־ישראל איז געבענטשט געוואָרן. מען האָט אויך אויפגעהאנגען עפּל.

ביי געוויסע רבים איז געווען אַ מנהג, אַז דעם בוימל, וואָס האָט געהאַנגען אין דער סוכה, האָט מען נאָך סוכות געגעבן די חסידים פאַר אַ סגולה צו פאַרשידענע קראַנקהייטן. מיט דעם בוימל פלעגט מען באַשמירן דעם קאָפּ פון אַ קראַנק קינד.

נוי סוכה

דער מנהג פון באַשיינען די סוכה ווערט שוין געבראַכט אין דער גמרא: מען האָט אויפגעהאַנגען אין דער סוכה ניס, מאַנדלען, אַפּריקאָסן, מילגרוימען, הענגלעך ווייַנטרויבן, בינטלעך גערשטן און פאַרשידענע וויי־נען און בוימלען (סוכה י׳, א׳).

די שומרונים און די קאַראַאימער באַצירן די סוכה מיט לולבים און אתרוגים. זיי האַלטן ניט פון בענטשן אתרוג, נאָר דעם אתרוג און לולב הענגען זיי אויף אין דער סוכה.

אין אַ סך גאַליציאַנער הויפן פלעגט מען אויסצירן די סוכה מיט פאַרשידענע פּירות, פיל־פאַרביקע געשניצטע לאַמטערנעס, פאַפּירענע פייגל, פּרוכתן, טעפּיכער און אויך מיט אתרוגים. עס פלעגן זיין סוכות אין גע־וויסע רבייאישע הויפן, וואָס די „נוי סוכה" האָט באַטראָפן אַ סך געלט.

ביים ראָזוואַדאָווער רבין ר׳ משה און ביי זיינע קינדער און אייניקלעך, רבים אין פאַרשידענע שטעט אין גאַליציע, איז אויך געווען אַ מנהג סוכות אויפצוהענגען אונטערן סכך פון דער סוכה אַ „קוואָקע" געמאַכט פון פּאַפּיר. דער ראָזוואַדאָווער רבי פלעגט זאָגן תורה וועגן דעם ענין פון דער „קוואָקע".

אַ טעם דערויף קאָן מען געפינען אין ספר „אוהב ישראל" (זייט קל״ו) פון רבין ר׳ אברהם יהושע העשל אַפּטער, וואו עס ווערט געבראַכט, אַז דער ענין סוכה איז געגליכן צו אַ „קוואָקע". צווערשט רופט זי אירע עופעלעך און גיט זיי צו עסן און דערנאָך נעמט זי זיי אַרונטער אונטער אירע פליגלען.

אַזוי איז זיך אויך נוהג די שכינה הקדושה מיט אונז. אין ראש־השנה און יום־כפור באַשטימט זי פאַר אונז וויפיל שפּייז מיר זאָלן האָבן און דערנאָך נעמט זי אונז אַרונטער אונטער אירע פליגלען, און דאָס איז דער סוד פון דער הייליקער סוכה, וואָס באַשיצט אונז מיט אירע פליגלען...

דער אמתער „נוי־סוכה"

דער סאַנדזער רבי, ר׳ חיים האַלבערשטאַם, האָט אַמאָל געזאָגט:

„איך בין געווען ביי אַ סך צדיקים און זיך געוואָלט אָפּלערנען ביי זיי פאַרשידענע גוטע מידות.

„ביים רבין ר׳ הערש רימאַנאָווער האָב איך זיך טאַקע אָפּגעלערנט

די מידה פון געבן צדקה, אָבער איך קאָן זיך נישט פאַרגלייכן צו אים, ווייל ער איז געווען פונקט אַזוי לוסטיק ווען ער האָט נישט געהאַט קיין געלט צו געבן צדקה, ווי ווען ער האָט יאָ געהאַט געלט אין טייסטער צו צעטיילן די אָרעמעלייט. איך אָבער, אַז איך האָב נישט קיין געלט צום טיילן צדקה, פאַל איך אַריין אין עצבות, דערמאָנענדיק זיך, אַז איך קאָן נישט העלפן די אָרעמעלייט".

האָט דערפאַר דער סאַנדזער רבי געהאַט אַ מנהג, אַז ערב סוכות האָט ער קיינעם נישט אַריינגעלאָזט אין דער סוכה אַריין, ביז מען האָט אים פריער נישט געגעבן אַ גרויסע נדבה פאַר די אָרעמעלייט פון שטאָט. האָט אַמאָל אַ חסיד אים געפרעגט, פאַרוואָס ער גיט ערב סוכות מער ווי אַ גאַנץ יאָר? האָט דער סאַנדזער רבי אים געענטפערט:

„סוכות איז אַ מצוה אויסצוצירן די סוכה. נו, זאָגט, וואָס קען נאָך זיין אַ גרעסערער נוי־סוכה, ווי ווען מען גיט אַוועק צדקה צו אָרעמעלייט?"...

ווען די יידן זיינען עוסק אין דער מצות סוכה

דער „בני יששכר" (ח"ג מאמר י', אות כ') ברענגט אין נאָמען פון ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, פאַרוואָס יידן דאַרפן עוסק זיין אין דער מצוה פון סוכה.

די חז"ל זאָגן אויפן פסוק „ולקחתם לכם ביום הראשון" (ויקרא כ"ג, מ') — און איר זאָלט נעמען אין דעם ערשטן טאָג — מיינט מען „ראשון לחשבון עוונות" (דעם ערשטן טאָג, ווען מען הייבט אָן צו ציילן די זינד). די גמרא (יומא פ"ו, עמוד ב') זאָגט אויף איין אָרט, אַז תשובה־טאָן איז אַזאַ גרויסע זאַך, אַז די עבירות ווערן ווי „שגגות" (וואָס מען טוט בשוגג). אויף אַן אַנדער אָרט ווידער זאָגן די חכמים, אַז תשובה־טאָן איז אַזוי גרויס, אַז די עבירות ווערן ווי „זכיות". איז דאָך דאָס אויבנאויף קשה. אָבער מען דערקלערט דאָס, אַז: ווען מען טוט תשובה פון „יראה" (פון מורא) ווערן די עבירות שגגות, און ווען די תשובה קומט „מאהבה" (פון ליבשאַפט) ווערן די עבירות מצוות.

אין די ימים הנוראים, ראש־השנה, עשרת ימי תשובה און יום־כפור, זיינען די יידן באַשראָקן צוליב דעם יום־הדין, טוען זיי תשובה מיראה... ווערן די עבירות בלויז שגגות. אָבער סוכות, ווען די יידן זיינען עוסק אין דער מצוה פון סוכה און די פיר מינים, דינען זיי דעם אויבערשטן מיט שמחה, טוען זיי תשובה מאהבה. דעמאָלט הייבט מען אָן רעכענען אין הימל די זינד פון די יידן, כדי מען זאָל זיי צוחשבונען צו די מצוות און זיי מצרף זיין צו די זכיות. דעריבער ווערט דער ערשטער טאָג פון סוכות אָנגערופן „ראשון" — דער ערשטער טאָג פון „חשבון עוונות", ווען מען איז מצרף די עבירות צו די „זכיות".

דער סאַנדזער רבי גיט צדקה ערב סוכות

דער רבי און גאון ר׳ חיים פון סאַנדז האָט געהאַט אַ דרך ערב סוכות צו געבן אַ סך צדקה, און כדי צו קאָנען געבן וואָס מער צדקה, האָט ער זיך געבאָרגט געלט ביי די יידן, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט אתרוגים און האָבן אין דעם טאָג געהאַט איבעריק געלט.

איינמאָל זאָגט צו אים זיין זון ר׳ יחזקאלע שינעוער:

„טאַטע, עס איז אמת, אַז געבן צדקה איז אַ גרויסע מצוה, אָבער מיר געפינען ניט אין ערגעץ, אַז מען זאָל דאַרפן לייען געלט צו געבן צדקה״.

„אוי, וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט זיך דער סאַנדזער רבי צעוויינט. — דו ווייסט, אַז דו האָסט אַ טאַטען, וואָס קען נישט לערנען, וואָס האָט אין זיך נישט קיין טראָפּן יראת־שמים. בלויז איין מצוה קאָן ער מקיים זיין, די מצוה פון געבן צדקה. ווילסטו אויך דאָס ביי אים צונעמען?...״

די הכנות צו דער מצוה

דער דרך פון חסידות איז, אַז די הכנה פון דער מצוה איז גרעסער פון דער מצוה אַליין.

איינמאָל איז דער רבי ר׳ דודל טאַלנער געקומען קיין בראָד. האָט אים דער גרויסער גאון ר׳ שלמה קלוגער פאַרבעטן ער זאָל דאַווענען אין זיין בית־המדרש.

האָט דער רבי ר׳ דודל טאַלנער אַ פיר שעה צייט געמאַכט הכנות צום דאַווענען, אָבער דאָס דאַווענען אַליין האָט נישט מער געדויערט ווי אַ צוויי שעה.

נאָכן דאַווענען זאָגט ר׳ שלמה קלוגער צום רבין ר׳ דודל טאַלנער:

„איך קען נישט פאַרשטיין דעם חסידישן דרך. די הכנות נעמען ביי אייך צו מער צייט ווי דאָס טאָן די מצוה אַליין...״

האָט דער רבי ר׳ דודל טאַלנער געענטפערט:

„אַזוי האָבן מיר געלערנט פון אונזערע פוסקים״.

„פון אונזערע פוסקים?״ האָט ר׳ שלמה קלוגער פאַרחידושט געפרעגט.

„יאָ, פון אונזערע פוסקים״ — האָט ר׳ דודל טאַלנער איבערגעחזרט זיינע ווערטער — „און מיך חידושט טאַקע ווי אַזוי דער בראָדער רב זאָל פאַרגעסן, וואָס דער „טורי זהב״ זאָגט אויפן שולחן ערוך אורח חיים, הלכות ראש השנה (סימן תקפ״א), אַז דערפאַר ווערט אָנגערופן דער ערשטער טאָג סוכות „ראשון לחשבון עוונות״ (דער ערשטער טאָג פון ציילן די עבירות), ווייל אין די טעג צווישן יום־כפור און סוכות זיינען די יידן פאַרנומען מיט צוגרייטן, מאַכן די סוכה און קויפן די ארבעה מינים — טוען זיי נישט קיין עבירות.

„איז דאָך דאָס אין פלוג אַ דבר תמיה: אויב בלויז די הכנות צו דער מצוה פאַרהיט זיי פון טאָן אַן עבירה, וואָלט דאָך די מצוה אַליין די יידן אוודאי געדאַרפט פאַרהיטן פון אַן עבירה, טאָ פאַרוואָס אין ערשטן טאָג סוכות, ווען יידן זיינען עוסק אין דער מצוה אַליין פון זיצן אין דער סוכה און בענטשן אתרוג, ווערט דער דאָזיקער טאָג אָנגערופן „ראשון לחשבון עוונות?"

„מוז דערפון זיין געדרונגען" — האָט דער רבי ר' דודל טאַלנער אויסגעלאָזט — „אַז די הכנות צו אַ מצוה האָבן אַזעלכע גרויסע מעלות, וואָס די מצוה האָט עס נישט..."

דער באַרדיטשעווער באַוואָרנט זיך באַצייטנס

דער רבי ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט געהאַט אַ מנהג, אַז ער פלעגט אַריינעמען צו זיך אין דער סוכה אַריין אַלע פּראָסטאַקעס פון שטאָט.

אַז מען האָט אים אַמאָל געפרעגט דעם טעם דערויף, פאַרוואָס אים געפעלט צו זיצן אין דער סוכה דווקא מיט פּראָסטע מענטשן, האָט ער געענטפערט בדרך הלצה:

„לעתיד לבוא, אַז מען וועט אַריינבעטן אַלע צדיקים אין דער „סוכת עורו של לויתן" און איך, לוי יצחק, וועל אויך האָבן חשק זיך אַריינצוכאַפּן, וועט דאָך מיך דער מלאך זיכער אָפּשטעלן ביי דער טיר און וועט מיך אַ פרעג טאָן מיט כעס:

„האָ, ווי קומסט דו, דו פּראָסטאַק, זיך אַריינצושטופּן אַהער, וואו עס זיצן לויטער גרויסע צדיקים?"

„וועל איך אים דערויף ענטפערן: האָט קיין פאַראיבל נישט. צו מיר, אין מיין סוכה, האָב איך אויך אַריינגעלאָזט פּראָסטע מענטשן און איך האָב זיך לגמרי מיט זיי נישט געשעמט!"...

די סוכה פון שוסטער

דער רבי ר' מרדכי פון לעכעוויטש, דער תלמיד פון „מגיד" פון מעזריטש, האָט געהאַט אַ דרך, אַז ווי נאָר עס איז געקומען אַ טאָג נאָך יום־כפור, האָט ער געקויפט ברעטער און לייסטלעך און האָט זיי צעטיילט צווישן די אָרעמעלייט פון שטאָט זיי זאָלן מאַכן סוכות.

איינמאָל, ערב־סוכות, עס האָט געגאָסן אַ שלאַקס־רעגן, קומט צום רבין ר' מרדכי אַן אָרעמער לאָמער שוסטער און בעט דעם רבין ער זאָל אים געבן ברעטער אויפצושטעלן אַ סוכה.

„איך קאָן דיר גאָרנישט מער געבן — זאָגט צו אים דער רבי — איך האָב אַלע ברעטער און לייסטלעך שוין אַוועקגעגעבן צו אַנדערע".

איז דער שוסטער אַרויס מיט אַ טרויעריק האַרץ.

האָט דער רבי ר' מרדכי געזען דורכן פענצטער ווי דער לאָמער שוסטער טאָפּטשעט אין דער בלאָטע אונטער אַ מוראדיקן רעגן און גייט פון הויז צו הויז זוכן ברעטער אויפצושטעלן אַ סוכה.

האָט דער רבי ר' מרדכי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און האָט געזאָגט:

„רבונו של עולם! קוק אַראָפּ פון הימל און זע ווי הייליק דיין פאָלק ישראל איז, ווי ליב זיי האָבן דיינע מצוות. אַ פּשוטער ייד, אַן אָרעמאַן, גייט אין אַ שלאַקס־רעגן און קריכט אין דער בלאָטע און איז זיך מצער וואָס ער קאָן נישט מקיים זיין די מצוה פון סוכה!"

איז דער רבי ר' מרדכי אַרויס אין הויף און ער האָט געזאָגט צום שמש:

„רוף דעם לאָמען שוסטער און נעם די ברעטער, וואָס זיינען דאָ אָנגעגרייט פאַר מיין סוכה, און טראָג זיי אַריבער צו אים, און מיר ביידע וועלן אים העלפן אויפשטעלן די סוכה".

און אין דעם יאָר האָט דער רבי ר' מרדכי פון לעכעוויטש געגעסן גאַנץ סוכות אין דער סוכה פון דעם אָרעמען שוסטער.

אַז איינער איז זיך מצער, איז ער פּטור פון זיצן אין דער סוכה

דער אַלטער קאָצקער רבי האָט געזאָגט, פאַרוואָס זאָגן די חז"ל: „המצטער פּטור מן הסוכה" — אַז איינער איז זיך מצער איז ער פּטור פון דער מצוה צו זיצן אין דער סוכה? ווייל, כידוע, איז סוכה אַן ענין פון ביטול, דער מענטש איז זיך מבטל, ער פאַרלאָזט זיין דירת קבע, ער איז מבטל אַלע זיינע באַקוועמלעכקייטן, ער ציט זיך אַריין אין דער דירת עראי מקיים צו זיין די מצוה סוכה. דער מענטש אָבער, וואָס איז זיך מצער, איז דאָך אַ סימן אַז ער באַזיצט נישט אין זיך דעם כוח הביטול, ווייל ווען ער וואָלט זיך מבטל געווען, וואָלט ער דאָך נישט געווען קיין מצטער, איז דעריבער אַזאַ מענטש פּטור מן הסוכה.

אין סוכה דאַרף מען זיצן מיט אַלע יידן צוזאַמען

דער רבי ר' משה קאָברינער פלעגט האָבן גרויס הקפדה אויף די גאוותדיקע חסידים, וואָס האָבן אויסגעמיטן צו זיצן צוזאַמען מיט די אָרעמע שכנים אין איין סוכה. ער האָט געזאָגט, אַז די סוכה דאַרף זיין אַן אָרט, וואו אַלע יידן זאָלן זיצן צוזאַמען, און ער האָט דערמיט געגעבן צו פאַרשטיין דעם מאמר אין דער גמרא עבודה זרה, אַז לעתיד לבוא וועט גאָט ברוך הוא אויספּרוּוון די בני עשו און זיי זאָגן, אַז ער האָט אַ לייכטע מצוה און זי הייסט סוכה. וועט יעדער פון די בני עשו זיך אויפשטעלן אַ

סוכה אויפן דאַך. איז דאָך די קשיא: פאַרוואָס עפּעס דוקא אויפן דאַך? איז דער תירוץ: יעדער עשו וועט זיך וועלן באַוואָרענען, אַז דער יידישער שכן זיינער זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן צו אים אין דער סוכה!...

דער סטריקאָווער רבי וויל זיין אַ פּשוטער ייד

דער סטריקאָווער רבי ר׳ פישל האָט זיך נוהג געווען זיצן אין דער סוכה אפילו דעמאָלט ווען עס האָט גערעגנט.

האָט מען אים איינמאָל געפרעגט:

היתכן? עס ווערט דאָך בפירוש געזאָגט אין שולחן ערוך (אורח חיים, סימן תרל״ט), אַז: „ירדו גשמים הרי זה יכנס לתוך ביתו״ — ווען עס גייט אַ רעגן זאָל ער אַריינגיין אין שטוב אַריין, און דערויף ווערט צוגעגעבן אין הגהות הרמ״א, אַז: „וכל הפטור מהסוכה ואינו יוצא משם, אינו מקבל עליה שכר ואינו אלא הדיוט!״ — און ווער ס׳איז פּטור פון צו זיצן אין דער סוכה און ער גייט פון דאָרטן נישט אַריס, וועט ער נישט האָבן קיין שכר און ער איז נישט מער ווי אַ הדיוט.

„באַדיי אַ הדיוט צו זיין — האָט דער רבי ר׳ פישל סטריקאָווער געזאָגט, — אַבי אין דער סוכה צו זיצן, ווייל דער אמתער פּשט פון הדיוט איז: אַ פּשוטער ייד, אַ ייד אָן קונצן, ווייל אויב מען וועט נישט קריגן קיין שכר און מען וועט ווייטער בלייבן זיצן אין דער סוכה, איז דאָך טאַקע אַ סימן אַז מען מיינט עס בלויז לשם שמים...״

דער באַרדיטשעווער זוכט אַרום די עבירות

אַ חסידישע מעשה ווערט דערציילט, אַז דער רבי ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער איז איינמאָל דעם ערשטן טאָג סוכות אינדערפרי אַריינגעלאָפן אין בית המדרש אַריין און האָט אויסגערופן:

„ווער פון אייך עס האָט עפּעס אַן עבירה, ברענגט זי גלייך צו מיר. פון אונטער דער ערד, יידן, זוכט אַרויס עבירות!״

זיינען די חסידים געשטאַנען פאַרציטערט און זיי האָבן געשוויגן.

זאָגט צו זיי דערנאָך דער באַרדיטשעווער:

„איר ווילט דאָך מסתמא וויסן, פאַרוואָס איך בין היינט אַזוי להוט נאָך אַן עבירה, וועל איך אייך עס דערקלערן: דער מדרש זאָגט „ולקחתם לכם ביום הראשון — ראשון לחשבון עוונות״. סוכות, ווען מען איז מקיים די מצוה פון די ארבעה מינים, איז עס תשובה מאהבה, און דעמאָלט איז „זדונות נעשו לו כזכיות״ — די עבירות ווערן געציילט צוזאַמען מיט די מצוות. דערפאַר, וואָס מער עבירות עס האָבן זיך פאַרוואַלגערט פון פריער, אַלץ מער זכיות קען מען האָבן... דערמאָנט־זשע אייך יידן — האָט ר׳ לוי יצחק אויסגעלאָזט — ביי וועמען פון אייך עס האָט זיך פאַרוואַלגערט עפּעס אַן עבירה, זאָל ער זי היינט צושטעלן צום חשבון!...״

אַ מדרש פּליאה

דער מדרש זאָגט אויפן פּסוק: „וד׳ ברך את אברהם בכל״ (און גאָט האָט געבענטשט אברהמען מיט אַלעמען), אַז „בכל״ מיינט די מצוה פון סוכה. איז דאָך דער מדרש אַ פּלא. פאַרוואָס מיינט „בכל״ גראָד די מצוה סוכה?

האָט דער אָסטראָווצער רבי ר׳ מאיר יחיאל הלוי פאַרענטפערט דעם מדרש אַזוי: אין דעם וואָרט „בכל״ זיינען פאַראַן אַלע געבאָטן פון דער מצוה צו זיצן אין דער סוכה. דער „בית״ געפינט זיך אין אָנהייב פון פּסוק „בסוכות תשבו שבעת ימים״ (אין די סוכות זאָלט איר זיצן זיבן טעג), דער „כף״ — „כל האזרח בישראל ישבו בסוכות״ (יעדער איינער אין ישראל זאָל זיצן אין סוכות), און דער „למד״ — „למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל״ (די קומענדיקע דורות זאָלן וויסן, אַז אין סוכות האָב איך געמאַכט זיצן די קינדער פון ישראל).

(ויקהל משה, אור הגנוז)

דער מנהג אַז ווייבער זיצן אין דער סוכה

אין די ראָפּשיצער הויפן איז אַ מנהג, אַז די ווייבער זיצן אין דער סוכה גלייך מיט די מענער.

האָט אַמאָל דער ראָפּשיצער רבי — דערציילן די חסידים — געזאָגט דערויף אַ טעם בדרך הלצה: ווייל אין דער אמתן זיינען „נשים פטורות מן הסוכה״ (ווייבער זיינען פּטור פון זיצן אין דער סוכה), נאָר ווייל וועגן די חייבי גלות, וועגן די וואָס דאַרפן פאַרשיקט ווערן אין גלות אַריין דרשנט די גמרא: „משום רשעה אחת אתה מחייבו, ואי אתה מחייבו משום שתי רשעות״ (מכות י״ג) — טאָפּלט שטראָפט מען נישט. איז אי אָפּצו־ריכטן גלות, אויסצוואָנדערן פון דער שטוב אין דער סוכה אַריין, און אי צו זיצן מיטן ווייב — מיט צוויי זאַכן שטראָפט מען נישט. אָבער די ווייבער, וואָס זיינען ניט קיין מרשעתטעס דאַרפן טאַקע זיצן אין דער סוכה.

יידן האָבן אַמאָל געדאַרפט אָפּצאָלן אַ ספּעציעלן שטייער פאַר אתרוגים

די קעניגין מאַריאַ טערעזאַ פון עסטרייך האָט אין יאָר 1744 אַרויפ־געלייגט אויף די בעהמישע יידן אַ שטייער פון פערציק טויזנט פלאָרין, כדי זיי זאָלן האָבן דאָס רעכט אַריינצובריינגען אתרוגים אין לאַנד אַריין. דער שטייער איז דערנאָך פאַרקלענערט געוואָרן אויף צען טויזנט פלאָרין.

אין יאָר 1797 האָבן די יידן פון גאַליציע געוואָלט באַצאָלן דעם עסט־רייכישן קייזער הונדערט טויזנט פלאָרין, ער זאָל אַרויפלייגן אַ שטייער

אויף אַריינפירן אתרוגים אין לאַנד און די קהילה זאָל האָבן דאָס רעכט איינצומאָנען דעם שטייער ביי די יידן.

דער עסטרייכישער קייזער האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַרויפלייגן קיין שטייער אויף „דברים שבקדושה"...

די יידן פלעגן קויפן נאָר אתרוגים פון דעם אינזל קאָרפו. די גריכי־שע סוחרים פלעגן זיך הייסן באַצאָלן הויכע פרייזן פאַר די אתרוגים, ווייל עס האָט זיך געהאַט צווישן זיי פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אויב אַ ייד בענטשט נישט אתרוג מיט אַ קאָרפוער אתרוג, איז ער נישט מוציא שנתו. די גריכישע אתרוגים־סוחרים האָבן דערפאַר געהויבן די פרייזן פון יאָר צו יאָר, ביז אין דעם יאָר 1882 האָבן זיך צונויפגענומען אַלע גריכישע סוחרים און האָבן באַשטימט אַ פּרייז פון זעקס פלאָרין פאַר אַן אתרוג (צוויי און אַ האַלב פלאָרין איז געווען איין דאָלאַר). די יידישע סוחרים ווידער האָבן נישט געוואָלט באַצאָלן אַזעלכע הויכע פרייזן און זיי האָבן געמאַכט יד־אחת נישט צו קויפן קיין קאָרפוער אתרוגים. די יידישע סוחרים האָבן איינגעלייגט צען טויזנט גולדן ביים סמאָליטכיצער רב און זיך פאַרפליכטעט, אַז זיי וועלן נישט קויפן ביי די גריכן, און זיי האָבן געקויפט אתרוגים פון מאַראָקאָ און גענוא. די גריכישע סוחרים האָבן דעמאָלט פאַרלוירן אוצרות געלט.

די יידן האָבן זיך פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן צו באַנוצן מיט ארץ־ישראל אתרוגים. אין יאָר 1905 האָבן די יידישע קאָלאָניסטן אין ארץ־ישראל געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע „פרי עץ הדר", וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השגחה פון הרב אברהם יצחק קוק, צו זען, אַז די אתרוגים זאָלן נישט זיין קיין מורכבים.

אַ סך רבנים האָבן אָנגעהויבן פירן אַן אַגיטאַציע, מען זאָל זיך באַ־נוצן מיט ארץ־ישראל אתרוגים. געווען רביים אין פּוילן, וואָס האָבן גע־בענטשט מיט ארץ־ישראל אתרוגים.

אויך זיינען געווען רביים וואָס האָבן געקויפט צוויי אתרוגים: אַ קאָרפוער אתרוג און אַן ארץ־ישראל אתרוג.

נישט דער אתרוג איז דער עיקר...

דער ראָפּשיצער רבי האָט אַמאָל סוכות אינדערפרי געזאָגט מיט אַ צעבראָכן האַרץ צו זיינע חסידים:

„איך בין אַן אור־אייניקל פון ר' איציקל האַמבורגער. איך האָב אַ פיינעם אתרוג און לולב און דאָך האָב איך גאָרנישט אויפגעטאָן מיט מיינע נענועים, און דער משרת, ר' הערש רימאַנאָווער (דער רבי ר' הערש איז פריער געווען אַ משרת ביים רבין ר' מענדעלע), האָט נישט אַזאַ טייערן אתרוג און לולב ווי איך און דאָך, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו שאָקלען מיטן לולב האָבן אַלע הימלען געציטערט!"

„הפנים, אַז נישט דער אתרוג איז דער עיקר — האָט דער ראָפּשיצער אויסגעלאָזט — נאָר, וואָס מען איז מכוון ביים שאָקלען!"...

פאַרוואָס איז מען אַזוי מדקדק, אַז דער אתרוג זאָל זיין אַ הדר?

דער ראָפּשיצער רבי האָט געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן אַ מדרש, וואָס זאָגט: „למה באתרוג? — שהוא דומה ללב, לכפר על הרהורי הלב. ולמה בהדס? — שהוא דומה לעינים, לכפר על סיקור עינים"... (פאַרוואָס נעמט מען אַן אתרוג? ווייל ער איז געגליכן צו אַ האַרץ — ער זאָל מכפר זיין אויף די געדאַנקען פון האַרץ. פאַרוואָס אַ הדס? ווייל ער איז געגליכן צו די אויגן — ער זאָל מכפר זיין אויף דעם וואָס די אויגן האָבן געזינדיקט מיטן קוקן). האָט דער ראָפּשיצער רבי געזאָגט: „דערפאַר איז מען אַזוי מדקדק, אַז דער אתרוג זאָל נישט האָבן קיין פּגם, ווייל מער ווי אַלע אַנדערע אברים איז שעדלעך אַ פגימה אויפן האַרצן..."

אַ גוט האַרץ איז וויכטיקער ווי אַ שיינער אתרוג

אַ גבירישער חסיד, אַ בעל־גאוה, איז אַמאָל, מוצאי יום־כפור, אַריינגעקומען צום דזשיקאָווער רבין און האָט אים געבעטן ער זאָל אים אָנווינטשן ער זאָל זוכה זיין צו קויפן אַ שיינעם אתרוג.

„אַלץ, הייסט דאָס, האָסטו שוין, נאָר אַ שיינער אתרוג פעלט דיר? — האָט דער דזשיקאָווער רבי אים אָנגעקוקט מיט ביטול, — וואָס דו דאַרפסט האָבן אויף סוכות איז: אַ גוט האַרץ, אַ ריינערע נשמה, ערלעכע מחשבות און אַ רצון בעסער צו ווערן. אויב דו וועסט דאָס אַלץ דערגרייכן, וועסטו שוין דערנאָך מער ניט דאַרפן אַ שיינעם אתרוג!"...

ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער גיט אַוועק אַ חלק פון זיין עולם־הבא צוליב אַן אתרוג

איינמאָל פאַר סוכות האָט זיך געמאַכט, אַז אַלע וועגן קיין באַרדיטשעוו זיינען געווען פאַרפלייצט פון די גרויסע רעגנס און די שטאָט איז געבליבן אָן אַן אתרוג. וואַרט ר' לוי יצחק, וואַרט קהל אַ טאָג נאָך אַ טאָג און קיין אתרוג איז נישטאָ. האָט ר' לוי יצחק געהייסן אַרויסגיין מחוץ לעיר און זוכן, אפשר וועט זיך באַווייזן אַ ייד מיט אַן אתרוג.

דערווייל איז שוין געווען ערב סוכות. דער רעגן האָט זיך אָפּגעשטעלט. פלוצלינג באַגעגענען די יידן אויפן וועג אַ ייד מיט אַן אתרוג, אַ מהודר, אָבער דער ייד איז נישט געווען קיין באַרדיטשעווער, נאָר ער איז בלויז דורכגעפאָרן די שטאָט, און געפאָרן איז ער צו זיך אַהיים אין

אַן אַנדער שטאָט אַריין. האָבן די יידן געבעטן דעם פרעמדן יידן ער זאָל מיט זיי גיין צו ר׳ לוי יצחקן. געקומען צו ר׳ לוי יצחקן הייבט דער רבי אים אָן בעטן ער זאָל בלייבן סוכות אין באַרדיטשעוו און ער וועט דערביי מזכה זיין אים און גאַנץ קהל מיט דער מצוה פון בענטשן אתרוג. איז אָבער דער ייד נישט מסכים. ער פאַרט אַהיים און וויל זיין יום־טוב מיט זיין בני־בית.

איז ר׳ לוי יצחק מבטיח דעם יידן מיט עשירות און מיט קינדער. אָבער דער ייד האַלט זיך ביי זיינס. ער האָט, ברוך־השם, פרנסה בריוח, און אַ שטוב מיט קינדער. זאָגט צו אים דער רבי:

„אויב דו וועסט בלייבן דאָ סוכות, בין איך דיר מבטיח, אַז דו וועסט האָבן אַ חלק פון מיין עולם־הבא״.

ווען דער ייד האָט דאָס דערהערט, האָט ער גלייך מסכים געווען און ער איז געבליבן אויף סוכות אין באַרדיטשעוו. האָט זיך געפרייט ר׳ לוי יצחק, האָט זיך געפרייט גאַנץ קהל און אויך דער פרעמדער ייד איז געווען מלא שמחה.

אָבער פלוצלינג האָט ר׳ לוי יצחק אַרויסגעגעבן אַ געהיימע פקודה צו אַלע יידן אין שטאָט, זיי זאָלן נישט אַריינלאָזן דעם פרעמדן יידן אין סוכה אַריין. קיינער האָט נישט געוואוסט די סיבה פון דעם צדיקס גזירה.

ווען עס איז געקומען די ערשטע נאַכט סוכות און דער פרעמדער ייד איז געקומען פון שול אויף זיין אכסניא, האָט ער געטראָפן אין זיין שטוב אָנגעגרייט וויין אויף קידוש, ליכט, חלות, פיש און פלייש. האָט זיך דער פרעמדער ייד געחידושט: איז דער בעל־אכסניא דען ניט קיין ער־לעכער ייד? ווייסט ער ניט, אַז מען דאַרף זיצן אין סוכה? איז ער אַרויס אין הויף, האָט ער דערזען אַ סוכה און דער בעל־הבית זיצט מיט זיינע קינדער ביי פיין־געדעקטע טישן. האָט דער אורח געוואָלט אַריינגיין אין דער סוכה. האָט דער בעל־הבית אים נישט געלאָזט. פאַרוואָס? וואָס האָט ער געזינדיקט, וואָס מען לאָזט אים נישט אַריין אין סוכה? קיינער ענט־פערט נישט.

גייט דער פרעמדער ייד צו אַ שכן. אומעטום דאָס זעלבע: יידן זיצן אין סוכות, אָבער דעם פרעמדן יידן לאָזט מען אין ערגעץ ניט אַריין. בעט ער זיך ביי די יידן זיי זאָלן אויף אים רחמנות האָבן. קאָנען שוין די יידן זיך נישט איינהאַלטן און מען איז אים מגלה־סוד, אַז אַזוי האָט אָנגע־זאָגט ר׳ לוי יצחק.

לויפט דער פרעמדער ייד באַלד צום באַרדיטשעווער רבין, פאַלט פאַר זיינע פיס מיט אַ געוויין:

„וואָס האָב איך געזינדיקט? פאַרוואָס קומט דאָס מיר?״

זאָגט צו אים ר׳ לוי יצחק:

„אויב דו וועסט זיך אָפּזאָגן פון דער הבטחה, וואָס איך האָב דיר

געגעבן וועגן מיין חלק עולם־הבא, וועל איך גלייך הייסן מען זאָל דיך אַריינלאָזן אין סוכה".

איז דער פרעמדער ייד געבליבן שטיין פאַרוואונדערט, פאַרוואונדעט און פאַרשטיינערט. וואָס זאָל ער טאָן? אַ קלייניקייט, זיך אָפּזאָגן פון באַר־דיטשעווערס חלק עולם־הבא!

פון דער אַנדערער זייט איז די מצוה פון זיצן אין סוכה ניט פאַראַן יעדן טאָג. ווי קאָן מען זיך אָפּזאָגן פון דער דאָזיקער מצוה?

און סוף כל סוף האָט דער פרעמדער ייד בײַ זיך אָפּגעמאַכט, די סוכה איז אים טייערער ווי דער חלק עולם־הבא פון באַרדיטשעווער רבין, און דער פרעמדער ייד האָט געגעבן דעם באַרדיטשעווער רבין תקיעת־כף, אַז ער איז אים מוחל זיין הבטחה, און ער איז באַלד אַריינגעלאָזט געוואָרן אין דעם באַרדיטשעווער רבינס סוכה.

נאָך יום־טוב האָט ר' לוי יצחק געשיקט רופן דעם פרעמדן יידן און ער האָט אים געזאָגט:

„איך גיב דיר צוריק מיין חלק עולם־הבא. איך האָב ניט געוואָלט דו זאָלסט האָבן עולם־הבא צוליב אַ מסחר מיט אַן אתרוג. איך האָב געוואָלט דו זאָלסט עס זוכה זיין דורך דיינע אייגענע גוטע מעשים. דעריבער האָב איך אָנגעזאָגט מען זאָל דיך ניט אַריינלאָזן אין סוכה. איך האָב געוואָלט דיך ברענגען צו אַ נסיון און זען ווי גרויס די מצוה פון סוכה איז ביי דיר. און איצט, אַז דו האָסט עומד בנסיון געווען און מיט מסירת הנפש האָסטו מקיים געווען די מצוה פון סוכה, קומט דיר באמת אַ חלק אין מיין עולם־הבא"...

ווי אַזוי מען האָט באַקומען ביי אַ פריץ אַן אתרוג

צווישן די דאָמבראָווער חסידים אין גאַליציע ווערט דערציילט, אַז איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַ יאָר, ווען עס איז געווען אַ גרויסער דוחק אויף אתרוגים. איין אתרוג איז דעמאָלט געווען פאַר אַ פאָר יידישע קהלות. דער פוילישער גראַף טאַרנאָווסקי פון טאַרנע האָט צופעליק געהאַט אַן אתרוג. איז ער אָבער געווען אַ גרויסער שונא ישראל. און אַזוי ווי ער האָט געזען אַז די יידן פאָרן אַרום אין אַלע שטעט זוכן אַן אתרוג, האָט ער זיך געהייסן פאַר זיין אתרוג אָפּגילטן. וויפיל די יידן האָבן אים געוואָלט געבן פאַרן אתרוג, האָט ער אַלץ פאַרלאַנגט מער.

איז מען געפאָרן צו דעם דאָמבראָווער רבין און מען האָט אים דערציילט, אַז עס איז נישט מער פאַראַן נאָר איין אתרוג אין דעם טאַרנער קרייז, וועלכער געפינט זיך ביים גראַף טאַרנאָווסקי, אָבער וויפיל מען וויל אים געבן פאַרלאַנגט ער אַלץ מער.

איז דער דאָמבראָווער רבי דעמאָלט געפאַלן אויף אַ המצאה און האָט

געהייסן רופן בסוד אַ יידישן טאָקער פון שטעטל, וועלכער האָט איסגע־טאָקט אַן אתרוג פון האָלץ, אים פּינקטלעך באַפאַרבט ווי אַן אמתער, און אין אַ טאָג אַרום זיינען די יידן געקומען קיין טאַרנע מיט אַ שמחה גדולה: זיי האָבן שוין באַקומען אַן אתרוג...

דער דאָזיקער אתרוג איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, אַלע האָבן אים זייער שטאַרק געליובט, און ווען דער גראַף טאַרנאָווסקי האָט זיך דערוואוסט, אַז די יידן האָבן שוין אַן אתרוג, האָט ער איינגעזען, אַז ער וועט שוין גאָר נישט קאָנען אָפּטאָן קיין שפּיצל די יידן, האָט ער שטילער־הייט געשיקט רופן זיין הויף־ייד און אים פאַר אַ שיבוש פאַרקויפט דעם אתרוג און די יידן האָבן טאַקע אַזוי אַרום געבענטשט איבער אַ כשרן און שיינעם אתרוג...

ווען אַן אתרוג פאַלט אַריין אין קהלס הענט

ר׳ יעקב, דער רבי פון קאָזלאָוו, איז געווען אַ ייד אַ מסתפּק במועט. איינמאָל האָט ער באַקומען אַ בריוו פון בערזשאַן אַז קהל וויל אים אויפ־נעמען פאַר אַ רב מיט אַ כתב־רבנות. האָט דער רבי צוריקגעשיקט דאָס כתב־רבנות. אָבער די רביצין, ווי דער סדר איז פון פרויען, האָט געוואָלט, אַז איר מאַן זאָל ווערן אַ רב אין אַ גרעסערער שטאָט. האָט זי אָנגעהויבן אים בעטן ער זאָל יאָ אָננעמען דעם כסא־הרבנות אין בערזשאַן. דער רבי ר׳ יעקב איז אָבער געווען אַן עומד על דעתו און האָט נישט נאָכגעגעבן דעם פאַרלאַנג פון זיין רביצין.

איינמאָל, פאַר סוכות, האָט די רביצין אים ווידער אָנגעהויבן צו מאַ־טערן ער זאָל אָננעמען דאָס רבנות אין בערזשאַן. האָט ר׳ יעקב געוואָלט זי מדחה זיין, האָט ער צו איר געזאָגט:

„אויב דו וועסט מיר קויפן אַ שיינעם אתרוג, אַ הדר, וועל איך זיך איבערלייגן״.

איז די רביצין געפאָרן גלייך קיין בערזשאַן און האָט געקויפט פאַר אַ סך געלט אַן אתרוג, אַ הדר שבמהודרים, און זי האָט דעם אתרוג גע־בראַכט צו איר מאַן.

האָט מען זיך דערוואוסט אין קאָזלאָוו, אַז דער קאָזלאָווער רבי האָט היי־יאָר אַ גאָר שיינעם אתרוג. זיינען אין דעם ערשטן טאָג סוכות צו אים געקומען אַלע יידן פון שטאָט צו בענטשן איבער דעם רבינס אתרוג. איז דער אתרוג נאָך אין דעם זעלבן טאָג נשתנה צורה געוואָרן און פאַרלוירן זיין שיינקייט.

ווייזט דער רבי ר׳ יעקב דעם אתרוג זיין ווייב און ער זאָגט צו איר:

„זע אַליין, וואָס פונם אתרוג איז געוואָרן. ער איז אינדערפרי געווען אַ מהודר, אָבער ווי נאָר ער איז אַריינגעפאַלן אין קהלס הענט האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן זיין שיינקייט...״

אַן אורח אין סוכה

דער ענין פון אויסצירן די סוכה, ווי מען רופט עס „נוי סוכה", איז גאָר אַ גרויסע זאַך — האָט ר׳ ירוחם סופר אָנגעהויבן דערציילן זיין מעשה אין דער סוכה פאַר די חסידישע יונגעלייט.

דער רבי איז דאָך איצט פאַר׳מוח׳ט אין זיין חדר המיוחד, צוצוגרייטן זיך מקבל פנים צו זיין די „אושפיזין". טאָ זעצט אייך אַוועק לעבן מיר און הערט זיך צו.

דער ראָפּשיצער רבי, זכר צדיק לברכה, פלעגט אַ גאַנץ יאָר אַרבעטן אַרום דער סוכה. יעדן טאָג האָט ער עפּעס פאַרריכט אין דער סוכה, און די גאָר־געהויבענע חסידים האָבן געזאָגט, אַז דעם ראָפּשיצערס רבינ׳ס נשמה שטאַמט פון דער סוכה.

און דער ראָפּשיצער רבי אַליין פלעגט זאָגן: „איין מצוה איז פאַראַן ביי יידן, וואָס מען קאָן זי מקיים זיין מיט אַלע אברים, וואָס מען קאָן אַריינקריכן אין איר מיטן גאַנצן גוף — און דאָס איז די מצות סוכה".

אמת, אויך שבת נעמט אַרום דעם גאַנצן גוף, אָבער אין מצות שבת דאַרף דער מענטש גאָרנישט טאָן, עס קומט שבת און דער מענטש איז אין איר; אָבער מקיים זיין מצות סוכה קאָן מען נאָר ווען מען טוט עפּעס — מען גייט אַריין אין דער סוכה און טאַקע מיטן גאַנצן גוף, מיט אַלע אברים.

און דעריבער פלעגט מען אין די ראָפּשיצער הויפן אַזוי שטאַרק מקשט זיין די סוכה, זי אויסצירן מיט וואָס מען האָט נאָר געקענט. אַזוי האָט מען אין דער סוכה אויפגעהאַנגען זיבן פלעשעלעך, מיט די שבעה מינים, וואָס ארץ ישראל איז געבענטשט געוואָרן, און דער רבי ר׳ משה׳לע פון ראָזוואַדאָוו, אַן אור־איניקל פון ראָפּשיצער רבי׳ן, האָט געהאַט אַ מנהג אויסצוהענגען אין דער סוכה אַ פאַפּירענעם פויגל, אַן אָדלער, און ער האָט גאַנץ סוכות געזאָגט תורה אויפן „נשר".

מען האָט אַזוי שיין אויסגעצירט די סוכה אין די ראָפּשיצער הויפן מיט „פאַפּירענע פייגל", קייטן און לאַמטערן, ווייל מען האָט געוואָלט אויפנעמען די אורחים, — די אושפיזין — מיט אַ סך כבוד. און נישט איינמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז אַ רבי האָט פאַרזעצט אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אַבי ער זאָל מאַכן אַ שיינע סוכה, אַזוי ווי עס האָט געטראָפן מיטן אַלטן אַפּטער רבי׳ן, זכותו יגן עלינו.

וואָס, איר האָט די מעשה וועגן אַלטן אַפּטער רבי׳ן נאָך נישט געהערט? — האָט זיך ר׳ ירוחם סופר גע׳חידוש׳ט — איז אויב איר ווילט זי טאַקע באמת הערן, דאַרפט איר קודם כל שטעלן משקה, אַ טאָפּ

מעד, און בפרט איר, יונגעלייטלעך, וואָס האָבן היינט אַן „אושפּיזין" — האָט ער זיך געווענדט צו אַ פּאָר גבירישע אײדעמלעך, וואָס זײַנען געקומען צום זשאַבנער רבי'ן אויף סוכות. און ר' ירוחם סופר האָט ווייטער גענומען דערציילן.

די מצוה פון קויפן אַן אתרוג איז זייער גרויס, אָבער דאָך האָט זיך איינמאָל געטראָפן, אַז אַ רבי איז געבליבן גאַנץ סוכות אָן אַן אתרוג. ער האָט דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט געהאַט, צונויפגעזאַמלט אויף אַן אתרוג, אַוועקגעגעבן אַ צווייטן, און אין הימל האָט מען גאַרנישט מתרעם געווען דערויף.

די דאָזיקע מעשה האָט זיך פּאַרלאָפן מיטן רבי'ן ר' משה לייב סאַסאָווער. איינמאָל פאַר סוכות, איז דער רבי ר' משה לייב סאַסאָווער געפאָרן קיין בראָד קויפן אַן אתרוג. געהאַט האָט ער מיט זיך זעקס גילדן, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט אין משך פון אַ גאַנצן זומער.

אויפן וועג קיין בראָד, שוין נאָענט צו דער שטאָט, דערזעט פּלוצלונג ר' משה לייב, ווי אַן אָרעמער ייד זיצט אין מיטן פעלד און וויינט אויף אַ קול.

שטעלט זיך אָפּ ר' משה לייב און פרעגט אים:

„וואָס איז אייך, ר' ייד?"

דערציילט אים דער ייד, אַז ער איז אַ וואַסער־טרעגער אין אַ נעבנדיק שטעטל, און אַז ער האָט געהאַט אַ פערד און וועגעלע, מיט וועלכן ער פלעגט פירן וואַסער פאַר די בעלי־בתים פון דעם טייך, וואָס פליסט הינטער דער שטאָט און דערפון פלעגט ער ציען זיין חיונה. איז אים פּלוצלונג אַ גרויס אומגליק געשען: דאָס פערדל, — צעוויינט זיך דער אָרעמער וואַסער־טרעגער — איז אים נעבעך אַוועקגעפאַלן און פינסטער איז אים געוואָרן די וועלט. ער ווייסט נישט פון וואַנען ער וועט האָבן מפרנס צו זיין זיין ווייב און קינדער.

ווען דער רבי ר' משה לייב סאַסאָווער האָט דאָס דערהערט, האָט ער קיין סך נישט געטראַכט און ער האָט אים גלייך אַוועקגעגעבן די זעקס גילדן, וואָס ער האָט געהאַט אַ גאַנצן זומער אָפּגעשפּאָרט אויף אַן אתרוג, און דער רבי ר' משה לייב האָט צוריק אויסגעדרייט דעם דישל פון זיין וועגעלע און אַהיימגעפאָרן אָן אַן אתרוג.

דער אָרעמער וואַסער־טרעגער האָט פאַר די זעקס גילדן געקויפט אַ פערד און געקענט ווייטער געבן חיונה זיין בני־בית, און ווען ר' משה לייב איז אַהיימגעקומען אין שטוב אַריין, האָט ער אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל און ער האָט געזאָגט: „געלויבט דער אויבערשטער, אויפן היינטיקן סוכות האָט מען מיר צוגעשיקט אַן אמתן „הדר"... די גאַנצע וועלט וועט בענטשן איבער אַ שיינעם אתרוג און איך — איבער אַן אָרעמאַן, וואָס האָט צוריקגעקראָגן אַ פערד"...

און דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער האָט אין יענעם סוכות יוצא געווען מיטן אתרוג, וואָס די שטאָט האָט געהאַט געקויפט. און אין הימל האָט מען אויסגערופן, אַז ר׳ משה לייב האָט מקיים געווען די גרעסטע מצוה.

און איינמאָל ווידער האָט זיך געטראָפן ביי אַ צווייטן רבי׳ן, ביים רבי׳ן ר׳ שלמה לייב לענטשנער, אַז ער האָט נישט געקענט באַקומען קיין אתרוג אויף סוכות. האָט ער אַרויסגעשיקט שליחים קיין לעמבערג צו קויפן אַן אתרוג, אָבער מען האָט קיין אתרוג נישט געקענט קריגן פאַרן רבי׳ן. ערשט ווען די שליחים האָבן שוין געהאַלטן ביים אָוועקפאָרן, זיינען זיי געוואויר געוואָרן, אַז ביי אַ ייד איז פאַראַן אַן אתרוג, וואָס ער האָט אים באַקומען פון ארץ ישראל, אָבער ער וויל אים נישט פאַרקויפן פאַר קיין שום הון דעלמא. זיינען די שליחים אַוועק צו דעם יידן און זיי האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיי פאַרקויפן דעם ארץ־ישראל אתרוג. זיי זיינען געווען גרייט צו געבן וויפל ער וועט נאָר פאַרלאַנגען, אָבער דער ייד האָט זיך איינגע׳עקשנ׳ט, אַז ער דאַרף דעם אתרוג האָבן פאַר זיך אַליין. זיינען די יידן אַרויסגעגאַנגען מיט אַ צעבראָכן האַרץ, אָבער ביי דער שוועל פון הויז, ווען דער ייד האָט דערהערט פאַר וועמען די שליחים ווילן קויפן דעם אתרוג, האָט דער ייד געזאָגט:

„אויב דער אתרוג איז פאַר דעם רבי׳ן ר׳ שלמה לייב לענטשנער, וויל איך גאָר קיין געלט נישט פאַר אים. איך וועל אים אייך אָוועקגעבן בחינם, נאָר מיט איין תנאי, איר זאָלט מיר צוזאָגן, אַז דעם שכר פאַר דער מצוה, וואָס דער רבי וועט האָבן ביים בענטשן אתרוג, זאָל געהערן צו מיר״.

האָבן די שליחים קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, זיי האָבן מסכים געווען דערויף און זיי האָבן ביי דעם יידן גענומען דעם אתרוג.

און ווען די שליחים זיינען געקומען קיין לענטשנע, איז געווען אַ גרויסע שמחה אין שטאָט, און דער רבי אַליין האָט זיך זייער געפרייט, וואָס ער האָט באַקומען אַזאַ טייערן אתרוג.
איז בכלל קיין אתרוג נישט געווען.

פאַרטרויערט זיינען נאָר אַרומגעגאַנגען די שליחים, וועלכע האָבן געקויפט דעם אתרוג פאַר דער שכר פון דער מצוה, וואָס דער רבי וועט האָבן ביים מאַכן די ברכה.

און ערב סוכות זיינען די שליחים אַריין צום לענטשער רבי׳ן און האָבן אים מיט פאַר׳צער׳טע הערצער דערציילט די גאַנצע מעשה...

די שליחים האָבן געמיינט, אַז דער לענטשנער רבי וועט זיך אויף זיי גוט אָנבייזערן, אָבער ווי דערשטוינט זיינען זיי געוואָרן, ווען זיי האָבן געזען, אַז דער לענטשנער רבי האָט זיך גאָר שטאַרק דערפרייט

אויסהערנדיק זייערע רייד און ער האָט אָנגעהויבן אַרומצולויפן איבער דער שטוב און געשריען:

„געלויבט השם יתברך! אַ גאַנץ לעבן האָב איך געהאַפּט מקיים צו זיין כאָטש איין מאָל אַ מצוה כתיקונה, שלא על מנת לקבל פרס, איך זאָל וויסן, אַז איך בין מקיים די מצוה נאָר לשמה, אָבער איך האָב צו דעם קיינמאָל נישט די זכיה געהאַט. איצט וועל איך וויסן, אַז איך טו אַ מצוה נאָר פאַרן אויבערשטן אַליין, ווייל איך וועל דאָך קיין שום שכר פאַר דער מצוה נישט האָבן".

איר זעט — האָט ר' ירוחם סופר ווייטער דערציילט — אַז דער עיקר איז נישט די מצוה, נאָר די כוונה. דער רבי ר' משה לייב סאַסאָווער האָט אַוועקגעגעבן זיין גאַנץ געלט, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעזאַמלט אויף אַן אתרוג צו אַן אָרעמאַן, און דער רבי ר' שלמה לייב לענטשנער האָט געבענטשט מיט אַן אתרוג, וואָס דער שכר פון דער מצוה האָט גאָר נישט געהערט צו אים.

און דאָס זעלבע האָבן די פּאַרצייטיקע רביים געטאָן בנוגע דער סוכה. זיי האָבן אַלץ אויסגעגעבן, אַבי צו האָבן אַ שיינע סוכה, כדי מקבל צו זיין די „אורחים", די „אושפּיזין", ווי עס געהער צו זיין.

און איצט לאָמיר צוריקגיין צו דער מעשה מיטן אַלטן אַפּטער רבי'ן ר' אברהם יהושע העשל, זכרונו לברכה, ווען ער האָט נאָך געוואוינט אין קאָלבושאָוו, און ער איז נאָך נישט געווען אַזאַ גרויסער רבי מיט אַ סך חסידים.

שטעלט זיך אַוועק דער אַלטער אַפּטער רבי ערב סוכות אין דער פרי ביי דער שוועל פון זיין סוכה, און ער זאָגט צו זיין רביצין:

„איך האָב געמאַכט די סוכה מיט מיין לעצטן גראָשן, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, אַבי אויסצוצירן זי וואָס הדר'דיקער און וואָס שענער און איצט בין איך געבליבן אָן אַ פּרוטה. דו ווייסט דאָך, וואָס די וועלט זאָגט: פאַרוואָס אויף פּסח טראַכט יעדע יידישע קהילה וועגן די אָרעמע־לייט פון זייער שטעטל, זיי צו פאַרזאָרגן מיט „ארבע כוסות" און מיט „מעות חיטים", צו קויפן מצות, אָבער אַז עס קומט פאַר סוכות האָט מען גאַנץ וויניק אינזינען דעם אָרעמאַן? — ווייל ביי פּסח שטייט בפירוש אין פּסוק: „שבעת ימים תאכלו מצות", זיבן טעג זאָלט איר עסן מצות, מוז מען זען, אַז יעדער ייד זאָל האָבן מצות. אָבער ביי סוכות ווערט געזאָגט סתם: „בסוכות תשבו שבעת ימים", זיבן טעג זאָלט איר זיצן אין דער סוכה, דאָס וואָרט „תאכלו", עסן, ווערט דאָרט נישט דערמאָנט...

נו, האָב איך אויפגעשטעלט אַ שיינע סוכה", האָט דער אַפּטער רבי אויסגעלאָזט, „אָבער אויף איינקויפן עפּעס עסן אין סוכה אַריין האָב איך שוין נישט..."

און דער אַפּטער רבי איז אַוועק אַ פאַרזאָרגטער אין בית־המדרש אַריין.

נאָך דעם האַלבן טאָג האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אַן אורח אין אַפּטער רבינס הויז. דער אורח איז געגאַנגען אָנגעטאָן אַנדערש ווי די יידן פון דער שטאָט. ער האָט געפרעגט, צי דער רבי איז אין דער היים. „איך וויל וויסן צי איך וועל קענען זיין יום־טוב ביים רבין", האָט דער פרעמדער ייד געזאָגט:

„איר וועט זיכער זיין ביי אונז אַן אָנגעלייגטער גאַסט", האָט די רביצין געענטפערט, „אָבער איך מוז אייך זאָגן, אַז מיר האָבן נישט געהאַט קיין געלט אָנצוגרייטן אויף יום־טוב".

„דאָס דאַרף נישט זיין קיין מניעה", האָט דער אורח געזאָגט. „דאָ האָט איר געלט און קויפט־איין אַלץ וואָס איר דאַרפט אויף יום־טוב". און דער אורח איז אַוועק אין בית־המדרש אַריין.

די רביצין האָט איינגעקויפט פון כל טוב און האָט צוגעגרייט אויף יום־טוב ווי עס פּאַסט פאַר סוכות.

און ערב סוכות ביינאַכט, ווען דער אַפּטער רבי איז מיט זיין אורח געקומען פון בית המדרש, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דער טיר פון דער סוכה און ער האָט געזאָגט:

„סוכה, סוכה, איך האָב געטאָן אַלץ וואָס איך האָב געקענט. איך האָב דיך אויפגעבויט, איך האָב דיך אויסגעצירט מיט די שענסטע פאַרצירונגען, און איצט שעם איך זיך אַריינצוגיין, ווייל איך ווייס נישט צי די רביצין האָט אַפילו אָנגעגרייט אַ כזית חלה צו מאַכן אַ ברכה ביי דער סעודה".

און ווי דערשטוינט איז דער אַפּטער רבי געוואָרן, ווען ער האָט געעפנט די טיר פון דער סוכה און ער האָט דערזען, אַז אויפן טיש ברענען ליכט און עס שטייען אָנגעגרייט חלות, פיש און וויין, און די רביצין מיט די קינדער לייכטן פאַר שמחה...

דער אַפּטער רבי האָט נישט געפרעגט ווער עס האָט דאָס אַלץ געבראַכט, נאָר ער האָט זיך געווענדט צו דעם פרעמדן יידן און ער האָט צו אים געזאָגט:

„איר זעט, גאָט פאַרלאָזט אונז נישט. איך האָב געמיינט אַז איך וועל היינט ביינאַכט מוזן עסן אין דער סוכה אַן אַלט, פאַרדאַרט שטיקל ברויט, און דאָ האָט מען מיר צוגעשיקט פון כל־טוב. מסתמא אין אייער זכות. ווי הייסט איר?" — האָט דער אַפּטער רבי זיך געווענדט צום אורח.

„אברהם".

„אַזוי, אברהם, אברהם", האָט דער אַפּטער רבי איבערגעחזרט דעם נאָמען, „פונקט אַזוי ווי דער נאָמען פון דעם היינטיקן אושפּיזין. איך הייס אויך אברהם", האָט דער אַפּטער רבי זיך געווענדט צום אורח.

„איך ווייס", האָט דער אורח געענטפערט אָפּגעהאַקט.

און דער אַפּטער רבי האָט געמאַכט קידוש, האָט געגעסן די סעודה,

ער האָט מכבד געווען דעם אורח מיטן בענטשן, און נאָכן בענטשן האָט דער אַפּטער רבי אָנגעהויבן צו טאַנצן מיטן אורח, און זיי האָבן אַזוי מיט גרויס שמחה געטאַנצט כמעט אַ גאַנצע נאַכט. ערשט פאַרטאָג האָט זיך דער אַפּטער רבי אָנגעשפּאַרט אויף אַ באַנק, און דעם אורח האָט ער געלייגט אין זיין בעטל, וואָס איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין דער סוכה...

און ווען דער אַפּטער רבי האָט זיך אין דער פרי אויפגעכאַפּט, האָט ער מער שוין נישט געפונען דעם אורח אויפן בעטל. ער האָט געשיקט זוכן דעם אורח אין מקוה, אין שול און אין בית־המדרש און אין אַלע קלויזן, און אין ערגעץ איז ער נישט געווען.

האָט דער אַפּטער רבי ערשט דעמאָלט פאַרשטאַנען ווער דער אורח איז געווען און פאַרוואָס ער האָט געזאָגט אַז ער הייסט אברהם, — אַז דאָס איז געווען אברהם אבינו אַליין... און דער אַפּטער רבי פלעגט דערנאָך תמיד די דאָזיקע מעשה דערציילן פאַר זיינע חסידים סוכותביים טיש, און ער פלעגט תמיד אויסלאָזן:

„אַ טייערן גאַסט האָבן מיר דעמאָלט געהאַט אין סוכה, אויף אַזאַ חשובן אורח האָבן מיר זיך גאָר נישט געריכט!...“

הושענות

מנהגים ביי הושענות

אין שפּאַניע האָט מען זיך נוהג געווען, אַז אַ חוץ די „הושענות״ האָט מען אין הושענא רבה אויך געזאָגט „סליחות״, ווייל הושענא רבה ווערט פאַררעכנט פאַר אַ טאָג פון סליחה און מחילה.

אין די מנהגים פון „אַלזשיר״ (אליהו גיג, מנהג אלגיר, סימן כ״ז) ווערט געבראַכט, אַז מען זאָל זאָגן הושענות פון ספר „קרובץ״, וואָס דאָס איז אַ ספר מיט פּיוטים, אַ מין מחזור פאַר די ימים טובים.

מען רעכנט, אַז דאָס וואָרט „קרובץ״ איז אַ נוטריקון פון די אָנהויב אותיות פון די ווערטער „קול רינה וישועה באהלי צדיקים״.

פאַרשידענע רביים האָבן געזאָגט תורות וועגן די פּיוטים פון די הושענות. אַזוי איז באַקאַנט, אַז ווען ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט הושענא רבה געדאַרפט זאָגן דעם פּיוט: „אום אני חומה״, האָט ער עס געזונגען אין יידיש:

„לאָמיר אָנהויבן דערציילן
די מעלות פון אונזערע יידעלעך.
די ערשטע מעלה האָבן זיי
אום אני חומה,
די צווייטע מעלה האָבן זיי
ברה כחמה,
כאַטש, כאַטש, כאַטש,
גולה וסורה,
פאַרט, פאַרט, פאַרט,
(אַן אַנדער נוסח: דאָך, דאָך, דאָך,)
דמתה לתמר״.

דעם ניגון פון דער תפילה האָט דער ראָפּשיצער רבי געזונגען סוכות ביים הלל, ביי די נענועים.

דאָס בינדן די הושענות

פאַרשידענע רביים האָבן זיך נוהג געווען אין דער נאַכט פון הושענא רבה צו זיין אין דער סוכה און צו בינדן די הושענות, פאַר יעדן קינד פון דער משפּחה באַזונדער.

רביים פון דער ראָפּשיצער גזע האָבן געהאַט אַ מנהג, אַז זיי האָבן די הושענא נאָכן שלאָגן הושענות נישט אַוועקגעוואָרפן אויפן ארון קודש, ווי דער מנהג איז, נאָר זיי האָבן זי באַהאַלטן אין כאַלאַטל. געווען רביים, וואָס האָבן אַ מאָל געגעבן פאַר אַ סגולה אַ ריטל פון דער הושענא צו אַ חולה מסוכן.

די הושענא איז געלעגן אין רבינס כאַלאַט ביז ערב פסח, און ערב פסח ביים פאַרברענען דעם חמץ, האָט דער רבי אויך פאַרברענט די הושענא.

אַ מנהג איז מבטל אַ דין

איינמאָל איז דער לעכעוויטשער רבי ר׳ מרדכי געשטאַנען הושענא רבה נאָכן שלאָגן הושענות און געזאָגט:

„מיר האָבן אַ כלל, אַז אַ מנהג ברעכט אַ דין (ירושלמי, יבמות י״ב). דעריבער זאָגן מיר, אַז דער מנהג פון שלאָגן הושענות זאָל מבטל מאַכן אַלע דינים, וואָס זיינען פאַראַן אין הימל קעגן די יידן...“

(מדור דור, כרך שלישי, זייט 177)

דער באַרדיטשעווער וויל פּסלען גאָטס תפילין

ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, וועלכער איז געווען אַ מליץ־טוב אויף יידן, האָט זיך אַמאָל אַוועקגעשטעלט פאַר די הושענות און ער האָט געזאָגט:

„רבונו של עולם, אויב דו וועסט נישט מוחל זיין די יידן זייערע זינד, וועל איך דיר מגלה זיין אַ סוד, אַז די תפילין, וואָס דו טראָגסט אויף דיין קאָפּ, זיינען פסול. ווארים וואָס שטייט אין דיינע תפילין: „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ“, און אויב דו ביסט זיי נישט מוחל די עבירות, קענען זיי דאָך נישט אָנגערופן ווערן „גוי אחד“ (איין פאָלק) — זיינען דאָך דיינע תפילין פסול.

„און מיר ווייסן“ — האָט דער באַרדיטשעווער ווייטער געזאָגט — „אַז די תפילין ווערן אָנגערופן „פאר“, אַזוי ווי די חז״ל דרשענען (סוכה כ״ה) אויפן פסוק „פארך חבוש עליך“ (יחזקאל כ״ד, י״ז), אַז דאָס מיינט מען די תפילין.

„און דאָס איז דער פשט פון די הושענות ,וואָס מיר זאָגן — האָט דער באַרדיטשעווער אויסגעלאָזט, — „עשה למען פארך“, זיי מוחל די עוונות פון די יידן, כדי דיינע תפילין זאָלן זיין כשרע...“

(עשר אורות)

דער קאָזשעניצער מגיד ליידט צוליב דעם אייבערשטן

דער קאָזשעניצער מגיד האָט ביים זאָגן די הושענות „אום אני חומה" זיך אָפּגעשטעלט ביים פּסוק „סובלת סבלך" און ער האָט געזאָגט:

„רבון העולמים! עס איז דאָך גלוי וידוע פאַר דיר, אַז איך קען מכוון זיין איין יחוד צו ברענגען משיחן מיט גוואַלד, און דאָך בין איך נישט מייחד דעם דאָזיקן „שם", צוליב „סובלת סבלך", ווייל ווען דו ליידסט, לייד איך מיט מיט דיר".

ווער זוכט אונז?

דער רבי ר' אָשרל פון ראָפּשיץ פלעגט זאָגן: „הושענא למענך דורשנו, הושענא" מיינט מען אַזוי: מיר בעטן ביים אייבערשטן און מיר זאָגן: „רבונו של עולם! דו האָסט אונז געבאָטן אין דיין הייליקער תורה וועגן צוריקגעבן אַן אבדה (אַ פאַרלוירענע זאַך), אַז „והיה עמך עד דרוש אחיך אותו" (דברים כ"ב, ב') — די זאַך זאָל ביי דיר זיין ביז דיין ברודער וועט זי פון דיר פאַרלאַנגען, און מיר, צוליב אונזערע גרויסע זינד, זיינען פאַרלוירן געוואָרן אין דעם דאָזיקן ביטערן גלות, און מיר האָבן נישט ווער עס זאָל אונז זוכן, נאָר דו אַליין דאַרפסט אונז אויפזוכן. איז דעריבער בעטן מיר „למענך דורשנו!"...

(דבש השדה, אות קצ"א)

אַן עבירה טאָן פאַר אַ יידן איז אַ גרויס צדקות

ביי די הושענות זאָגט מען: „למען נאמן בית, סלע הך ויזובו מים"... דאָס זעלבע כמעט ווערט אויך געזאָגט שמיני־עצרת אין דער תפילה פון גשם: „על הסלע הך ויצאו מים — בעבורו אַל תמנע מים!"... איז דאָך אין פלוג קשה — האָט דער וואָרקער רבי געזאָגט — וואָס איז דאָס פאַר אַ זכות? פאַרקערט, עס איז דאָך געוועזן אַ חטא, וואָס משה האָט געשלאָגן אינעם שטיין, פאַר וועלכן ער איז טאַקע נענש געוואָרן?...

נאָר דער תירוץ איז: משה איז בכיוון דעם דאָזיקן חטא באַגאַנגען און האָט געשלאָגן דעם שטיין, אַנשטאָט צו רעדן צו אים, כדי נישט אַרויסצורופן דורך דעם אַ קיטרוג אויף די יידן. מען זאָל נישט זאָגן, אַז אפילו אַ שטיין איז געהאָרכזאַמער פון זיי...

און דערפאַר דערמאָנען מיר דאָס אין דער תפילה, — האָט דער וואָר־קער רבי אויסגעלאָזט — ווייל טאָן אַן עבירה פאַר אַ יידנס וועגן — דאָס אַליין איז אַ גרויס צדקות און אַ גרויסער זכות!...

שמיני עצרת

שבועות און שמיני עצרת

אין דער גמרא געפינען מיר, אַז דער יום־טוב שבועות ווערט אָנגע־רופן מיטן נאָמען „עצרת״. אָבער אין דער תורה ווערט גאָר דער אַכטער טאָג פון סוכות אָנגערופן „עצרת״. קומט דאָך אויס, אַז מיר האָבן צוויי פאַרשידענע ימים־טובים מיט איין און דעם זעלבן נאָמען. ווי געשיקט זיך דאָס?

האָט דער רבי ר׳ שמחה בונם פון פשיסכע דאָס אַזוי פאַרענטפערט:

וואָס איז אייגנטלעך דער טייטש פון וואָרט „עצרת״?

די באַדייטונג דערפון איז: „אויפהאַלטן״. דער רבונו של עולם האָט געזאָגט צו זיין ליבן פאָלק ישראל: „קשה עלי פרידתכם״, עס איז מיר אַ שאָד, וואָס איר גייט פון מיר אַזוי שנעל אַוועק, האַלט אייך אויף כאָטש נאָך איין טאָג. דערפאַר האָט ער מתקן געווען דעם יום־טוב פון שבועות אַלס אַן „עצרת״, — אַ המשך פון פסח, און „שמיני־עצרת״ — אַלס אַ המשך פון די סוכותדיקע טעג.

שמיני עצרת איז — לכם, — פאַר אייך

דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער האָט אַמאָל געזאָגט:

ראש השנה און יום כפור זיינען מיר מתפלל פאַרן נפש, פאַר דער נשמה; דעמאָלט האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט הימל־זאַכן. שמיני עצרת איז דער ערשטער טאָג, ווען מען נעמט זיך מתפלל זיין פאַר גשם, ווען מיר זאָרגן זיך שוין פאַר גשמיותדיקע זאַכן, פאַר ערדישע ענינים, פאַרן „לכם״, אַזוי ווי עס שטייט: „ביום השמיני עצרת תהיה לכם!״...

און דאָס איז דער טייטש — האָט ר׳ משה לייב סאַסאָווער פאַרענ־דיקט זיין שמועס — „שמיני עצרת רגל בפני עצמו הוא״ (שמיני עצרת איז אַ יום־טוב פאַר זיך אַליין), שמיני עצרת איז דער יום־טוב, ווען מען הייבט אָן צו זאָרגן „בפני עצמו״, פאַר זיך אַליין!...

דער טשאָרטקאָווער רבי לויבט די היינטיקע דורות

איינמאָל, שמיני עצרת ביים טשאָרטקאָווער רבינס טיש זיינען די הערצער פון די חסידים געווען אָנגעפילט מיט שמחה.

האָט דער טשאָרטקאָווער רבי געפרעגט:

„וואָס פרייען זיך די מענטשן היינט אַזוי שטאַרק? האָט איר היינט שוין געטרונקען משקה?"

האָבן די חסידים געענטפערט:

„מיר האָבן נאָך נישט קיין צייט געהאַט צו טרינקען, ווייל גלייך פון בית־המדרש נאָכן דאַוונען האָבן מיר זיך געזעצט צום רבינס טיש. מיר זיינען בשמחה פשוט דערפאַר, ווייל היינט איז יום־טוב".

„אמת, — האָט דער טשאָרטקאָווער רבי געזאָגט — ווען די יידן דערפילן נאָר עפּעס אַ התגלות, באַלד פילן זייערע הערצער אַ התעוררות פון שמחה".

און נאָכדעם ווי דער טשאָרטקאָווער רבי האָט זיך פאַר'מוח'ט, האָט ער געזאָגט: „איך זאָג, אַז אין דעם דור, ווען הקדוש־ברוך־הוא, פירט זיך אויף מיט אונז אין אַ הסתרה גדולה, אין גרויס פאַרבאָרגעניש, אַז דער דאָזיקער דור איז אַ סך גרעסער פון דעם דור פון מדבר, ווייל דער דור פון מדבר האָט זוכה געווען צו אַ גרויסער התגלות, וואָרים, כידוע, האָט אַ שפחה דעמאָלט געזען ביים ים דאָס, וואָס דער נביא יחזקאל האָט נישט געזען און זייער רבי איז געווען משה רבנו אַליין. אָבער אין אונזער דור איז אַ גרויס פאַרבאָרגעניש און דאָך, ווי נאָר די יידן דערפילן עפּעס אַ התגלות — גלייך דערוועקט זיך אין זיי אַ גרויסע שמחה, דעריבער זאָג איך, אַז דער דור איז אַ סך גרעסער ווי דער דור אין דעם מדבר".

(דברי דוד)

יתגדל ויתקדש

פון ראפשיצער רבין



רביים פון דער ראָפּשיצער גזע פלעגן מיט דעם ניגונדל זינגען קדיש הושענא רבה נאָכן דאַווענען און טאַנצן שעהן־לאַנג.

אתה בחרתנו

אַ קוידינאָווער ניגון



אַ ווידזשניצער שבת־יום־טוב׳דיקער ניגון



דער ווידזשניצער רבי פלעגט פרייטאָג־צונאַכט אַריינקומען צום טיש און אָנ־הויבן זינגען: „איי, איי, שבת, קודש, שבת, שרייט־זשע אַלע יידעלעך שבת . . . גוט־שבת", און דאָס זעלבע אין אַ יום־טוב.

שמחת תורה



זילבערנע עץ־החיימ׳ס און אַ ספר־תורה קעסטל
פון 18טן יאָרהונדערט.

שמחת תורה איז דער ייִנגסטער יום־טוב

דער יום־טוב שמחת־תורה איז דער ייִנגסטער יום־טוב פון אַלע ייִדישע ימים־טובים.

פון ווען־אָן דער יום־טוב שמחת־תורה עקזיסטירט, איז שווער פעסטצושטעלן.

מיר ווייסן, אַז אין תלמוד ווערט ער אינגאַנצן נישט דערמאָנט. עס ווערט נאָר געזאָגט אין דער גמרא מגילה, ל״א: „והאידנא דאיכא תרי יומין — למחר קורין וזאת הברכה״, אָבער קיין איין וואָרט ווערט ניט געזאָגט וועגן אַ ספּעציעלן יום־טוב מיטן נאָמען „שמחת־תורה״.

געננוי ווערט דער דאָזיקער יום־טוב דערמאָנט ערשט דורך די גאונים און בעלי־התוספות. אין „אור־זרוע״ ווערט געבראַכט אין נאָמען פון רבי עמרם גאון, אַז מען איז זיך נוהג צו מאַכן אַ יום־טוב שמחת־תורה, שטיצנ־

דיק זיך אויפן מדרש שיר השירים: „ויעש משתה. אמר ר׳ אלעזר מכאן שעושין סעודה לגמרה של תורה״ (אויפן פסוק „ויעש משתה״, און ער האָט געמאַכט אַ סעודה, האָט געזאָגט ר׳ אלעזר, פון דאַנען איז געדרונגען, אַז מען מאַכט אַ סעודה ווען מען פאַרענדיקט די תורה).

אויך אין מהרי״ד, שורש ט׳, ווערט ענלעכס געזאָגט אין נאָמען פון רב האי גאון. אין תוספות ביצה ל׳ ווערט געבראַכט: „ומזה הטעם שנזהרים כשחל שמחת־תורה אחר שבת״... ווערט שוין בפירוש דער־מאָנט דער נאָמען „שמחת־תורה״. אויך אין „טור״ אורח חיים אין „בית־יוסף״ ווערט דער יום־טוב דערמאָנט אַלס „מנהג אשכנזים״ (מנהג אשכנזים לסיים התורה ביום־טוב שני של גליות ולשמח בסיומה)...

מען דאַרף דערפאַר אָננעמען, אַז דער יום־טוב שמחת־תורה איז איינ־געפירט געוואָרן ערשט בימי הגאונים; דאַקעגן אין די צייטן פון תלמוד האָט גאָר ניט געקאָנט זיין קיין יום־טוב פון סיום התורה, ווייל מען האָט פאַרענדיקט די תורה איין מאָל אין דריי יאָר.

ערשט אין פערצנטן יאָרהונדערט איז אויפגעקומען דער מנהג אַרויס־צונעמען שמחת־תורה אַלע ספר־תורהס פון ארון־קודש און צו גיין מיט זיי הקפות אַרום דער בימה...

ווען די מקובלים האָבן אָנגעהויבן צו ווירקן אינם יידישן לעבן, האָבן זיי געשאַפן אַ גאַנצן צערעמאָניאַל ביים מאַכן די הקפות. די מקובלים האָבן זיך סומך געווען אויף אַ שטעלע אין „זוהר״ (פרשת פנחס), וואו עס ווערט געזאָגט: „ונוהגין למעבד ישראל עמה חדוה ומתקריאת שמחת־תורה, ומעטרין לספר תורה בכתר דיליה״ (און די יידן זיינען זיך נוהג, זיך צו פרייען מיט איר, וואָס ווערט אָנגערופן שמחת־תורה, און מען באַ־צירט די תורה מיט איר קרוין).

און פון די מקובלים איז דער מנהג איבערגעגאַנגען צו די חסידים. און זיי האָבן זיך באַמיט וואָס פריילעכער און חדוהדיקער צו פייערן שמחת־תורה.

צוויי ימים־טובים האָבן יידן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן כדי זיך צו מאַכן פריילעך: פורים און שמחת־תורה. אָבער בעת אין פורים איז די שמחה אַ וואָכעדיקע, איז שמחת־תורה די שמחה אַ הייליקע, אַ יום־טוב־דיקע. יידן האָבן געטרונקען שמחת־תורה פונקט אַזויפיל ווי אין פורים. אָבער פורים זיינען יידן געווען אַנדערש שיכור ווי שמחת־תורה. אין פורים האָט מען זיך דערלויבט צו קומען צו דער מדרגה פון הוללות, אָבער אין שמחת־תורה האָט מען זיך געהאַלטן אין די ראַמען. מען האָט געוואוסט, אַז מען פרייט זיך מיט דער תורה. עס האָט דעריבער קיינמאָל ניט געטראָפן, אַז אַ ייד זאָל ווערן אין שמחת־תורה אַזוי שיכור, אַז עס זאָל, חס וחלילה, קומען ביי די הקפות צו אַ מכשול מיט אַ ספר־תורה.

אמת, אין אַלע שטעט און שטעטלעך פלעגט מען זיך שלאָגן אַמאָל

פאַר די הקפות, צוליב די גבאישע וואַלן, אָדער „קלפי״, און אַמאָל ביי די הקפות צוליב דער הקפה „עוזר דלים״, וואָס אַ גבאי האָט געוואָלט געבן אַ יידן און יענעם האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען וויל אים דערמיט מבייש זיין, אָבער תמיד פלעגט מען געדענקען די ספר־תורהס צוריק אַוועקצו־שטעלן אין ארון־קודש אַריין.

יידן האָבן אַמאָל געמאַכט הקפות פאַר שבועות

דער גרויסער יידישער רייזנדער ר׳ בנימין השני דערציילט וועגן מנהג ביי יידן אין אַלקיש, קורדיסטאַן, וואָס לויט דער מסורה געפינט זיך דאָרט דער קבר פון נחום הנביא, אַז פערצן טעג פאַר שבועות ווערט אין דער שטאָט געפראַוועט אַ גרויסער יום־טוב, ווייל דעמאָלט פאַלט אויס דער יאָרצייט פונם נביא נחום. צו דעם גרויסן יום־טוב קומען יידן קיין אַלקיש פון פאַרשידענע שטעט. יעדע עדה יידן, פון איטלעכער שטאָט באַזונדער, ברענגט מיט ספר־תורהס פון איר שטאָט. די ספר־תורהס ווערן אַוועקגעשטעלט אין דער אַלטער שול, וואָס ווערט אָנגערופן ר׳ „נחום אַלקישס שול״.

אין דעם טאָג פון דעם גרויסן יום־טוב פאַרזאַמלען זיך אַלע יידן אין דער שול. די ספרי תורהס ווערן אַריינגעשטעלט אינעם ארון־קודש אַריין. די ווייבער גייען אַריין אין אַ באַזונדערן חדר, וואָס ווערט אָנגערופן „נחום הנביאס חדר״, און מען הייבט אָן לייענען פאַרשיידענע פיוטים און תפילות פון אַן אַלטן כתב־יד, וואָס עס האָט געשריבן נחום הנביא. דער־נאָך נעמט מען אַרויס אַלע ספרי תורהס פונם ארון־קודש און מען מאַכט מיט זיי הקפות. נאָך יעדער הקפה טאַנצט מען און מען זינגט און מען מאַכט זיך פריילעך. נאָך דער זיבעטער הקפה זינגט מען אַ ספּעציעלן שיר, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן לכבוד דעם נביא נחום. דער שיר הייבט זיך אָן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„שישו ושמחו בשמחת נחום הנביא״, און דעמאָלט קומען אַריינצוגיין די יידן אין דער שול אַריין און זיי הייבן אָן זינגען און טאַנצן אַרום דער בימה.

(מסעי ישראל, זייט 69)

שמחת תורה ביים בעל־שם־טוב

איינמאָל אין שמחת־תורה האָבן די געהויבענע תלמידים פון בעל־שם־טוב זיך משמח געווען. זיי האָבן געזונגען, געטאַנצט און געטרונקען וויין, וואָס מ׳האָט אַרויפגעבראַכט פון בעל־שם־טובס קעלער.

האָט די רביצין פון בעל־שם־טוב זיך געטראַכט, אַז זיי וועלן אויס־

טרינקען דעם גאַנצן ווייַן, וועט גאָרנישט בלייבן אויף קידוש און הבדלה, איז די רביצין אַריין צום בעש״ט און האָט צו אים געזאָגט: „זאָג זיי, זיי זאָלן אויפהערן צו טרינקען און טאַנצן, ווייל עס וועט דיר נישט בלייבן קיין ווייַן אויף שבת״.

האָט דער בעל־שם־טוב איר געענטפערט מיט אַ שמייכל:

„גוט האָסטו געזאָגט. גיי דו אַריין צו זיי און זאָג זיי, זיי זאָלן אויפ־הערן טאַנצן און גיין אַהיים״.

און ווען די רביצין האָט געעפנט די טיר פון בית המדרש און געזען ווי די חסידים האָבן ווייטער געטאַנצט אין אַ „רעדל״, האָט זי פּלוצלינג דערזען ווי אַ פלאַם איז אויפגעגאַנגען אַרום דעם טאַנצנדיקן קרייז, אַזוי ווי אַ חופה. האָט זי גענומען אַ קריגל און איז אַליין אַראָפּ אין קעלער און האָט געבראַכט ווייַן וויפיל זיי האָבן געוואָלט...

און איינמאָל ווידער האָט די חבריא קדישא, די תלמידים פון בעש״ט, געטאַנצט אין שמחת־תורה און די שכינה האָט געפלאַטערט אַרום זיי. האָט זיך פּלוצלינג ביי איינעם פון די קלענסטע תלמידים פון בעש״ט צעריסן אַ שוך פון צופיל טאַנצן, און דער דאָזיקער חסיד איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן און ער האָט געהאַט גרויס צער, וואָס ער קאָן מער נישט מיט־טאַנצן אין שמחת־תורה. און די טאָכטער פון דעם בעש״ט, די צדיקת אָדעל, איז געשטאַנען אין שטוב ביי דער טיר, צו זען ווי די חסידים טאַנצן. האָט זי געזאָגט צו דעם דאָזיקן חסיד: „אויב דו וועסט מיר מבטיח זיין אַז איך וועל האָבן אַ בן־זכר נאָך אין דעם יאָר, וועל איך דיר גלייך ברענגען אַ פּאָר גוטע שיך״ — ווייל זי האָט געהאַט אַ קלייטל, אין וועלכן עס זיינען געווען אויך שיך. האָט דער חסיד איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט האָבן אַ בן־זכר, און זיין הבטחה איז מקוים געוואָרן.

און אָדעל האָט געבוירן אַ זון, וואָס האָט געהייסן ברוך, וועלכער איז דערנאָך געווען רב אין טולטשין.

(שבחי הבעש״ט)

דער בעל־שם־טוב האָט געטאַנצט

איינמאָל שמחת־תורה בייַנאַכט האָט דער בעש״ט געטאַנצט מיט זייַנע חסידים. ער האָט גענומען אַ ספר־תורה און ער האָט מיט איר געטאַנצט. דערנאָך האָט ער אַוועקגעלייגט די ספר־תורה און האָט געטאַנצט אַליין. איז דערביי געשטאַנען איינער פון זייַנע תלמידים, וואָס האָט גוט געקענט יעדע תנועה פון בעש״ט, האָט ער געזאָגט צו די חסידים:

„דער רבי האָט איצט אַוועקגעלייגט די פּאַרמעטענע ספר־תורה פון זיין האַנט און האָט גענומען די רוחניותדיקע תורה״.

(מעשיות ומאמרים יקרים)

די פאַרשידענע הקפות

נישט אַלע חסידים מאַכן די זעלבע הקפות. אין פוילן מאַכן די חסידים, על פי רוב די „קאָזשניצער הקפות", אָבער אין גאַליציע זיינען פאַראַנען אָפּגעדרוקטע הקפה׳לעך, פונם ראָפּטשיצער רבין, פון דינאָווער רבין, פון סאַנדזער רבין, פון וויזשניצער רבין און אַנדערע רביים.

יעדער רבי האָט צוגעגעבן פאַרשידענע פסוקים פון תפלות און פון ספר „חרדים" צו זינגען ביי די הקפות.

דער סאַנדזער רבי האָט געהייסן זינגען ביי די הקפות „עלינו לשבח" אויף צוריק, דאָס הייסט מען האָט אָנגעהויבן פון לעצטן וואָרט „עוד" געגאַנגען צוריק: „עוד אין מתחת הארץ ועל ממעל בשמים אלוקים הוא ד׳ כי"... (ריכטיק: „כי ד׳ הוא האלוקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד"). עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זינגען אַזוי „עלינו" אויף צוריק, האָבן די ווערטער קיין שום באַדייטונג נישט, און מען קאָן דערקלערן די כוונה פונם סאַנדזער רבין, ווייל ער האָט געוואָלט אַזוי אַרום פּרואוון די חסידים, צי זיי זיינען נישט אַזוי שטאַרק שיכור, און זיי קענען אַפילו זינגען „עלינו" פאַרקערט, דערפאַר מעג מען זיי געבן צו האַלטן די ספרי־תורות ביי די הקפות.

דער רבי ר׳ אורעלע סטרעליסקער האָט געהאַט אַ מנהג אין דער נאַכט פון שמיני־עצרת צו זאָגן נאָך מעריב, פאַר די הקפות, גאַנץ שיר השירים, פסוק בפסוק, און אין דער נאַכט פון שמחת־תורה האָט ער געזאָגט פאַרשידענע קאַפּיטלעך תהלים און „אשת חיל", און צווישן איין הקפה און דער צווייטער האָט ער געזאָגט „יושב בסתר".

הקפות שמיני עצרת ביים טאָג

דער רבי ר׳ צבי אלימלך פון בלאָזשעוו, דער מחבר פון די חסידישע ספרים „צבי לצדיק", וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון רבין ר׳ הערש אלימלך פון דינאָוו, און איז געווען אַן איידעם פון רבין ר׳ משה ראָזוואַדאָ־ווער, האָט זיך נוהג געווען צו מאַכן הקפות אויך שמיני עצרת אין דער פרי.

איינמאָל, אין אסרו־חג פון סוכות, ווען די חסידים פון פשעוואָרסק זיינען אַריין צום רבין זיך געזעגענען און צווישן זיי איז אויך געווען דער חסיד ר׳ הערש קעלטער, וואָס האָט די דאָזיקע מעשה דערציילט דעם שרייבער ש"י עגנון (ספר המועדים, סוכות, זייט 389), האָט דער רבי צו זיי געזאָגט: „מיך חידושט, פאַרוואָס איר האָט מיך נישט געפרעגט דעם טעם פאַרוואָס איך מאַך הקפות אויך שמיני־עצרת אין דער פרי, כאָטש די וועלט איז זיך נישט נוהג אַזוי. נאָר איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה, און זי וועט אייך פאַרענטפערן דעם טעם דערפון".

און דער בלאָזשעווער רבי האָט דערציילט:

ר׳ משה סופר פון פּשעוואָרסק, דער מחבר פון ספר „אור פּני משה״, זכותו יגן עלינו, האָט זיך נוהג געווען יעדעס יאָר צו פאָרן אין הושענא רבה צום רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, דאָרט צו זיין די צווייטע טעג יום־טוב.

איינמאָל האָט זיין ווייב אים געבוירן אַ טאָכטער אין סוכות, איז ער שוין געבליבן יום־טוב אין דער היים און ער איז נישט געפאָרן קיין ליזשענסק.

שמיני־עצרת אין דער פרי האָט ר׳ משה סופר זיך דערמאָנט ווי גרויס די שמחה איז איצט און שמחת־תורה, ביים רבין ר׳ אלימלך אין ליזשענסק. האָט ער גענומען אַ קריגל מעד און איז אַראָפּ אין קעלער, געטרונקען פון קריגל מעד און געטאַנצט, געטרונקען און געטאַנצט מיט דעם חומש אין דער האַנט.

נאָך יום־טוב, נאָכדעם ווי ער האָט געגעבן אַ נאָמען זיין טאָכטער, האָט ער גענומען זיין טלית־און־תפילין־זעקל און איז געגאַנגען קיין ליזשענסק.

געקומען צום רביר ר׳ אלימלך, פרעגט אים דער רבי:

„משה, זאָג מיר, וואָס האָסטו געטאָן אין דער היים שמיני־עצרת? איך האָב געזען אַ גרויסע שמחה אין הימל. דערצייל, וואָס דו האָסט געטאָן״.

האָט ר׳ משה סופר אים דערציילט, וואָס ער האָט געטאָן. און דער בלאָזשעווער רבי האָט אויסגעלאָזט: „אויב די מלאכים פרייען זיך מיט אַזעלכע הקפות, וואָס ר׳ משה פּשעוואָרסקער האָט געמאַכט אין קעלער מיטן חומשל אין דער האַנט, איז כדאי, אַז מיר זאָלן זיי אָנטאָן אַ נחת רוח און אויך מאַכן הקפות שמיני־עצרת אין דער פרי״.

גאַנץ אלול איז אַ צוגרייטונג צו שמחת תורה

דער רבי ר׳ משה קאָברינער פלעגט זאָגן:

„דער גאַנצער חודש אלול, דער ראש השנה, תקיעת־שופר, די עשרת ימי תשובה, דער יום־כפור, דער סוכות, די מצוה פון סוכה און די ארבעה מינים, דער הושענא רבה און דאָס שלאָגן הושענות — דאָס אַלץ איז בלויז אַ הקדמה און אַ הכנה צום „אתה הראית לדעת״ — צו שמחת־תורה...״

צוליב וואָס מען דאַרף לעבן

שמחת־תורה, ווען די חסידים האָבן געטאַנצט מיט די הקפות, האָט דער רבי ר׳ שמעלקע ניקלשבורגער אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

„אָט, צוליב דעם וויל איך נישט אַוועקגיין פון דער וועלט, ווייל אויף

יענער וועלט — וואו וועט מען נעמען אַזעלכע געהויבענע ימים־טובים ווי ראש השנה און יום כפור, אַזעלכע האַרציקע ימים־טובים ווי פסח און שבועות און סוכות און בפרט אַזאַ לעבעדיק־חדוהדיקן יום־טוב ווי שמחת־תורה ?!"

(פון די חסידישע אוצרות)

אַן ענטפער פון אַ פּראָסטן יידן

וועגן ראָפּשיצער רבין ווערט דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע חסידים, אַז איינמאָל האָט אים אַ פּראָסטער ייד מנצח געווען. דאָס איז געווען אין די צייטן, ווען דער ראָפּשיצער רבי איז נאָך גאַר אַ יונגער־מאַן געווען און האָט ערשט אָנגעהויבן צו פאָרן צום לובלינער. ווי דער סדר פון ראָפּשיצער רבין איז געווען, האָט ער זייער ליב געהאַט צו זאָגן אַ ווערטל ביי יעדער געלעגנהייט. האָט ער איינמאָל געזען שמחת־תורה ביינאַכט, אַז אַ פּשוטער ייד, אַ גאַנץ נישקשהדיקער עם־הארץ, האָט זיך גע־פרייט מיט דער תורה. איז ער צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים געפרעגט:

„וואָס איז מיט דיר די שמחה אַזוי גרויס? אַזוי פיל תורה האָסטו דאָס געלערנט דעם יאָר, וואָס דו פרייסט דיך מיט איר אַזוי שטאַרק?"

האָט אים דער ייד געענטפערט:

„ר' ייד, אַז מיין ברודער מאַכט אַ שמחה, דאַרף איך מיך נישט פרייען?..."

(ספר המועדים, סוכות)

לויט אַן אַנדער נוסח איז דער שמועס אַזוי געווען:

דער ראָפּשיצער רבי האָט געפרעגט דעם יידן:

„וואָס איז מיט דיר די שמחה, ר' ייד? איך לערן און דו ביסט זיך משמח?"

דערויף האָט אים דער ייד געענטפערט:

„הלמאי ערב יום־כפור בין איך זיך מתוודה און זאָג: „על חטא שחטאנו לפניך בכפת שוחד". וואָס פאַר אַ שייכות האָט צו מיר דער דאָ־זיקער חטא? בין איך דען אַ רב, וואָס איך נעם שוחד? אלא וואָס דען, „כל ישראל ערבים זה בזה", איין ייד איז ערב פאַרן צווייטן. איז אויב איך בין אַ שותף צו אייערע חטאים, מעג איך דאָך אויך זיין אַ שטיקל שותף צו אייער תורה לערנען?..."

דער באַרדיטשעווער רבי און דער חזן

דער באַרדיטשעווער רבי האָט אַמאָל שמחת תורה ביי די הקפות געזאָגט צום חזן, אַז ער זאָל זינגען אַ זמר.

האָט דער חזן געזאָגט, אַז ער איז הייזעריק.

„וואָס ביסטו עפּעס אַזוי הייזעריק?" האָט ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער געפרעגט.

„כ׳האָב געדאַווענט אין די ימים נוראים פאַרן עמוד״, האָט דער חזן געענטפערט.

„יאָ״, זאָגט ר׳ לוי יצחק, „אַז מען דאַווענט פאַרן עמוד, ווערט מען טאַקע הייזעריק, אָבער אַז מען דאַווענט פאַר הקדוש־ברוך־הוא ווערט מען נישט הייזעריק״, און ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער אַליין האָט אָנגעהויבן צו זינגען דעם זמר...

דאָס זאָגן די בארות ביי די הקפות

דער „חוזה״ פון לובלין האָט געהאַט אַ מנהג צו זאָגן ביי די הקפות שמיני עצרת ביינאַכט, נאָך יעדער הקפה פסוקים פון די בארות לויט דעם פאָלגנדיקן סדר: נאָך דער ערשטער הקפה: בארו של אברהם (פרשת וירא); נאָך דער צווייטער הקפה — באר יצחק (פרשת תולדות); נאָך דער דריטער הקפה — פרשת ויצא; נאָך דער פערטער הקפה — פרשת שמות; נאָך דער פינפטער הקפה — פרשת חוקת; נאָך דער זעקסטער הקפה — פרשת חוקת; נאָך דער זיבעטער הקפה — פרשת חוקת (זע: סדר הקפות לשמיני עצרת ושמחת תורה מרבנו מהר״י מזידיטשוב. מונקאַטש, תרנ״א).

די הקפות פון ראָזוואַדאָווער רבין

דער ראָזוואַדאָווער רבי האָט געהאַט אַ סקאַרבאָווע ניגונדל, וואָס ער האָט געזונגען ביי די הקפות. מען האָט דאָס ניגונדל אין ערגיץ נישט געטאָרט זינגען, נאָר ביים רבינס הקפות. איינמאָל האָבן בעלי־בתים געמאַכט הקפות אין שטאָטישן בית־המדרש מיטן רבינס ניגונדל, איז צוליב דעם אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן די חסידים און בעלי־בתים. נאָך יום־טוב האָט מען זיך געלאָדנט אין געריכט און דער ריכטער האָט אַרויסגעגעבן אַן אורטייל, אַז די בעלי־בתים טאָרן נישט זינגען דעם רבינס ניגונדל...

ווי אַזוי מען האָט דעם סאַנדזער רבין אָפּגעריסן פון זיין דבקות אין שמחת תורה

דער סאַנדזער רבי, ר׳ חיים האַלבערשטאַם, האָט זיך אַמאָל אין שמחת־תורה נאָך די הקפות געהאַט שטאַרק פאַרדבקעט און מען האָט אים נישט געקאָנט אָפּרייסן פון זיין פאַרטראַכטקייט.

חסידים זיינען געשטאַנען אַרום דעם רבינס שטול און האָבן געוואָלט דער רבי זאָל אַריינגיין אין דער גרויסער קלויז אַריין פירן טיש, אָבער קיינער האָט זיך נישט געוואַגט דאָס צו טאָן, דעם רבי׳ן אָפּצורייסן פון זיינע עולמות העליונים, ביז עס איז צוגעגאַנגען צו דער שטול דער

טלוסטער רב, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מקורב ביים רבין און ער האָט געזאָגט:

„רבי, איך וויל אייך נאָכזאָגן אַ שטיקל תורה פון מיין הייליקן שווער, דער בעל „תורת חיים"·.

דער סאַנדזער רבי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרמחטקייט און ער האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט און געזאָגט:

„נו, זאָג, זאָג!"

און דער טלוסטער רב האָט געזאָגט:

„אויף דעם פסוק „וירד משה מן ההר אל העם", זאָגט רש"י: „מלמד שלא היה משה פונה לעסקיו אלא מן ההר אל העם". דאָס הייסט, אַז ווען משה רבנו האָט אַראָפּגענידערט פון באַרג סיני, האָט ער זיך נישט צוריק־געקערט צו זיינע מסחרים, נאָר גלייך אַראָפּ פון באַרג צום פאָלק. האָט מיין שווער געפרעגט: וואָס הייסט, משה האָט זיך נישט אומגעקערט צו זיינע מסחרים? וואָסערע געשעפטן האָט דאָס משה געהאַט?"

„דער תירוץ — האָט מיין שווער געזאָגט — איז: משה רבנו האָט טאַקע יאָ געהאַט מסחרים: זיינע געשעפטן זיינען געווען: תורה און עבודה. האָט ער זיך אָבער אָפּגעריסן פון תורה און עבודה און איז אַוועק גלייך צום פאָלק. ער האָט באַלד אויסגעהערט די בקשות פון פאָלק, ווייל „מרובים צרכי עמך ישראל"·.

דער סאַנדזער רבי האָט פאַרשטאַנען וועמען דער טלוסטער רב האָט געמיינט מיט דער תורה און ער האָט גלייך געהייסן גרייטן דעם טיש...

דער מענטש און די תורה

דער רבי ר' ישראל ריזשינער האָט אַמאָל שמחת תורה געזאָגט:

„די הייליקע תורה איז איינגעטיילט אין פינף ספרים. פאַרוואָס האָט מען דעם שולחן ערוך איינגעטיילט אין פיר ספרים?

„נאָר דער ענטפער איז, אַז עס איז נישט גענוג מקיים צו זיין דעם שולחן ערוך, נאָר דער מענטש אַליין דאַרף זיך פאַרטראַכטן אין אַלעס וואָס ער טוט, אַז עס זאָל זיין לשם שמים, דאָס מיינט, אַז דער מענטש אַליין זאָל זיין דער פינפטער חלק פון שולחן־ערוך, ווייל נישט אַלע זמנים זיינען גלייך, און נישט אַלע טבע'ס פון אַ מענטשן זיינען גלייך, און נישט אַלע ערטער זיינען גלייך, דעריבער שטייט וועגן דער ספר תורה ביים מלך: „והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו". — „והיתה" איז לשון נקבה, „בו" איז לשון זכר, ווייל „והיתה" גייט אַרויף אויף דער תורה — זי זאָל זיין מיט דעם מענטשן, „וקרא בו" — גייט אַרויף אויף אים אַליין, דער מענטש זאָל זיך אַליין לערנען!..."

(באר החסידות, זייט 261)

לערנען תורה

אַ מלמד האָט זיך אַמאָל שטאַרק משמח געווען שמחת תורה, איז צו אים צוגעגאַנגען דער קאָצקער רבי און האָט אים געפרעגט:

„וואָס פרייסטו זיך אַזוי מיט דער תורה?"

„איך לערן אַ גאַנץ יאָר תורה", האָט דער מלמד געענטפערט.

„זייער גוט, דו לערנסט תורה, אָבער וואָס לערנט די תורה דיך?" האָט אים דער קאָצקער צוריק געפרעגט.

(באר החסידות, זייט 318)

ביידע צדדים דאַרפן זיך פרייען

דער רבי ר' יוסעלע דאָמבראָווער האָט געזאָגט:

„אַ שמחה, אויף וועלכער נאָר איין צד איז זיך משמח, און דער צווייטער צד גייט אַרום פאַרמרה־שחורהט, איז נישט קיין אמתע שמחה. שישו ושמחו בשמחת־תורה — מיינט מען, אַז ביידע צדדים זאָלן זיך משמח זיין. נישט נאָר איר זאָלט זיך פרייען מיט דער תורה, נאָר די תורה זאָל זיך אויך פרייען מיט אייך..."

שמחת תורה ביי ר' מאירל פּרעמישלאַנער

איינמאָל אום סוכות איז ר' מאירל פּרעמישלאַנערס טאָכטער שטאַרק קראַנק געוואָרן. ווען עס איז געקומען דער טאָג פון שמחת־תורה איז זי געווען אַ נוטה למות. דער רבי ר' מאירל פּרעמישלאַנער האָט אָבער ביי די הקפות שטאַרק געטאַנצט, ווי זיין סדר איז געווען. זייענדן די געהויבענע חסידים צוגעגאַנגען צו אים און האָבן פאַר אים מזכיר געווען זיין טאָכטער, אים געזאָגט, אַז זי איז מסוכן קראַנק.

איז ר' מאירל אַריין אין חדר פון זיין טאָכטער, האָט ער געזען, אַז זי האַלט שוין כמעט ביי גסיסה, איז ער אַרויס און געזאָגט בזה הלשון:

„רבונו של עולם! דו האָסט געהייסן בלאָזן שופר, — מאירל האָט געבלאָזן. האָסט געהייסן פאַסטן יום־כפור — מאירל האָט געפאַסט. האָסט געהייסן סוכות זיצן אין דער סוכה — מאירל איז געזעסן אין דער סוכה. האָסט געהייסן זיך פרייען אין שמחת־תורה — מאירל האָט זיך געפרייט. און איצט האָסטו קראַנק געמאַכט מאירלס טאָכטער און מאירל דאַרף דאָס אָננעמען מיט שמחה, אַזוי ווי די משנה זאָגט „חייב אדם לברך על הרעה, כשם שמברך על הטובה" (משנה ברכות, נ"ד) — אַ מענטש דאַרף לויבן דעם אייבערשטן, ווען עס קומט אויף אים שלעכטס, פּונקט אַזוי ווי ער לויבט, ווען עס קומט אויף אים גוטס. און די גמרא איז דאָס מפרש, אַז דאָס מיינט מען, אַז ער זאָל די שלעכטע זאַך מקבל זיין מיט שמחה. נו,

איז מאירל מקבל זיין טאַכטערס קראַנקהייט מיט שמחה. אָבער, רבונו של עולם, עס איז דאָך אַ בפירושע הלכה, אַז „אין מערבין שמחה בשמחה", אַז מען טאָר נישט אויסמישן איין שמחה מיט אַ צווייטער שמחה, נו, ווי אַזוי קען מאירל זיך משמח זיין?"

און באַלד, לאָזט אויס די חסידישע מעשה, האָט ר' מאירלס טאָכטער אָנגעהויבן צו שוויצן, און עס איז איר בעסער געוואָרן.

די תורה איז נישט שווער

געווען רביים, וואָס פלעגן שמחת־תורה מאַכן הקפות מיט קליינע ספר־תורהס, כדי צו קאָנען לייכטער טאַנצן. אַזוי איז באַקאַנט, אַז דער ריזשי־נער רבי האָט געהאַט אַ קליין ספר־תורהלע, מיט וועלכן ער פלעגט מאַכן הקפות. און ווי עס איז געווען בקבלה, איז די ספר־תורה געווען בירושה פון זיינע זיידעס און זי איז געווען די ספר־תורה פון בעל־שם־טוב. אויך דער קאָזשעניצער מגיד האָט געמאַכט הקפות מיט אַ קליין ספר־תורהלע. דער רבי ר' מאירל פּרעמישלאַנער האָט אָבער געהאַט אַ מנהג צו מאַכן הקפות מיט אַ גרויסער ספר־תורה, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט און האָט מיט איר ביי יעדער הקפה שטאַרק געטאַנצט. איינמאָל האָט אים אַ חסיד געפרעגט:

„רבי, איז אייך די תורה אַמאָל נישט צו־שווער?"

„ניין, — האָט ר' מאירל פּרעמישלאַנער געענטפערט, — אַז מ'האַלט זי שוין, איז זי נישט צו־שווער"...

דער של"ה ביים ראָפּשיצערס הקפות

ביי חסידים איז אָנגענומען, אַז די נשמות פון די גרויסע צדיקים קו־מען צו די הקפות פון די רביים.

וועגן ראָפּשיצער רבין ווערט דערציילט, אַז איינמאָל אין שמחת־תורה האָט דער לובלינער רבי געזאָגט, אַז דער ראָפּשיצער רבי האָט געמאַכט גאָר פיינע הקפות, ווייל דער של"ה הקדוש (ראשי תיבות פון ספר „שני לוחות הברית", וואָס עס האָט מחבר געווען רבי יצחק הלוי האָראָוויץ, וועמעס אייניקל דער ראָפּשיצער רבי איז געווען) איז אַליין געווען ביי זיינע הקפות.

ווען דער ראָפּשיצער רבי איז דערנאָך געקומען קיין לובלין, האָט אים דער לובלינער רבי געפרעגט:

„ראָפּשיצער רבי, וואָס פאַר אַ שמחת־תורה האָט איר געהאַט?"

„גאָר אַ פיינעם יום־טוב געהאַט — האָט דער ראָפּשיצער רבי גע־ענטפערט — מיר האָבן, ברוך השם, געהאַט זייער גוטן ווייַן, געשמאַקע מאכלים און פעטע עופות".

„אָבער איז נישט דער של״ה הקדוש געווען ביי אייערע הקפות?״ — האָט דער לובלינער געפרעגט.

„יאָ — האָט דער ראָפּשיצער רבי געענטפערט בדרך הלצה — אָבער ער האָט, הפּנים, געמוזט זיין זייער ברוגז אויף מיר, ווייל ער איז געשטאַנען צו מיר מיטן רוקן און האָט גאָרנישט גערעדט״.

„ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען?״

„גאַנץ פּשוט — האָט דער ראָפּשיצער געענטפערט מיט אַ שמייכל — ער איז געשטאַנען אין דער ספרים־שאַנק...״

(אוהל נפתלי, זייט 30)

אַלע יידן זיינען גלייך

עס איז אַן אַלטער מנהג — האָט דער ריזשינער רבי געזאָגט — אַז אין שמחת־תורה טאַנצן אַלע יידן צוזאַמען: לומדים מיט פּשוטע יידן. און דער מקור פון דעם מנהג איז אַ מאמר חז״ל (סוכה, נ״ה), וואָס גיט אַ משל וועגן אַ מלך, וואָס האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר זיינע פריינט און דעם לעצטן טאָג האָט ער צו זיי געזאָגט: „קשה עלי פרידתכם, עצרו עלי עוד יום אחד״ (עס איז מיר שווער אייער אַוועקגיין; זייט מיט מיר נאָך אַ טאָג). „קשה עלי פרידתכם״ מיינט מען: „איך קאָן נישט סובל זיין דעם פּירוד, וואָס איז צווישן אייך; איך וויל עס זאָל הערשן שלום צווישן אייך!״

און דער רבי ר׳ ישראל ריזשינער האָט ווייטער געזאָגט: אין דער גמרא (שבת, דף ל״א) ווערט דערציילט וועגן אַ גר, וואָס האָט פאַרלאַנגט פון הלל: „גיירני על מנת שתלמדני כל התורה כולה על רגל אחת״ (זיי מיך מגייר, מיטן תנאי דו זאָלסט מיך אויסלערנען די גאַנצע תורה אויף איין פוס). און הלל האָט אים דעמאָלט געענטפערט: „מה דעלך סני לחברך לא תעביד״ (וואָס דו האָסט פיינט, זאָלסטו נישט טאָן צו דיין חבר). איז דער פּשט אַזוי: וועגן יעדן יום־טוב ווערט אָנגעגעבן אין דער תורה אַ טעם, פאַרוואָס און צוליב וואָס דער יום־טוב ווערט געפייערט. דער טעם ווערט אָנגעוויזן אין יעדן נאָמען גופא: חג המצות, חג השבועות, חג הסוכות. בלויז איין יום־טוב איז פאַראַן, שמיני־עצרת, וועגן וועלכן עס ווערט אין דער תורה קיין שום טעם נישט אָנגעוויזן. האָט דער גר געבעטן הללן ער זאָל מיט אים לערנען די תורה, דעם טעם פון יענעם „רגל אחת״ (רגל מיינט אויך יום־טוב), פון דעם דאָזיקן איינציקן יום־טוב, שמיני־עצרת, וועלכער איז לגמרי נישט קלאָר. דערויף האָט אים הלל געענטפערט: „מה דעלך סני לחברך לא תעביד״, אַז דער טעם פון דעם דאָזיקן יום־טוב איז, אַז עס זאָל אויפהערן דער פּירוד ביי יידן; אַז עס זאָל אויפגעוועקט ווערן אין דעם דאָזיקן טאָג אַ התעוררות פון אהבה און אחדות פון איין ייד צום צווייטן, ווייל „קשה עלי פרידתכם״ — עס איז מיר שווער אייער פּירוד.

די הקדמה צו „אתה הראית לדעת״.

דער רבי ר׳ משה קאָברינער פלעגט זאָגן: דער גאַנצער חודש אלול, דער ראש השנה, תקיעת שופר, די עשרת ימי תשובה, דער יום־כפור, דער סוכות, די מצוה פון סוכה און די ארבעה מינים, דער הושענא רבה און דער חבוט הערבה, — דאָס אַלץ איז בלויז אַ הקדמה און אַ הכנה צום — „אתה הראית לדעת״...

„חתן תורה״ און „חתן בראשית״

דער טיטל „חתן תורה״ האָט מען געגעבן דעם, וואָס האָט פאַרענ־דיקט די תורה אין שמחת תורה און „חתן בראשית״ דעם, וואָס האָט גע־קראָגן די ערשטע פרשה פון „בראשית״. דאָס קומט דערפון, וואָס די תורה ווערט אָנגערופן „כלה״ און זי איז פאַרקנסט געוואָרן צו די יידן (ירושלמי, תענית פ״ג). די „חתונה״ איז פאָרגעקומען אויפן באַרג סיני בעת קבלת התורה (שיר השירים רבה, סוף פון פרק ג׳). דער יום־טוב פון פאַרענדיקן די תורה איז ווי דאָס מאַכן אַ סעודה בעת אַ חתונה, און דער וואָס פאַר־ענדיקט לייענען די תורה, ווערט אָנגערופן „חתן תורה״, ווייל „הגומר את המצוה כאילו עשאה כולה ונקראת על שמו״ (סידור רש״י עמוד 148) — ווער עס פאַרענדיקט אַ מצוה איז גלייך ווי ער וואָלט זי אינגאַנצן געטאָן און זי ווערט אָנגערופן אויף זיין נאָמען. דערנאָך האָט מען איינגעפירט אויך דעם, וואָס מען האָט אויפגערופן צו דער ערשטער פרשה פון „בראשית״, צו רופן „חתן בראשית״.

* * *

אין אַ סך קהילות האָט מען צוגעטיילט גרויס כבוד דעם „חתן תורה״ און „חתן בראשית״. מען האָט די „חתנים״ געפירט אַהיים אונטער אַ חופה און גויאישע קלעזמער האָבן זיי באַגלייט פון דער שול אַהיים מיט מוזיק, בעת די „חתנים״ זיינען געגאַנגען מיט ברענענדיקע שטורקאַצן אין די הענט.

אָבער מיט דער צייט האָט מען דעם מנהג אָפגעשאַפט („דברי חכמים״ סימן קל״א, „ילקוט יוסף״, ח״א, סימן ק״נ).

אין דייטשלאַנד איז געווען אַ מנהג, אַז די „חתנים״ האָבן געמאַכט אַ גרויסע סעודה ביי זיך אין הויז. (די פרויען פון די „חתנים״ האָט מען גע־רופן „כלות״.) אַזוי האָט דער שמש און נאָמען פון דער קהילה וואָרמס פאַר־שריבן דעם דאָזיקן מנהג אין זיין ספר המנהגים (געדרוקט אין „בית הכנסת״, תל־אביב, שנה שניה, חוברת א׳, תש״ז). דער שמש פון שול האָט אויסגערופן: „חתן וכלה אונטי דו ברייט־הויז פירן״ (מען זאָל פירן חתן און כלה אין חתונה־הויז אַריין). עס פלעגן דערנאָך קומען אין הויז

פון חתן אַ סך אנשים חשובים און מען האָט געשטעלט פאַרשידענע פּירות אויפן טיש און מען האָט געוואָרפן די פּירות פאַר די קינדער, וואָס זיינען געשטאַנען ביים הויז און זיי האָבן זיי געכאַפּט.

אויך אין סאַלאָניקי און אין דער אַלטער שטאָט ירושלים איז געווען אַ מנהג, אַז די חתנים האָבן געוואָרפן זיסקייטן פאַר די קינדער אין שמחת תורה.

דערפון האָט זיך גענומען דער מנהג, אַז די רביים האָבן געוואָרפן עפּל פאַר די חסידים, ווייל געוויינלעך איז דער רבי אויפגערופן געוואָרן פאַר „חתן תורה" אָדער „חתן בראשית". חסידים האָבן אָבער אין דעם געזען גאָר גרויסע כוונות און ווער עס האָט געכאַפּט אַן עפּל, האָט עס באַהאַלטן פאַר אַ לאַנגער צייט, ווייל ער האָט געגלויבט אַז דאָס איז אַ סגולה צו פּרנסה.

(אין מנהגי מהרי"ל סימן תרל"ד ווערט אפילו געבראַכט אַ מנהג, אַז מען פלעגט אין שמחת תורה קויפן פּירות ביי אַ גוי, כדי צו קענען זיי וואַרפן פאַר די קינדער.)

אין „רוקח", שע"א, ווערט געפסקנט, אַז דער „חתן בראשית" זאָל מאַכן אַ „שהחיינו" ווען מען רופט אים אויף צו דער תורה. דער דאָזיקער מנהג איז אָבער נישט אָנגענומען געוואָרן. אין ספר „זר זהב" ווערט דע־רויף געבראַכט אַ טעם: ווייל אַ „שהחיינו" מאַכט מען נאָר אויף אַ פרישע פּרי, וואָס אַ געוויסע צייט פון יאָר איז זי נישט געווען בנמצא. דאָס איז אָבער נישט שייך ביי דער תורה, וואָרים אין איר זמן איז גאָר קיין הפסקה נישטאָ, ווייל יעדער ייד דאַרף טאָג און נאַכט לערנען תורה.

פון אָנפאַנג זיינען די „חתנים" געווען תלמידי חכמים און אָנגעזעענע יידן פון שטאָט, אָבער מיט דער צייט האָט מען דערפון געמאַכט אַ מסחר און מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרקויפן די דאָזיקע „עליות" פאַר אַ סך געלט.

* * *

אין אַ סך שטעטלעך אין פּוילן איז געווען איינגעפירט אַ מנהג, אַז „חתן תורה" און „חתן בראשית" פאַרקויפט מען אויף ליציטאַציע. על פי רוב האָבן געקויפט די כיבודים די גרעסטע גבירים, וועלכע זיינען נישט געווען קיין גרויסע בני תורה. האָט מען זיי גערופן בדרך הלצה „חסידישע חתנים", ווייל זיי זעען זיך נישט אַ גאַנץ יאָר מיט דער כלה — מיט דער תורה...

שמחת־תורה אין חברון

ר' גרשון פון קיטעוו, אין אַ בריוו צו ר' ישראל בעל־שם־טוב פון יאָר תק"ו (1745), באַשרייבט, ווי אַזוי מען האָט געפּראַוועט שמחת תורה אין חברון:

„ווען כ׳בין געווען חתן תורה אין שמחת תורה, זיינען אין דער נאַכט פון שמחת תורה צו מיר געקומען אַלע חכמים (רבנים) זיך צו פרייען מיט מיר, און עס זיינען אויך געקומען די אַראַבישע שרים (שעיכן) און זיי האָבן געטאַנצט פונקט אַזוי ווי די יידן און זיי האָבן געזונגען לידער אויף זייער אַראַבישער שפּראַך, און מען טראָגט דאָ קליידער מיט גרינע קאָלירן און פאַרשידענע אַנדערע פאַרבן, און קיינער שטערט נישט״.

(ספר החסידות, זייט 30)

מנהגים ביים אויפרופן צו דער תורה

אין פאַרשיידענע געגנטן אין גאַליציע איז פאַראַן אַ מנהג, אַז ווען מען רופט אויף צו דער תורה אין שמחת תורה, דעם טוט מען אָן אַ ספּעציעל היטל מיט אַ סך גלעקלעך, וואָס דאָס איז אַ מין „נאַרן־מיצל״.

ביים אַלטן דינאָווער רבין איז געווען אַ מנהג, אַז דער מוספדיקער בעל־תפילה אום שמחת תורה האָט געמוזט אָנטאָן אַ היטל, וואָס איז געווען געמאַכט ווי אַ גרויסער שקאָרמיץ, מיט פעדערן און גלעקלעך. אַ סך חסידים זיינען שוין געשטאַנען אָנגעגרייט און האָבן דעם בעל־תפילה באַוואָרפן מיט נאַסע האָנטיכער און האָבן אים צעמישט אינם נוסח פון דאַוונען. זיי האָבן אָנגעהויבן מיט אַ ראש־השנהדיקן ניגון און האָבן פאַרענדיקט מיט אַ פסחדיקן ניגון און דער עולם אין בית־המדרש האָט זיך שטאַרק משמח געווען.

דוד רייפמאַן ברענגט אין זיין ספר „שולחן הקריאה״ (דף צ״ב), אַז אין ווילנע איז געווען אַ מנהג, אַז צו די הקפות האָט מען אָנגעטאָן דעם חשובסטן יידן אין שטאָט אַ היטל מיט אַ שווערן ספּעציעלן מאַנטל און ער איז אַזוי געגאַנגען פאַראויס אין דער שול פאַר יעדער הקפה.

רביים זאָגן „תורה״

דער ראָפּשיצער רבי ר׳ נפתלי צבי האָראָוויץ האָט געזאָגט, אַז דער־פאַר הייבט מען אָן באַלד נאָך „לעיני כל ישראל״ (דער לעצטער פּסוק אין דער תורה) מיט „בראשית ברא אלקים״ (דער ערשטער פּסוק אין דער תורה), ווייל דאָס לעצטע וואָרט פון דער תורה „ישראל״ איז אַ „למד״ און דאָס ערשטע וואָרט פון „בראשית״ איז אַ „בית״, מאַכט עס „לב״ (האַרץ), ווייל די גאַנצע תורה באַשטייט פון האַרץ. עס דאַרף זיין אַ תורה שבלב, אַ תורה וואָס קומט פון האַרצן און נישט פון קאָפּ...

דערפאַר האָט אויך דער רבי פון ראָפּשיצער רבין, דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, נישט דערלאָזט אַז חסידים זאָלן טרינקען פאַר די הקפות, כדי די שמחה פון די הקפות זאָל ניט קומען פון דער

שטאַרקער משקה, נאָר פון קדושת הלב, פון דער ליבשאַפט צו דער תורה וואָס קומט פון האַרצן...

פאַרשידענע רביים האָבן שמחת תורה פאַר די הקפות שוין געזאָגט תורה אויף דער פרשה בראשית. יעדער רבי האָט אין דער ערשטער פרשה שוין מיט זיין תורה אויסגעדריקט זיין דרך אין חסידות.

אַזוי האָט דער ריזשינער רבי — וועלכער איז כידוע געווען אַ גרויסער מאמין, אַז דער צדיק איז דער יסוד פון אַלע יידן — איינמאָל שמחת תורה פאַר הקפות געזאָגט: „די גאַנצע תורה איז נכלל אינעם ספר בראשית און דער ספר בראשית איז נכלל אינעם ערשטן פסוק און דער גאַנצער ערשטער פסוק איז נכלל אינעם וואָרט „בראשית". דאָס וואָרט בראשית איז נכלל אינעם אות „בית". דער אות „בית" איז נכלל אין דער מיטלסטער נקודה (פינטעלע) פון בית, און דער צדיק הדור איז די נקודה פון דער גאַנצער תורה"... (פון די חסידישע אוצרות)

די גרעסטע מדריגה

שמחת תורה ביים טיש האָט דער רבי ר' יצחק וואָרקער געזאָגט תורה. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן פסוק „וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלוקים את בני ישראל לפני מותו" — די ווערטער „לפני מותו" — מאַכט רש"י: „סמוך למיתתו", און אַ ראיה גיט ער צו דעם מאמר: „אם לא עכשו אימתי?" וואָס איז די כוונה פון רש"י און וואָס גיט ער צו צו דעם, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן אין דער תורה?

נאָר מיר דאַרפן זען, אַז אין דער גאַנצער תורה געפינען מיר נישט, אַז משה זאָל ווערן אָנגערופן „איש האלקים" — אַ געטלעכער מאַן, נאָר בלויז דאָ ווערט ער אָנגערופן „איש האלקים". דער ענין דערפון איז, אַז צוליב זיין גרויסער ליבע צום פאָלק ישראל האָט ער די יידן שוין געוואָלט פון לאַנג בענטשן, אָבער ער האָט תמיד ביי זיך אין האַרצן געטראַכט, אַז ער דאַרף פריער קומען צו אַ גרעסערער מדריגה, כדי זיי צו בענטשן. אָבער איצט, ווען ער איז געקומען צו דער מדריגה פון „איש האלקים", וואָס דאָס איז אַ מדריגה פון מלאכים, און מלאכים ענדערן זיך דאָך נישט, ווי מענטשן, נאָר שטייען תמיד אויף איין מדריגה, האָט משה געוואוסט, אַז ער איז „סמוך למותו — נאָענט צום שטאַרבן, האָט ער זיי געבענטשט, ווייל ער האָט זיך געטראַכט „אם לא עכשו אימתי? — אויב נישט איצט, ווען דען? (אהל יצחק)

נעילת החג

ווען מלאכי, דער לעצטער יידישער נביא, האָט געוואָלט ווירקן אויפן אידישן פאָלק, אַז זיי זאָלן זייערע יערלעכע אָפּצאָלונגען, דעם

מעשר, אַריינברענגען צום בית־המקדש, האָט ער זיי, אינעם נאָמען פונם רבונו של עולם, צוגעזאָגט, אַז ער וועט פאַר זיי עפענען די פענצטער פונם הימל „והריקותי לכם ברכה עד בלי די".

שטעלט זיך די גמרא (אין מסכת שבת, דף ל"ב) אָפּ אויף די לעצטע דריי ווערטער „עד בלי די": וואָס איז זייער באַדייטונג? ווערט דאָרטן געענטפערט „עד שיבלו שפתותיכם מלומר די!" אייערע ליפּן וועלן מיד ווערן פון זאָגן אַז עס איז שוין גענוג ברכה...

אָט די דאָזיקע זעלטענע ברכה, מיט איר אויסטייטשונג, האָבן אַלטע ריזשינער חסידים אויפגעכאַפּט, דערפון געמאַכט אַ זמרל און דערצו אויך פאַרפאַסט אַ גאַר האַרציקע מעלאָדיע.

אַז עס פלעגט קומען שמחת תורה פאַרנאַכט, ווען די חסידים זיינען געווען פאַרזאַמלט אַרום זייער רבין צו „נעילת החג", איז שטענדיק געווען דער שטייגער, אַז דער רבי האָט, שטיל און בנעימותדיק, אָנגעהויבן צו זינגען די עטלעכע ווערטער „והריקותי לכם ברכה, עד בלי די, די, די!"

קוים האָבן די חסידים דאָס נאָר דערהערט, האָבן זיי עס באַלד, מיט גרויסער שמחה, אונטערגעכאַפּט און אָנגעהויבן צו זינגען „עד שיבלו שפתותיכם מלומר די, די, די!"

האַנט האָט זיך געהויבן צו האַנט, פּלייצע צו פּלייצע, אַקסל צו אַקסל, און עס איז באַלד געוואָרן אַ רעדל, אין וועלכן דער רבי אַליין איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַרעמער חסידישער טאַנץ און צוזאַמען האָבן אַלע געהאַלטן אין איין טאַנצן און אין איין זינגען:

„והריקותי לכם ברכה, עד בלי די, די, די, עד שיבלו שפתותיכם מלומר די, די, די!"

נעילת החג ביי די „ראָפּשיצער" רביים

ביי די רביים פון דער ראָפּשיצער דינאַסטיע איז אַ מנהג, אַז דער לעצטער טיש פון שמחת תורה ווערט געפירט זייער לאַנג, ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין. דער „טיש" ווערט גערופן „נעילת־החג". עס ווערט דעמאָלט זעייר אַ סך געטרונקען און געטאַנצט און צווישן איין ריקוד און צווייטן זאָגט דער רבי תורה. די תורה'ס זיינען דעמאָלט דורכגעוועבט מיט אַ סך מוסר און זיי גיבן אָן „הדרכה" פאַר די חסידים אויפן גאַנצן ווינטער.

און אַ מנהג איז, אַז מען זינגט „אתה בחרתנו" מיט אַ ניגון, וואָס דער רבי ר' מענדעלע פון רימאַנאָוו האָט איינגעפירט. וועגן דעם ניגון דער־ציילט מען, אַז ווען ר' מענדעלע רימאַנאָווער איז אַמאָל אין אַ יום־טוב געגאַנגען אַהיים פון דאַווענען, האָט ער געהערט ווי צוויי קליינע יינ־געלעך האָבן געזונגען: „אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען וועלן קומען פון דער שול, וועלן מיר עסן לעקעך". האָט דער רבי ר' מענדעלע זיך אָפּגע־

שטעלט און געזאָגט, אַז אין דעם ניגונדל ליגט די „אמתע שמחה". און באַלד ביים טיש האָט ער דאָס זעלביקע ניגונדל געזונגען צו „אתה בחרתנו". פון אים האָט דער ראָפּשיצער איבערגענומען דאָס ניגונדל און זינט דעמאָלט ווערט עס געזונגען ביי די ראָפּשיצער חסידים, און אינמיטן טאַנצן ווערט פּלוצלינג געגעבן אַ געשריי: „שאַ!" די חסידים שטעלן זיך אָפּ פון טאַנצן און איינער אַן אַלטער חסיד, מיט אַ שיין קול, הייבט אָן צו זאָגן די „פּזמונים" פון די „סליחות" און נאָך יעדן פּזמון ווערט ווייטער געטאַנצט „אתה בחרתנו".

אַזוי געדויערט דער „טיש" פון נעילת־החג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, ביז דער גבאי קומט אַריינצוגיין מיט צוויי ליכט און ברענגט מיט זיך אַריין די ווינטערדיקע וואָכעדיקייט.

* * *

אין דזשיקאָוו, ביים רבין ר' אליעזרל, דער זון פונם ראָפּשיצער רבין, פלעגט זיין דער מנהג, אַז יעדן שמחת תורה, בשעת „נעילת החג", האָט דער רבי אַליין, מיט זיינע אייגענע הענט, געוואָרפן עפּעלעך צווישן די חסידים. ווער עס האָט נאָר געהאַט די זכיה צו כאַפּן אַזאַ עפּעלע, האָט געגלייבט אַז ער איז שוין פאַרזיכערט מיט פרנסה בריוח פאַרן גאַנצן יאָר.

האָט זיך איינמאָל געמאַכט, דאָס איינער פון די חשובערע חסידים האָט זיך ניט געקענט צושטופּן און ניט געקענט כאַפּן אַזאַ עפּעלע. אַז ער איז שפּעטער געקומען צום רבין זיך געזעגענען — האָט ער זיך אַליין באַדויערט, וואָס ער האָט נישט באַקומען אַזאַ עפּעלע...

„זיי ניט קיין שוטה! — האָט אים דער רבי געזאָגט, מיט אַ שמייכל און גרויס ענוות. — די עפּעלעך זיינען צו קיין שום זאַך גאָר קיין סגולה נישט! איך אַליין האָב דאָס אומיסטנע איינגעפירט, — כדי די חסידים זאָלן האָבן וואָס צו כאַפּן, און עס זאָל דערמיט געשטאַרקט ווערן די שמחת יום־טוב..."

דינאָווער בערזע

פאַרנאַכט צו דער סעודה פון „נעילת החג" איז געווען אַ מנהג ביים אַלטן דינאָווער רבין, אַז מען האָט געמאַכט אַ „בערזע". דער גבאי פון רבין האָט אויסגערופן די פּרייזן פון תבואה און האָלץ, וואָס עס וועלן זיין אַ גאַנץ יאָר.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש. די אָרעמעלייט לויפן־צו צום רבין און בעטן אים, אַז ער זאָל זען, אַז ברויט זאָל זיין ביליקער, ווייל דאָס יקרות פון פאַראַיאָרן איז פּשוט נישט געווען אויסצוהאַלטן, און די גבירים ווידער, די תבואה סוחרים, ווייזן אויף דעם רבין, אַז אויב די פּרייזן וועלן פאַלן, וועלן זיי בדיל הדל ווערן. דאָס זעלבע טוען אויך די האָלץ־ און קוילן־

סוחרים. דער רבי הערט אויס די טענות פון די גבירים און פון די אָרעמע־לייט, הייסט די גבירים שטעלן טעפּ מעד און געבן האָלץ אין בית־מדרש אַריין, פורן קוילן פאַר די אָרעמעלייט, מעל אויף מצות און ער באַשטימט דערנאָך פרייזן אַזוי, אַז סיי די גבירים און סיי די אָרעמעלייט זאָלן זיין צופרידן...

דער באַרדיטשעווער האָט ליב פּשוטע יידן

ווען באַרדיטשעווער רבין ווערט דערציילט, אַז ער האָט תמיד מכבד געווען דעם פּשוטן המון־עם מיט די הקפות און ער פלעגט גיין מיט זיין ספר־תורה אויסגעמישט מיט אַלע פּראָסטע יידן. ער האָט דערביי געזאָגט, אַז „די תורה וויל גאָר ניט איינשטיין אין די הענט פון די שיינע יידן און די וואויל־לערנער; די תורה האָט גאָר ליב זיך צו חברן מיט דעם פּראָסטן המון־עם, וואָרים ווען אפילו אַן עם־הארץ ווייסט ניט וואָס עס שטייט אין דער תורה, איז ער אָבער מקרב דעם, וואָס היט־אָפּ די תורה”...

און חסידים דערציילן טאַקע, אַז איינמאָל איז ר׳ לוי יצחק געקומען צו פאָרן קיין לעמבערג גאָר שפּעט ביינאַכט. ניט האָבנדיק וואו די נאַכט איבערצונעכטיקן, איז ער געגאַנגען צום שטאָט־גביר. אָבער דער שטאָט־גביר האָט אים אפילו ניט געלאָזט זיין שוועל אַריבערטרעטן.

האָט דער באַרדיטשעווער געוואַנדערט איינער אַליין איבער די לעמ־בערגער גאַסן אַ מידער און אַ פאַר׳צערטער, ביז ער האָט דערזען אַרויס־שיינען אַ ליכט פון אַ פענסטער פון אַ קליין הייזל. איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטער און ער האָט דערזען ווי אַ יידישער שוסטער זיצט און פאַרריכט אַ שטיוול.

איז דער באַרדיטשעווער צוגעקומען צו דער טיר און האָט אָנגע־קלאַפּט. דער שוסטער האָט באַלד אויפגעעפנט די טיר, און ווי נאָר ער האָט פאַר זיך געזען שטיין אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד און קאַפּאָטע, אַ הדרת־פנים, האָט ער קיין סך ניט געטראַכט און האָט אים גלייך אַריינגע־בעטן אין שטוב אַריין. דער שוסטער האָט דעם אורח ניט געפרעגט ווער ער איז, נאָר ער האָט פאַר אים באַלד אויסגעבעט אַ ווייך געלעגער.

אינדערפרי, אַז ר׳ לוי יצחק איז געגאַנגען דאַווענען אין בית־המדרש אַריין, איז געוואָרן אַ רעש אין שטעטל, אַז „דער באַרדיטשעווער, דער מליץ יושר” איז געקומען אין שטאָט אַריין.

האָט עס טאַקע לאַנג ניט געדויערט און דאָס אָרעמע, נידעריקע און האַלב־צעבראָכענע הייזל פון דעם שוסטער איז באַלד באַלאַגערט געוואָרן פון הונדערטער מענטשן און צווישן זיי איז אויך געווען דער שטאָט־גביר.

ווען דער שטאָט־גביר האָט שלום געגעבן דעם באַרדיטשעווער, זאָגט ער צום באַרדיטשעווער:

„רבי, עס וואָלט גלייכער געווען, אַז איר זאָלט איינשטיין ביי מיר. איך וועל דעם רבין אָפּגעבן אַ דירה אַ רחבותדיקע און דער רבי וועט ניט דאַרפן זיך געפינען דאָ, וואו עס איז ענג און דושנע...“

„זאָגט מיר — האָט אים ר׳ לוי יצחק אַ פרעג געטאָן — וואָס איז געווען דער חילוק צווישן אברהם אבינו און לוטן? ביי אברהם אבינו שטייט, אַז ער האָט די מלאכים, וועלכע זיינען צו אים געקומען, געגעבן צו עסן און צו טרינקען, און אויך לוט האָט דאָך זיי געגעבן צו עסן און צו טרינקען. דער חילוק איז דער: ביי אברהם אבינו שטייט: „און ער הייבט אויף זיינע אויגן און גיט אַ קוק, זעט ער דריי מענטשן שטייען פאַר אים“. אברהם אבינו האָט געזען פאַר זיך שטיין דריי פּשוטע מענטשן, האָט ער זיי גלייך אַריינגעבעטן און זיי געגעבן פון אַלעם גוטן. ביי לוטן אָבער שטייט: „צוויי מלאכים קומען אָן נאָך סדום און לוט באַמערקט זיי“... לוט האָט פריער געמוזט זען, אַז זיי זיינען מלאכים. ערשט דערנאָך האָט ער זיי אַריינגעלאָזן אין שטוב...

„מיט איך איז אויך דאָס זעלבע — האָט דער באַרדיטשעווער אויסגעלאָזט, — אַז איך בין געקומען צו אייך אַלס אַ פּשוטער ייד, ווען איר האָט מיך ניט דערקענט, האָט איר מיך צו זיך ניט אַריינגעלאָזט; נאָר איצט ווילט איר מיך פאַרבעטן צו אייך אַהיים. דאַקעגן, אָט דער אָרעמער שוסטער האָט גלייך פאַר מיר געעפנט די טיר, וועל איך שוין בלייבן ביי אים וואוינען...“

אָט אַזוי איז אַ פּשוטער ייד מקרב אַ בן־תורה, און דעריבער האָט דער באַרדיטשעווער תמיד געמאַכט הקפות צוזאַמען מיט דעם פּשוטן עולם, צוזאַמען מיטן המון־עם געטאַנצט און ביי די הקפות צוזאַמען מיט זיי זיך משמח געווען מיט דער תורה.

אַן ענלעכע מעשה ווערט דערציילט וועגן דעם רבין ר׳ זישע פון אַנעפּאָליע. איינמאָל איז ר׳ זישע געקומען קיין לעמבערג, ווען ער איז נאָך געווען אַ נסתר, אַ פאַרשטעלטער און אַרומגעגאַנגען איבער שטעט און שטעטלעך, צוזאַמען מיט זיין ברודער, דעם רבין ר׳ אלימלך „אָפּריכטן גלות“, איז ר׳ זישע אַריינגעקומען צו אַ גביר און אים געבעטן ער זאָל אים געבן אַ געלעגער צום איבערנעכטיקן אַ נאַכט.

דער גביר האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן דעם „אורחי־פורחי“ און האָט אים געזאָגט ער זאָל גיין אין שטאָטישן „הקדש“ און דאָרט וועט ער קריגן אַ נאַכט־געלעגער.

איז דער רבי ר׳ זישע אַרויס אַ טרויעריקער פון גביר׳ס הויז. ער איז אַוועק אין בית־המדרש און האָט זיך געזעצט הינטערן אויוון און געטראַכט דאָרט איבערצונעכטיקן אויף אַ באַנק.

ווען דער שמש האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרשליסן דעם בית־המדרש, האָט ער דערזען זיצן אַ יידן אויף אַ באַנק, הינטערן אויוון און

לערנען. איז דער שמש צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים פֿאַרבעטן צו זיך אַהיים, ער האָט פֿאַר ר׳ זישען אָפּגעגעבן אַ באַזונדער חדר און אים אויסגעבעט אַ וואַרעם געלעגער.

לימים, ווען דער רבי ר׳ זישע איז נתגלה געוואָרן און געוואָרן אַ גרויסער רבי פֿון אַ סך חסידים, איז דער רבי ר׳ זישע געקומען קיין לעמבערג אין אַ קאָטש מיט צוויי פֿערד געשפּאַנט. דער רבי ר׳ זישע איז פֿאַרפֿאָרן צום שמש פֿון בית־המדרש, וואו ער איז אַמאָל איינגעשטאַנען.

אין שטאָט האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער רבי ר׳ זישע איז געקומען, האָט מען באַלאַגערט דאָס הויז פֿון שמש. ערב שבת איז אויך געקומען צו גיין דער שטאָט־גביר געבן שלום־עליכם דעם רבין ר׳ זישע. זאָגט דער גביר צום רבין ר׳ זישע:

„רבי, איר דאַרפֿט נישט איינשטיין דאָ אין אַזאַ אָרעם הויז, קומט בעסער צו מיר, איך האָב אַ בריוּוחדיקע דירה פֿאַר אייך".

ווען דער גביר איז אַרויסגעגאַנגען, האָט דער רבי ר׳ זישע באַפֿוילן זיין גבאי ער זאָל שיקן זיינע צוויי פֿערד, זיי זאָלן איינשטיין ביים גביר און דער רבי ר׳ זישע האָט געזאָגט:

דער שטאָטישער גביר, מיינט דאָך נישט מיך, ער האָט דאָך דעמאָלט, ווען איך בין געקומען אַליין, נישט געוואָלט אַריינלאָזן, איך זאָל ביי אים אַ נאַכט איבערנעכטיקן, איצט ווען איך בין געקומען מיט אַ קאָטש מיט צוויי פֿערד, וויל ער שוין איך זאָל זיין ביי אים שבת. גיט ער דאָך אָפּ כבוד נישט מיר, נאָר מיינע פֿערד, נו, זאָלן די פֿערד זיין זיינע אורחים אויף שבת און איך וועל האַלטן שבת ביים שמש פֿון בית־המדרש, וואָס האָט מיך דעמאָלט אַריינגענומען, כאָטש ער האָט מיך נישט געקענט, נאָר וויל ער האָט געהערט מיך לערנען, האָט ער מקרב געווען, נישט מיך, נאָר די תורה. וועל איך זיין זיין אורח אויף שבת"...

דער יצר־הרע האָט געוואָלט פֿראַווען די הקפֿות מיט ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער

„שמחת־תורה איז אונזערס אַ יום־טוב, — האָט ר׳ ירוחם אָנגעהויבן זיין חסידישן שמועס מיט די חסידים פֿאַר די הקפֿות, — ווייל דעם יום־טוב שמחת־תורה געפֿינט מען ניט אין דער גמרא, נאָר אין „זוהר״ פּרשת פּינחס ווערט דערמאָנט דער יום־טוב, און דער „בית־יוסף״ זאָגט בפּירוש, אַז דער מנהג איז אַן אשכנזישער, אַן „אונזעריקער״, און מיר חסידים האָבן ערשט דעם יום־טוב אָנגעהויבן מקיים צו זיין ווי עס קער צו זיין״.

די חסידים האָבן אַלע געטרונקען לחיים און ר׳ ירוחם האָט אויסגעשרופֿן אַלע אושפּיזין. די אַלע חסידים וואָס האָבן געהאַט דעם נאָמען אברהם האָבן צוערשט געקראָגן משקה; דערנאָך איז געגאַנגען יצחק, יעקב. אַזוי האָט מען אויסגערופֿן אַלע אושפּיזין, ביז מען איז געקומען צו „דוד״, צו דעם לעצטן אושפּיזין. דערנאָך ערשט האָט ר׳ ירוחם געטיילט משקה אויך אַלע אַנדערע חסידים. מען האָט געטאַנצט.

און ווען מען איז שוין מיד געוואָרן פֿון טאַנצן, האָט מען זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביי די טישן און ר׳ ירוחם האָט פֿאַמעלעכדיק אָנגעהויבן מיט אַ חסידישן שמועס, ביז ער איז אַרויפֿגעקומען אויף אַ חסידישער מעשה.

אין דעם ספֿר „שפֿתי צדיקים״ ווערט געבראַכט אַ מעשה פֿון דעם הייליקן באַרדיטשעווער צדיק ר׳ לוי יצחק, אַז ווען ער איז נאָך געווען ביי זיין רייכן שווער אויף קעסט, האָבן די שטאָט בעלי־בתים געוואָלט דעם שווער מיט עפּעס מכבד זיין. איז זיי איינגעפֿאַלן, אַז די בעסטע זאַך וועט זיין, ווען זיי וועלן דעם איידעם זיינעם, ר׳ לוי יצחקן, מכבד זיין שמחת־תורה ביי די הקפֿות מיט „אתה הראית״.

האָבן די בעלי־בתים אין דעם דאָזיקן יאָר מער נישט פֿאַרקויפֿט דעם „אתה הראית״, ווי דער מנהג איז געווען, נאָר זיי האָבן עס אַוועקגעגעבן ר׳ לוי יצחקן, און ער איז צוגעגאַנגען צום עמוד. די ווייבער האָבן זיך געשטופּט ביי דער טיר, די קינדער האָבן געהאַלטן פֿענער מיט ברענענדיקע ליכט אין דער האַנט, אַלע האָבן שוין אַרויסגעקוקט אַז ר׳ לוי יצחק זאָל אָנהייבן צו זאָגן „אתה הראית״. אָבער ר׳ לוי יצחק האָט זיך עפּעס צו שטאַרק געזוימט ביים עמוד, און יעדעס מאָל וואָס ער האָט גענומען דעם טלית אין דער האַנט אַריין, האָט ער אים צוריק אַנידערגעלייגט און איז ווייטער אַזוי געבליבן שטיין פֿאַרטראַכט. עס האָט אַזוי געדויערט אַ פּאָר

מינוט און ר׳ לוי יצחק האָט ווידער געפּרואווט נעמען דעם טלית אין דער האַנט אַריין און ווידער אים אַוועקגעלייגט.

דער גאַנצער עולם איז געשטאַנען אין דער שול און מיט אומגעדולד געוואַרט, און ווען זיי האָבן געזען אַז ער הייבט אַלץ נישט אָן צו זאָגן אתה הראית, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז ער קאָן נישט דאַווענען פאַרן עמוד. האָבן זיי אים נישט געוואָלט פאַרשעמען און האָבן צוגעשיקט צו אים דעם שמש, ער זאָל אַוועקגיין פון עמוד, וועט מען אַן אַנדערן צושטעלן צו זאָגן אתה הראית.

ר׳ לוי יצחק האָט שוין געוואָלט אַוועקלייגן דעם טלית און צולאָזן אַן אַנדער יידן. אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט, און זיך פאַרטראַכט אויף אַ פּאָר מינוט, און דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן: „ביסטו אַ למדן, ביסטו אַ חסיד, זאָג־זשע דו אתה הראית!״ און ער איז באַלד אַוועקגעלאָפן פון עמוד.

דער שווער זיינער האָט זיך געפילט זייער פאַרשעמט, וואָס דער איידעם זיינער קאָן נישט זאָגן פאַרן עמוד קיין אתה הראית. ער האָט זיך אַ גאַנץ יאָר געהאַט באַרימט פאַר די שטעטישע יידן, אַז זיין איידעם איז אַ גרויסער עילוי און איצט, אַז עס קומט צו זאָגן אַ פּשוטן אתה הראית פאַרן עמוד, קען ער דאָס אויך ניט.

עס איז דערווייל צוגעגאַנגען אַן אַנדערער צום עמוד און געזאָגט אתה הראית. מען האָט געמאַכט די הקפות, און דער שווער זיינער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און ער האָט זיך געשעמט די אויגן אויפצוהייבן פאַר חרפּה און בושה, וואָס דער איידעם זיינער האָט אים אָפּגעטאָן.

ביינאַכט, צו דער יום־טובדיקער סעודה, זיינען אַריינגעקומען צו זיין שווער אַ סך יידן פון דער שטאָט, איז דער גביר די גאַנצע צייט געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, צוליב דעם, וואָס דער איידעם זיינער האָט אים אַזוי שטאַרק מבייש געווען, און ר׳ לוי יצחק איז גאָר געווען לוסטיק און פריילעך און האָט זייער אַ סך געזונגען, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אמתן חסיד.

ווען דער עולם האָט שוין געהאַט אַ סך געטרונקען, האָט זיך דער שווער מער ניט געקאָנט איינהאַלטן און ער האָט אָנגעהויבן צו וויינען אויפן קול.

האָבן די יידן, וואָס זיינען צו אים געקומען, געפרעגט: פאַרוואָס ער פאַרשטערט זיך אַ יום־טוב. האָט דער גביר געענטפערט:

„פאַרוואָס זאָל איך ניט וויינען, אַז איך האָב געמיינט, אַז איך קויף מיר איין אַ גוטן איידעם, אַ לערנער, אַ בן־תורה, און איצט זע איך, אַז ער קען אפילו פאַרן עמוד ניט דאַווענען. ער זאָגט מיר, אַז ער איז אַ חסיד, און איך ווייס ניט וואָס דאָס איז״.

דאָ האָט זיך ר׳ לוי יצחק שוין מער ניט געקאָנט איינהאַלטן און ער האָט זיך אָנגערופן:

איך וועל אייך זאָגן, שוועך מיינער, וואָס מיט מיר איז געשען פאַר־וואָס איך האָב ניט געקאָנט דאַוונען פאַרן עמוד.

די מעשה איז אַזוי געווען: אַזוי ווי איך האָב זיך געשטעלט ביים עמוד און געוואָלט אָנטאָן דעם טלית, האָב איך דערפילט, אַז עמיצער וויל מיט מיר ווערן אַ שותף צום אתה הראית. איך גיב אַ דריי אויס דעם קאָפּ און איך דערזע, אַז דער שותף מיינער איז ניט קיין אַנדערער ווי דער יצר־הרע אַליין.

„איך וויל מיט דיר בשותפות זאָגן דעם אתה הראית", האָט ער צו מיר אַ זאָג געגעבן.

האָב איך אים געענטפערט: „וואָס פאַר אַ שותף ווילסטו מיט מיר זיין? און ווי אַזוי קאָן דאָס בכלל געמאָלט זיין? די גמרא זאָגט דאָך: „תרי קלי לא משתמעי" (צוויי קולות צוזאַמען קאָן מען ניט הערן).

„אויף דעם איז פאַראַן אַן עצה, — גיט ער צו מיר אַ מאַך, — איינער וועט זאָגן הויך און דער צווייטער שטיל".

„אָבער ווער ביסטו דאָס בכלל, וואָס ווילסטו ווערן מיט מיר אַ שותף? און וואָס פאַר אַ מעשים־טובים האָסטו דאָס אַזוינס אָפּגעטאָן, וואָס דו זאָלסט מיר דערלויבן זאָגן פאַרן עמוד אתה הראית שמחת־תורה ביי־נאַכט?" — פרעג איך אים ווידער.

„און ווער ביסטו, שיינער ייד מיינער?" — האָט ער מיך צוריק גע־פרעגט מיט אַ חוזק־שמייכל.

בין איך שוין אין כעס געוואָרן און האָב אים געענטפערט:

„איך בין געזעסן אַ גאַנץ יאָר און געלערנט".

„איך בין אויך אַ למדן־מופלג" — האָט ער מיר מיט חוצפה געענט־פערט.

בין איך שוין גאָר בייז געוואָרן — האָט ר׳ לוי יצחק ווייטער דער־ציילט, — און איך האָב אים אַ פרעג געטאָן:

„אדרבה, זאָג מיר, וואו און אין וועלכער ישיבה האָסטו דאָס, יצר־הרע מיינער, געלערנט?"

ווערט דער יצר־הרע אָבער גאָרנישט נתפעל און גיט מיך צוריק אַ פרעג:

„און וואו און אין וועלכער ישיבה האָסטו דאָס געלערנט, לוי יצחקל מיינער?"

האָב איך מיך שוין ניט געקאָנט איינהאַלטן, און הגם איך האָב זיך ניט ליב צו באַרימען, האָב איך אים דאָך אויסגערעכנט וואו און ביי וועל־כע גאונים איך האָב אַלץ געלערנט.

ווערט דער יצר־הרע אָבער גאָרניט געפאַלן ביי זיך און ער ענטפערט:

„טאַקע דאָרט, ביי די זעלבע גאונים האָב איך אויך געלערנט".
פרעג איך:
„היתכן, איך האָב דאָך דיך דאָרט קיינמאָל ניט געזען?"
ענטפערט דער יצר־הרע:
„טאַקע מיט דיר צוזאַמען דאָרט געלערנט... איך בין הינטער דיין רוקן געזעסן, דערפאַר האָסטו מיך ניט געזען..."
„איך בין דאָך אָבער אַ חסיד" — האָב איך שוין אָנגעהויבן ווייכער צו ווערן.
„איך בין אויך אַ חסיד" — האָט דער יצר־הרע מיט ביטול געענטפערט.
„ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז דער יצר־הרע זאָל זיין אַ חסיד? — הייב איך אָן שרייען — אדרבה, זאָג מיר, ביי וועלכן רבין האָסטו געלערנט חסידות? וועלכער רבי וואָלט דיך געוואָלט אַריינלאָזן אין זיין שטוב אַריין? וואָס טראַכסטו נאָך אויס בלבולים אויף די רביים!"
„און ביי וועלכן רבין האָסטו דאָס געלערנט?" — פרעגט ער מיך צוריק מיט עזות.
„ביי דעם רבין ר' בער פון מעזריטש" — האָב איך מיט גדלות געענטפערט.
„אויך דאָרט בין איך מיט דיר געווען. איך בין אויך דאָרט אַ חסיד געווען און הינטער דיינע פּלייצעס תמיד געשטאַנען, דערפאַר וויל איך איצט זיין אַ שותף צום אתה הראית".
האָב איך געזען, אַז איך קאָן שוין פון יצר־הרע נישט פּטור ווערן, — האָט ר' לוי יצחק ווייטער דערציילט, — האָב איך צו אים דעריבער אַ זאָג געגעבן:
„אויב אַזוי, אויב דו ביסט אַ למדן און אַ חסיד, טאָ זאָג דו אַליין אתה הראית און איך וויל מיט דיר קיין שותפות ניט מאַכן", און איך האָב דעם טלית צוריק אַוועקגעלייגט אויפן עמוד...
ערשט איצט האָט דער שווער פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ גרויסער מענטש דער איידעם זיינער איז, און ער האָט אים געבעטן ער זאָל אים מוחל זיין, וואָס ער האָט אים פריער געהאַט מבייש געווען פאַר אַלע יידן, וואָס זיינען אין שטוב אַריינגעקומען.

די גרויסע „נפילה" אין לובלין

חסידים דערציילן וועגן דער „גרויסער נפילה" פון לובלינער רבין, וואָס איז געשען אין שמחת תורה פאַר די הקפות.

די מעשה איז פאָרגעקומען אין יאָר תקע"ה (1815), באַלד נאָך דער נאַפּאָלעאָנישער מלחמה מיט רוסלאַנד. אַ סך רביים האָבן דעמאָלט גע־האַלטן, אַז די צייט פון משיחן איז נאָענט.

די דריי צדיקי הדור, דער רבי ר' ישראל פון קאָזשעניץ, גערופן דער קאָזשעניצער מגיד; דער רבי ר' מענדעלע פון רימאַנאָוו און דער רבי ר' יעקב יצחק פון לובלין, גערופן דער „חוזה", האָבן זיך איינגעעקשנט צו ברענגען משיחן פאַר דער צייט. איז אָבער דער דור נאָך ניט ראוי געווען דערצו, דעריבער זיינען זיי, די צדיקי הדור, געוואָרן כפרת־הקהל.

עס וואָלט דעמאָלט געוואָרן אַ תל עולם, האַלטן חסידים, ווען ניט וואָס דער פּשיסכער רבי, איינער פון די שאַרפסטע תלמידים פון „חוזה", האָט זיך באַצייטנס געכאַפּט און זיך אָפּגעזונדערט פון דער איינגעשפּאַר־טער חברה צדיקים און ער האָט געזאָגט צו זיין רבין:

„מיך לאָזט צורו, „לא ירד בני עמכם", און דאָס האָט טאַקע געראַ־טעוועט די וועלט...

אָבער די דריי צדיקים האָבן אויף דעם אַלעם ניט געקוקט און זיי האָבן געמאַכט יד־אחת צו צווינגען כביכול צו באַפרייען זיך אַליין צו־זאַמען מיט דער כנסת ישראל פון דעם ביטערן גלות...

האָבן זיי זיך אַ לאַנגע צייט צוגעגרייט דערצו מיט פאַסטן און תפילות, מיט כוונות און יחודים. זיי האָבן געוואוסט, אַז די מלחמה מיטן ס"ם וועט זיין שווער, אָבער זיי זיינען זיכער געווען, אַז זיי וועלן נאָך מנצח זיין. עס איז ביי זיי כמעט געווען אַ דבר־ברור, אַז דער באַרדי־טשעווער צדיק, ר' לוי יצחק, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אַ דריי יאָר אויפן עולם האמת, וועט זיי טאַקע דאָרטן „אויבן" צוהעלפן אין זייער הייליקער אַרבייט. האָט דען דער מליץ יושר ניט געשוואָרן אַ פּאָר מינוט פאַר זיין יציאת־הנשמה, אַז ער וועט ניט רוען אין קבר און וועט ניט צורו־לאָזן די צדיקים אמיתיים אין גן־עדן, ביז ער וועט ניט ברענגען מיט זייער הילף די גאולה...

כדי אָבער אים צו דערמאָנען אָן זיין הבטחה און אים מעורר צו זיין ער זאָל נעמען צו הילף אַלע צדיקים פון גן־עדן, האָבן די דריי צדיקים באַשלאָסן צו שיקן אַ שליח אויף יענער וועלט...

האָט מען געוואָרפן גורל און דער גורל איז אויסגעפאַלן אויפן לובּ־לינער רבין. האָט זיך דער לובלינער רבי באַלד אָנגעהויבן מכין צו זיין

אין וועג אַריין... אָבער אַזוי ווי דער תלמיד זיינער, דער „יוד־הקדוש״ פון פשיסכע, האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט ער געשיקט אַ שליח מיוחד צו זיין רבין, אים מודיע צו זיין, אַז ער, דער פשיסכער, האָט אויף זיך גענומען אויסצופירן דאָס הייליקע שליחות „כדי שלא תתפרד החבילה״...

דער לובלינער האָט אָפּנים מסכים געווען דערויף, וויל באַלד נאָכ־דעם, אין אָנהויב פון יאָר תקע״ב, איז דער „יוד הקדוש״ נסתלק געוואָרן...

דערנאָך ערשט האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע עבודה...

„בעט גאָט איך זאָל איבערלעבן דאָס יאָר תקע״ה!״ — האָט דער רימאַנאָווער רבי, ר׳ מענדעלע, געזאָגט צו זיינע חסידים, זיצנדיק אין דער סוכה — „דעמאָלט מעגט איר זיכער זיין, אַז איר וועט זוכה זיין צו הערן שופר של משיח און צו זיצן אין דער סוכה פון לויתן!״

„ווער איז גרייט מיט מיר צו גיין אין דער מלחמה?״ — האָט דער לובלינער אויסגערופן אינעם זעלבן יאָר פאַר תקיעת שופר.

עס איז דעמאָלט געווען אַ מוראדיקער ראש השנה אין לובלין.

דער רבי ר׳ קלמיש ניישטעטער, דער מחבר פון „מאור ושמש״, אַ געטרייער תלמיד פון לובלינער רבין, האָט זיך געשטעלט ביי דער רעכ־טער האַנט פונם רבין און דער רבי ר׳ נפתלי הערץ, דער בזשעזשאַנער רבי, האָט זיך געשטעלט צו דער לינקער האַנט פון לובלינער רבין. בלויז דער ראָפּשיצער רבי האָט זיך בשתיקה אַרויסגעגנבעט פון דעם רבינס קלויז, און ער האָט געדאַוונט מוסף ערגעץ אין אַ שניידער־שולכל און איז טאָקע מער ניט צוריקגעקומען צום רבין ביז נאָך דער „נפילה״.

„אַ חכם איז גרעסער פון אַ נביא״ (דעם ראָפּשיצער רבין האָט די וועלט גערופן חכם און דעם לובלינער רבין — נביא) — האָבן די שפּע־טערדיקע צדיקים געזאָגט אויף אים...

און דער לובלינער רבי האָט דעמאָלט ביי תקיעת שופר געקעמפט מיטן שטן...

„וואָס מיר זיינען ניט ביכולת אויסצופירן מיטן שופר״ — האָט דער לובלינער רבי געזאָגט — „וועלן מיר עס אם ירצה השם אויספירן מיטן כח פון דער תורה!... מיטן כח פון שמחה״.

און ער האָט צוגעגעבן: „שמחה איז שטאַרקער פון יראה״. ראש השנה איז יראה און שמחת תורה איז אהבה, וואָס דאָס איז אויך שמחה״.

און געמיינט האָט ער די שמחה, וואָס ער און די חסידים וועלן האָבן ביי די הקפות...

האָט אָבער דער שטן פאַרטונקלט די אויגן פון דעם לובלינער רבין, און דער „הייליקער זעער״, וואָס פלעגט תמיד זען וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַנצער וועלט, האָט ניט געזען און ניט געוואוסט, אַז באַלד נאָך

ראש השנה איז דער קאָזשעניצער מגיד זייער קראַנק געוואָרן און ערב סוכות איז ער נסתלק געוואָרן...

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אפילו אַרייַנגערופן, פאַר זיין פטירה, זיין זון, ר׳ משה אליקום בריעה, און אים באַפוילן צו זאָגן דעם לובלינער רבין, אַז ער זאָל, למען השם, אָפּהאַקן, נישט מער מרעיש עולמות זיין מיט זיין שטאַרקער עבודה, ווייל אין הימל איז מען נישט מסכים מיט זייער עקשנות צו ברענגען די גאולה פאַר דער צייט, אָבער אַ סיבה איז געשען און מען האָט דאָס דעם לובלינער רבין נישט מודיע געווען.

די טרויעריקע ידיעה, אַז דער קאָזשעניצער מגיד איז נפטר געוואָרן, האָט מען פאַרהאַלטן פון לובלינער רבין און אַזוי אַרום איז דער שטן ביכולת געווען אים מנצח צו זיין.

און עס איז געקומען שמחת תורה בייַנאַכט. לובלינער חסידים זיינען געווען זייער פריילעך און לוסטיק. שוין פון שמיני־עצרת אָן האָבן די חסידים געטרונקען אַ סך מעד און ווייַן צוליב אַ באַזונדערן אָנזאָג פונם לובלינער רבין זיי זאָלן זיין לעבעדיק און פריילעך.

שמיני־עצרת אינדערפרי האָט דער לובלינער רבי אַליין געזאָגט צו זיינע חסידים:

„טרינקט אַ סך און איך וועל מיט אייך מיט־טרינקען, און איך בין אייך מבטיח, אַז ווי באַלד מיר וועלן האָבן אַ לוסטיקן שמחת תורה, וועלן מיר שוין אויך האָבן אַ לוסטיקן תשעה־באב!״...

האָבן חסידים געפאָלגט און האָבן געטרונקען.

פאַר די הקפות האָט מען געוואַרט אויפן רבין ער זאָל אַרייַנקומען אין בית־המדרש אַריין, אָבער דעם רבינס חדר־מיוחד איז געווען פאַר־מאַכט. גבאים האָט דער רבי אָוועקגעשטעלט ביי זיינע טירן און זיי אָנ־געזאָגט זיי זאָלן אָפּהיטן, אַז קיינער זאָל צו אים נישט אַרייַנקומען און אַ משמש האָט ער אָוועקגעשטעלט אין ווינקל פון זיין חדר־מיוחד און אים מזהיר געווען ער זאָל פון אים קיין אויג נישט אַראָפּנעמען.

דערווייל האָט מען אין בית־מדרש געטאַנצט, געמאַכט איין רקוד נאָכן צווייטן, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז דער רבי וויל הייַנט עפּעס מחדש זיין מיט זיין עבודה...

איז אָבער געשען אַן אומגליק, אַז דער משמש האָט אויף אַ רגע איינגעדרימלט, און ווי נאָר ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערזען, אַז דער רבי איז נישטאָ מער אינעם חדר־מיוחד.

ער האָט תיכף אויפגעפּראַלט די טירן. די גבאים האָבן אָנגעהויבן אַרומצולויפן פאַרטרויערטע. די חסידים האָבן אָפּגעשטעלט דאָס טאַנצן. עס איז מיט איינמאָל אינגאַנצן פאַרשוואונדן די שמחה, און אַלע חסידים, צוזאַמען מיט די גבאים, האָבן אָנגעהויבן אַרומזוכן דעם רבין אין אַלע חדרים פונם הויז.

אַלע פענצטער פונם רבינס חדר מיוחד זיינען געווען פאַרמאַכט, נאָר אַ קליין פענצטערל, וואו עס זיינען געשטאַנען אָנגעשטעלט פלעשער, האָט מען געפונען אָפן.

„זאָל דער רבי געווען אַרויספאַלן דורך דעם קליינעם פענצטערל?" — האָבן חסידים געטראַכט — „טאָ ווי קומט עס, וואָס די פלעשער זיינען נישט אומגעפאַלן?"

און די חסידים האָבן זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן „הויף", זוכן זייער רבין.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר שעה, ביז איינער פון די גאָר געהויבענע חסידים, ר' הערשעלע טאָמאַשאָווער, האָט דערזען ליגן אויף דער ערד, ווייט פון בית־מדרש, אַ מענטש.

„ווער איז דאָרט?" — האָט ר' הערשעלע טאָמאַשאָווער אויסגערופן מיט גרויס שרעק.

„יעקב יצחק בן מייטל" — האָט זיך דערהערט אַ שוואַך קול.

איז הערשעלע טאָמאַשאָווער גלייך געלאָפן מודיע זיין די חסידים, אַז ער האָט געפונען דעם רבין. אַלע חסידים האָבן אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין און געוואָלט זיך לאָזן לויפן צו דעם אָרט, וואו הערשעלע האָט זיי אָנגעצייכנט.

„בחרם חמור — האָט זיך דערהערט אַ קול — אַז קיינער טאָר נישט אַרויסגיין פון דעם בית־מדרש, אַחוץ דעם רבינס תלמידים מובהקים.

דעם דאָזיקן באַפעל האָט געגעבן דער אַלטער לובלינער חסיד, דער ישיש, ר' יחיאליש ניישטעטער.

דער גאַנצער עולם איז שוין טאַקע געבליבן אין בית־מדרש.

און תיכף האָבן די ראשי־החסידים, די „שאַרפע קעפּ", געוואָרפן גורל צווישן זיך, ווער עס זאָל די זכיה האָבן צוריק אַריינצוטראָגן דעם צדיק אין שטוב אַריין.

דער רבי ר' שמואל מאַקאַראָווער האָט זוכה בגורל געווען צו טראָגן דעם צדיק ביים קאָפּ. ער האָט ביים טראָגן בפירוש געהערט — האָט ער דערנאָך דערציילט — ווי די ליפּן פונם לובלינער צדיק האָבן כסדר גע־זאָגט „תיקון לאה".

און ווען מען איז מיטן צדיק געקומען פאַר דער טיר פון זיין שטוב, האָט ער פלוצלינג געעפנט די אויגן, זיך פאַרחידושט אַרומגעקוקט, און דערזעענדיק, אַז זיינע חסידים האַלטן אים אויף זייערע הענט, האָט ער שטיל געזאָגט:

„אוי, פאַרוואָס האָט איר פון מיר פאַרשוויגן די שרעקלעכע ידיעה? דער הייליקער קאָזשעניצער מגיד איז שוין אויפן עולם האמת און איך האָב נישט געוואוסט דערפון..."

און ווי חסידים דערציילן, האָט זיך דער לובלינער רבי דערוואוסט

פון דעם קאָזשעניצער רבינס פּטירה ערשט ווען דער שטן האָט אים אַרויס־געוואָרפן פון פענצטער, ווייל דער קאָזשעניצער מגיד איז געקומען און אים אויפגעכאַפּט אין די פּאָלעס פון זיינע תכריכים. אַזוי האָט דער לובלינער אַליין געזאָגט צו זיינע חסידים.

און דער לובלינער רבי איז באַלד געוואָרן מסוכנדיק קראַנק.

די חסידים האָבן שוין דערנאָך אַליין געמאַכט די הקפות, און שמחת־תורה אינדערפרי, ווען די מתנגדים פון לובלינער רבין האָבן זיך דער־וואוסט פון לובלינערס „נפילה", האָבן זיי זיך שטאַרק משמח געווען.

גאַנצע פעסער ווייַן האָבן זיי צוליב דעם אויסגעטרונקען און זיך נאָך מתחייב געווען, אַז אין טאָג פון דעם לובלינער רבינס פּטירה וועלן זיי מאַכן אַ צווייטן שמחת תורה מיט עסן און טרינקען...

„זיי קוקן שוין אַרויס אויף מיין טויט" — האָט דער לובלינער רבי זיך אָנגערופן צו זיינס אַ חסיד, דערהערנדיק ווי די מתנגדים טאַנצן אין די גאַסן — „זיי ווילן זיך מאַכן אַ יום־טוב אין דעם טאָג ווען איך וועל שטאַרבן. זיי האָבן אָבער אַ גרויסן טעות. נישט נאָר וועלען זיי זיך נישט משמח זיין אין מיין יום המיתה, נאָר צוזאַמען מיט איך וועלן זיי טרויערן. נישט נאָר ווייַן, נאָר אפילו אַ לעק וואַסער וועלן זיי אין דעם טאָג נישט טרינקען.

און די חסידים האָבן געוואוסט, אַז דער רבי איז מסוכן קראַנק גע־וואָרן, ווייל ער האָט זיך איינגעשפּאַרט צו ברענגען משיחן פאַר דער צייט.

און אין דעם זעלביקן יאָר תקע"ה (1815), אין תשעה־באב, איז דער לובלינער „חוזה" נפטר געוואָרן און אויך די לובלינער מתנגדים האָבן געטרויערט און נישט געטרונקען אפילו קיין טראָפּן וואַסער...

אַרענדאַר „צעקריגט" זיך מיט דער תורה, דערפאַר האָט אַ רבי ניט געקאָנט מאַכן קיין הקפות

די חדוה און פרייד אין שמחת־תורה איז ביים רבין ר' משה לייב סאַסעווער געווען שטאַרקער ווי אין אַנדערע רביאישע הויפן.

דאָרטן האָט מען געזען באַשיינפּערלעך, אַז נישט בלויז האָבן זיך די חסידים געפרייט מיט דער תורה, נאָר אויך, אַז די תורה האָט זיך געפרייט מיט די חסידים...

און קומען פלעגט מען צום רבין ר' משה לייב סאַסעווער אויף די אַנדערע טעג יום־טוב פון די וויטסטע געגנטן, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז אין שמחת־תורה איז אַ התעוררות ביים רבין, מען זאָל קאָנען געהאָלפן ווערן, בפרט דער, ווער עס האָט די זכיה געהאַט צו באַקומען פון רבין אַ הקפה צו „עוזר דלים"...

ווייל אַזאַ מנהג איז געווען ביים רבין, אַז צו דער הקפה „עוזר דלים" האָט דער רבי אַליין אויסגערופן, ווער עס זאָל מיט אים מיטגיין אַרום דעם באַלעמער און ווער עס האָט באַקומען די הקפה, דער איז געווען זיכער, אַז ער וועט היי־יאָר געהאָלפן ווערן, אַז דער דלות וועט זיך פון אים אָפּטאָן...

דערציילט מען טאַקע אויך, אַז איינמאָל האָט זיך איינגעשפּאַרט אַ ייד אַ גביר און אַ גרויסער קמצן, אַ נישט פאַרגינער, און ער האָט געוואָלט באַקומען די הקפה „עוזר דלים", כדי זיין עשירות זאָל נאָך גרעסער ווערן, האָט ער אונטערגעקויפט דעם משמש, ער זאָל אים אויך געבן אַ תורה צו דער הקפה „עוזר דלים". און ווען דער רבי האָט דערזען ווער עס האָט געקראָגן די הקפה, האָט ער אַ שמייכל געגעבן און געזאָגט צו זיינעם אַ מקורב:

„דעם הימל קאָן מען נישט אָפּנאַרן!"...

און דער סוף איז טאַקע געווען, אַז אין משך פון יאָר איז דער גביר בדיל הדל געוואָרן און פון זיין גאַנץ פאַרמעגן איז געוואָרן אַש און פּראָך...

איז ער געקומען צו לויפן צום רבין מיט אַ געוואַלד, און זיך געבעטן, אַז דער רבי זאָל אים ראַטעווען. האָט דער רבי געזאָגט:

„די ברכה האָט נישט געהאַט אויף וואָס חל צו זיין! מען האָט אין הימל דערזען, אַז דו ביסט נישט אַזאַ אָרעמאַן, אַז דו זאָלסט דאַרפן בעמען די הקפה „עוזר דלים", האָט מען דיין עשירות אַוועקגעגעבן צו אַן אַנדערן, וואָס איז בילכער פון דיר!..."

און צום צווייטן שמחת־תורה האָט שוין דער רבי אַליין געהייסן אויס־רופן דעם אַראָפּגעקומענעם גביר און ער איז טאַקע אינעם זעלבן יאָר גע־האַלפן געוואָרן.

האָט מען זיך דערפאַר געשטופּט ביים רבינס הקפות און פון אַלע בתי מדרשים און קלויזן פון דער שטאָט איז מען געקומען זען ווי דער רבי מאַכט הקפות, ווי ער איז זיך משמח מיט דער תורה.

און אַ מנהג איז געווען אין סאַסעוו, אַז די יידן, די שטאָטישע בעלי־בתים האָבן פריער געמאַכט הקפות אין דער שול און בית־המדרש באַלד נאָכן דאַווענען, און ערשט שפּעט אין דער נאַכט האָט מען אָנגעפילט דעם רבינס קלויז קעפּ אויף קעפּ און געוואַרט ביז דער רבי וועט אַריינקומען...

אָבער איינמאָל איז געשען אַ מעשה, וואָס האָט געמאַכט אויפציטערן די גאַנצע קלויז...

חסידים זיינען געשטאַנען צוזאַמענגעקוועטשט אין דער קלויז. מען האָט שוין געהאַט אויסגעזונגען אַלע ניגונימלעך. די געהויבענע חסידים האָבן שוין געטאַנצט פאַרן רבינס שטול, און דער רבי איז אַליך געשטאַנען פאַרטראַכט, דעם טלית אַריבערגעוואָרפן איבערן קאָפּ, די ספר־תורה אין דער האַנט און ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט...

זיינען חסידים געשטאַנען פאַר'צערט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער רבי איז איצט אין די עולמות העליונים און שפּאַרט איצט אָן ביים כסא הכבוד, איז מסתמא ממליץ טוב אויף יידן, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דער רבי זאָל נישט איבערציען דאָס שטריקל...

געגנוג באַקאַנט איז געווען צווישן די חסידים די מעשה נורא, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן מיטן „חוזה" פון לובלין, ווען ער האָט זיך איינגעשפּאַרט פאַר די הקפות אַראָפּצוברענגען משיחן, געוואָלט דוחק זיין דעם קץ, און ער איז דערפאַר נעבעך נכשל געוואָרן, אַרויסגעכאַפּט געוואָרן דורכן פענסטער און איז דעם זעלבן יאָר אַוועק פון דער וועלט...

האָבן דערפאַר די חסידים געצי‌טערט איבערן רבין ר' משה לייב, און געוואַרט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, ער זאָל שוין אָנהייבן צו זאָגן די „אנא'ס", אָבער דער רבי איז אַליך געשטאַנען פאַרמוחט, דעם קאָפּ פאַר־וואָרפן אין אַ זייט, פון צייט צו צייט אויפגעדעקט דעם טלית, געקוקט מיט זיינע פייערדיקע אויגן איבער דעם גאַנצן עולם פון דער קלויז, צוריק פאַרגלייזט די אויגן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און זיך ווידער איינגעהילט אין טלית...

האָבן חסידים פאַרשטאַנען, אַז מסתמא מוז זיין אין הימל אַ גרויסער קיטרוג, און אַז דער רבי האָט איצט אפשר אַ גרויסע מלחמה צו פירן. האָבן זיי געוואָלט דעם רבין אָפּרייסן פון די עולמות העליונים און זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן צו זינגען אַ ניי ניגונדל, און ר' חיים יחיאל, דער אַלטער חסיד, דער גאָר פייערדיקער, האָט אָנגעהויבן צו טאַנצן אין די

זאָקן אויפן טיש, געוויזן כלערליי קונצן, כדי דעם רבין משמח צו זיין, אָבער דער רבי האָט אַלץ נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ...

האָט ר׳ חיים יחיאל אָנגעהויבן צו זינגען דאָס חסידישע ליד, וואָס דער רבי האָט עס ליב געהאַט צו הערן אויף יעדער שמחה.

„האדרת והאמונה, צו וועמען צו וועמען?" — האָט ר׳ חיים יחיאל געפרעגט.

„לחי העולמים!" — האָבן די חסידים געענטפערט.

און ר׳ חיים יחיאל האָט ווייטער געפרעגט:

„מי זה ואיזהו"?

„אַ גרויסער גאָט ביסטו!" — האָבן די חסידים צוריקגעענטפערט...

און אַזוי האָט ר׳ חיים יחיאל כסדר געזונגען צוזאַמען מיט די חסידים. ער האָט געפרעגט און זיי האָבן געענטפערט, האַלב אין יידיש און האַלב אין לשון קודש...

אָבער דער רבי האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו מוחן...

ביז דער רבי האָט פּלוצלינג זיך אַראָפּגעבויגן צום משמש זיינעם און געזאָגט:

„וואו איז חיים אַרענדאַר?"

האָבן חסידים פאַרשטאַנען, אַז דער ענין איז נישט פשוט, זיינען זיי אַרומגעלאָפן איבער דער גאַנצער קלויז זוכן חיים אַרענדאַרן, אָבער זיי האָבן אים נישט געקאָנט געפינען. איז דער משמש צוגעקומען צום רבין און אים געזאָגט, אַז חיים אַרענדאַרן איז נישט אין דער קלויז. האָט דער רבי געענטפערט קורץ:

„זאָל מען אויפזוכן חיים אַרענדאַר! אָן אים וועל איך קיין הקפות נישט מאַכן!"

האָבן חסידים זיך צעלאָזט איבער אַלע בתי מדרשים פון שטאָט, זוכן חיים אַרענדאַרניק, ביז זיי האָבן אים געפונען שטיין אינעם שניידער־שולכל, אין אַ ווינקל, אָנגעטאָן אין וואָכעדיקע מלבושים און אין אַ פּויער־ריש היטל, אַזוי ווי ס׳וואָלט היינט גאָר קיין יום־טוב נישט געווען.

זיינען די חסידים צו אים צוגעלאָפן און האָבן אים געזאָגט אין איין אָטעם:

„דער רבי דאַרף דיך זייער נויטיק האָבן, קום גלייך מיט אונז!"...

חיים אַרענדאַרניק איז אָבער גאָרנישט איבערראַשט געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט די דאָזיקע ווערטער און ער האָט געענטפערט רואיק און געלאַסן:

„איך האָב געוואוסט, אַז ער וועט געוואויר ווערן דערפון, אָבער איך וועל זיך האַלטן ביי מיינס!"...

האָבן חסידים שוין פאַרשטאַנען, אַז דער ענין איז גאָר אַ געהויבענער, און זיי האָבן אָנגעהויבן ביי אים חוקר ודורש צו זיין, וואָס אַזוינס ער האָט

געטאָן, פאַרוואָס דער רבי רופט אים איצט פאַר הקפות און וואָס ער מיינט דערמיט, אַז ער „וועט זיך האַלטן ביי זיינס"...

אָבער חיים אַרענדאַר האָט שוין מער נישט געוואָלט דערפון רעדן מיט די חסידים און ער האָט זיי כסדר מדחה געווען און געזאָגט כלערליי תירוצים און דעם אמתן ענין פון זיי פאַרהוילן...

זיינען די חסידים אַריינגעלאָפן ראַפּטום אין דעם רבינס קלויז אַריין מיט אַ שמחה, אַ גדולה, אַז חיים אַרענדאַרניק האָט זיך אָפּגעזוכט.

האָט דער רבי געהייסן אים גלייך צורופן צו זיך און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

„הער, חיים, דערצייל אַלץ וואָס ס'האָט זיך מיט דיר היינט פאַרלאָפן, קיין שום זאַך זאָלסטו פון מיר נישט פאַרהוילן!"...

חיים אַרענדאַרניק האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, אַזוי ווי ער וואָלט נישט געוואָלט אויסזאָגן דעם סוד, וואָס ער טראָגט מיט זיך, נאָר אַז דער רבי הייסט איז דאָך נישט שייך...

און חיים אַרענדאַרניק האָט אָנגעהויבן:

„רבי, איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ פּראָסטער בשר ודם, ווייס נישט פון קיין שום קונצן, אויך קאָן איך נישט גוט די קליינע אותיות׳לעך"...

די חסידים האָבן אויפגעשטעלט מויל און אויערן, דערהערנדיק ווי חיים הייבט זיך אָן אויסצוטענהן מיטן רבין. די קינדער וואָס זיינען גע־שטאַנען אויף די טישן און אויף די ספרים־שענק מיט די פענער אין די הענט, זיינען שוין פון לאַנג איינגעשלאָפן געוואָרן פון מידקייט. ביי אַ סך קינדער זיינען די פענער שוין געווען אָפּגעברענט און ביי אַ טייל די עפּל פאַרסמאַליעט. אַ סך מאַמעס האָבן שוין אַהיימגענומען די פאַרשלאָפענע קינדער, און די חסידים האָבן זיך געשטופּט, זיך געשטעלט אויף טישן און בענק, צו הערן וואָס חיים אַרענדאַרניק האָט צו דערציילן דעם רבין.

און חיים אַרענדאַרניק האָט ווייטער געזאָגט:

„און אַזוי ווי פון מיין קרעטשמע אין שטאָט אַריין איז היפּשלעך ווייט, האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן ביי מיר אין שטוב אַ מנין. איך האָב גע־טראַכט, אַז איך וועל צונויפקלאַפּן אַ מנין פון די דאָרפס־יידן, וואָס וואוי־נען מיט מיר אין שכנות.

„גראָד איז דורכגעפאָרן אַ ייד אַ לערנער, וואָס קען גוט די שוואַרצע פינטעלעך און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ סופר.

„האָב איך געזאָגט צו מיין ווייב: יענטע, לאָמיר האַלטן דעם יידן ביי זיך אין קרעטשמע, זאָל ער אונטערקנעלן מיט מיינע בנים און אין איינ־וועגס שרייבן פאַר אונז אַ ספר־תורה..."

אַ השגה פון אַ ייד — האָבן חסידים זיך געחידושט — נישט געקאָנט קויפן אַ ספר־תורה אין שטאָט, האַ?

„זאָל קיינער נישט שטערן! — האָט דער רבי אַ געשריי געגעבן. — דו, חיים, שרעק זיך נישט פאַר זיי — האָט ער זיך געווענדט צום אַרענ־דאַרניק — און דערצייל ווייטער“.

און דער אַרענדאַרניק האָט ווייטער דערציילט:

„איבער צוויי יאָר איז דער ייד ביי מיר געזעסן. מיר האָבן אים מאכיל און משקה געווען, און דער ייד האָט געשריבן. אַן ערלעכער ייד איז ער געווען. זומער און ווינטער געלאָפן אַ פּאָר מאָל אין טאָג צום טייך זיך טובל זיין, און אַז מיר האָבן אים געפרעגט פאַרוואָס ער טובלט זיך אַזוי פיל, האָט ער געענטפערט, אַז פאַרן שרייבן יעדן שם דאַרף ער גיין טבילה, און אַזוי ווי מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, האָבן מיר אים ווינטערצייט צוגעהאָלפן אויפהאַקן דאָס אייז פונם טייך, ביז די ספר־תורה איז איינגאַנצן אויפגעשריבן געוואָרן. האָט ער אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן די תורה האַלטן בכבוד און זי אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, און אין דער זעלבער נאַכט איז ער פאַרשוואונדן...

„האָט מיין עלטסטער זון יאַנקל געמאַכט אַן ארון־קודש פונעם בעסטן האָלץ. אַליין האָט ער עס געשניצט און מיין טאָכטער האָט געשטיקט אַ גאַנץ יאָר אַ סאַמעטן מענטעלע...

„מיר האָבן פאַר דעם ספר אָפּגעגעבן אַ באַזונדערע שטוב — נישט אַריינגעלאָזט אַהין קיין ערל, און יעדן פרייטיק האָט מיין טאָכטער גע־פּוצט דאָס מענטעלע און מיין זון האָט גערייניקט דעם ארון־קודש. און ווען עס פלעגט קומען שמחת־תורה, האָב איך צונויפגענומען מיינע אַלע זין, וואָס זיינען צעשפּרייט איבער די פאַרשידענע דערפער, וואָס אונזער פריץ פאַרמאָגט, און מיר פלעגן זיך אַלע צוזאַמען פרייען מיט דער תורה. אַך רבי, — האָט חיים אַרענדאַרניק אַ געשריי געגעבן — האָבן מיר גע־הוליעט, אַז די סטעליע האָט אַזש געציטערט. די שענסטע טענץ האָט מיין עלטסטער זון יאַנקל אויסגעטאַנצט, און מיין יינגערער זון משה איז אויך נישט אָפּגעשטאַנען. ער האָט פאַר דער תורה געטאַנצט דעם בערן־טאַנץ, דעם טאַנץ, וואָס קומט אים זייער אָפּט אויס צו טאַנצן פאַר דעם פריץ, ווען ער מאַכט אַ באַל...“

דער אַרענדאַר האָט באַמערקט, אַז דער רבי ווערט וואָס אַמאָל אַלץ נייגעריקער צו הערן זיין מעשה, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, זיך צו באַטראַכטן ווי אַזוי צו דערציילן, וואָס עס איז היי־יאָר מיט אים געשען.

„און וואָס האָט מיט דיר היי־יאָר געטראָפן? — האָט דער רבי אים געפרעגט. — דערצייל און פאַרהויל גאָרנישט פון מיר!“

„היי־יאָר האָבן מיר נישט געוואָלט טאַנצן מיט דער תורה — האָט דער אַרענדאַר בייז געענטפערט. — מיר האָבן זיך צעקריגט!...“

„מיט דער תורה? — האָבן די חסידים אונטערגעמורמלט. — אַזאַ חוצפה!...“

„יאָ, מיט דער תורה — האָט דער אַרענדאַר בייז געענטפערט. — איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט, און איך וועל דערציילן וואָס עס האָט געטראָפן.

„דאָס איז געווען ערב יום־טוב. פלוצלינג באַקום איך אַ באַפעל פון פריץ, איך זאָל גלייך קומען צו אים. ווער איך גאָרנישט דערשראָקן און טו מיר אָן דעם סורדוק און גיי גלייך אַריבער. אַז איך קום אַריין צום פריץ, דערזע איך באַלד, אַז די נכפה וואַרפט אים און ער פרעגט מיט כעס:

„ווען וועסטו באַצאָלן דיין חוב?“

„גיב איך אים צו פאַרשטיין, אַז דער גאַנצער חודש איז ביי אונז גע־ווען ימים־טובים, האָב איך געהאַלטן די שענק פאַרמאַכט און אַז ווי עס וועט זיך נאָר אָנהייבן אַ לייזעכץ וועל איך אים באַצאָלן“.

„דאָ קאָן שוין דער פריץ נישט איינזיצן אויף זיין שטול און עס וואַרפט אים ווי אַ קדחת: „וואָס הייסט, דו האָסט געהאַלטן די שענק כמעט אַ גאַנצן חודש פאַרמאַכט? ווער האָט עס דיר געהייסן?“ זע איך דאָך שוין וואו דער האָבער קוועטשט און איך ענטפער אים און וויל אים באַרואיקן:

„דו וויסט דאָך, אדוני פריץ, אַז איך בין אַ ייד און אַ ייד טאָר נישט אָפן האַלטן די שענק אין די יידישע ימים־טובים, בפרט אין ראש השנה, יום כפור און דערנאָך סוכות.

„אָבער דער פריץ האָט שוין מער נישט געלאָזט צו זיך רעדן. שוים איז אים גערונען פון די ליפן פאַר כעס, און ער האָט גלייך באַפוילן זיינע דינער, זיי זאָלן באַלד ברענגען מיין טאָכטער צו אים. האָבן די דינער גלייך אויסגעפירט זיין באַפעל. זיי האָבן געכאַפּט מיין טאָכטער, זי געבראַכט צו אים און דער פריץ האָט זי פאַרשלאָסן אין אַ חזיר־שטעלכל און צו מיר געזאָגט:

„איך לאָז דיך אַרויס פריי, אָבער דיין טאָכטער נעם איך פאַר אַ משכון, כדי דו זאָלסט באַלד אָפּצאָלן דעם חוב וואָס דו ביסט שולדיק!...“

„בין איך אַהיימגעקומען אַן אויפגערעגטער, וואָס גאָט האָט מיר אַזוינס אָפּגעטאָן און האָב פאַר כעס גענומען די תורה, וואָס איז געשטאַנען אין ארון־קודש, און האָב זי אויך פאַרשלאָסן אין מיין קעלער און האָב צו מיר געזאָגט: אויב דער אייבערשטער קאָן אונז דאָס טאָן, ווען מיר האָבן אים געדינט אַזוי געטריי און האָבן זיין תורה געהאַלטן אַזוי בכבוד, וועלן מיר די תורה אויך פאַרשליסן פאַר אַ משכון“.

דער רבי האָט אויסגעהערט די טענות פון דעם אַרענדאַר און ער האָט געזאָגט צו זיינע חסידים:

„איצט פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס איך האָב נישט געקאָנט גיין צו די הקפות? אין הימל איז געווען אַ רעש, אַז כל זמן חיים אַרענדאַר וועט נישט באַפרייען די תורה פון „תפיסה״, קאָן מען קיין הקפות נישט מאַכן, וועלן אַלע תפילות נישט אַרויפגיין פאַרן כסא הכבוד!״

און צום אַרענדאַר האָט דער רבי זיך געווענדט און געזאָגט:

„גיי אַהיים און נעם צוריק אַרויס די תורה פון קעלער. איך בין דיר מבטיח, אַז דער פריץ וועט נאָך היינט בייטאַכט צוריקברענגען דיין טאָכ־טער אין שטוב אַריין!...״

„אַז דער רבי הייסט — האָט דער אַרענדאַר זיך אָנגערופן — וועל איך אַזוי טאָן!...״

און די חסידים זיינען באַלד אַהיימגעגאַנגען מיט חיים אַרענדאַרניק אין דער קרעטשמע אַריין, האָבן דאָרטן שוין געטראָפן זיין טאָכטער זיצן אין שטוב און זיי האָבן גלייך באַפרייט די ספר־תורה פון תפיסה, האָבן איר צוריק אָנגעטאָן דאָס סאַמעטענע מענטעלע, וואָס זיין טאָכטער האָט געהאָט אויסגעשטיקט און די ספר־תורה מיט געזאַנג געבראַכט צום רבין אין קלויז אַריין, און דער רבי אַליין האָט דערנאָך צוזאַמען מיט חיים אַרענדאַרניק געמאַכט די הקפות און צוזאַמען מיט אים און מיט אַלע חסידים געטאַנצט און זיך משמח געווען מיט דער תורה.

אַן אַלטע שמחת־תורה פאָן

אנא ד'

הקפות־ניגון אין די ראָפשיצער הויפן



אנא ד'

אַ קאָצקער ניגון



הקפות

טאַנץ־ניגונדל פון טשערנאָבילער רבין



חב״ד׳ער טאַנץ־ניגונדל



ניגון פון בעש"ט



טשערנאָבילער ניגון



געהערט זינגען דעם שרייבער ז. י. אנכי שמחת־תורה אין די 20־קער יאָרן
אין הויז פון ח. נ. ביאַליק אין תל־אביב.

חנוכּה



אַ חתונה־מנורה פון די צייטן
פון הלל הנשיא דער צווייטער
(פונים 4־טן יאָרהונדערט). די
מנורה האָט זיבן רערן, זי איז
באַפּעסטיקט פון דער רעכטער
זייט מיט אַ שופר און פון דער
לינקער זייט מיט אַן אתרוג און
לולב. זי איז געפונען געוואָרן
אין אויסגראָבונגען אין סיריע.

חנוכה



דעם בעש"טיס חנוכה־לעמפּל.
געפינט זיך אין בצלאל מוזעאום אין ירושלים.

דער מנהג פון שפּילן אין דריידל

אין ספר „בני יששכר" פון רבי'ן ר' הירש אלימלך פון דינאָוו, ווערט געבראַכט אַ רמז פאַר שפּילן אין חנוכה מיט אַ דריידל, ווייל אין חנוכה איז געווען בלויז אַן „אתערותא דלעילא" (אַ התעוררות פון „אויבן"), ווייל די יידן, וואָס זיינען געווען אַסימילירט מיט די גריכן, האָבן נישט געוואָלט תשובה טאָן, נאָר גאָט מיט זיין גרויס רחמים האָט זיי מעורר געווען דערצו, דערפאַר האַלטן די קינדער דאָס „דריידל" אויבן, בעת פּורים איז געווען אַן „אתערותא דלתתא" (אַ התעוררות פון אונטן), ווייל אַלע יידן האָבן געפאַסט און תשובה געטאָן, דערפאַר האַלטן די קינדער דעם גראַגער אין פּורים פון אונטן.

דער אַלטער סאַנדזער רבי ר' חיים האַלבערשטאַם האָט געהאַט אַ מנהג צו שפּילן חנוכה אין דריידל מיט אַ פּאָר פון זיינע חסידים, וועלכע זיינען געווען גרויסע גבירים. דעם סאַנדזער רבינ'ס דריידל

איז געווען געמאַכט פון ריין גאָלד. ווער פון די נגידים עס האָט געוואונען אין שפּיל האָט געמוזט דאָס געלט אַריינגעבן פאַר דער סעודה, וואָס מען האָט געפּראַוועט יעדן חנוכה אויף דער נאַכט. די חסידים פלעגן זיך סטאַרען, אַז דער סאַנדזער זאָל מיט זיי שפּילן. זיי האָבן שוין אַזוי געדרייט, אַז דאָס בעסטע אות פון דריידל, וואָס געווינט, זאָל פאַלן אויפן רבינ׳ס זייט, כדי דער רבי זאָל געווינען, ווייל דאָס געלט, וואָס דער רבי האָט געוואונען, האָט ער צעטיילט צווישן די אָרעמעלייט, און דער גביר, וואָס האָט צומיינסט פאַרלאָרן, איז געווען זיכער אַז ער וועט דורך דעם געהאָלפן ווערן.

דער מנהג פון עסן חנוכה מילכיקע מאכלים און לאַטקעס

אין מיטלאַלטער איז ביי יידן געווען אַ מנהג צו עסן חנוכה מילכיקע מאכלים.

דעם ערשטן מקור פון דעם מנהג, געפינען מיר אין „כל בו״ (זייט 33) און דאָרט ווערט אָנגעגעבן, אַז יהודית האָט געגעבן הולפורנש׳ן אַ געקעכץ פון קעז, כדי ער זאָל ווערן דורשטיק און ער זאָל אַ סך טרינקען, וועט ער ווערן שכור און דערנאָך וועט זי אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ.

צום אָנדענק דעם נס, וואָס איז געווען אין חנוכה, שרייבט דער „כל בו״, עסן מיר אַ מאכל, וואָס איז געמאַכט פון קעז.

דער דאָזיקער מנהג ווערט אויך געבראַכט אין „שלטי גבורים״ (שבת, פרק במה מדליקין) און אויך אין רמ״א.

עס איז אויך איינגעפירט געוואָרן צו עסן לאַטקעס.

די לאַטקעס זיינען אין מאַנכע יידישע געגענטן געמאַכט געוואָרן פון צוריבענע קאַרטאָפל, און אין אַנדערע געגנטן — פון הרעטשענע מעל. דער מנהג צו עסן לאַטקעס אין די טעג פון חנוכה זאָל שטאַמען פון גאָר אַלטע צייטן. מען שרייבט צו דעם מנהג אַזש צו די צייטן פון יהודה המכבי. ווען די יידישע סאָלדאַטן האָבן נאָכגעיאָגט זייערע שונאים, די סאָלדאַטן פון די סירישע גריכן, זאָלן זיי זיך האָבן אויפן וועג אָפּגעשטעלט און די אידישע פרויען האָבן זיי אויף שנעל געמאַכט לאַטקעס, אַ מאכל, וואָס געדויערט נישט לאַנג צוצוגרייטן. די לאַטקעס האָבן געזעטיקט די יידישע קעמפער. יהודה המכבי זאָל האָבן דעריבער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יעדן חנוכה זאָלן יידן מאַכן לאַטקעס...

אין פאַרשידענע רבייאישע הויפן איז געווען אַ מנהג חנוכה ביי די סעודות צו עסן מילכיקע מאכלים און לאַטקעס.

דער מנהג פון געבן חנוכה־געלט

דער מנהג פון געבן קינדער חנוכה־געלט, האָט זיך מסתמא אָנגעהויבן דערמיט, וואָס מען פלעגט די קינדער געבן געלט זיי זאָלן קענען מאַכן אַ סעודה אין חנוכה אין חדר.

אַזוי איז געווען אַ מנהג אין פוילן, אַז דער מלמד פלעגט מיט זיינע תלמידים גיין איבער די הייזער פון שטאָט זאַמלען געלט אויף אויסהאַלטן די תלמוד־תורה. דער מנהג ווערט אויך געבראַכט אין ספר „עבודת ישראל" פון קאָזשניצער מגיד.

דאָס שפּילן אין קאָרטן און „שאַך"

דאָס שפּילן קאָרטן אום חנוכה איז שוין פון די גאָר אַלטע צייטן פאַרשפּרייט ביי יידן. גענומען האָט זיך עס דערפון, וואָס אַרום חנוכה פאַלט געוויינטליך אויס ניטל און אין דער ניטל־נאַכט האָבן יידן נישט געלערנט, האָט מען געשפּילט אין קאָרטן.

אָבער די מחלה פון שפּילן קאָרטן איז געוואַקסן אַזוי שטאַרק, אַז דער גאון ר' ישראל ברונא, אָדער דער מהרי"ב, ווי ער ווערט גערופן, האָט אַרויסגעגעבן אַ תקנה, אַז מען מעג שפּילן אין חנוכה און אין די טעג ווען מען זאָגט נישט קיין תחנון, און אפילו אין דער נאַכט נאָך חנוכה.

אין אַ תקנה פון דער חברה „ישיבת שלום" אין איטאַליע פון יאָר שמ"ו, ווערט געזאָגט, אַז: „קיינער פון די ישיבה־בחורים טאָר נישט שפּילן אין קאָרטן, נאָר אין די טעג פון חול־המועד און חנוכה, פּורים, און אין טאָג פון אַ ברית־מילה און חתונה" (געדרוקט אין „האסיף", תרמ"ז).

ר' צבי הירש קיידענאָווער, דער מחבר פון ספר „קב הישר", קלאָגט זיך אויף די „מענטשן וואָס נעמען דעם „שמש" פון די חנוכה־ליכטלעך און שפּילן ביי אים אין קאָרטן".

אויך דער חיד"א (ר' חיים יוסף דוד אזולאי) שרייט אויף די ספרדישע יידן, וואָס פאַרברענגען די טעג פון חנוכה מיט שפּילן אין קאָרטן, בעת מען דאַרף אין די ימי חנוכה אָפּגעבן אַ שבח דעם אויבערשטן פאַר די נסים וואָס ער האָט געטאָן צו די יידן.

דער רבי ר' הירש אלימלך פון דינאָוו, אין זיין ספר „בני יששכר", איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם מנהג פון שפּילן אין קאָרטן און ער זאָגט, אַז „קרטן" איז בגמטריא „שטן".

ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, דער מליץ יושר אויף יידן, האָט אפילו געוואָלט ממליץ זיין אויף די יידן, וואָס שפּילן קאָרטן, ווייל זיי ווילן זיך צוגעוואוינען אויפצוזיין ביינאַכט. דאָך האָט ער מתרעם

געווען (אין קדושת לוי, דרושים לחנוכה) אויף דעם שלעכטן מנהג, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די יידן צו שפּילן אין קאָרטן אין חנוכה, ווייל „אין יעדער קאָרט איז פאַראַן אַ גרויסע קליפּה". אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. חסידים האָבן געשפּילט אין חנוכה. אין אַ סך רבי'שע הויפן איז געווען אפילו איינגעפירט, אַז דער רבי אַליין האָט געשפּילט מיט די חסידים אין „קוויטלעך".

די חסידים האָבן זיך אַן עצה געגעבן: זיי האָבן געמאַכט אייגענע קאָרטן אָן „מענטשן" נאָר מיט נומערן, כדי פּטור צו ווערן פון די „קליפּות"... מען האָט זיי גערופן „סאַנדזער קוויטלעך", ווייל זיי זיינען געמאַכט געוואָרן אין סאַנדז. דערנאָך האָט די גרויסע קאָרטן־פאַבריק אין ווין — „פּיאַטניק" — געדרוקט ספּעציעלע „חסידישע קוויטלעך", אָן בילדער, וואָס מען האָט זיי צווישן די חסידים גערופן „פּיאַטניקס ש"ס"...

געווען חסידים, וואָס האָבן געשפּילט אין „געוויקלטע קוויטלעך", וואָס מען האָט אויפגעשריבן אויף פּאַפּירלעך. מען האָט אויך געשפּילט אין „אונגאַרישע קוויטלעך", וואָס דאָס שפּיל האָט געהייסן „האַלב־צוועלף".

געווען אָבער חסידים, שאַרפע קעפּ, וואָס האָבן חנוכה געשפּילט אין שאַך. מען האָט אויף אַ גרויסן טיש אויסגעשניטן אַ שאַך־ברעט, די שוואַרצע קעסטעלעך האָט מען אָפּגעפאַרבט מיט טינט, אַנשטאָט פיגורן פלעגן זיין שטיקלעך האָלץ פאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר און אויפגעשריבן מיט „כתיבה"־אותיות (געדרוקטע בוכשטאַבן): מלך, מלכה, זקן, רך, וכדומה.

אין פּוילן פלעגט מען דערציילן, אַז דער גרויסער רבי ר' בונם פון פּשיסכע, האָט געהאַט אַ מנהג יעדן חנוכה צו שפּילן אין שאַך. אפילו דערנאָך, ווען ער איז שוין געווען אַ „סגי נהור" און כאָטש ער האָט גאָרנישט געזען, האָט ער געשפּילט בלינד. פון רבי'ן ר' בונם איז געבליבן אַ ווערטל — אַ לידל פון שאַך, וואָס מען פלעגט עס זינגען מיט אַ ספּעציעלן ניגון:

„אַז מען גייט אַ גאַנג,
זאָל מען זען עס זאָל נישט טאָן באַנג".

די פּוילישע חסידים האָבן אין דעם דאָזיקן ווערטל געזען עפּעס אַ גאָר גרויסן ענין אין דרך החסידות...

דער יום־טוב פון סוף חודש

דער רבי ר' פּנחס קאָרעצער האָט געזאָגט, אַז חנוכה איז אַן אויסנאַם פון אַלע אַנדערע יידישע ימים־טובים דערמיט, וואָס ער פאַלט אויס אין סוף פון חודש.

וועגן חנוכה־ליכטלעך

דער רבי ר׳ אברהמעלע סאָכאַטשאָווער האָט אַמאָל, אין דער ערשטער נאַכט פון חנוכה, געפרעגט אַט די פראַגע:

פאַרוואָס האָט דער „שולחן ערוך" אַוועקגעשטעלט אַ דין (אורח חיים, סימן תרע״א), אַז מען מוז זיין זייער געוואָרנט צו צינדן חנוכה־ליכט און אפילו אַן אָרעמאַן, וואָס לעבט פון צדקה, זאָל זיך באָרגן געלט אָדער פאַרקויפן זיין מלבוש, אַבי צו קויפן בוימל צום אָנצינדן. דאָס איז דאָך אַזאַ זאַך, — האָט זיך דער סאָכאַטשאָווער געוואונדערט, — וואָס איז ביי קיין שום אַנדער מצוה ניט אָנגעזאָגט געוואָרן. אַז מען האָט ניט און מ׳קען ניט — איז דאָך פאַרפאַלן...

אָבער — האָט דער סאָכאַטשאָווער רבי אַליין פאַרענטפערט די קשיא — מיר געפינען אין דער גמרא (מסכת ברכות, דף ו׳), אַז ווען אַ ייד האָט אין זינען צו טאָן אַ מצוה, אָבער ער האָט ניט קיין מעגלעכקייט דערצו, איז הקדוש ברוך הוא מצרף מחשבה למעשה, ער רעכנט זיין גוטן ווילן, גלייך ווי ער וואָלט טאַקע געווען געטאָן די מצוה גופא און ער באַקומט זיין שכר.

ווען־זשע איז דאָס אָבער געזאָגט געוואָרן? ביי אַנדערע מצוות, אָבער ניט ביים צינדן חנוכה־ליכט!

דער גאַנצער צוועק פון אָנצינדן חנוכה־ליכטלעך איז נאָר „לשם פרסומא ניסא", אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך דערוויסן וועגן די גרויסע נסים, וואָס השם יתברך האָט אַמאָל געטאָן צו זיין פאָלק ישראל און אַז ער וועט זיי אויך אויף ווייטער ניט פאַרלאָזן. ביי אַזאַ מצוה איז ניט מעג־לעך, אַז בלויז די מחשבה זאָל עפּעס קענען העלפן און דאָס בלויז אין זינען האָבן האָט גאָר קיין שום ווערט נישט. דערפאַר מוז יעדער ייד, אויך אַ צדקה־נעמער, באָרגן און לייען, אַבי די מצוה מקיים צו זיין בשלימות.

חנוכה־לעמפּלעך

אין פאַרשידענע רביאישע הויפן זיינען געווען מנורות געמאַכט פון ריינעם גאָלד און זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן קינסטלערישן ווערט.

ביי איינעם פון די טשערנאָבילער רבינס קינדער איז געווען אַ מנורה אין פאָרם פון אַ גאַנץ הויז.

טייערע גילדענע מנורות זיינען אויך געווען ביים טאַלנער רבין, ביים טריסקער רבין און אין די סאַדיגורער הויפן.

ביי דעם אַלטן ראָזוואַדאָווער רבין (גאַליציע), ר׳ משה האָראָוויץ זצ״ל, איז געווען אַ חנוכה־לעמפּל געגאָסן פון ריינע גאָלדענע דוקאַטן.

דאָס חנוכה־לעמפּל האָט געלאָזט מאַכן אַ חסיד פון ראָזוואַדאָווער רבין,

ר׳ יחיאל מאיר וואָל פון מאַידאַן, גאַליציע, וועלכער האָט געוואוינען דאָס גרויסע געווינס. ער האָט אַראָפּגעבראַכט קיין ראָזוואַדאָוו אַ יידישן גאָלד־שמיד, אַ קינסטלער פון דזשיקאָוו, גאַליציע, און ער איז געזעסן אַ גאַנץ יאָר אין ראָזוואַדאָוו, ביז ער האָט פאַרענדיקט די קונסטפולע מנורה.

ווען דער ראָזוואַדאָווער רבי איז נפטר געוואָרן, האָבן די קינדער, זיינע זין, די רביים, ר׳ הערשעלע פון ראָזוואַדאָוו, ר׳ אברהם חיים פון פּלאַנטש און ר׳ יצחקל פון סטוטשין, און זיינע איידעמס, דער בלאָזשעווער רבי ר׳ צבי אלימלך שפירא, דער קראָסנער רבי, ר׳ אהרעלע טווערסקי און דער זשאַבנער רבי, ר׳ שלום דוד אונגער זצ״ל, נישט גע־קוקט אויף דעם גרויסן גילדענעם חנוכה־לאָמפּ, ווי אויף אַ זאַך, וואָס האָט ווערט געלט, נאָר ווי אויף אַ „שומא״, אַ זאַך, אַ חפץ, וואָס שטאַמט פון זיידן, און ווען מען האָט זיך צעטיילט מיט דער ירושה, האָט מען גע־שאַצט דעם זיידנס גאַרטל, אָדער כאַלאַטל, פאַר דעם זעלבן ווערט ווי די גילדענע מנורה. דאָס חנוכה־לעמפּל איז געפאַלן בירושה צום פּלאַנטשער רבין און נאָך דער פּטירה פון פּלאַנטשער רבין, צו זיין זון, דעם גראָדזשיס־קער רבין ר׳ אליעזר, וועלכער האָט געוואוינט אין טאַרנע און וועמען די נאַציס האָבן אומגעבראַכט, הי״ד.

ביי מיר אין הויז איז פאַראַן אַ זילבערן חנוכה־לעמפּל, געמאַכט אין אַ פאָרם פון אַן ארון קודש, וואָס איז צו מיר געקומען בירושה פון מיין פאָטער, דעם זשאַבנער רבין זצ״ל. דאָס דאָזיקע חנוכה־לעמפּל שטאַמט פון קאָזשעניצער מגיד, פון וועמענס גזע מיר קומען אַרויס.

„אנא בכוח״

ביים צינדן די חנוכה־ליכטלעך פלעגט מען אין די רביאישע הויפן זינגען „אנא בכוח״. אין די ראָפּשיצער הויפן פלעגט מען עס זינגען דריי מאָל.

פון אַפּטער רבין, ר׳ אברהם יהושע העשל, איז פאַרבליבן אַ ניגון אויף „אנא בכוח״ און מען זינגט „אנא בכוח״ ביי די חנוכה־ליכט זיבן מאָל.

„טמאים ביד טהורים״

אין דער חנוכה תפילה „בימי מתתיהו״ זאָגן מיר: „מסרת גבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים, וטמאים ביד טהורים, ורשעים ביד צדיקים״. האָט אַ רבי אַמאָל געזאָגט: מילא דאָס, וואָס גאָט האָט איבער־געגעבן די גבורים אין די הענט פון שוואַכע, איז טאַקע אַ נס, אָבער וואָס איז די רבותא, וואָס די טמאים זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די טהורים און די רשעים אין די הענט פון די צדיקים — אַזוי האָט עס דאָך געדאַרפט זיין?

נאָר דער תירוץ איז, אַז דאָס איז טאַקע געווען אַ גרויסער נס, אַ זאַך מחוץ לדרך־הטבע... וואָרים שטענדיק איז, נעבעך, דער טמא גובר דעם טהור און דער צדיק געפינט זיך אין די הענט פונם רשע!...

מען דאַרף אין זינען האָבן אייגענע קינדער

אין ספר „עוללות אפרים" ווערט געבראַכט אַ טייטש אויף דער גמרא (שבת דף כ"א): נר חנוכה מצוה להניחה על פתח ביתו מבחוץ... ובשעת הסכנה מניחו על שלחנו ודיו". דער פשט איז, אַז די חנוכה־ליכטלעך דאַרף מען אַרויסשטעלן פאַר דער טיר פון זיין הויז. בעת אַ סכנה איז געגוג ער זאָל זיי שטעלן אויף זיין טיש. טייטשט דער „עוללות אפרים", אַז: איינס פון די עיקרים פון יידישקייט איז, ניט צו זאָרגן בלויז פאַר זיך אַליין, נאָר אויך עוסק צו זיין אין דער מצוה פון חנוכה, דאָס הייסט פון חינוך, אין דערציען אויך די אַנדערע יידן, וועלכע זיינען „מבחוץ", זיי מחזיר למוטב צו זיין — זיי צוריקברענגען צו יידישקייט. אָבער „בשעת הסכנה" — אין אַ צייט ווען דאָס איז אַ געפאַר צו טאָן, איז „מניחה על שלחנו" — דאַרף מען השגחה געבן אויף זיין אייגענעם הויז, אויף זיינע אייגענע קינדער...

* * *

אין ספר „דברים בעתם" ווערט געבראַכט דערויף אַזאַ טייטש: פאַר־צייטנס זיינען אונזערע שונאים געווען אין דרויסן, האָבן מיר געצונדן דעם נר חנוכה אין דרויסן; האָבן מיר דעמאָנסטרירט דעם נצחון, וואָס מיר האָבן אָפּגעהאַלטן איבער די יוונים, וועלכע האָבן געוואָלט עוקר זיין דעת דת.

היינט אָבער געפינען זיך די שונאים פון יידישקייט „מבפנים", אינע־ווייניק, און קעגן זיי דאַרפן מיר דעמאָנסטרירן אונזער נצחון אין שטוב קעגן די שונאים וואָס זיינען צווישן אונז אַליין...

כאָטש מען קומט צו אַ גרויסער מדרגה, דאַרף מען זיך נישט ענדערן

דער רבי ר' מאירל פּרעמישלאַנער האָט אַמאָל אין חנוכה געטייטשט דעם פסוק פון „בהעלותך": „ויעש כן אהרן", מאַכט רש"י: „להגיד שבחו של אהרן שלא שינה" — צו זאָגן צום שבח פון אהרנען, אַז ער האָט ניט געענדערט. פרעגט זיך, וואָס פאַר אַ רבותא איז דאָס, וואָס אהרן האָט גאָרנישט געענדערט? ווי קאָן גאָר איינפאַלן צו טראַכטן אַז אהרן וועט ענדערן דאָס, וואָס גאָט האָט אים געהייסן?

נאָר דער פשט איז — האָט ר' מאירל פּרעמישלאַנער געזאָגט, — אַז

כאַטש אהרן איז אַזוי דערהויבן געוואָרן צו זיין אַ כהן גדול; כאַטש ער איז געקומען צו אַזאַ גרויסער מדרגה, פונדעסטוועגן האָט ער זיך לגמרי נישט געענדערט. ער איז ניט גרויס געוואָרן ביי זיך און ער האָט זיך געפירט פונקט אַזוי ווי פריער. אָט דאָס איז שוין אַ גרויסער שבח.

* * *

דער רבי ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט זיך אויך געשטעלט אויף דעם זעלבן פסוק און ער האָט רש״יס טייטש אַזוי פאַרענטפערט:

ווען מען גייט טאָן אַ מצוה פאַלט מען אַריין אין גרויס התלהבות; בפרט נאָך ווען גאָט אַליין האָט געזאָגט צו אהרנען ער זאָל אָנצינדן די ליכט. איז געווען אַ סכנה, אַז פאַר גרויס ליבשאַפט און השתוקקות צו טאָן די מצוה, זאָל ער אַריין אין גרויס התלהבות און חס ושלום איבערדרייען די מנורה און אויסגיסן דעם גאַנצן בוימל. אָט דאָס איז געווען אַ גרויסע רבותא, אַז אהרן הכהן האָט זיך איינגעהאַלטן ביים טאָן די מצוה פון אָנ־צינדן די ליכט און ער האָט גאָרנישט געענדערט. ער האָט אַלץ געטאָן ווי גאָט האָט געבאָטן.

דאָס ליכט איז גובר די פינסטערניש

אַלע יידישע נסים, האָט אַמאָל אַ רבי געזאָגט, האָבן אַ שייכות צו דער פאַרשפרייטונג פון ליכט, ווייל דער „אור״ האָט גובר געווען אויפן „חושך״.

אַזוי שטייט ביי די נסים פון מצרים: „ולכל בני ישראל היה אור במושבותם״, ליכטיק איז געווען אין די יידישע הייזער.

ביים נס פון פורים שטייט: „ליהודים היתה אורה״, און ביי די יידן איז געווען אַ ליכטיקייט.

און דער נס פון חנוכה איז געווען דורך דעם „פך־שמן״, דורך דעם קריגל בוימל, וואָס מען האָט דערמיט אָנגעצונדן די ליכט אין בית־המקדש...

דער נס פון חנוכה איז להודות ולהלל

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם באַרדיטשעווער רבין: פאַרוואָס האָט מען צום אָנדענק פון נס פורים באַשטימט אַ יום משתה ושמחה און לזכרון נס חנוכה האָט מען באַשטימט להודות ולהלל?

האָט דער באַרדיטשעווער רבי געענטפערט: ווייל די גזירה פון המן הרשע איז געווען „להרוג ולאבד את כל היהודים״, האָט דאָס מעורר גע־ווען די יידן צו אַן אמתער אויפריכטיקער תשובה און דאָס האָט ממילא דערפירט צו יידישער אחדות און עבודת השם בלב שלם. ווען דער נס איז

געשען, און דאָס וואָס המן הרשע האָט געטראַכט צו טאָן די יידן איז גע־פאַלן אויף זיין קאָפּ, זיינען די יידן איבערצייגט געוועז, אַז דאָס, וואָס גאָט האָט זיי געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט איז געווען צוליב אהבת ישראל. גאָט פאַרלאָזט נישט די יידן אין אַן עת צרה. דעריבער האָבן זיי באַשטימט צום אָנדענקען פון דעם נס פורים אַ טאָג פון משתה ושמחה.

אין די צייטן פון די חשמונאים איז דאָך דער עיקר גזירה געווען קעגן דער יידישער אמונה און תורה, און ווען דער נס איז געשען און גאָט האָט איבערגעענטפערט „רבים ביד מעטים וטמאים ביד טהורים", האָבן די יידן געפילט, אַז דער נס איז זיי געשען צוליב דער תורה און יידישקייט, וואָס מען האָט געוואָלט ביי זיי צונעמען. דעריבער האָבן זיי באַשטימט לזכרון די ימי חנוכה להודות ולהלל, צו לויבן גאָט.

און איינמאָל, ווידער, האָט דער באַרדיטשעווער רבי געזאָגט: עס שטייט „מסרת גבורים ביד חלשים", דו האָסט איבערגעענטפערט גבורים אין די הענט פון די שוואַכע. די חשמונאים זיינען דאָך אָבער געווען אמתע גבורים, טאָ פאַרוואָס ווערן זיי אָנגערופן „חלשים", שוואַכע?

נאָר דער ענטפער איז: מען מיינט נישט פשוטע חלשים באמת, נאָר זיי האָבן זיך געפילט שוואַך, ווייל, כידוע, זיינען די צאָל חשמונאים לגבי די יוונים געווען גאָר אַ קליינע. ביי זיך אין דער מחשבה האָבן זיי גע־וואוסט, אַז מיט זייערע אייגענע כוחות, אָן דער הילף פון דער השגחה, איז פשוט שלא כדרך הטבע, זיי זאָלן די יוונים מנצח זיין. און ווען די חשמונאים האָבן באַזיגט די יוונים, האָבן זיי געוואוסט, אַז זייער נצחון איז נישט געקומען צוליב זייער גבורה, נאָר דורך דער הילף פון אויבערשטן.

(פון די חסידישע אוצרות)

אַ גלייכווערטל פונם „ייד הקדוש"

דער „ייד־הקדוש" פון פשיסכע האָט אַמאָל חנוכה ביים טיש אין אַ חסידישן שמועס געזאָגט: „עס איז דאָך באַקאַנט די קשיא, וואָס דער „בית יוסף" פרעגט: פאַרוואָס האָבן מיר אַכט טעג חנוכה צוליבן נס מיט דעם בוימל? פאַר איין טאָג איז דאָך געווען בוימל אין קריגעלע — איז דאָך דער נס נאָר מיט זיבן טעג?"

„נאָר" — האָט דערויף דער „ייד־הקדוש" געענטפערט מיט אַ גלייך־ווערטל — „תוספות פרעגט דאָך: ווי אַזוי האָט מען זיך בכלל געקאָנט באַנוצן מיטן געפונענעם קריגעלע בוימל? וואָרים כאָטש עס איז געווען פאַרחתמעט מיטן זיגל פון כהן גדול, האָט עס דאָך געקאָנט טמא ווערן, ווייל אַנדערע פעלקער (עכו"ם) זיינען מטמא אויך נאָר מיט דעם וואָס זיי רירן אָן אַ זאַך — און דאָס קריגעלע בוימל האָבן זיי דאָך אָנגערירט?"

„אָבער אַ טייל פון דעם גרויסן נס איז טאַקע דאָס — האָט דער „ייד־

הקדוש" אויסגעפירט מיט אַ ווערטל — וואָס עס איז דעמאָלט קיינעם נישט איינגעפאַלן צו פרעגן תוספותס קשיא... און דער דאָזיקער נס איז דאָך חל אויך אויפן ערשטן טאָג — דערפאַר האָבן מיר אַכט טעג חנוכה..."

חנוכה און פורים

רבי יצחק מאיר, דער אַלטער גערער רבי, פלעגט זאָגן: מען מאַכט אַ גרויסע סעודה נאָר פורים און ניט חנוכה, ווייל פורים דערמאָנט נאָר בלויז דעם גרויסן נס, וואָס אונזערע גופים זיינען ניצול געוואָרן פון טויט און אַ גוף דאַרף דאָך עסן און טרינקען. דערפאַר מאַכן מיר פאַר אים אַ גרויסע סעודה. אָבער די יוונים (גריכן) האָבן ביי יידן געוואָלט אַוועקנעמען און אויסוואָרצלען די תורה הקדושה, זיי מעביר על דת זיין, אָפּטויטן דעם יידישן גייסט. דאַרפן מיר זיך בלויז פרייען און אָפּגעבן אַ שבח צום רבונו של עולם, וואָס ער האָט מציל געווען אונזער גייסט. אָבער מיר קענען זיך דערביי באַגיין אָן עסן און אָן טרינקען...

דער „חדושי הרי"ם" האָט אַמאָל אויך געזאָגט: אויב עס וואָלט, חס ושלום, המנען געווען געלונגען אויסצופירן זיין טייוולאָנישן פּלאַן און אומברענגען אַלע יידן, וואָלטן זיי זיך געווען געקענט ווייניק־וואָס איינהאַנדלען עולם הבא. זיי וואָלטן ניט געווען געקענט פאַררעכנט ווערן פאַר קדושים שמסרו נפשם על קדושת השם. זיי וואָלטן געווען איינפאַכע „הרוגי מלכות".

אָבער גאַנץ אַנדערש וואָלט געווען ווען דער רשע, דער מלך אנטיוכוס, וואָלט זיי געווען פאַרטיליקט — ווי ער האָט טאַקע אין זינען געהאַט — ווייל זיי האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט און זיך נישט געלאָזט אַראָפּפירן פונם יידישן דרך און דינען עבודה זרה — זיי וואָלטן זיכער געווען פאַררעכנט פאַר קדושים און אַזעלכע קדושים דאַרפן ניט קיין סעודות, אַז זיי זאָלן געדענקען די נסים, וואָס זיינען צו זיי געטאָן געוואָרן...

„זאת חנוכה"

אין די רבייאישע הויפן אין גאַליציע איז געווען אַ מנהג, אַז דעם לעצטן טאָג חנוכה, גערופן „זאת חנוכה", האָט מען געמאַכט אַ גרויסע סעודה. דער רבי האָט געגעבן „המוציאס" צו די חסידים און ער האָט יעדע „המוציא" געטונקען אין „שמן זית", וואָס ער האָט באַקומען צוגעשיקט פון אַ חסיד פון ארץ־ישראל. דעם „שמן זית" האָט דער רבי באַנוצט אויף צינדן די חנוכה־ליכטלעך.

נאָך דעם טיש, איז געווען אַ מנהג ביי די ראָפּשיצער איייניקלעך, צו דערציילן אַ מעשה פון ראָפּשיצער רבין ר' נפתלי צבי האָראָוויץ, וועל־

כער איז געווען אַ גרויסער ווערטל־זאָגער און ער ווערט צווישן די רביים אָנגערופן „דער חכם פון די רביים".

דער ראָפּשיצער רבי האָט געהאַט אַ גבאי, וואָס האָט געהייסן אַזוי ווי דער רבי אַליין: נפתלי־הערש. דער גבאי אַליין איז אויך געווען אַ גרויסער ווערטל־זאָגער און איז געווען, אַזוי־צו־זאָגן, דעם רבינס הויף־בדחן, אַזוי ווי הערשעלע אָסטראָפּאָלער איז געווען דער הויף־בדחן ביים רבין ר' ברוכל פון מעזשיבעזש.

דער ראָפּשיצער רבי האָט געהאַט אַ מנהג, אַז חנוכה־צייט פלעגט ער אַרומפאָרן צונויפצונעמען חנוכה־געלט ביי די דאָרפישע קרעטשמערס און גוטסבאַזיצער.

איינמאָל זאָגט צום רבין דער גבאי נפתלי־הערש:

„רבי! ווי־לאַנג איז דער שיעור, אַז איך זאָל זיין אַ גבאי און איר זאָלט זיין רבי?"

„נו, אדרבה, לאָמיר זיך בייטן מיט די מלבושים" — האָט זיך דער ראָפּשיצער רבי אָנגערופן.

דער רבי האָט זייער הנאה געהאַט פון דעם און זיי האָבן זיך געטוישט מיט די מלבושים. דער ראָפּשיצער רבי האָט זיך געזעצט אין דער זייט און דער גבאי האָט זיך געזעצט אויבנאָן. די בויד איז צוגעקומען צו אַ דאָרף, וואו אַ פרעמדער ייד האָט ערשט היי־יאָר געפּאַכטעט צום ערשטן מאָל די קרעטשמע ביים פריץ. דער פאַרשטעלטער גבאי איז אַריין אין דער קרעטשמע, מודיע געווען, אַז דער „ראָפּשיצער" איז געקומען. דער קרעטשמער האָט שוין געהאַט געהערט פון לאַנג פון דעם ראָפּשיצער רבין, נאָר ער האָט אים נישט געקענט. מען האָט פריי געמאַכט אַ שטוב און דער גבאי איז אַראָפּ פון דער בויד מעשה־רבי, נאָכגעמאַכט אין אַלעס דעם אמתן ראָפּשיצער און אַריין אין דער פאַר אים צוגעגרייטער שטוב. דער קרעטשמער האָט געפרעגט דעם פאַרשטעלטן גבאי, וואָס דער רבי וועט עסן. זאָגט צו אים דער „גבאי": „מיין רבי עסט גאָרנישט; ער פאַסט פון איין שבת צום צווייטן שבת". דערפאַר האָט זיך דער ראָפּשיצער אַליין אָוועקגעזעצט ביי אַ גוט־געדעקטן טיש און האָט געגעסן ווי עס דאַרף צו זיין. דער פאַרשטעלטער רבי, וואָס איז געזעסן אָפּגעשלאָסן אין זיין צי־מער, האָט געזען, אַז עס פאַרגייט אַ שעה נאָך אַ שעה און מען גיט אים גאָרנישט טועם צו זיין. האָט ער געשיקט רופן זיין „גבאי", דאָס הייסט דעם ראָפּשיצער רבין.

„פאַרוואָס גיט מען מיר גאָרנישט אַריין צום עסן? — פרעגט אים דער פאַרשטעלטער רבי. — צי האָב איך אייך אויך געלאָזט אַזוי־לאַנג הונגערן?"

„און וואָס זאָל איך טאָן — ענטפערט דער פאַרשטעלטער גבאי, — אַז דער נייער קרעטשמער איז אַ גרויסער קמצן און וויל גאָרנישט געבן צו עסן. ער זאָגט, אַז ער האָט צוגעשטעלט אַ טעפּל קאַרטאָפּלעס...״

עס איז פאַרגאַנגען נאָך אַ פּאָר שעה און דער פאַרשטעלטער רבי זעט, אַז דער גבאי ברענגט אַלץ גאָרנישט אַריין. עס האָט אים אָנגעהויבן גוט צו הונגערן, אַזוי, אַז ער האָט זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן און האָט געוואָלט אַליין אַריינלויפן צום קרעטשמער צו מאַכן אַ סוף. ווי דער־שטוינט איז ער אָבער געוואָרן, ווען ער האָט דערזען אין דעם פּאָדערשטן צימער דעם אמתן ראָפּשיצער רבין, פאַרשטעלט פאַר זיין גבאי, ווי ער זיצט ביי אַ טיש, וואָס איז אָנגעגרייט מיט כל־טוב און אַ סך חסידים זיצן אַרום אים.

דאָ האָט זיך דער פאַרשטעלטער רבי שוין מער נישט געקאָנט איינ־האַלטן און האָט אויסגערופן: „ראָפּשיצער רבי, נאַט אייך צוריק די ווייסע בעקעשע (די רביים פלעגן דעמאָלט גיין אין ווייסע בעקעשעס) און זייט איר צוריק רבי! איך האָב שוין קיין כח דערצו...״

„אַהאַ, אַזוי שווער איז צו זיין אַ רבי איין טאָג! און איך מוז טראָגן דעם עול מיין גאַנץ לעבן!״ — האָט דער ראָפּשיצער רבי געענטפערט.

אַ מעשה מיט אַ דאָרפס־ייד און דעם בעלזער רבין

אַמאָל איז געקומען אַ דאָרפס־ייד צום בעלזער רבין אויף שבת־חנוכה. ביים אָפּגעבן דעם רבין אַ קוויטל, פרעגט אים דער רבי, צי ער איז מקיים די תורה.

„היטסטו נאָר אָפּ דעם שבת?״ פרעגט אים דער רבי.

דער דאָרפס־ייד האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט גאָרנישט גע־ענטפערט. האָט דער רבי שוין געזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן. האָט ער אים אָנגעהויבן צו זאָגן מוסר און האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין ווי גרויס די מצוה פון אָפּהיטן שבת איז.

זיינען די ווערטער אַריינגעגאַנגען אין האַרץ פון דאָרפס־ייד. רופט ער זיך אָפּ:

„רבי, איך נעם אויף זיך אָפּצוהיטן דעם שבת גליך ווי אַלע יידן, נאָר ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך חנוכה״.

וויל דער רבי דערגיין, פאַרוואָס דער דאָרפס־ייד וויל מקיים זיין די מצוה פון אָפּהיטן שבת ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. איז אים דער דאָרפס־ייד מסביר, אַז ער האָט אַ שענק אין דאָרף און די גאַנצע פרנסה זיינע איז, וואָס ער לייזט געלט פאַר די גוישע חגאות...

זאָגט צו אים דער בעלזער רבי:

„איך וועל דיר דערציילן אַ מעשה".

אַמאָל איז געווען אַ דאָרפס־ייִד, אַ שענקער, וואָס האָט געהאַט די פּאַכט פון פּריץ. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז דער פּריץ מאַכט אַ סעודה און פאַרבעט אַלע זיינע גוטע פריינט.

ווען די געסט האָבן שוין געהאַט גענוג געטרונקען, הייבט אָן יעדער פּריץ צו לויבן זיין דאָרפס־ייִד, ווי גוט ער איז. רופט זיך אָן דער פּריץ, וואָס האָט געמאַכט די סעודה:

„מיין ייִד איז מיר אַזוי געטריי, אַז וואָס איך וועל אים הייסן טאָן, וועט ער מיך האָרכן".

גיט אַ שפּרינג־אויף אַ צווייטער פּריץ און פרעגט אים:

„אפילו ווען דו וועסט אים הייסן זיך שמדן?"

„יאָ!" — ענטפערט דער פּריץ.

און מען האָט גלייך געשיקט רופן דעם דאָרפס־ייִד.

„מאָשקע, — פרעגט אים דער פּריץ, ווען דער דאָרפס־ייִד איז אַריינגעקומען, — ביסטו מיר געטריי?"

„אוודאי, — ענטפערט דער ייִד, — מיט מיין גאַנץ פאַרמעגן און מיט מיין גאַנצן גוף! איך בין גרייט פאַרן פּריץ אַריינצושפּרינגען אין פייער און אין וואַסער אַריין!"

גיט דער פּריץ אַ קוק אויף זיינע געסט און ער שמייכלט פאַר גרויס הנאה, און ער זאָגט צום דאָרפס־ייִד:

„אויב אַזוי, וויל איך, אַז דו זאָלסט זיך שמדן!"

איז דער דאָרפס־ייִד געבליבן שטיין אַ דערציטערטער און האָט ניט געוווּסט וואָס ער זאָל ענטפערן. באַרעכנט ער זיך, אַז זיין גאַנץ לעבן איז אָפּהענגיק פונם פּריץ און אַז ער איז אַ קאַפּריזנער, מסתמא וועט ער שפּע־טער חרטה האָבן. און פאַר אין ברירה האָט ער געזאָגט מיט אַ שוואַך קול:

„איך בין גרייט!"

האָט אים דער פּריץ אָפּגעשמדט.

אין אַ צייט אַרום רופט אים ווידער דער פּריץ און זאָגט צו אים:

„מאָשקע, דו קאָנסט שוין צוריק ווערן אַ ייִד".

ווייל דער פּריץ האָט אים דאָך נאָר געוואָלט אויספּרוּוון.

לויפט דער ייִד אַהיים צו זיין ווייב מלא שמחה און דערציילט איר וואָס דער פּריץ האָט אים געזאָגט, אַז ער קאָן שוין צוריק ווערן אַ ייִד. מאַכט צו אים זיין ווייב:

„ווי איז צו אונז, וואָס וועלן מיר טאָן? דער פּסח קומט דאָך שוין אָן און די הוצאות זיינען אַ סך: מצות, וויין אויף ארבע כוסות און דערצו נאָך קויפן נייע כלים! איז אפשר דיר מעגלעך, — האָט זי זיך געווענדט צו אים, — דו זאָלסט בעטן דעם פּריץ, ער זאָל אונז ניט דערלויבן צו ווערן ייִדן ערשט נאָך פּסח?"

האָט דער דאָרפס־ייד פאַרשטאַנען, וואָס דער בעלזער רבי האָט מכוון געווען מיט זיין מעשה, און ער האָט גלייך צוגעזאָגט דעם רבין, אַז באַלד ווי נאָר ער וועט אַהיימקומען, וועט ער זיין אַ שומר־שבת.

דער לעצטער חנוכה פונעם ראָזוואַדאָווער רבין

פאַרשטערט איז געוואָרן די שמחה אינעם ראָזוואַדאָווער הויף, אינעם לעצטן חנוכה פאַר דעם אַלטן רבינס פטירה, צוליב אַ מעשה נורא, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן מיט דעם ראָזוואַדאָווער רבינס אייניקל מירעלע.

די מעשה איז אַזוי געווען: מירעלע, די טאָכטער פון יונגן ראָזוואַדאָווער רב, איז געווען זייער אַ גוראַטענע. האָט מען איר גערעדט פאַרשידענע שידוכים מיט די גרעסטע רביים פון גאַליציע, ביז דער אַלטער ראָזוואַדאָווער רבי ר׳ משה האָט פאַר איר אויסגעקליבן אַ חתן, אַ זון פון אַ רבין פון פוילן, אַ גרויסער עילוי און מושלם.

צו דער חתונה זיינען געקומען אַ סך רביים און טויזנטער חסידים. פאַר דער חופה איז די כלה אַריינגעגאַנגען צום זיידן זיך בענטשן. די שמחה איז געווען זייער גרויס. אָבער בעת דער חופה, ווען דער פערצןיאָריקער חתן האָט אָפּגעזאָגט דעם „הרי את״, האָט מען פלוצלינג דערהערט אַ קוויטש און די כלה האָט אָנגעהויבן צו חלשן. מען האָט זי קוים דערמינטערט, אָבער די כלה האָט פאַרהאַקט דאָס מויל און האָט אויפגעהערט צו רעדן. איז די חתונה שוין געוואָרן פאַרשטערט. מען איז דערנאָך מיט דער כלה געפאָרן צו די גרעסטע פּראָפעסאָרן פון קראָקע, לעמבערג און ווין, און קיינער האָט איר ניט געקאָנט העלפן.

און דער זיידע אירער, דער אַלטער ראָזוואַדאָווער רב אַליין, האָט זיך ניט געוואָלט צורירן צו איר. און חסידים האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל דער ראָזוואַדאָווער רבי ווייסט, אַז דאָס האָבן אָן אים נקמה גענומען „יענע לייט״, ווייל דער שווער זיינער און דער עלטער־שווער זיינער, דער סיגעטער און דער אוהעלער רביים, האָבן כסדר געפירט אַ מלחמה מיט די „ניט־גוטע״. האָבן זיי זיך דערפאַר איצט נוקם געווען אָן זיין אייניקל . . .

האָט דער ראָזוואַדאָווער רבי געהייסן פירן דאָס אייניקל צום סאַסאָווער רבין, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַרויסטרייבן דבוקים און „ניט־גוטע״, אָבער ווען דער סאַסאָווער רבי האָט אָנגעהויבן צו לייענען דאָס קוויטל, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען: „וואָס? פאַר דעם ראָזוואַדאָווערס אייניקל דאַרף איך זיך איינשטעלן? דער זיידע אירער ווייסט דעם זעלבן וועג צו קומען וואו מען דאַרף, ווי איך! גענוג, אַז כ׳דאַרף זיך מוסר

נפש זיין פאַר פשוטע יידן, אָבער נאָך איינרייסן זיך מיט „זיי״ צוליב דעם ראָזוואַדאָווער רבינס אייניקל!...״

האָבן חסידים געזען, אַז ס׳איז קיין אַנדער אויסוועג ניט פאַראַן, ווי אַריינגיין בעטן דעם אַלטן ראָזוואַדאָווער רבין, ער זאָל זיך מרחם זיין אויף זיין אייניקל און איר העלפן.

איז אַריין דער זון ר׳ הערשעלע צום ראָזוואַדאָווער רבין און האָט אָנגעהויבן צו וויינען און אים בעטן, ער זאָל העלפן זיין טאָכטער; האָט דער ראָזוואַדאָווער געענטפערט, אַז ער ווייסט, אַז ס׳וועט אים שאַדן... אָבער דער זון האָט פון גאַרנישט געוואָלט הערן און האָט געענטפערט: „פאַר אַן אייניקל מעג מען זיך מקריב זיין...״

דעמאָלט האָט דער אַלטער ראָזוואַדאָווער רבי געגעבן אַ קרעכץ און געזאָגט: „מען שטעלט מיך איין!״ און ער האָט געהייסן צוואַרטן ביז חנוכה.

און ווען עס איז געקומען חנוכה, האָט מען אין דעם יאָר אין ראָזוואַדאָווער הויף מער נישט געשפּילט אין קוויטלעך, נאָר יעדן אויף דער נאַכט, נאָך דעם חנוכה־ליכט־בענטשן, האָט דער ראָזוואַדאָווער רבי געהייסן אַריינפירן אין זיין חדר־מיוחד דאָס קראַנקע אייניקל, און מיט די קנייטלעך פון די אויסגעברענטע חנוכה־ליכטלעך האָט מען געשמירט די קראַנקע מירעלע איבערן קאָפּ.

דאָס יונגע ווייבל פלעגט בעת־מעשה אַרויסלאָזן משונהדיקע קולות. דער ראָזוואַדאָווער רבי האָט געדרויכערט דעם גרויסן ליולקע־ציבעק און אין איר אַריינגעלאָזן דעם רויך, און יעדעס מאָל, ווען דער זיידע איז צו איר צוגעקומען, האָט זי אויסטערלישע קולות געמאַכט.

אַזוי האָט דאָס אָנגעהאַלטן אַכט טעג. די קראַנקע מירעלע האָט אַלץ געהאַלטן פאַרהאַקט דאָס מויל. מען האָט זי ווייטער דערנערט קינסטלעכערהייט, און ווען עס איז געקומען די לעצטע נאַכט חנוכה, האָט דער ראָזוואַדאָווער רבי ווידער געהייסן צו זיך אַריינפירן דאָס אייניקל, און ווען ער האָט אָנגעהויבן צו שפּריזן הין און צוריק איבער דער שטוב, געדרויכערט זיין ליולקע־ציבעק און איז צו איר צו און איר אַריינגעלאָזן אַ פול מויל מיט רויך, האָט די „שטומע״ מירעלע פּלוצלינג געגעבן אַן עפן דאָס מויל און געפרעגט, וואו דער זיידע איז.

אין הויף איז געוואָרן אַ גרויסע שמחה. מען האָט באַלד געשיקט נאָכן דאָקטאָר. ער האָט איר גערייניקט דאָס מויל, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַרמאַכט כמעט אַ יאָר צייט, און אויפן צווייטן טאָג האָט מירעלע דערציילט, וואָס מיט איר האָט זיך פאַרלאָפן און פאַרוואָס זי האָט פאַרהאַקט דאָס מויל. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, — האָט זי דערציילט, — אַז ביי דער חופּה זיינען צוגעקומען צו איר „ביט־גוטע״ און האָבן זי פאַרפירט אין אַ וואַלד. די גאַנצע צייט האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי געפינט זיך

אין אַ וואַלד און די שדים רייצן זיך מיט איר, און איר זיידע איז פון איר אַוועק. אַז זי האָט געזען, אַז זי איז אַריינגעפאַלן צווישן שדים און רוחות, האָט זי באַשלאָסן מיט זיי ניט צו רעדן. דערפאַר האָט זי געהאַלטן כסדר דאָס מויל פאַרמאַכט. אָבער דעם לעצטן טאָג חנוכה ביינאַכט האָט זי פּלוצ־לינג דערזען, אַז זי איז צוריק ביי איר זיידן אין הויף, האָט זי דערפאַר געעפנט דאָס מויל...

אָבער די שמחה איז ניט געווען בשלימות, ווייל פאַר דעם, וואָס דער אַלטער ראָזוואַדאָווער רבי האָט זיך געשראָקן — דאָס איז געקומען. דער אַלטער ראָזוואַדאָווער רבי איז אין אַ פּאָר טעג אַרום זייער קראַנק געוואָרן. ער איז שוין פון געלעגער מער נישט אַראָפּ, און אין דעם זעלבן יאָר, דריי טעג נאָך שבועות, איז דער ראָזוואַדאָווער רבי נפטר געוואָרן.

דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער און דאָס חנוכה־לעמפּל

כידוע, האָבן די רביים, די תלמידים פון בעש״ט זיך עוסק געווען אין פּדיון שבויים.

פּדיון שבויים מיינט אָבער נישט בלויז אויסלייזן אַ יידן פון געפאַנגנשאַפט. פּדיון שבויים מיינט אויך אויסלייזן אַ נשמה, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן, וואָס וואַנדערט אַרום אויפן עולם התוהו און זוכט אַ תיקון.

אויך דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער, דער גרויסער אוהב ישראל, פלעגט אַרומפאָרן איבער די פּריצישע הויפן און אויסלייזן יידישע פאַכטערס, וואָס זיינען געזעסן פאַרשפּאַרט אין די פּריצישע תפיסות, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלט אָפּצוצאָלן די פאַכט. איינמאָל, ערב חנוכה, האָט דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער זיך אַרויסגעלאָזט מיט זיין פערד און וועגעלע און מיטן גבאי קיין בראָד, מקיים צו זיין די מצוה פון פּדיון שבויים, אויסצולייזן אַ יידישע נשמה...

אין גאַנץ סאַסאָוו איז געווען אַ חידוש, פאַרוואָס דער רבי ר׳ משה לייב פאָרט אַוועק אויף חנוכה פון שטאָט, אָבער נאָך מער חידוש איז געווען אין בראָד, ווען די חסידים דאָרט האָבן זיך דערוואוסט, אַז דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער איז אָנגעקומען צו האַלטן אין שטאָט חנוכה.

איז געווען אַ גרויסע שמחה אין שטאָט. יידן זיינען געקומען זיך פראַווען, געבן קוויטלעך דעם רבי׳ן און נעמען פון רבי׳ן אַ ברכה. איז אויך אַריינגעקומען ריוועלע פרנס, די גרויסע שטאָט־גבירטע, בעטן אַ ברכה פאַר איר קראַנקער טאָכטער, וואָס אַלע דאָקטוירים האָבן זיך שוין מיאש געווען.

לייענט דער רבי דאָס קוויטל און פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווילע, הויבט אויף זיינע טיפע ברעמען און זאָגט:

„אויף רפואת הגוף קען מען מתפלל זיין, אָבער אויף רפואת הנפש איז שווער, דאָס וואָס די נשמה האָט אויף דער וועלט קאַליע געמאַכט, דאַרף זי אַליין פאַרריכטן...״

פאַרשטייט נישט די יידענע וואָס דער רבי זאָגט און זי הויבט אָן וויינען: „רבי, דאָס גאַנצע פאַרמעגן וועל איך אַוועקגעבן אַבי מיין טאָכטער זאָל געזונט ווערן! ביט זיך אויס, רבי, וויפל געלט איר ווילט און איך וועל עס אייך גלייך ברענגען!...״

מען האָט אָבער געוואוסט, אַז דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער האָט קיינמאָל זיך נישט אויסגעבאָטן געלט ביי די חסידים, אָבער דאָס מאָל האָט דער רבי געזאָגט:

„איר האָט אַ חנוכה־לעמפּל אין דער היים, אַ ירושה פון אייער פאָטער, גיט מיר דאָס חנוכה־לעמפּל, איך וויל אין דעם צינדן חנוכה־ליכט״.

„איך לויף גלייך אַהיים ברענגען דעם רבי׳ן דאָס חנוכה־לעמפּל. איך גיב עס דעם רבי׳ן אַ מתנה און זאָל דער רבי מיר ווינטשן אַ רפואה שלמה פאַר מיין טאָכטער...״

האָבן די חסידים נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער האָט אויסגעקליבן צו צינדן חנוכה־ליכט אין ריוועלע פרנס׳עס חנוכה־לעמפּל, בעת אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער האָט זיין אייגן חנוכה־לעמפּל, וואָס ער האָט געקראָגן אַ מתנה פון זיין רבי׳ן, ר׳ שמעלקא פון ניקלשבורג. אָבער אַז דער רבי וויל צינדן אין ריוועלע פרנס׳עס חנוכה־לעמפּל, פרעגט מען נישט קיין קשיות, מסתמא ווייסט ער וואָס ער טוט.

און צו דעם ערשטן חנוכה־ליכטל האָט זיך דער רבי ר׳ משה לייב שטאַרק מכין געווען. די כוונות ביים מאַכן די ברכה זיינען געווען אין לשער. ער האָט דערנאָך מיט גרויס התלהבות געזונגען דריי מאָל „יושב בסתר עליון״, און געזאָגט זיבן מאָל „אנא בכוח״, און דער רבי האָט געזאָגט תורה אויף „הנרות הללו קודש הם ואין לנו רשות להשתמש בהם אלא לראותם בלבד״, אַז נרות זיינען נשמות, ווי עס שטייט: „נר ד׳ נשמת אדם״. אַמאָל זינדיקט אַ נשמה וואָס זי האָט גענומען די נרות חנוכה און האָט זיך מיט זיי יאָ משמש געווען, קאָן מען האָבן אַ תיקון נאָר דורך אָפּגעבן דאָס וואָס מען האָט תאווהדיק גענומען...

חסידים האָבן נישט פאַרשטאַנען די כוונות פון רבי׳נס תורה, אָבער איבערפרעגן דעם רבי׳ן האָט מען נישט געטאָרט, און ווען מען האָט געזונגען „מזמור שיר חנוכת הבית לדוד״ און „מעוז צור ישועתי״, האָט דער רבי געהייסן צו זיך רופן יחיאל גאָלד־שמיד, אַ ייד אַן אָרעמאַן, און האָט צו אים געזאָגט: „ווי געפעלט דיר דאָס חנוכה־לעמפּל? נעם עס צו, עס איז דיינס! ריוועלע פרנס האָט עס מיר געשאָנקען במתנה גמורה״.

און צו די חסידים האָט דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער געזאָגט:

„איר ווילט דאָך וויסן פאַרוואָס איך האָב צוגענומען דאָס חנוכה־לעמפּל פון דער יידענע ריוועלע פרנס און עס אַוועקגעגעבן ר׳ יחיאלן? אָט הערט אַ מעשה:

„געווען אַ ייד בימי ר׳ זישע אַניפּאָליער מיטן נאָמען ר׳ יחיאל צורף. דער דאָזיקער ר׳ יחיאל איז געווען אַ גאָלד־שמיד. ער פלעגט

אַליין מאַכן פאַרשידענע כלי־קודש פאַר דער שול. ער איז געווען אַ חסיד פון רבי׳ן ר׳ זישע אַניפּאָליער, און מיר ווייסן דאָך, אַז דער רבי ר׳ זישע האָט געהאַט אַ דרך אין חסידות, אַז ער פלעגט געבן די חסידים אָפּגעשפּראָכענע מטבעות. האָט אַ חסיד געקראָגן פון רבי׳ן ר׳ זישע אַזאַ מטבע, האָבן די חסידים דערנאָך די מטבע אָפּגעקויפט, אים געגעבן וויפל ער האָט געוואָלט. אָבער ר׳ יחיאל צורף, אַז ער האָט געקראָגן פון רבין אַ מטבע, האָט ער זי נישט געוואָלט פאַרקויפן, נאָר ער האָט זי באַהאַלטן.

„אַזוי האָט ר׳ יחיאל געקראָגן יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען צום רבי׳ן ר׳ זישע, אַ מטבע און ער האָט די מטבעות געזאַמלט. ווען ער האָט שוין געהאַט צונויפגעקליבן אַ גאַר גרויסע צאָל מטבעות, וואָס ער האָט זיי געהאַלטן אין אַ באַזונדער זעקעלע, האָט ער די מטבעות איבערגעקוקט. זיי זיינען אַלע געווען פון ריינעם זילבער און זייער אַ סך. דאָס גאַנצע זעקל איז שוין פול געווען מיט אָפּגעשפּראָכענע מטבעות. האָט ר׳ יחיאל צורף גענומען די אַלע מטבעות, האָט זיי געשמאָלצן אין אַ שמעלץ־טאָפּ און פון זיי געגאָסן אַ חנוכה־לעמפּל. אַזוי ווי ער איז אַליין געווען אַ גאָלד־שמיד, האָט ער אויסגעקלאַפּט אַ חנוכה־לעמפּל, וואָס איז געווען אַן אַנטיק.

„ר׳ יחיאל האָט זיך זייער געפרייט וואָס ער האָט פון רבינ׳ס מטבעות געגאָסן אַ חנוכה־לעמפּל.

„אַלע בעלי־בתים פון שטאָט זיינען געגאַנגען אָנקוקן דאָס טייערע חנוכה־לעמפּל, וואָס ר׳ יחיאל צורף האָט געמאַכט. דערפון האָט זיך אויך דערוואוסט ר׳ נחום פרנס, דער גרעסטער גביר פון שטאָט, און אויך ער איז געגאַנגען אָנקוקן דאָס חנוכה־לעמפּל. האָט ער געקראָגן גרויס חשק צו האָבן דאָס חנוכה־לעמפּל, וואָס איז געגאָסן געוואָרן פון רבי׳ן ר׳ זישעס מטבעות. האָט ער זיך געווענדט צו ר׳ יחיאל צורף: „זאָג מיר וויפל דו ווילסט פאַר דעם דאָזיקן חנוכה־לעמפּל און איך וועל דיר גלייך געבן״.

„אָבער ר׳ יחיאל צורף האָט געענטפערט: „דאָס חנוכה־לעמפּל האָב איך געגאָסן פון דעם רבינ׳ס אָפּגעשפּראָכענע מטבעות. איך האָב קיינמאָל קיין מטבע, וואָס דער רבי האָט מיר געגעבן, נישט געוואָלט פאַרקויפן צו די חסידים. איך האָב זיי יאָרן געזאַמלט און דערפון געמאַכט אַ חנוכה־לעמפּל. דאָס חנוכה־לעמפּל וועל איך קיינמאָל נישט פאַרקויפן!״

„אָבער אין אַ צייט אַרום האָט ר׳ יחיאל געדאַרפט חתונה מאַכן זיין טאָכטער, דער חתן איז געווען אַ גרויסער עילוי, און דער מחותן האָט באַפוילן, אַז ער וועט אָפּלאָזן דעם שידוך אויב ר׳ יחיאל וועט נישט תיכף ומיד סילוקן דעם נדן.

„איז ר׳ יחיאל אַוועק צו ר׳ נחום פּרנס, ער זאָל אים לייען געלט אויפן נדן. האָט ר׳ נחום געזאָגט:

„וואָס איז שייך לייען? וועסט דען האָבן אָפּצוגעבן? איך קאָן דיר געבן די עטלעכע הונדערט רובל, וואָס דו דאַרפסט האָבן צו סילוקן דעם נדן, אָבער מיט איין תנאי, דו זאָלסט מיר שענקען דאָס חנוכה־לעמפּל...

„ר׳ יחיאל צורף האָט געגעבן אַ ציטער פאַר שרעק, ווען ער האָט דאָס דערהערט. ער האָט געוואָלט, אַז דאָס חנוכה־לעמפּל זאָל בלייבן ביי אים אין שטוב און לאחר מאה ועשרים שנה, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, זאָל דאָס חנוכה־לעמפּל איבערגיין בירושה צו זיין איידעם. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, וואָס פאַר אַ גרויסער עילוי דער חתן איז, און אַז די טאָכטער זיינע איז שוין אַ בוגרת... האָט ער געזאָגט צו ר׳ נחום פּרנס: „איך וועל אייך געבן דאָס חנוכה־לעמפּל און גיט מיר דאָס געלט פאַרן נדן, איך זאָל קענען חתונה מאַכן מיין טאָכטער״.

„און ר׳ יחיאל האָט געקראָגן דעם נדן און חתונה געמאַכט זיין טאָכטער.

„לימים איז ר׳ נחום פּרנס געשטאָרבן.

„איז אין הימל געוואָרן אַ רעש: מען האָט נישט געוואוסט, וואָס מען זאָל טאָן מיט ר׳ נחום פּרנס... אויף דער וואָגשאָל האָט דער שטן אַרויפגעלייגט אַ פּאַק עבירות, וואָס ר׳ נחום האָט געטאָן אין משך פון זיין לעבן: ער האָט געבאָרגט געלט אויף רבית; ער האָט גענומען פּראָצענט ביי אָרעמע יתומים און אלמנות. אָבער עס איז געקומען אַ קליין מלאכ׳ל און האָט אַרויפגעלייגט אויף דער צווייטער וואָגשאָל בלויז איין מצוה: ער האָט געהאָלפן אַ יידן, ער זאָל חתונה מאַכן זיין טאָכטער מיט אַן עילוי. האָט די מצוה אויף איין רגע איבערגעוואויגן דעם גאַנצן פּאַק עבירות. אָבער בלויז אויף איין רגע. דאָס צינגל פון דער וואָגשאָל האָט זיך געוואויגן הין און צוריק און אַמאָל האָט עס בלויז מיט איין האָר איבערגעוואויגן דעם פּאַק עבירות...

„האָט די פּמליא־של־מעלה געפּסקנט: אַזוי ווי ר׳ נחום האָט געטאָן אַ גרויסע מצוה, זאָל ער אַריין אין גן־עדן... אָבער פירן זאָל אים אין גן עדן אַריין דער מלאך וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון דער מצוה.

„ווייל פון יעדער מצוה וואָס אַ ייד טוט אויף דער וועלט, ווערט געבוירן אין הימל אַ מלאך, און ווען אַ ייד שטאַרבט און זיין נשמה דאַרף אַריינגיין אין גן־עדן, שטעלן זיך אויס די מלאכים וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן פון די מצוות, אַזוי ווי שושביניך, אונטערפירערס, און פירן די נשמה אַריין אין גן־עדן.

„איז אויך איצט געקומען אַ מלאכ׳ל, וואָס איז געבוירן געוואָרן ווען ר׳ נחום פּרנס האָט געטאָן די מצוה און געגעבן געלט אויף אַ נדן

ר׳ יחיאל צורפ׳ן, אָבער די מצוה האָט געהאַט אַ פגם: ר׳ נחום האָט געהאַט אַ גרויסע תאווה נאָך ר׳ יחיאלס חנוכה־לעמפּל, און עס ביי אים צוגענומען. איז אויך פון דער מצוה געבוירן געוואָרן אַ מלאך מיט אַ פגם, אַ בלינד מלאכל...

„און אַזוי ווי דאָס בלינדע מלאכל האָט געדאַרפט אַריינפירן ר׳ נחום פּרנסן אין גן־עדן אַריין, האָט דאָס בלינדע מלאכל גענומען ר׳ נחומען ביי דער האַנט און אָנגעהויבן אים פירן איבער די הימלען אין גן־עדן אַריין... גייט אַזוי דאָס בלינדע מלאכל איבער דער וועלט און פירט ביי דער האַנט ר׳ נחומען און זוכט די טויערן פון גן־עדן...

„נע־ונד איז ר׳ נחומס נשמה געווען. האָט מען געדאַרפט די נשמה אויסלייזן, איר געבן אַ תיקון״...

און חסידים לאָזן אויס, אַז ווען דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער האָט געבענטשט חנוכה־ליכט איבער ר׳ יחיאל צורפס חנוכה־לעמפּל, האָט ער מקיים געווען די מצוה פון פדיון שבויים. ער האָט אויסגעלייזט די נשמה פון ר׳ נחום פּרנס...

דאָס בלינדע מלאכל איז זעעוודיק געוואָרן און האָט גלייך געפונען די טויערן פון גן־עדן. אָבער דער תיקון האָט געקענט זיין נאָר דעמאָלט גאַנץ, ווען די גזילה וועט צוריק אָפּגעגעבן ווערן צו דעם בעל־הבית. דעריבער איז דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער געקומען אויף חנוכה קיין בראָד און האָט זיך געהייסן ברענגען ריוועלע פּרנסעס חנוכה־לעמפּל, וואָס זי האָט געהאַט בירושה פון איר פאָטער ר׳ נחום פּרנס, און דערפאַר האָט דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער נאָכן בענטשן חנוכה־ליכט געזאָגט צו זיין חסיד ר׳ יחיאלן, אַז ער זאָל נעמען דאָס חנוכה־לעמפּל, ווייל דער דאָזיקער ר׳ יחיאל איז געווען אַן אייניקל פון דעם אַלטן ר׳ יחיאל צורף, וואָס האָט געמאַכט דאָס חנוכה־לעמפּל פון רבי׳ן ר׳ זישעס מטבעות...

און אויך די טאָכטער פון ריוועלע פּרנס איז געהאָלפן געוואָרן און זי האָט געהאַט אַ רפואה...

אָט דאָס הייסט עוסק זיין אין פדיון שבויים, נישט בלויז אויסלייזן יידן פון געפענגעניש, נאָר אויך יידישע נשמות, וואָס זיינען געווען פאַרוואָגלט, האָט דער רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער אויסגעלייזט...

(אַן ענלעכע מעשה געפינט זיך אויך אין דעם בוך: פון רבינ׳ס הויף — טשערנאָביל, פון ד. ל. מעקלער).

יושב בסתר

ראָפּשיצער ניגון

ווערט געזונגען ביים בענטשן חנוכה־ליכט



מאָזשיצער ניגון



ראָפּשיצער ניגון



אַלטער גערער ניגון



פורים

אַ מגילה אין אַ זילבערנעם שייד פון גאַליציע פון די יאָרן
1760—1750

פורים

דער מנהג פון „קלאַפּן המנען"

דער מנהג פון „קלאַפּן המנען" אין פּורים, ווען מען דערמאָנט זיין נאָ־מען בעתן לייענען די מגילה, איז גאָר אַן אַלטער. עס קען זיין, אַז דער מנהג איז איינגעפירט געוואָרן, כדי די קינדער זאָלן זיך משמח זיין.

אין רש״יס נאָמען ווערט געבראַכט, אַז עס זיינען פאַראַן שטעט, וואו מען זאָגט, נאָכן לייענען די מגילה, דעם שיינעם פּיוט „אשר הניא״, און מען קלאַפּט אַ שטיין אין אַ שטיין, און מען צעברעכט טעפּ, ווען מען הערט דערמאָנען המן און זרש... אָבער דאָס איז ניט קיין זאַך, וואָס מען מוז טאָן, נאָר „עס איז אַ קינדער־שמחה. מען טוט עס, כדי די קינדער זאָלן זיך משמח זיין״ (שבלי הלקט, סימן י׳).

אין משך פון דער צייט האָט דער דאָזיקער מנהג באַקומען אַן אַנדער פאָרם.

אין בבל, למשל, איז אַ מנהג, אַז די בחורים מאַכן אַ פיר־פיגף טעג פאַר פורים אַ המן־ליאַלקע. מען הענגט דעם אויסגעשטאָפּטן המן אויף אויף די דעכער, און פורים מאַכט מען אַ פייער. מען וואַרפט דעם אויס־געשטאָפּטן המנען אַריין אין פייער, און מען טאַנצט אַרום דעם פייער. מען הענגט אויך אַן אַ רינג לעבן פייער, און די בחורים שפרינגען איבערן פייער, אָנהאַלטנדיק זיך אין רינג (דינאַבורג — „ישראל בגולה״, צווייט בוך, זייט 279).

דער מנהג פון שפרינגען דורכן פייער — „משוורתא דפוריא״ — איז שוין געווען אין די צייטן פון תלמוד (סנהדרין ס״ד).

אין פראַנקרייך איז געווען אַ מנהג, אַז מען האָט גענומען שטיינער, אויף זיי אויסגעקריצט המנס נאָמען און געקלאַפּט איין שטיין אָן צווייטן.

אין תימן איז געווען אַ מנהג, אַז די קינדער האָבן געמאַכט אַ המן פון געפלאָכטענעם שטרוי; מ׳האָט אים באַמאָלן מיט פאַרשידענע פאַרבן. מ׳האָט אויך געמאַכט פון שטרוי פיגורן, למשל, ווי מרדכי רייט אויף אַ פערד און המן לויפט פאַר אים. מען האָט דעם שטרויענעם המן אויפגע־האַנגען אויף אַ הויכן סלופּ אין הויף פון שול, און די קינדער האָבן גע־וואָרפן אין דעם שטרויענעם המן שטיינער, ביז מ׳האָט אים צעריסן אויף שטיקלעך („אבן ספיר״, 2־טער טייל, סימן ל״ח).

אין מצרים איז געווען אַן אַלטער מנהג, אַז פורים גייען די קינדער אַרום אין די יידישע גאַסן, פאַרשטעלט ווי העלדן פון דער מגילה, רייטנ־

דיק אויף די פלייצעס פון מענטשן, וועלכע זיינען פאַרשטעלט ווי פערד, אייזלען און קעמלען, — צו דערמאָנען ווי עס שטייט אין דער מגילה: „וירכיבהו על הסוס ברחוב העיר". עס פלעגט אַמאָל זיין אַזאַ געשטופעריי אין די יידישע גאַסן, ווען די פאַרשטעלטע קינדער זיינען דורכגעריטן, אַז מענטשן זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן, און דאָס האָט אויך אָנגעטאָן אַ סך שאָדן.

אין איטאַליע איז געווען אַ מנהג אין פורים, אַז קינדער פלעגן זיך אויסשטעלן אין צוויי רייען, ווי צוויי קעמפנדיקע מחנות, און איין מחנה האָט געוואָרפן אויף דער צווייטער וועלשענע ניס. די גרעסערע קינדער פלעגן רייטן אויף פערד איבער די גאַסן פון שטאָט, מיט צווייגן פון ציפּ־רעס־ביימער און זיי פלעגן בלאָזן מיט טרומייטערס און שופרות און זיך אַרומדרייען אַרום אַן אויסגעשטאָפּטן המן, וואָס איז געוואָרן אַוועקגע־שטעלט אויף אַ הויך אָרט, כדי אָפּצושפּעטן פון אים. אַ חוץ דעם איז געווען אַ מנהג אין פורים צו צעברעכן ערדענע כלים אין די גאַסן און אויסצורופן בשעת מעשה דעם פסוק: „ושברה כשבר נבל יוצרים". און אין די שולן איז געווען אַ מנהג, אַז ווען מען האָט געהערט, ביים לייענען די מגילה, דעם נאָמען „המן", פלעגט מען קלאַפּן מיט די פיס מיט כעס און צאָרן.

ביי די קאַווקאַזער אידן איז געווען פאַרשפּרייט דער מנהג, אַז נאָך איי־דער דער מאַן קומט אַהיים פון שול אין פורים, גרייט די פרוי צו אין הויז אַ שטיק האָלץ, אויסגעשמירט מיט פעך און סאַזשע, און ווען דער מאַן קומט אַריין אין הויז און דערזעט דאָס אויסגעשמירטע שטיק האָלץ, הויבט ער אָן צו שרייען מיט אַ געמאַכטן כעס:

„ווער איז דאָס דער שרעקנדיקער שד?"

און זיין ווייב ענטפערט:

„דאָס איז דאָך המן, דער הויפּט פון אונזערע פיינט".

באַלד ווערט איר מאַן אָנגעצונדן מיט אַ געמאַכטן צאָרן און גיט איר אַ באַפעל אין אַ רוגזהדיקן טאָן:

„שנעל וואַרף אַריין אונזער פיינט אין פייער!"

און דער מאַן הויבט גלייך אָן צו קלאַפּן מיט זיינע פיס מיטן גאַנצן כוח אויפן שטיק האָלץ, און זיין ווייב כאַפּט אַפיר דאָס שטיק האָלץ פון אונטער זיינע פיס און וואַרפט עס גלייך אַריין אינעם ברענענדיקן פייער („ממלכת אררט", פון כשדאי).

אָט פון דעם דאָזיקן מנהג איז אין משך פון דער צייט אַרויסגעוואַקסן די המן־קלאַפּערס און גראַגערס, וואָס פלעגן פאַרטומלען אין די שולן, בעתן לייענען די מגילה. די קינדער פלעגן פאַר גרויס שמחה אויף זיך שלאָגן אין זייער שפּיל אין שול מיט אַנדערע קינדער, און רבנים האָבן עס געהאַלטן פאַר זייער חוב אָנצואווייזן די קינדער, אַז די שול איז ניט

קיין אָרט פאַר קלות ראש, אָבער ווייל דאָס ווערט על פּי רוב געטאָן דורך קליינע קינדער, צוליב שמחת החג, האָבן די רבנים מסכים געווען זיי ניט צו שטערן („חגים ומועדים״, פון הרב י. ל. הכהן פישמאַן).

אין פאַרשידענע רבייאישע הויפן זיינען געווען המן־גראַגערס געמאַכט פון זילבער. די רביים אַליין האָבן בשעתן לייענען די מגילה בלויז געטופּעט מיט די פיס ווען מען האָט דערמאָנט דעם נאָמען המן.

דאָס פאַרשטעלן זיך אין פורים

דער מנהג פון פאַרשטעלן זיך אין פורים איז גאָר אַן אַלטער. בפרט איז ער געווען פאַרשפּרייט אין איטאַליע. שוין מיט אַ פיר הונדערט און עטלעכע און פופציק יאָר צוריק שרייבט דער גאון ר׳ יהודה מינץ, אין זיין שו״ת מהר״י מינץ, אַז ער האָט דערלויבט, אַז מענער זאָלן זיך פאַרשטעלן און פאַרקליידן פאַר פרויען, כאָטש די רבנים אין דייטשלאַנד האָבן דאָס שטרענג פאַרבאָטן.

דער ב״ח אין פוילן (ר׳ יואל בן שמואל סג״ל יפ״ה סירקיס, גערופן ב״ח אויפן נאָמען פון זיין הויפּט־ווערק „בית חדש״) האָט נישט געקאָנט מוחל זיין דעם איטאַליענישן רב ר׳ יהודה מינץ, פאַרוואָס יענער האָט מתיר געווען צוליב שמחת פורים צו מאַכן מאַסקאַראַדן און ער איז שטאַרק מתרעם אויף דעם פאַרשפּרייטן מנהג, וואָס מען פאַרשטעלט זיך אין פרעמדע קליידער, מאַנסבילן אין ווייבערישע מלבושים און ווייבער אין מענערשע, און קיינער פּראָטעסטירט ניט קעגן דעם. „נאָך ערגער איז דאָס — קלאָגט זיך דער ב״ח — וואָס מענטשן טוען־אָן מאַסקעס אויף די פּנימער, כדי מען זאָל זיי ניט דערקענען... דאָס טאָר ניט דערלאָזט ווערן, ניט אין פורים און ניט אויף חתונות״.

אין דעם „מנהגים־בוך״ פון וואָרמס, וואָס עס האָט פאַרפאַסט דער שמש נאָמען פון דער קהלה, יפתח יוסף יוזפּא בן נפתלי הערץ לעווי, פון דער פאַמיליע מנצפך (געבוירן 1604 אין פיורדא, געשטאָרבן 1678 אין וואָרמס) ווערט באַשריבן, ווי אַזוי די בחורים האָבן זיך פאַרשטעלט אין די טעג פון פורים:

„שבת נאָך פורים, באַלד אין דער פרי, גייען בחורים אין אַ הויז, וואָס איז ווייט פון דער שול, און טוען דאָרט אָן די שבתדיקע אויבער־מאַנטלען, וואָס הייסן „זייט־מאַנטל״. דאָס איז אַ מאַנטל מיט אַ פאַרנייטן רעכטן אַרבל (זע דר. י. צינבערג: „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״, פינפטער באַנד, זייט 90). יעדער פון זיי טראָגט אויפן קאָפּ אַ מיטרע (אַ שפּיציק היטל), ווי דער שטייגער איז, אָבער ניט לשם טרויער. אַרויסגייענדיק פונם הויז מאַרשירן זיי פאָרוויז, איינער לעבן צווייטן. פאָראויס שפּאַנט אַ יינגל, זייערער אַ משרת, וואָס ווערט גערופן „קנעל־גבאי״. דער

דאָזיקער „קנעל־גבאי" איז אָנגעטאָן אין נאַרן־קליידער, טאַנצט און מאַכט כלערליי נאַרישע שטיק. פאַר די בחורים גייען די „גבאים", און יעדער פון זיי טראָגט אין דער האַנט אַ שטעקן מיט געמעלעכצן (מקל מצויר). נאָך די גבאים גייט אַ גאַנצע גרופּע בחורים. אַזוי שפּאַנט עס דער גאַנ־צער קאַראַהאַד מיט גרויס יובעל, ביז זיי קומען צו דער שול. אין דער שול זעצן זיי זיך אויס אויף דער בימה. הגם אַ גאַנץ יאָר זיצן אויף דער בימה די בעלי בתים, אָבער אַז עס קומט דער דאָזיקער שבת, גייען די בעלי בתים אַראָפּ פון דער בימה, כדי פּלאַץ צו מאַכן פאַר די בחורים".

עס ווערט דאָן געגעבן איבערגעגעבן ווי אַזוי די בחורים ווערן דערנאָך געבענטשט פון אב־בית־דין און ווי אַזוי מען רופט זיי אויף צו עליות און ווי אַזוי זיי פאַרברענגען דעם שבת.

אינעם מנהגים־בוך ווערט אויך ווייטער באַשריבן, ווי די בחורים זיינען זיך נוהג אין פורים: „אויף פורים נייען די בחורים אַרום זייערע היטלען, וואָס זיי טראָגן אויף די קעפּ, אַ קליינעם קראַנץ, וואָס זיי רופן „קרענצכען מיט פלידערלעך". די דאָזיקע קרענצלעך נעמען די בחורים ניט אַראָפּ פון די היטלען כל זמן זיי האָבן נאָך פון דעם וויין, וואָס זיי האָבן באַקומען אויפן צעטל. (די פּרנסים גיבן די בחורים אַ צעטל, וואו ס'איז פאַרשריבן וויפיל וויין עס וועט זיי געבן יעדער ראש־בית באַזונדער.)

„נאָך פורים ווערן די בחורים פאַרבעטן צו אייניקע חשובע בעלי־בתים אַהיים. דאָרט באַקומען זיי צו עסן די סעודת פורים. די בחורים ברענגען מיט זיך אַ סך פון דעם וויין, וואָס זיי האָבן באַקומען אויפן צעטל און טרינקען און זיינען זיך משמח, איין טאָג ביי איין בעל־הבית און צו־מאָרגנס ביי אַ צווייטן. די דאָזיקע סעודות זיינען אַ רשות־זאַך; מען צווינגט קיינעם ניט פון די בעלי־בתים, אַז ער זאָל פאַרבעטן די בחורים צו זיך אַהיים און מאַכן פאַר זיי אַ סעודה, נאָר ווער עס וויל דערפילן די דאָזיקע מצוה און זיך משמח זיין מיט די בחורים, וואָס לערנען תורה, וואויל איז צו אים..."

אויך ר' יוסף יוזפא פון פראַנקפורט ד'מאַין, דער מחבר פון מנהגים־בוך „יוסף אומץ" (דאָס בוך איז פאַרענדיקט געוואָרן אין יאָר 1630), דער־ציילט וועגן דעם מנהג פון פאַרשטעלן זיך אין פורים. ער בעט נאָר, אַז ביים „מנהג" פון „שינוי בגדים", זאָל מען, למען השם, ניט עובר זיין קעגן האַרבן פאַרבאָט פון שעטנז, וואָרים דאָס איז דאָך אַן „איסור דאורייתא"...

אויך דער רמ"א (ר' משה איסרלש) פון קראָקע, האַלט, אַז עס נישטאָ קיין איסור אין דעם, וואָס מען איז זיך נוהג אָנצוטאָן מאַסקעס אין פורים און אַ מאַנסביל טוט אָן אַ קלייד פון אַ פרוי און אַ פרוי — מענערשע מלבושים, ווייל די כוונה איז בלויז זיך משמח צו זיין (שו"ע או"ח סימן תר"צ, סעיף י"ז).

ניט אַלע רבנים האָבן אָבער געהאַלטן אַזוי ווי דער רמ"א. נאָענט צו

יענער צייט, ווען עס האָט געלעבט דער רמ״א אין קראָקע, איז אַרויסגע־קומען איינער פון די רבנים אין פּראַג, ר׳ שלמה אפרים איש לונטשיץ, דער בעל „עוללות אפרים״, מיט אַ געוואַלד קעגן דעם מנהג פון אָנטאָן מאַסקעס אויף די פּנימער אין פּורים, און קעגן דעם, וואָס פרויען טוען זיך אָן מענערשע מלבושים, אַזוי אַז מען דערקענט זיי גאָר ניט און מ׳ווייסט ניט „מי ומי ההולכים״.

אָבער טראָץ די אַלע איסורים פון די רבנים, אין די פאַרשידענע צייטן און אין די פאַרשידענע לענדער, האָט דער מנהג פון פאַרשטעלן זיך אָנגעהאַלטן ביי יידן אין יעדן לאַנד באַזונדער אויף אַן אַנדערן אופן און דער מנהג איז שטאַרק באַליבט געוואָרן אין ארץ־ישראל.

אויך אין די פאַרשידענע רבייאישע הויפן האָט מען זיך פאַרשטעלט און געמאַכט דעם גרויסן „פּורים־קידוש״.

אויך פלעגן פאַרשטעלטערס אויפפירן פאַרשידענע פּורים־שפּילן, ווי „מכירת יוסף״, „יעקב און עשו־שפּיל״ און „אחשורוש־שפּיל״.

דער פּורים־רב

אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע איז געווען פאַרשפּרייט דער מנהג פון מאַכן אַ פּורים־רב. דער דאָזיקער מנהג איז געווען באַזונדערס אָנגענומען אין די ישיבות אין ליטע. אויך אין די רבייאישע הויפן איז געווען פאַרשפּרייט דער מנהג צו מאַכן באַלד נאָך ראש חודש אדר אַ „פּורים־רב״, וואָס ער איז אויך געוואָרן באַטראַכט פאַר אַ „פּורים־רבי״. און אויב אין די ישיבות האָט דער פּורים־רב געדאַרפט זאָגן אַ „פּורים־פּשטל״, האָט דער „פּורים־רבי״ אין די רבייאישע הויפן געדאַרפט זאָגן חסידישע תורות... דער אמתער רבי פלעגט אָװעקזעצן דעם פּורים־רבי אויבנאָן נעבן זיך.

אין דער וואָלאָזשינער ישיבה האָט מען דעם פּורים־רב אויך געגעבן אַ „כתב רבנות״.

דער דינאָווער רבי, ר׳ הירש מלך שפּירא, גערופן אויך אויף זיין הויפּט־חיבור „בני ישׂשכר״, האָט געהאַט אַ מנהג, אַז פון ראש חודש אדר אָן ביז פּורים האָט ער אַלע קוויטלעך, וואָס מען האָט אים געגעבן, באַ־האַלטן פאַר דעם „פּורים־רבי״ און דער „פּורים־רבי״ האָט ביי דער סעודה דורכגעלייענט אַלע קוויטלעך, און װעמען דער „פּורים־רבי״ האָט אָנגע־וואונטשן, דער איז געווען זיכער, אַז ער וועט געהאָלפן ווערן.

ביים רבין ר׳ דודל טאַלנער איז דער פּורים־רבי געווען זיין חסיד ר׳ לייבעלע מיכאלס. דער רבי ר׳ דודל טאַלנער איז געווען אַ גרויסער אוהב נגינה. ער האָט זייער ליב געהאַט זינגען. ר׳ לייבעלע מיכאלס איז געווען אַ גרויסער בעל מנגן. פלעגט ער אין פּורים ווערן אַ דיריגענט און פאַר־שטעלטע „קאָזאַקן״ און „טערקן״, רייטנדיק אויף פערד איבער דער שטאָט,

זיינען אַריין אין רבינס הויף און האָבן געזונגען פאַרשידענע נגונים און די שמחה איז געווען גרויס.

דער „פורים־רבי" פלעגט זאָגן פאַרשידענע „פורים־תורהס", הלצה־לעך, און דער עולם האָט זיך זייער משמח געווען.

איינמאָל האָט זיך דער „פורים־רבי" פאַרשטעלט פאַרן קעניג אחשורוש און ער איז אַריין מיט זיינע „שרי פרס ומדי" צום רבין.

דער רבי ר' דודל טאַלנער האָט אויפגענומען דעם „קעניג אחשורוש" אַזוי ווי עס פאַסט פאַר אַ קעניג. ער האָט אים געזעצט אויף אַ שטול אויבנאָן און האָט זיך מיט אים צעשמועסט וועגן דעם מצב פון די יידן אין זיין מדינה. אינמיטן שמועס האָט אים ר' דודל טאַלנער געבעטן ער זאָל אַראָפּנעמען די גזרות אויף יידן.

אָבער דער „קעניג אחשורוש" האָט זיך עפּעס מוראדיק פאַרעקשנט און ניט געוואָלט נאָכגעבן דעם רבין.

ר' דודל טאַלנער איז געבליבן זיצן אַ פאַרמרה־שחורהטער, און חסידים האָבן באַמערקט ווי ער ווישט אויס אַ טרער פון זיין אויג.

חסידים האָבן דערנאָך דערציילט, אַז ר' דודל טאַלנער האָט געזאָגט, אַז ווען דער „קעניג" וואָלט אים געווען דעמאָלט צוליב געטאָן, וואָלטן אַ סך גזרות בטל געוואָרן אויף יידן אין רוסלאַנד, ווייל דער פאַרשטעלטער „קעניג אחשורוש" האָט געהאַט אין יענער שעה דעם כח מבטל צו מאַכן אַלע שווערע גזרות, וואָס דער צאַר האָט דעמאָלט געהאַט אַרויסגעגעבן אויף יידן...

אין אַ סך חסידישע שטעטלעך איז אויך געווען אַ מנהג אויפצונעמען אַ „פורים ראש הקהל". און גאַליציאַנער חסידים דערציילן, אַז אין דעם שטעטל רודניק (גאַליציע), וואו עס האָט אין זיינע יונגע יאָרן געוואוינט דער סאַנדזער רבי ר' חיים האַלבערשטאַם, האָט מען איינמאָל פאַר פורים אויפגענומען אַ נייעם „פורים ראש הקהל". דער דאָזיקער „פורים ראש הקהל" האָט, פאַר הלצה־וועגן, אַרויסגעשיקט אַ „כתב רבנות" צום רב ר' אברהם פון דעם דערבייאיקן שטעטל אולינאָוו (ר' אברהם איז געווען דער מחבר פון ספר „תולדות אברהם" אויף ש"ס און אַ זון פון גאון ר' יצחק חריף פון סאַמבאָר).

אין דעם „כתב־רבנות" האָט מען אים געשריבן, אַז מ'האָט אים אויפגענומען פאַר אַ רב אין רודניק און מען פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל למען השם קומען קיין רודניק אין פורים, איבערצונעמען דאָס רבנות, און ער זאָל קומען צוזאַמען מיט זיין ווייב און קינדער און מיטברענגען אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט.

אויפן „כתב רבנות" זיינען געווען אונטערגעשריבן אַ סך חשובע בעלי־בתים, וועלכע זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אינעם „פורים קהל". און צווישן די חתימות איז אויך געווען די חתימה פון דעם שפּעטערדיקן

סאַנדזער רבין ר׳ חיים האַלבערשטאַם, וועלכער, הגם ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגערמאַן, איז ער אָבער שוין געווען באַוואוסט פאַר אַ גרויסן גאון.

און פורים אינדערפרי, נאָכן לייענען די מגילה, האָט זיך פלוצים באַוויזן אין שטעטל רודניק אַ פאַר פורן, אָנגעפּאַקט מיט מעבל, כלים און ספרים, און אין איין בויד איז געזעסן דער אולינאָווער רב ר׳ אברהם, צוזאַמען מיט זיין ווייב און קינדער.

די רודניקער יידן האָבן זיך זייער געחידושט, וואָס דער אולינאָווער רב האָט פאַרלאָזט אין פורים זיין שטעטל, אָבער דער אולינאָווער רב האָט תמימותדיק געענטפערט, אַז ער האָט דערהאַלטן אַ „כתב רבנות" מיט די אונטערשריפטן פון חשובע בעלי־בתים און צווישן זיי אויך די חתימה פון ר׳ חיים סאַנדזער, האָט ער געמוזט קומען צו פאָרן, כדי מקיים צו זיין די דברי חז״ל, וואָס האָבן געזאָגט „מצוה לשמוע דברי חכמים" — עס איז אַ מצוה צו הערן די רייד פון די חכמים. (חגים ומועדים)

דער „פורים־מלך" ביים זידיטשויווער רבין

ביים רבין ר׳ הערשעלע זידיטשויווער איז געווען אַ חסיד מיטן נאָמען ר׳ קאָפּל.

איינמאָל, אום פורים האָט ר׳ קאָפּל זיך פאַרשטעלט ביים רבין פאַר אַ מלך. ר׳ קאָפּל איז אַריינגעקומען צו דער סעודה פון רבינס טיש אָנגעטאָן ווי אַ „מלך", צוזאַמען מיט זיין „קעניגלעכער סוויטע".

דער רבי ר׳ הערשעלע זידיטשויווער האָט אָפּגעגעבן דעם „מלך" גרויס כבוד, אַזוי ווי עס פאַסט פאַר אַ קעניג, ער האָט אים געזעצט אויבנאָן אויף אַ שטול און ער האָט געבעטן דעם מלך, ער זאָל מבטל מאַכן די גזירה פון אָפּצאָלן אַ ספּעציעלן שטייער אויף ליכט און פלייש, וואָס די עסטרייכישע רעגירונג האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן, און דער מלך זאָל מבטל מאַכן די צווייטע גזירה פון נעמען יידן צו מיליטער.

דער זידיטשויווער רבי האָט שטאַרק געבעטן דעם „מלך" און פאַר אים געוויינט, ער זאָל ביידע גזירות מבטל מאַכן.

אַז די חסידים האָבן געזען, אַז דער רבי אַליין בעט אַזוי שטאַרק דעם „פורים־מלך" און וויינט פאַר אים מיט דמעות שליש, ער זאָל די צוויי גזירות בטל מאַכן, האָבן זיי אויך געבעטן דעם „מלך" ער זאָל צוזאָגן דעם רבין, אַז ער וועט די גזירות מבטל מאַכן.

אָבער דער שטן האָט זיך אַריינגעלייגט און ר׳ קאָפּל, זייענדיק אַביסל מבושם פון טרינקען צופיל משקה, האָט נישט פאַרשטאַנען דעם רבינס כוונה, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט און האָט בשום אופן נישט געוואָלט מבטל מאַכן די גזירות. דער רבי ר׳ הערשעלע האָט געוואָלט מפתה זיין דעם „מלך", האָט ער אים געגעבן נאָך אַ כוס ווייַן צו

טרינקען, האָט געהייסן די חסידים זיי זאָלן פריילעך מאַכן דעם „מלך״. אָבער דער „מלך״ האָט זיך פאַר׳עקשנ׳ט: ניין און ניין! די גזירות קאָן ער נישט מבטל מאַכן. האָט דער רבי געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: פאַרפאַלן, און איז אַוועק אַ טרויעריקער פון טיש.

און צומאָרגנס, ווען ר׳ קאָפּל האָט זיך אויסגעניכטערט, האָט ער זיך ערשט דערמאָנט וואָס פאַר אַ נאַרישקייט ער האָט אָפּגעטאָן, אָבער עס איז שוין געווען צו־שפּעט...

די גזירות פון ליכט און פלייש־שטייער זיינען טאַקע בטל געוואָרן, אָבער די גזירה צו נעמען יידן צו מיליטער־דינסט — נישט.

(פאר מקדישים)

אַ פאָלק וואָס גיט אַרויס אַ סך מרדכי׳ם

דער רבי ר׳ יצחקל וואָרקער האָט אַמאָל פּורים געזאָגט: עס שטייט אין דער מגילה: „כי הגידו לו את עם מרדכי״ — מען האָט המנען דערציילט, אַז דאָס איז אַ פאָלק פון מרדכי׳ס — אַ פאָלק וואָס איז ביכולת אַרויסצוגעבן אַ סך מרדכי׳ס, און אויב אַזוי, טאָ וואָס וועט ער האָבן דערפון, וואָס ער וועט אומברענגען דעם איינעם מרדכי, ווייבאַלד אויף זיין אָרט וועט באַלד אויסוואַקסן אַ צווייטער?...

אַז מען איז צעשפּליטערט קען מען לייכט בייקומען

דער ראָפּשיצער רבי האָט אַמאָל פּורים געזאָגט: עס שטייט אין דער מגילה: „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים״, ישנו — דאָס פאָלק לעבט, ווייל — עם אחד — ווייל זיי פלעגן זיך ביז איצט האַלטן אין אחדות, אָבער היינט זיינען זיי — מפוזר ומפורד בין העמים — צעשפּליטערט און צעריסן צווישן זיך, דעריבער איז איצט לייכט זיי בייצוקומען...

פאַרוואָס האָט המן געוואָלט אויסהרגענען די יידן אין איין טאָג?

דער רבי ר׳ שלמה קאַרלינער האָט אַמאָל פּורים ביי דער סעודה, בדרך הלצה, געזאָגט: „פאַרוואָס האָט המן געוואָלט אויסהרגענען אַלע יידן אין איין טאָג? ווי עס שטייט אין דער מגילה: „להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים... ביום אחד״, פאַרוואָס האָט המן נישט געטראַכט צו מאַכן די שחיטה אויף די יידן אין עטלעכע טעג? אפשר וועט זיך אין איין טאָג איינגעבן אַ צאָל יידן זיך אויסצובאַהאַלטן?

נאָר המן, דער צורר היהודים, האָט געוואוסט אַז ער האָט צו טאָן מיט יידן, וואָס מיט זיי קאָן געשעען נסים, האָט ער זיך באַוואָרנט, אַז טאָמער וועט זיך אים דער פּלאַן נישט איינגעבן און ער וועט ענדיקן

מיט אַ מפּלה, זאָלן כאָטש די יידן נישט האָבן מער ווי איין טאָג פּורים, נישט עטלעכע טעג. (שמע שלמה)

דאָס זעלבע ווערט געבראַכט אין נאָמען פון רבין ר׳ אברהמעלע סאַכאַטשאָווער, אַז ער פלעגט יעדן פּורים דאָס דערציילן ווי אַ מעשה וועגן אַ „קראָקאָווער פּיאַק״, וואָס פלעגט שיכורן אַ צוויי וואָכן פאַר פּורים און אַ צוויי וואָכן נאָך פּורים, ווייל ער האָט געזאָגט אַז ער האָט געוואוסט די אמתע כוונות פון המנען, אַז ער האָט געוואָלט פאַרקלענערן די יידישע שמחה, אָבער אין דער אמתן דאַרף מען זיך משמח זיין אַ גאַנצן חודש... (זע: ויקהל משה, חלק א׳, זייט 228).

פאַרוואָס מען זאָגט נישט קיין קדיש נאָכן לייענען די מגילה

דער רבי ר׳ יצחקל וואָרקער האָט אַמאָל פּורים, בדרך הלצה, געזאָגט: „דעריבער זאָגט מען קדיש נאָך מגילת קהלת, רות, שיר השירים, און נישט נאָך מגילת אסתר, ווייל המן האָט נאָך זיך קיין קדיש נישט איבערגעלאָזט...״

פאַרוואָס דער „אוהב ישראל״ האָט פּורים ליב־באַקומען געלט

דאָס ערשטע יאָר ווען דער רבי ר׳ אברהם יהושע העשל, גערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר „אוהב ישראל״, איז געקומען פון אַפּט קיין יאַס, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב, האָבן די בעלי־בתים פון שטאָט אין פּורים אים געשיקט שלח מנות גילדענע רענדלעך. דער אַפּטער רבי האָט גענומען די רענדלעך אין דער האַנט אַריין און האָט זיך מיט זיי געשפּילט. האָט זיך שטאַרק געחידושט זיין זון ר׳ יצחק מאיר, און ער האָט זיך געווענדט צו זיין פאָטער און אים געפרעגט:

— טאַטע, האָסטו דען משנה געווען די מידה פיינט צו האָבן געלט?

האָט דער אַפּטער רבי אים געענטפערט:

— אַ גאַנץ יאָר בין איך מבזה דאָס געלט און עס איז גאָרנישט ווערט אין מיינע אויגן, אָבער היינט, ווען עס איז אַ מצוה צו געבן מתנות לאביונים, וועט דאָך אויסקומען, אַז איך גיב די אָרעמעלייט, דאָס וואָס איז ביי מיר גאָרנישט ווערט, דערפאַר שפּיל איך זיך מיט די רענדלעך, עס זאָל זיך אין מיר דערוועקן אַ חשק צו וועלן האָבן דאָס געלט און ערשט דעמאָלט, וועל איך דאָס געלט צעטיילן צווישן די אָרעמעלייט און מקיים זיין די מצוה פון מתנות לאביונים... (ספורי חסידים)

ווי גרויס די מידה פון שמחה איז

רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט אַמאָל פּורים ביי דער סעודה געזאָגט: זעט ווי גרויס די מידה פון שמחה איז: „עס שטייט אין מגילת

אסתר: „ויצא המן ביום ההוא שמח וטוב לב", ווייל המן האָט געוואוסט זיך צו באַנוצן מיט דער וויכטיקער מידה פון שמחה, האָט ער לכתחילה מנצח געווען מרדכי'ן, וועלכער איז געווען שרוי בעצבות...

אין יעדן דור איז פאַראַן אַ מרדכי און המן

דער רבי ר' ברוכל מעזשיבעזשער האָט געזאָגט:

פונקט אַזוי ווי אין יעדן דור איז יעדער מענטש מחויב צו פילן ווי ער אַליין וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, אַזוי ווי עס שטייט: „בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים", אַזוי דאַרף יעדער ייד פאַרשטיין, אַז אין יעדן דור איז פאַראַן אַ מרדכי און המן. די משנה זאָגט: „הקורא את המגילה למפרע לא יצא" (ווער עס לייענט די מגילה פריער, פאַר פורים, איז ער נישט יוצא), מיינט מען אַז: ווער עס לייענט די מגילה למפרע — אַז דער נס איז געשען בלויז אַמאָל — דער איז נישט יוצא, ווייל אין יעדן דור דאַרף יעדער ייד גלויבן, אַז עס איז פאַראַן אַ מרדכי און המן און ס'וועט געשען אַ נס אַזוי ווי אין פורים.

און איינמאָל, האָט אַ גביר געשיקט דעם רבין ר' ברוכל שלח־מנות אַ גרויסע סומע געלט, האָט דער רבי נישט געוואָלט נעמען דאָס געלט און ער האָט געזאָגט צום שליח, אַז ווען ער האָט געלייענט די מגילה, איז אים איינגעפאַלן אַז דער פירוש פון דער משנה „הקורא את המגילה למפרע לא יצא" — איז פון לשון „פרעון", באַצאָלן, דאָס מיינט, אַז ווער עס לייענט די מגילה כדי מען זאָל אים באַצאָלן — איז נישט יוצא... (סיפורי חסידים)

דער לעכאָוויטשער רבי איז אַ מליץ טוב אויף יידן

צום רבין ר' נח לעכאָוויטשער איז אַמאָל, שוין פורים אין דער פרי, אַריינגעלאָפן אַ ייד אַ שניידער, אַן ערלעכער און תמימותדיקער ייד, מיט אַ געוואַלד:

— רבי, — מאַכט דער ייד, — איך בין געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין, האָב איך געזען אויפן מאַרק שטיין יידן און קויפן ביי אַ גוי האָלץ, פרעג איך אייך — איז דער ייד געווען אויסער זיך — פורים דאַרף מען דאָך דאָס גאַנצע געלט אַוועקגעבן אויף צדקה, איז פון וואַנען האָבן זיי שוין באַלד אין דער פרי פריש געלט צו קויפן האָלץ אויפן מאַרק?

פאַרטראַכט זיך אַ רגע דער לעכאָוויטשער רבי און ענטפערט:

— פאַרשטייסטו מיך, דאָס קויפן די יידן, וועלכע האָבן נעכטן גענומען צדקה...

פורים ביים ראַזוואַדאָווער רבין

...איר פרעגט פאַרוואָס איך בין זיך נישט משמח היינטיקן פורים? איר פרעגט פאַרוואָס איך פריי זיך נישט? — האָט דער ראָזוואַדאָווער „מקורב" געזאָגט — איר האָט רעכט, וואָרים וואָס ווייסט איר וואָס עס הייסט אמתע שמחה — שמחה, וואָס קומט אַרויס פון האַרצן? ביי אייך איז שמחה און לאַכן דאָס זעלבע. אָבער אין דער אמתן איז אַ גרויסער חילוק צווישן זיי.

שמחה איז עפּעס אַנדערש און לאַכן איז עפּעס אַנדערש. די יידישע שמחה איז בבחינת „עוז וחדוה במקומו" — זי דאַרף זיך געפינען אין פּנימיות, אינעם תוך פון האַרצן. צו אַזאַ שמחה קען מען דערגרייכן אפילו בלויז דורך אַ שטיקל הערינג מיט אַ בולקעלע ביי אַ מלוה־מלכה, דורך אַ קאַפּיטשקעלע בראַנפן, דורך אַ גוט וואָרט פון רבין, דורך אַ חסידישער מעשה און דורך אַ חדוהדיק ניגונדל.

לאַכן איז גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס איז בלויז חיצוניות. עס איז אַ שמחה לשעה, אַ שחוק עובר, און עס שמעקט אויך מיט תאוה, מיט הוללות און ליצנות. און דאָס איז דער סוד פונם פּסוק „אל תשמח ישראל אל גיל כעמים" — אַ ייד קאָן זיך גאָר נישט פרייען אויפן זעלבן אופן ווי „זיי", די אַנדערע אומות טוען...

איז טאַקע דער שבתדיקער טיש ביים ראַזוואַדאָווער רבין זצ"ל געווען תמיד אימהדיק. מ'האָט נישט געטאָרט געבן קיין פּינטל מיט קיין אויג. אַלץ איז געווען פול מיט פּחד. האָבן דאָך חסידים געוואוסט, אַז דער רבי איז בבחינת יראה. יעדעס וואָרט איז געווען געוואויגן און געמאָסטן.

אַנדערש איז אָבער געווען פורים. דעמאָלט, האָבן חסידים געזאָגט, איז דער רבי בבחינת אהבה — אַלע זיינען ממש געוואָרן מקורב צו אים. פורים האָט דער רבי אַליין געגעבן אַ שמייכל ביים טיש, ווען דער פורים־רב האָט געזאָגט זיינע פורים־תורות. דער שמייכל אויפן רבינס פּנים האָט זיך צעגאָסן און מען האָט אויך אַמאָל געקאָנט הערן ווי דער רבי האָט געגעבן אַ לאַך. דעמאָלט האָבן שוין אויך חסידים געלאַכט בפּה מלא.

און דער רבי אַליין האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע מקורבים:

„פורים איז אַן עת רצון זיך מתגבר צו זיין איבערן ס"ם, דעם שטן, וואָס ווערט אָנגערופן עמלק, מבטל צו זיין זיינע קטרוגים אויף דער כנסת ישראל. כדי אים אָפּצונאַרן, מוז מען זיך פאַרשטעלן אין זיינע מלבושים, זיך נוהג זיין מיט זיינע מנהגים, כדי ער זאָל אונז באַטראַכטן פאַר „אחד משלהם", אויף ווען עס איז נישטאָ מער וואָס מקטרג צו זיין, און אַזוי ווי ער איז נאָר מסיח דעת פון אונז, איז גרינג מבטל צו זיין

יעדן גזר־דין, וואָס הענגט איבער די יידישע קעפּ. דאָס מיינט די גמרא: „חייב אדם לבסומי בפוריא" — אַ ייד דאַרף זיך אָנשיכורן אין פּורים, אָננעמען פאַר אַ וויילע דעם שטנס מנהגים, כדי אים אָפּצונאַרן. אָבער נאָר אויף אַ באַשטימטן גבול. מען דאַרף וויסן ווען אויפצוהערן, כדי די שמחה זאָל זיין אַ שמחה של מצוה...

און מען האָט דאָס טאַקע געקאָנט זען ביים רבין אַליין. אָט האָט דער אַלטער ר' נח, וואָס איז געווען דער פּורים־רב ביים רבין, משמח געווען דעם רבין מיט זיינע פּורים־תורות. דער רבי האָט אַ שמייכל געגעבן, דער עולם האָט געלאַכט, אָבער פּלוצלינג האָט דער רבי אָנגעהויבן צו זינגען אַליין דאָס קאַפּיטל תהלים וואָס מען זינגט פּורים ביים טיש: „למנצח על אילת השחר"... און שוין האָבן זיך אָנגעהויבן צו קייקלען טרערן פון דעם רבינס אויגן איבער די אויסגעבלייכטע באַקן אין דער גראָער באָרד אַריין. דער רבי האָט געזונגען מיט זיין מתיקותדיק קול דעם סקאַרבאָווען ראָפּשיצער ניגון און ער האָט געצויגן די ווערטער: „אלי אלי למה עזבתני, רחוק מישועתי דברי שאגתי", און מען האָט געפילט, אַז דער רבי טוט איצט תפילה, שרייט און בעט: „מיין גאָט, מיין גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט? וויט פון מיין הילף זיינען די ווערטער פון מיין געשריי..." און אַז חסידים האָבן געזען, אַז דער רבי וויינט, האָט מען מיטגעזונגען און מיטגעוויינט, האָט אויך דער אַלטער נח פאַרגעסן, אַז ער איז פּורים־רב, און עס איז געווען אַ געוויין פון שמחה...

אָבער אַנדערש איז געווען אינעם לעצטן פּורים פון רבין זצ"ל.

אויסגעפאַלן איז דעמאָלט פּורים אין זונטיק, האָט מען זיך שוין משמח געווען פון פרייטיק אָן.

שבת־צו־נאַכטס, באַלד נאָך הבדלה, ווי נאָר מען האָט געלייענט די מגילה, איז שוין געשטאַנען דעם רבינס קאַפּעליע און מען האָט געשפּילט אַ „המבדיל" און אַ „שושנת יעקב".

אמת די קאַפּעליע האָט נישט געקענט קיין נאָטן, אָבער אַז די קאַפּעליע האָט זיך צעשפּילט איז געווען וואָס צו הערן. דער אַלטער ר' נח, דער פּורים־רב, איז דעמאָלט געוואָרן דער קאַפּעלמייסטער. ער האָט געהאַלטן אַ לאַנגן שטעקן מיט אַ מעשענעם קנאָפּ מיט רויטע טראַלדן, וואָס האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון אים און ער האָט געדרייט מיטן שטעקן הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, אַזוי ווי מען שאָקלט מיטן לולב, און די קאַפּעליע האָט משמח געווען דעם רבין און דאָס איז געווען דער עיקר.

דער רבי אַליין האָט שטאַרק געהאַלטן פון דער קאַפּעליע. און איך בין געווען איינער פון זיי. אַז מיר האָבן זיך אויף אַ חתונה פון רבינס אַ קינד צעשפּילט, איז געווען וואָס צו הערן. איר ווייסט דאָך, אַז אויף אַלע חתונות פון דעם רבינס קינדער זיינען מיר געווען די „קאָזאַקישע מוזיק־קאַפּעליע". מיר זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין רויטע הויזן, קאַ־

צאַפּסקע היטלען, רויטע שקאַרמיצן, גרינע רעקלעך און מיט די שפּיל־כלים אין די הענט איז מען געגאַנגען אָפּשפּילן די מחותנים, — „רימפּלען״ האָט עס געהייסן.

כ׳דערמאָן זיך נאָך ווי היינט די חתונה פון רבינס יינגסטער טאָכטער, רויזעלע, דעם רבינס מוזינקע און די גאָר באַליבטסטע ביים רבין. די מחותנים זיינען געווען רוסישע, טשערנאָבילער אייניקלעך. האָט מען גע־וואָלט אין רבינס הויף זיך באַווייזן פאַר די רוסישע חסידים, אַז מיר זייַ־נען אויך נישט אַבי ווער... דער רבי אַליין האָט געוואָלט פריער אויס־הערן די מוזיק־קאַזאַקן. ער האָט געוואָלט הערן מיט זיינע אייגענע אויערן, ווי די „קאַפּעליע״ וועט שפּילן. האָט ער איינגעטיילט די קלעזמער נישט לויט דעם אויף וואָס פאַר אַן אינסטרומענט איינער האָט בעסער געקאָנט שפּילן, נאָר צו וואָס איינער איז מער ראוי. אָט, למשל, האָב איך תמיד געשפּילט אויף אַ פּידל, האָט ער געזאָגט, אַז איך זאָל שפּילן אויף דער חתונה אויף אַ פלייט, און אברהם דעם לאָמען, וואָס האָט געשפּילט אויף אַ באַס, האָט דער רבי בוחר געווען, אַז ער זאָל קלאַפּן אויף דער פּויק. נו, גיי און פרעג קשיות אויפן רבינס דרכים...

און געשפּילט האָבן מיר דעמאָלט אויף דער חתונה, אַז אַלע זיינען מוראדיק נתפּעל געוואָרן. מיר האָבן געשפּילט פאַר דער חופּה, נאָך דער חופּה, אויף די שבע־ברכות אין דער „גרויסער נאַכט״, ביים „מצוה־טענצל״, און ווען עס איז שוין געווען גרויער טאָג, און מען איז געגאַנגען חתן־כלה „פירן לייגן״, איז דער רבי אַליין מיטגעגאַנגען. ער איז שוין דעמאָלט געווען זייער שוואַך, האָט ער זיך אָנגעלענט אויף די גבאים. פאַר דער טיר פון חתן־כלהס שטוב איז דער רבי געבליבן שטיין, אָנגעהויבן צו זינגען מיט זיין האַרצעדיק קול „שימו לב אל הנשמה״, און מיר האָבן גע־שפּילט... מילא, מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען וואָס עס הייסט שפּילן, בפּרט נאָך ווען דער רבי איז מסביר מיט די ווערטער: „שימו לב אל הנשמה״.

אָט אַזאַ קאַפּעליע זיינען מיר געווען. און ווען עס איז געקומען פּורים צו דער סעודה, אין דעם לעצטן יאָר פון רבין, האָט דער רבי זיך געזעצט צו דער פּורים־סעודה. דער אַלטער ר׳ נח, דער פּורים־רב, איז שוין גע־ווען שטאַרק „געהויבן״, אַ סברא גאָר, אַז ער איז שוין געווען פאַרשניאַש־קעט פון דאָנערשטיק ביינאַכט, נאָך פון אסתר תענית אָן.

דער אַלטער ר׳ נח האָט זיך געפירט ווי אַן אמתער פּורים־רב. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין רבינס זיידענע קאַפּאָטע. דער רבי אַליין האָט אָנ־געזאָגט, אַז וואָס ער וועט באַפעלן, זאָל מען טאָן. האָט ער געגעבן אַ זינג אויס מיט אַ מגילה־ניגון: „ונהפוך הוא״, האָבן אַלע יידן, וואָס זיינען געזעסן ביים טיש געמוזט איבערדרייען די קאַפּאָטעס...

האָט דער טיש אויסגעזען זייער מאָדנע. עס זיינען געזעסן יידן מיט פאַרשידענע קאָלירטע אונטערשלאַגן פון זייערע קאַפּאָטעס. אויך דער רבי

האָט געוואָלט איבערדרייען זיין קאַפּאָטע, אָבער דער אַלטער ר׳ נח האָט געגעבן אַ וואונק צו זיין פּורים־גבאי, אַז דעם רבין דערלויבט ער צו זיצן אין זיין קאַפּאָטע ווי תמיד.

דער פּורים־רב, דער אַלטער ר׳ נח, איז געזעסן אויבן־אָן אויף אַ שטול, צוזאַמען מיטן רבין. זאָגט צו אים דער רבי: „פּורים־רבי, זאָגט תורה״.

פאַרמוחט זיך דער אַלטער ר׳ נח. הייסט די זינגערס פריער זינגען אַ ניגונדל, ברומט אַליין אונטער אַ תורה־ניגונדל, אַזוי ווי דער רבי זצ״ל פלעגט זיך נוהג זיין, און ער הייבט אָן זאָגן „פאַרוואָס האָט המן הרשע געוואָלט אויסהרגענען אַלע יידן אין איין טאָג? ער האָט דאָך עס געקאָנט טאָן אין אַ פּאָר טעג און ער זאָל מער אַ הנאה האָבן ווי מען ממיתט יידן. נאָר ער איז געווען אַזאַ שונא די יידן, אַז ער האָט זיך געטראַכט, טאָמער וועט מיט די יידן געשען אַ נס און די גזרה וועט בטל ווערן, וועלן זיי זיך מאַכן אַ יום־טוב יעדעס יאָר, עד סוף כל הדורות, טאָ זאָלן זיי זיך משמח זיין נאָר בלויז איין טאָג״.

האָט דער רבי זצ״ל געגעבן אַ שמייכל און דער פּורים־רבי האָט ווייטער געזאָגט: „עס איז מיר שטאַרק קשה, פאַרוואָס אַז מען פאַרענדיקט לייענען די אַנדערע מגילות: שיר השירים, רות, קהלת, זאָגט מען דער־נאָך קדיש — פאַרוואָס נישט נאָכן פאַרענדיקן לייענען מגילת אסתר? נאָר דער תירוץ איז, ווייל המן האָט נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין „קדיש״...

האָט זיך אויפן רבינס הדרתדיקן פּנים ווידער אויסגעגאָסן אַ שמייכל.

דערנאָך ווענדט זיך דער פּורים־רבי צום רבין און פרעגט אים: „רבי, די וועלט זאָגט אַ ווערטל: „וואָס אַרט רש״י, אַז המן בייזערט זיך״. פון וואַנען נעמט זיך דאָס דאָזיקע ווערטל? נאָר דער תירוץ איז, מחמת רש״י זאָגט פּשט כמעט אויף איטלעכן פּסוק פון דער מגילה. בלויז אויפן פּסוק „וימלא המן חמה״ זאָגט ער גאָרנישט. פאַרוואָס? קומט דערויף דער ענטפער: וואָס אַרט רש״י אַז המן בייזערט זיך...״

„אָבער איין זאַך איז מיר שטאַרק קשה, האָט דער פּורים־רבי ווייטער געזאָגט, פאַרוואָס מאַכט מען נישט קיין ברכה ביי דער מצוה פון שלוח־מנות? דער תירוץ איז, ווייל דער נוסח פון דער ברכה וואָלט דאָך גע־דאַרפט זיין „ברוך אתה... על מצות משלוח מנות איש לרעהו״ און ווער קאָן וויסן ווער פון די אַלע קרובים און ידידים עס איז ווירקלעך אַ „רעהו״, אַ פריינט? נישט איינער פון די, וועלכע דו האַלטסט פאַר אַן איבערגעגע־בענעם פריינט, איז דיר אין האַרצן גאָר אַ שונא גמור... און אויב מען זאָל ביי זיי אַלעמען מאַכן אַ ברכה „בשם ומלכות״, וועט מען דערביי זיכער נכשל ווערן אין אַ ברכה לבטלה״.

דעם רבינס אויגן האָבן אויפגעלויכטן פאַר פרייד.

מען האָט ממש געהערט, ווי דער רבי האָט כמעט אַ לאַך געטאָן. דער

פורים־רבי האָט דערנאָך אויסגערופן נעמען פון יידן, וואָס זיינען נעבעך אַ ביסל טעמפּלעך אויף דער עברי, זיי זאָלן זינגען „שושנת יעקב". דער וואָס האָט נישט געוואָלט זינגען, האָט געדאַרפט געבן קנס אַ טאָפּ מעד...

דער עולם האָט געטרונקען „לחיים" צום רבין און צום פּורים־רבין, און עס האָבן אָנגעהויבן זיך צו שטופּן חסידים צום טיש צו געבן דעם רבין שלח־מנות. מען האָט אַרויפגעלייגט אויפן טעלער אַ פּרי און אַ קיכל, איינגעוויקלט אַ מטבע אין אַ פּאַפּירל און פאַרדעקט דעם טעלער מיט אַ קאָלירטער פאַטשיילע.

אַ צאָל יידן האָבן אויך געגעבן שלח־מנות דעם פּורים־רבין, און פּלוצ־לינג קומט צו אַ דאָרפס־ייד און לייגט אַוועק פאַרן רבין אַ קוויטל מיט אַ פּדיון. ווייזט דער רבי מיט דער האַנט דעם דאָרפס־ייד, אַז ער זאָל דאָס קוויטל געבן דעם פּורים־רבין. זאָגט דער אַלטער ר' נח צום רבין: „לאָמיר זיך איינטיילן, איך וועל נעמען דעם פּדיון און איר וועט נעמען דאָס קוויטל".

זאָגט דער רבי: „ניין, היינט ביסטו רבי!"

נעמט דער אַלטער ר' נח, דער פּורים־רבי, לייענען דאָס קוויטל און גיט אַ קרעכץ: „אַזוי, אַזוי, דו בעטסט אויף אַ בן זכר. ביסט שוין אַמאָל געוועזן ביים רבין?"

„איך קום אָפט צום רבין, אָבער ער איז מיך מדחה. איך ווייס נישט פאַרוואָס. אַלע בקשות, וואָס איך שרייב אַריין אין קוויטל, הערט דער רבי אויס, אָבער אַז עס קומט צו דער דאָזיקער בקשה, זאָגט ער מיר בלויז: „גיי לחיים ולשלום, השם יתברך וועט העלפן".

„אַזוי, אַזוי", האָט דער אַלטער ר' נח, דער פּורים־רבי, זיך צעיאָכ־צעט, „ער פאַרנעמט נישט דעם צער פון די יידן, האַ?"

און דער אַלטער ר' נח האָט זיך אויסגעדרייט צום רבין און האָט אָנ־געהויבן צו אים צו רעדן פּער „דו" — ווייזט אויס, אַז ער איז שוין געווען שטאַרק אונטערן גלעזל. „איך וויל וויסן, וואָס דו זאָגסט דערצו? מען האָט דיך אויסגעוויילט, אַז דו זאָלסט זיין אַ פּועל ישועות פאַר יידן, פאַרוואָס פּירסט דו נישט אויס דיין שליחות?"

דער רבי איז זייער בלייך געוואָרן. ער האָט מיט אַ ציטערדיקער שטימע געזאָגט:

„נישט אַלץ קאָן מען אויספּועלן".

„מען דאַרף קאָנען איינשטעלן" — האָט דער אַלטער ר' נח אַ געשריי געגעבן, — „זיי אים איצט מבטיח אַ בן זכר!"

„דו האָסט היינט דעם כח. היינט בין איך אַ פּשוטער בשר ודם".

„טאָ העלף מיר צו. לאָמיר ביידע צוזאַמען אים ווינטשן".

דער רבי האָט געשוויגן.

דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער האָט זיך נישט געריכט.

„ווילסט נישט", — האָט דער אַלטער נח אַ געשריי געגעבן — „דאַרף מען דיין הסכמה נישט!"

און דער אַלטער ר' נח האָט דעם דאָרפס־ייד געוואונטשן, אַז זיין ווייב וועט פאַרגיין אין טראָגן און וועט האָבן אַ בן זכר.

דער רבי האָט גלייך אַ קנאַק געגעבן מיט די פינגער און תיכף גע־הייסן זיך אַריינפירן לייגן. ער פילט זיך שוואַך, און אין דעם זעלבן יאָר איז „דאָס" געשען...

איר ווייסט דאָך, אַז דריי טעג נאָך שבועות איז די יאָרצייט נאָך דעם אַלטן ראַזוואַדאָווער רבין, זכותו יגן עלינו.

און אין דעם זעלבן יאָר איז דער דאָרפס־ייד געהאָלפן געוואָרן. זיין ווייב איז מעוברת געוואָרן און האָט געהאַט אַ בן־זכר און מען האָט דעם קינד אַ נאָמען געגעבן „משה", נאָך דעם אַלטן ראַזוואַדאָווער רבין זצ"ל.

וואָס עס איז מיט דעם אַלטן ר' נח געשען — ווילט איר וויסן? — אויך ער האָט טייער באַצאָלט פאַר זיין צופיל איינשטעלן זיך. ער האָט נישט מוציא שנתו געווען און אין דעם זעלבן יאָר געגאַנגען פון דער וועלט.

נו, איצט וועט איר מיך שוין מער נישט פרעגן, פאַרוואָס איך זיץ אַזוי. פון זינט דעמאָלט אָן קאָן איך מיך שוין מער נישט משמח זיין...

אַי, איז דעמאָלט אַן אַנדערע וועלט געווען. אָבער איר, יונגעלייטלעך, אַז איר האָט דאָס אַלץ נישט געזען, איר דאַרפט זיך משמח זיין היינטיקן פורים, און טאַקע מקיים זיין די מצוה פון „חייב אדם לבסומי בפוריא" און טרינקען אַזוי פיל „עד דלא ידע".

אַ משלוח־מנות טעלער פון 18־טן יאָרהונדערט

למנצח על אילת השחר

ראָפּשיצער ניגון

דאָס קאַפּיטל תהלים כ"ב ווערט געזונגען פּורים ביי דער סעודה אין די ראָפּשיצער רבישע הויפן.



שושנת יעקב

געזונגען אין זשאַבנער הויף



נישט געדאַוונט

קאָצקער ניגון



אַן אַלטער קאָצקער ניגון וואָס שטאַמט אפשר פון פשיסכער רבין ר׳ שמחה בונם, אָדער פון „ייד־הקדוש״. די ווערטער זיינען:

נישט געדאַוונט,
נישט געלערנט,
אַבי דעם אייבערשטן
נישט דערצערנט,
לאָמיר נישט זאָרגן,
וואָס ס׳וועט זיין מאָרגן,
לאָמיר בעסער פאַרריכטן
וואָס מ׳האָט קאַליע געמאַכט נעכטן,
אוי, אפשר וועלן מיר עס קענען מתקן זיין,
אוי, אפשר וועלן מיר עס קענען מתקן זיין.

פסח

אַ בלעטל פון דער עלטסטער אילוסטרירטער הגדה

פסח

פסח־קערה פונים 18־טן יאָרהונדערט.

בדיקת חמץ

דער ריזשינער רבי האָט אַמאָל, נאָך בדיקת חמץ, געזאָגט:

היינט ביינאַכט איז מען נאָר בודק דאָס חמץ, און צו־מאָרגנס פאַר־ברענט מען אים.

דאָס איז דערפאַר, ווייל בלילה, ביינאַכט, אינעם גלות, וואָס ווערט אָנגערופן „לילה", פינצטערע נאַכט, קענען מיר נאָך נישט אויסרוימען און פאַרברענען די חמץ־שלעכטיקייטן און עס מוז נאָך עפּעס איבער־בלייבן...

אָבער „ביום", ווען עס איז טאָג, ווען עס וועט זיין די גאולה שלימה, וועט מען פאַרברענען דעם „חמץ" און עס וועט גאָרנישט איבערבלייבן קיין שום שלעכטס און געמיינקייט. עס וועט מקוים ווערן דער פסוק פון

ישעיה „בלע המות לנצח, ומחה ד׳ אלקים דמעה מעל כל פנים״, — דער טויט וועט זיך אויסלאָזן אויף אייביק און די טרערן פון מענטש וועלן אָפּגעוואַשן ווערן. אמן, כן יהי רצון!

ווי אַזוי מען דאַרף בודק חמץ זיין

דער רבי ר׳ הערש רימאַנאָווער פלעגט יעדער יאָר פאַר בדיקת חמץ זיך אַוועקשטעלן פאַר זיינע חסידים און זיי מעורר זיין צו תשובה און צו טאָן מעשים טובים. דערביי האָט ער תמיד דערמאָנט דעם טייטש פונם אלשיך אויפן רמ״א (סימן תל״ג) „והכיסים צריכים בדיקה״ — אַז מען דאַרף בודק זיין די בייטעלעך, צי עס געפינט זיך נישט אין זיי קיין געלט פון גניבה, גזילה און שווינדל.

וואָרום אויב בדיקת חמץ מיינט דער עיקר די כוונה מבער צו זיין דאָס שלעכטס פון זיך און אויסראַמען די עבירות, דאַרף מען ממילא גאָר שטאַרק אַכטונג געבן אויף די עבירות שבין אדם לחבירו, וואָס אַ מענטש טוט קעגן צווייטן, און זיך אויסרייניקן פון פרעמד געלט, ווייל אָן דעם פועלט מען נישט קיין שום תשובה, פילט מען נישט דעם טעם פון יציאת מצרים און דעם עונג פון זיין אַ בן חורין, ווייל די נשמה איז ווייטער אין גלות...

די חכמה פון סאַנדזער רבין

סאַנדזער חסידים דערציילן וועגן דער גרויסקייט און קלוגשאַפט פונעם אַלטן סאַנדזער רבין, ר׳ חיימל האַלבערשטאַם. איין מאָל איז צו אים אַריינגעקומען ערב פסח אַ ייד אַן אָרעמאַן און האָט אים געפרעגט אַ שאלה צי ער מעג יוצא זיין די אַרבע כוסות מיט מילך. האָט אים דער סאַנדזער רבי געענטפערט:

„צו וואָס דאַרפסטו פרעגן אַ שאלה און זיין מסופק? דאָ האָסטו דריי רייניש, גיי און קויף דיר אײן וויין צום סדר!״

ווען דער ייד איז אַרויסגעגאַנגען, רופט זיך אָן זיין זון ר׳ ברוכל:

„טאַטע, מילא, דו האָסט ניט געוואוסט אויב אַ ייד מעג יוצא זיין די אַרבע כוסות מיט מילך, פאַרשטיי איך. אָבער פאַרוואָס האָסטו אים באַדאַרפט דערנאָך געבן גאַנצע דריי רייניש? ער דאַרף דאָך ניט טרינקען וויין, וואָס זאָל זיין מובחר מן המובחר?״

„איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט בעסער תופס געווען דעם ענין — האָט דער סאַנדזער רבי אים געענטפערט — האָסטו דען ניט געזען, אַז דער ייד האָט אויך ניט געהאַט אויף קיין פלייש צום סדר? וואָרום ווען ער זאָל געווען האָבן געלט אויף פלייש וואָלט ער דאָך ניט געקאָנט קומען צו מיר און פרעגן אַזאַ שאלה, ווייל די אַנדערע צוויי כוסות מילך, נאָך דער

סעודה, וואָלט ער דאָך זיכער ניט געווען געטאָרט טרינקען אויב ער זאָל האָבן געגעסן פליישׂ... נו, האָב איך אים געמוזט געבן אַזאַ גרויסע מטבע, ער זאָל שוין האָבן אויף פליישׂ אויך..." (די זעלבע מעשׂה ווערט אויך דערציילט וועגן אַ מתנגדישן גאון.)

רביים האָבן געוואָלט אַז די חסידים זאָלן אין דער היים אָפּריכטן דעם סדר

אין אַ סך רביישע הויפן איז געווען אַ מנהג, אַז אַ חסיד האָט ניט געטאָרט קומען צום רבין אויף די ערשטע טעג פּסח. די רביים פּלעגן זאָגן, אַז פּסח, צום סדר, דאַרף יעדער ייִד זיין ביי זיך אין דער היים און אָפּריכטן דעם סדר צוזאַמען מיט זיין הויזגעזינט.

דערפאַר פּלעגן אויף די צווייטע טעג פּסח טויזנטער און טויזנטער חסידים פאָרן צו זייערע רביים.

ווערט דערציילט, אַז איין מאָל איז דער פּשעמישער רב געקומען צום ראָפּשיצער רבין אויף די צווייטע טעג פּסח צופוס, האָט זיך דער ראָפּשיצער רבי דערפון דערוואוסט, האָט ער אים געפרעגט:

„פּשעמישער רב, פאַרוואָס זענט איר געקומען אַהער צופוס?"

„ווייל די גמרא זאָגט — האָט דער פּשעמישער רב געענטפערט — אַז „חייב אָדם להקביל פּני רבו ברגל" (ראש השנה ט"ז). דאָס מיינט, אַז מען דאַרף מקבל פּנים זיין דעם רבין מיט דעם „רגל" (פוס) און ניט מיט אַ וואָגן...

פאַלאַט אַנשטאָט מרור

אַ טייל גאַליציאַנער חסידים האַלטן ניט, אַז מען מוז אויפעסן פּסח ביים סדר אַ גאַנצן כזית „מרור". אַנשטאָט כריין נעמט מען סאַלאַט. אָבער פאַראַן חסידים וואָס ווילן דאָס נישט עסן.

ראָפּשיצער חסידים מאַכן אַ גאַנץ יאָר איבער קאַרטאָפל די ברכה „שהכל" און ביים סדר איבער דעם כרפּס־קאַרטאָפל — „בורא פּרי האדמה". לאַכן פון זיי אָפּ די סאַנדזער חסידים און זאָגן, אַז דער זעלבער קאַרטאָפל, ווען ער פאַלט אַריין אין מויל פון אַ ראָפּשיצער חסיד אַ גאַנץ יאָר מאַכט דער ראָפּשיצער חסיד איבער אים אַ „שהכל", אָבער פּסח ביים סדר ווערט דער זעלבער קאַרטאָפל אַ „מיוחס", מען מאַכט איבער אים אַ ספּעציעלע ברכה „בורא פּרי האדמה".

דערציילן חסידים, אַז ווען דער ראָזוואַדאָווער רבי ר' משה האָראָוויץ, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבין ר' אליעזרל פון דזשיקאָוו, האָט זיך משדך געווען מיט דעם רבין ר' דודל שפּירא פון דינאָוו, וועלכער איז געווען אַ זון פון רבין ר' הערש מלך פון דינאָוו, האָט ער זיין יונגן איידעם

ר׳ הערש אלימלך, וואָס איז דערנאָך געווען דער באַוואוסטער בלאַזשאָווער רבי, דאָס ערשטע יאָר נאָך דער חתונה אים מיטגענומען ווען ער איז געפאָרן קיין דזשיקאָוו אויף פסח.

אין דזשיקאָוו איז געווען אַ מנהג, אַז שבת הגדול איז שוין צוגעגרייט געוואָרן דער גאַנצער סדר. אויפן טיש זיינען געשטאַנען אַלע כוסות און פלעשער וויין, עס איז צוגעגרייט געוואָרן די היסב־בעט און עס איז גע־שטאַנען די קערה.

אַ מנהג איז אויך געווען אין די ראָפּשיצער הויפן, אַז ביים סדר פלעגן זיצן די ווייבער אין דער זעלבער שטוב וואָס דער רבי. די רביצין מיט אירע טעכטער און שנורן, דינסטן און משרתטעס פלעגן זיצן צוזאַמען ביי איין טיש אין דער זעלבער שטוב וואו עס איז געזעסן דער רבי מיט זיינע זין און איידעמס און חסידים. דאָס איז געווען אַלץ צו באַווייזן, אַז עס הערשט חירות.

אויך איז געווען אַ מנהג, אַז אַלע קינדער און אייניקלעך, פון עלטסטן ביזן קלענסטן, פלעגן פרעגן דעם רבין ביים סדר די „פיר קשיות". און ווען עס פלעגט קומען צום אָנגיסן וויין פאַרן „כוס אליהו", פלעגט מען נעמען וויין פון די כוסות פון אַלע מסובים, סיי פון די מענער און סיי פון די ווייבער. מען האָט דערנאָך, נאָך „שפוך חמתך", צוריקגעגאָסן פון דעם „כוס אליהו" אין אַלע כוסות אַריין.

דער יונגער איידעם פון רבין ר׳ משה פון ראָזוואַדאָוו, דער שפּע־טערדיקער בלאַזשאָווער רבי, האָט די אַלע מנהגים ניט געקאָנט סובל זיין, און ווען עס איז געקומען צום סדר און ער האָט געדאַרפט זיין עלטער־שווער פרעגן די פיר קשיות, האָט ער בדרך הלצה אויך געפרעגט נאָך אַ קשיא: „פאַרוואָס אַ גאַנץ יאָר מאַכט מען איבער אַ קאַרטאָפל אַ „שהכל" און פסח ביינאַכט ביים סדר מאַכט מען די ברכה „בורא פרי האדמה" ?".

דער דזשיקאָווער רבי ר׳ אליעזרל איז געוואָרן זייער בלייך. די קינ־דער האָבן מורא געהאַט, אַז די הקפדה פון דזשיקאָווער רבין זאָל, חס־ושלום, ניט שאַטן דעם יונגן איידעם ר׳ הערש מלכלען.

דעם רבי ר׳ אליעזרלס קינדער, אייניקלעך און חסידים, וואָס זיינען געזעסן ביים סדר, האָבן געקוקט דעם רבין ר׳ אליעזרל אין די אויגן אַריין. דער רבי ר׳ אליעזרל האָט געשוויגן אַ ווײַלע און דערנאָך צו זיך געברומט: „אוי־וואַ, אַ האַרבע קשיא! אַ האַרבע קשיא! אָבער איצט קאָן איך דיר דאָס ניט פאַרענטפערן. קום אַריין צו מיר חול־המועד, וועלן מיר שמועסן דערפון."

די גאַנצע צוויי טעג פסח זיינען חסידים אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. מען האָט מורא געהאַט, אַז עס זאָל ניט אויסברעכן קיין מחלוקה צווישן דזשי־קאָוו און דינאָוו. סאַנדזער חסידים האָבן שוין פון לאַנג געחוזקט פון דעם מנהג, און ניט איין ראָפּשיצער יונגערמאַן, וואָס איז אַריינגעפאַלן צו

אַ שווער, אַ סאַנדזער חסיד, האָט געהאַט צוליב דעם אויסצושטיין געברענ־טע צרות, און איצט דערוועגט זיך דעם רבינס אַ קינד — דעם רבין ר׳ אליעזרל אַליין צו פרעגן די קשיא.

חול־המועד פסח האָט דער רבי ר׳ אליעזרל אַריינגערופן זיין זונס איידעם, דעם רבין ר׳ הערש אלימלך, צו זיך אין חדר־מיוחד. חסידים זיינען געשטאַנען אין דרויסן אין פּחד. זיי האָבן געציטערט אימת מוות. און ווען דער רבי ר׳ הערש אלימלך איז אַרויסגעקומען פון רבינס חדר־מיוחד איז ער געווען באַגאָסן מיט שווייס פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט גאָר ניט גערעדט דערפון. ער האָט געזאָגט, „אַז מען ווייסט ניט וואָס די תשובה וועט זיין, דאַרף מען קיין קשיא ניט פרעגן. סתם מקשן עם־הארץ!...״

און פון זינט דעמאָלט האָט דער בלאָזשאָווער רבי כל ימיו מער ניט גערעדט וועגן דעם מנהג פון כרפס־קאַרטאָפל ביים סדר אין די ראָפּשיצער הויפן...

דער טעם פון עסן אַן איי ביים סדר

פון „חתם סופר״ ווערט דערציילט, אַז ער האָט געזאָגט אַ טעם, פאַר־וואָס מען נעמט אַן איי צום סדר.

ווייל די טבע פון אַן איי איז אַנדערש פון אַנדערע מאכלים. אַן איי, וואָס מער מען קאָכט עס, אַלץ מער ווערט עס האַרטער און האַרטער.

דאָס איז דער סימבאָל פונעם יידישן פאָלק, וואָס מער מען פייניקט אים אין פייער און וואַסער, אַלץ מער ווערט ער געהאַרטעוועטער און שטאַנדהאַפטיקער אין דער אמונה, — ווי עס שטייט „וכאשר יענו אותו, כן ירבה וכן יפרץ...״

אַ חסידישער טייטש אויף „קדש ורחץ״

דער אַפּטער רבי האָט ביים סדר געטייטשט די הגדה: קדש, ורחץ, כרפס: וואָס מער אַ ייד איז זוכה צו קדושה, אַלץ מער דערזעט ער זיין שפלות, ווי וויט ער איז פון שלמות, און ער דערפילט, אַז ער מוז זיך ערשט אָפּוואַשן און מטהר זיין. דאָס מיינט, אַז דורכן „קדש״ דערזעט מען ערשט אויפסניי, אַז „ורחץ״...

אָבער מען דאַרף ניט צוליב דעם אַראָפּפאַלן ביי זיך — האָט דער אַפּטער רבי אויסגעלאָזט — נאָר נעמען אַביישפּיל פון „כרפס״ — די ירקות, וואָס ווערן באַנוצט צום סדר. זיינען זיי דאָך געלעגן אין גאַנצן אין דער ערד, דאָך ווערן זיי באַלד נתעלה ווי נאָר זיי קומען אויפן יידישן סדר־טיש, מען מאַכט איבער זיי אַ ברכה און אַזוי אַרום ווערט דערהויבן דער ניצוץ, דער הייליקער פונק, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער ערד.

דערפון דאַרף מען לערנען, זיך מתחזק צו זיין, זיך צו שטאַרקן אין

גלויבן, אַז דער מענטש קען זיך דערהייבן צו דער העכסטער מדרגה, כאָטש ער געפינט זיך אין אַ נידעריקן און ערדישן מצב...

מ'דאַרף זיך ניט מייאש זיין

דער חוזה פון לובלין האָט געטייטשט: „מזכירין יציאת מצרים בלילות", — אפילו אַז מען געפינט זיך אין דער גרעסטער פינסטערדיקער נאַכט און אין שפלות, זאָל מען זיך ניט מייאש זיין, נאָר גלויבן און האָפן, אַז מען וועט אויסגעלייזט ווערן, פונקט ווי די יידן אין מצרים, וואָס זיינען געווען פאַרשקלאַפט און דווקא אין די מינוטן פון גרעסטער שפלות איז געקומען די גאולה, און זיי זיינען אויסגעלייזט געוואָרן...

אין יעדן דור איז פאַראַן אַ יציאת מצרים

דער גערער רבי, דער „שפת אמת", האָט געזאָגט, עס שטייט: „כל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח", דער ענין פון יציאת מצרים האָט ניט קיין ענד. אין יעדן דור פילן מיר דעם שעבוד פון מצרים און מיט גאָטס רחמנות ווערן מיר אויסגעלייזט פון יאָך, אָבער מיר וואַרטן ביז עס וועט קומען די אמתע גאולה שלמה פאַרן יידישן פאָלק.

פאַרוואָס האָט דער בעל הגדה געשטעלט דעם רשע פאַרן תם?

דער ראָפשיצער רבי פלעגט זאָגן: „פאַרוואָס שטייט אין דער הגדה: אחד חכם, אחד רשע, אחד תם ואחד שאינו יודע לשאול? פאַרוואָס האָט דער בעל־הגדה געשטעלט דעם רשע פאַרן תם? מיט וואָס איז דער רשע מער מיוחס? נאָר דער תירוץ איז: אַ נאַר שטייט מיט אַ מדרגה נידעריקער פון אַ רשע. אַ רשע קאָן תשובה טאָן — און ער וועט ווערן אויס רשע; אַ נאַר אָבער איז אַ פאַרפאַלענע זאַך..."

די מאַמעס דאַרפן דערציען די קינדער

דער סאָכאַטשאָווער רבי האָט געזאָגט:

די יונגע קינדער, וועלכע האָבן נאָך ניט קיין הבנה צו פאַרשטיין די דברי תורה פונעם פאָטער, איז די מוטער מחויב אין זיי איינצופלאַנצן יראת שמים, בעת זי שפילט זיך מיט די קינדער, ביים עסן, ביים צערטלען און זיי אָפּהיטן פון שלעכטע מעשים, אָפּגעוואוינען פון שלעכטע מידות.

דעריבער זאָגט דער בעל־האגדה: „ושאינו יודע לשאול, את פתח לו." „את" איז א לשון נקבה, ווייל דאָס זאָגט מען צו דער מוטער, אַז זי זאָל עפענען דאָס האַרץ פונעם גאָר־קליינעם קינד, וואָס ווייסט נאָך גאָרנישט פון תורה און קען נאָך ניט תופס זיין דעם אמתן מהות פון יידישקייט...

„פסח, מצה ומרור"

פסח ביים סדר זאָגט מען אין דער הגדה: „פסח, מצה ומרור". איז דאָך אייגנטלעך קשה, פאַרוואָס שטייט ניט פאַרקערט: מרור, מצה, פסח? וואָרום צוערשט האָט מען פאַרביטערט די יידן זייער לעבן אין מצרים, „וימררו את חייהם", און דערנאָך ערשט האָבן זיי געגעסן מצה צום אָנ־דענק פון יציאת מצרים?

דער ענטפער איז, ווערט געבראַכט אין ספר „משנת חכמים", אין נאָמען פון רבין פון קאַרלין, אַז כדי צו פילן דעם טעם פון מרור, האָט מען קודם־כל געמוזט פאַרזוכן דעם טעם פון מצה, ווייל ערשט דערנאָך, ווען אַ מענטש איז פריי, קאָן ער דערפילן די ביטערקייט פון שקלאַפעריי...

און נאָך ווערט געבראַכט אין נאָמען פון קאַרלינער רבין:

„גדול שבחמץ הוא מרה שחורה" — גרעסער פון חמץ איז מרה שחורה.

פרעמדע בלייבן די יידן אין די גלות־לענדער

עס שטייט: „כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם"; הקדוש־ברוך־הוא — ווערט געבראַכט אין ספר „קהלת משה" — האָט מבטיח געווען צו אברהם אָבינו, אַז אין די לענדער, וואו זיינע קינדער וועלן זיך געפינען, וועלן זיי זיין גרים, — זיי וועלן זיך ניט אַסימילירן און אויסמישן מיט די אַנדערע פעלקער...

ערשט ווען די יידן זיינען אַרויס פון מצרים זיינען זיי געוואָרן רייך

אין ספר „אמרי חן" ווערט געבראַכט אַזאַ ווערטל: עס שטייט: „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול"... ערשט ווען די יידן האָבן שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין פון מצרים, האָט מען זיי געגעבן אַ גרויסן רכוש, ווייל ווען מען וואָלט זיי געווען געגעבן פריער, קאָן זיין, אַז זיי וואָלטן גאָר קיין חשק ניט געהאַט אַרויסצוגיין פון מצרים...

פאַרוואָס ציילט מען ספירה?

דער טעם פאַרוואָס מען ציילט ספירה פון פסח ביז שבועות ווערט דערקלערט אין „מנהגי מהר"י טירנא" בדרך משל: אַמאָל איז אַ קעניג געריטן אינעם וועג, האָט ער געטראָפן אַ מענטשן ליגן געבונדן אין אַ גרוב. האָט דער מלך צו אים געזאָגט: „אין אַ פופציק טעג אַרום וועל איך קומען דיך באַפרייען פון גרוב און איך וועל דיר געבן מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב". האָט ער זיך זייער געפרייט און ער האָט אָנגעהויבן צו ציילן די טעג ביז עס וועט קומען דער טאָג, ווען דער קעניג וועט אים אויסלייזן.

אַזוי האָט אויך גאָט צוגעזאָגט משהן, ווען ער האָט די יידן אַרויס־געצויגן פון מצרים, אַז אין שבועות וועט ער זיי געבן די תורה, האָבן די יידן אָנגעהויבן ציילן די טעג ביז שבועות...

דער מנהג ביי חסידים צו ציילן ספירה אויך ביי טאָג

דעם מנהג צו ציילן ספירה איז נאָר ביינאַכט, נאָך מעריב, אָבער דער רבי ר׳ מענדעלע פון רימאַנאָוו שרייבט אין זיין ספר „מנחם ציון״, אַז ער האָט זיך נוהג געווען צו ציילן ספירה אָן אַ ברכה אויך ביי טאָג („וכן נהגתי בעצמי כמה פעמים ביום בלי ברכה: היום כך וכך לעומר״). די רביים וואָס שטאַמען פון דער ראָפשיצער גזע האָבן זיך אויך אַזוי נוהג געווען.

הרב י ל. הכהן מימון (פישמאַן) ווייזט אָן אין זיין ספר: „חגים ומועדים״ (זייט קצ״ד), אַז דער דאָזיקער מנהג ווערט געבראַכט אין אַן אַלטער תוספתא, וואו עס שטייט, אַז „בני בבל אין סופרים ספירת העומר אלא בלילה ובני ארץ־ישראל בלילה וביום״ (די יידן אין בבל ציילן ספירה נאָר ביינאַכט און די יידן אין ארץ ישראל ציילן ביינאַכט און ביי טאָג). אַזוי האָט דער רבי ר׳ מענדעלע צוריק אויפגעלעבט אַ מנהג, וואָס איז געווען גאָר פאַרצייטנס אין ארץ־ישראל.

דריי גלותן זיינען פאַראַן

דער בעלזער רבי ר׳ שלום האָט געזאָגט (געבראַכט אין עבודת ישראל): „מיר געפינען אין תנ״ך דריי מאָל דאָס וואָרט פדות (אויסלייזונג). איינמאָל שטייט: „ושמתי פדות בין עמי ובין עמך״ (שמות ח׳ י״ט); אַ צווייט מאָל שטייט: „פדות שלח לעמו״ (תהלים קי״א, ט׳), און אַ דריט מאָל שטייט: „והרבה עמו פדות״ (תהלים ק״ל, ז׳). די דריי מאָל „פדות״ זיינען קעגן די דריי מיני גלותן, וואָס עס זיינען פאַראַן: א) פאַראַן אַ גלות, וואָס די יידן זיינען צווישן די פעלקער, אויף דעם זאָגט דער פסוק: „ושמתי פדות בין עמי ובין עמך״; ב) פאַראַן נאָך אַן ערגערער גלות, וואָס דער ייד איז אין גלות ביי יידן, אויף דעם זאָגט דער פסוק: „פדות שלח לעמו״; ג) דער גרעסטער גלות פון אַלע איז, וואָס דער ייד איז אַמאָל אין גלות ביי זיך אַליין. אויף אים ווערט געזאָגט: „והרבה עמו פדות״...

ר׳ נחמן בראַצלאַווער האָט געזאָגט

„כידוע, — האָט ר׳ נחמן בראַצלאַווער געזאָגט, — ווערט געבראַכט אין „לקוטי עצות החדש״, אַז דער גלות מצרים איז געווען דערפאַר, ווייל דער דעת איז געווען אין גלות״...

נאָך האָט ר׳ נחמן בראַצלאַווער געזאָגט: „דער עיקר גאולת מצרים איז געווען, מען זאָל זוכה זיין צו קבלת התורה און צו דער קדושה פון ארץ־ישראל, דערפאַר הייבט זיך אָן די גאולה אין פסח און זי ציט זיך ביז שבועות, ביז צו דער קבלת התורה. זי וועט פאַרענדיקט ווערן דעמאָלט, ווען מען וועט זוכה זיין צו דערפילן די קדושה פון ארץ־ישראל"...

אויך האָט ר׳ נחמן בראַצלאַווער געזאָגט:

„יציאת מצרים קומט פאַר ביי יעדן ייד און אין יעדער צייט, אין יעדן יאָר און יעדן טאָג איז דער מענטש בבחינת פסח און יציאת מצרים".

ר׳ נחמן בראַצלאַווער האָט אויך געזאָגט:

„דער עיקר גאולה איז תלוי אין אמונה און צו אמונה שלמה קאָן מען ניט זוכה זיין צו קומען נאָר דורך דעם אמת".

פאַרוואָס הייסט פסח „חג האביב"?

דער אַלטער בעלזער רבי האָט געזאָגט: „פאַרוואָס ווערט דער יום־טוב פסח אַמאָל אָנגערופן „חג האָביב" און דער גאַנצער חודש ניסן „חודש האביב"? ווייל אביב איז צונויפגעשטעלט פון די צוויי ווערטער „אָב—י"ב". דאָס מיינט, אַז ער איז דער פאָטער און הויפּט פון אַלע י"ב חדשים אין גאַנצן יאָר."

ווי אַזוי אַ ייד וויינט

דער רבי ר׳ בונם פון פשיסכע האָט אַמאָל פסח ביים טיש געזאָגט תורה:

ס׳שטייט: „ותרא... והנה נער בכה... ותאמר מילדי העברים זה" (שמות ה׳—י׳). פאַרוואָס שטייט עפּעס „זי האָט געזען ווי דאָס קינד האָט געוויינט", פאַרוואָס שטייט ניט: זי האָט געהערט? דער פשט איז: ווען אַ ייד איז אין צער וויינט ער ניט אויף אַ קול, נאָר שטיל אין האַרצן, דערפאַר שטייט „זי האָט געזען אים וויינען און ניט געהערט. האָט זי געזאָגט: דאָס מוז זיין אַ יידיש קינד..."

„איז גאָט אַן אמתער חסיד?"

חסידים דערציילן, אַז ווען דער רבי ר׳ אליעזרל דזשיקאָווער, דעם ראָפּשיצער רבינס זון, איז נאָך געווען אַ קינד, האָט ער אַמאָל ביים סדר געפרעגט דעם פאָטער זיינעם:

טאַטע, דו זאָגסט אין דער הגדה: „זכאי הוא, חסיד הוא", איז אויב גאָט איז אַ חסיד, זאָגט ער דאָך מסתם ויצמח פרקניה ויקרב משיחיה (חסידים זאָגן דאָס ביים קדיש זאָגן) טאָ פאַרוואָס קומט ניט משיח?...

דער אַלעקסאַנדער רבי איז מסביר אַ פּסוק מיט אַ משל

דער רבי ר׳ העניך פון אַלעקסאַנדער האָט אַמאָל פּסח ביים טיש געזאָגט תורה און איינגעטייטשט אַ פּסוק מיט אַ מעשה, אַזוי ווי זיין סדר איז געוועזן, און ער האָט געזאָגט:

עס שטייט „למה הרעותה לעם הזה, ולמה זה שלחתני" (שמות ה׳, כ"ב), משה רבינו האָט געטענהט צו גאָט: „צו וואָס האָסטו מיך געשיקט צו פּרעהן?"

מען קען דאָס מסביר זיין בדרך משל — האָט דער רבי ר׳ העניך געזאָגט — אַמאָל איז געווען אַ ישובניק, אַ גרויסער עם־הארץ, האָט ער ניט געוואוסט, ווי אַזוי מען ריכט אָפּ אַ סדר. זאָגט ער צו זיין ווייב, זי זאָל אַריבערגיין צו זיין שכן, אַן עלטערער דאָרפס־ייד, און זיך צוקוקן ווי אַזוי מען ריכט אָפּ דעם סדר.

איז די דאָרפס־יידענע אַריבערגעגאַנגען צום שכן, איז זי פּונקט אַהין אַריינגעקומען, ווען דער דאָרפס־ייד האָט געהאַלטן ביים שלאָגן זיין ווייב, האָט זי געמיינט, אַז אַזוי ריכט מען אָפּ אַ סדר...

האָט שוין די דאָרפס־יידענע מורא געהאַט צוריקצוקומען צו איר מאַן און זי איז געבליבן שטיין אין דרויסן.

ווען דער מאַן אירער, דער ישובניק, האָט דערזען, אַז זיין ווייב קומט ניט צוריק, איז ער געוואָרן אין כעס, און איז אַרויסגעגאַנגען זי זוכן. ווען ער האָט זי געטראָפן שטיין הינטער זיין הויז, איז ער נאָך מער אויף איר בייז געוואָרן און ער האָט זי אָנגעהויבן צו שלאָגן.

שרייט צו אים דאָס ווייב:

„אויב דו האָסט אַליין געוואוסט, ווי אַזוי מען ריכט אָפּ אַ סדר, צו־וואָס האָסטו מיך געדאַרפט שיקן געוואויר ווערן ביים שכן?..."

דאָס זעלבע האָט אויך געטענהט משה רבינו צו גאָט:

„דו האָסט דאָך יאָ געוואוסט, וואָס פּרעה וועט טאָן צו די יידן, נאָכדעם ווי איך וועל זיין ביי אים. טאָ צו־וואָס האָסטו מיך געשיקט צו אים? אויב דאָס שלאָגן און פּייניקן די יידן פאַר דער גאולה איז אַ הכרח, אַ מוז־זאַך, האָט עס דאָך געקאָנט קומען אָן מיר?

דער נס איז געווען, וואָס גאָט האָט אַרויסגעצויגן די יידן פון יאָך פון מצרים.

דער אַלעקסאַנדער רבי, ר׳ חנוך העניך, האָט ביים סדר זיך אָפּגעשטעלט אויפן פּסוק: „המוציא אתכם מתחת סבלות מצרים". פרעגט זיך דאָך אייגנטלעך, פאַרוואָס שטייט „מתחת סבלות מצרים" און ניט „המוציא אתכם ממצרים" (ער האָט אייך אַרויסגעצויגן פון מצרים)? נאָר דער תירוץ איז, אַז דער גרויסער נס איז געווען ניט אַזוי דערמיט, וואָס גאָט

האָט אַרויסגעצויגן די יידן פון מצרים, נאָר וואָס ער האָט זיי אַרויסגעצויגן פון יאָך פון מצרים. דער גרויסער גלות פון די יידן אין מצרים איז ניט געווען, וואָס זיי האָבן געליטן, נאָר וואָס זיי האָבן זיך שוין געהאַט צוגע־פּאַסט צו די ליידן, צום יאָך פון די מצריים און זיי האָבן ניט געפילט די בי־טערקייט פון עבדות. אָט דאָס איז געווען דער נס, וואָס די יידן האָבן אָנגעהויבן צו פילן, אַז זיי זיינען אין גלות מצרים, דערפאַר האָט זיי גאָט געשיקט גיכער באַפרייען...

די יידן דאַרפן אַליין דערפילן דעם גלות...

דער גערער רבי, דער „חידושי הרי״ם״, האָט געפירט אַ שאַרפן שמועס ביים טיש מיט זיינע חסידים וועגן דעם ענין „גלות און גאולה״, און ער האָט געזאָגט: „ווען יידן האָבן געהאַלטן ביים אויסגעלייזט ווערן פון גלות מצרים, שטייט „ויאַנחו בני ישראל״ (שמות ב׳, כ״ג). פריער זיינען יידן געווען אַזוי שטאַרק איינגעטונקען אין גלות, אַז זיי האָבן ניט גע־פילט דעם גלות. אָבער ווען עס האָט אָנגעהויבן צו שפּראָצן די גאולה, האָבן זיי ערשט דערפילט די ביטערקייט פונעם גלות און דעמאָלט האָבן זיי אָנגעהויבן צו קרעכצן און דערנאָך האָט זיי גאָט אויסגעלייזט...

„דערפון איז געדרונגען, אַז די יידן דאַרפן קודם־כל אַליין דערפילן דעם עול הגלות — האָט דער גערער רבי געזאָגט — דערנאָך ערשט וועלן זיי באַפרייט ווערן און די גאולה שלימה וועט קומען״...

הימל און ערד

עס שטייט אין תהלים, וואָס מען זאָגט אין הלל: „השמים שמים לד׳, והארץ נתן לבני אדם״, האָט דער רבי ר׳ שלמה לייב לענטשנער — ווערט געבראַכט אין ספר „קהלת משה״ — געזאָגט: אַז גאָט האָט געגעבן די ערד צו די מענטשן זיי זאָלן אויך פון דער ערד מאַכן אַ — הימל...

דער אָרעמאַן איז אַליך...

דער רבי ר׳ דודל טאַלנער האָט אַמאָל געזאָגט בדרך הלצה: דער אָרעמאַן איז כולל אין זיך אַלע פיר בנים, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער הגדה. ער איז אַ חכם, ווייל עס איז אַ בפירושער פסוק: „לא לחכמים לחם״ (די קלוגע האָבן ניט קיין ברויט); ער איז אַ רשע, ווייל עס שטייט „לוה רשע ולא ישלם״ (געווייינטלעך, קומט אויס דעם אָרעמאַן צו באָרגן געלט און ער קען נעבעך ניט אָפּגעבן...); ער איז אַ תם, ווייל ביי אים איז „תם הכסף״ (תם מיינט אויך אין העברעאיש אויסגעלאָזט, דאָס מיינט, אַז ביי דעם אָרעמאַן האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס געלט); ער איז אַ „שאינו יודע

לשאול״ — גאַנץ פּשוט, ווייל ער ווייסט ניט וועמען ער זאָל פרעגן צו לייען אַ גמילת חסד...

הגדות

דעריבער — פלעגט זאָגן דער ראָפּשיצער — דרוקט מען יעדעס יאָר נייע הגדות, ווייל די מענטשן וואָס דער בעל־הגדה האָט פאַראַיאָרן געהאַלטן פאַר רשעים (אחד חכם ואחד רשע...) הייסן שוין היינט צדיקים...״

די אַרבע כוסות און די עשר מכות

מרדכי ראַקאָווער איז געווען אַ וויצלער ביים רבין פון לובלין. תמיד ווען דער רבי איז אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה, איז מרדכי באַלד געווען ביי דער האַנט און האָט געזאָגט אַ ווערטל, כדי צו דערהייטערן דעם רבין.

איינמאָל, דערציילן די חסידים, איז דער רבי פון לובלין אַריינגעפאַלן פסח ביים סדר אין גרויס עצבות. חסידים האָבן דערזען אין דעם ניט קיין גוטן סימן. מסתמא איז פאַראַן אַ קיטרוג אין הימל, האָבן זיי געזאָגט.

פלוצים האָט זיך אויפגעשטעלט מרדכי ראַקאָווער און האָט געזאָגט צום רבין פון לובלין:

„רבי, איך וויל פרעגן נאָך אַ קשיא.״

„פרעג״, האָט דער לובלינער געענטפערט.

„פאַרוואָס זיינען יידן שטענדיק געקריוודעט? — האָט מרדכי ראַקאָווער געפרעגט — פאַרוואָס האָט דער רבונו־של־עולם געגעבן פרעהן צען מכות און די יידן אַרבע כוסות, ער האָט דאָך געקאָנט טאָן פאַרקערט: געבן פרעהן פיר מכות און די יידן צען כוסות?״

אויפן פנים פון רבין פון לובלין האָט זיך צעשטראַלט אַ שמייכל, און דער רבי האָט שוין אָנגעהויבן צו זאָגן די הגדה מיט גרויס התלהבות און שמחה...

דער ריזשינער פלעגט ביים סדר רעדן פון ארץ־ישראל

דער ריזשינער רבי פלעגט אין אַלע זיינע תורות ביים סדר רעדן נאָר וועגן ארץ־ישראל.

„דער היינטיקער דור״, האָט אַמאָל דער ריזשינער רבי אין אַ תורה ביים סדר געזאָגט, „איז באַין אופן ניט ראוי צו אַ גאולה, וואָס דאַרף קו־מען דורך אַ נס. דערצו דאַרף מען האָבן גרויס כוח, עבודה און אומגע־

היערע סיגופים. ווי קאָן דאָס אָבער אויספירן דאָס געפּלאָגטע און אויס־געמאַטערטע פאָלק, וואָס האָט שוין אַפילו קיין כוח ניט צו וויינען און צו בעטן רחמים? זאָל דאָס יידישע פאָלק נאָר פריי ווערן פון שעבוד־הנפש, זאָל מען עס נאָר פריער אַריינלאָזן קיין ארץ־ישראל, אָן נסים ונפלאות, וועט דערנאָך ממילא שוין קומען די אמתע גאולה. איך זאָג, — האָט דער ריזשינער רבי געענדיקט זיין תורה — אַז קודם וועט זיין אַ גאולה על פי דרך הטבע, פונקט ווי אין עזרא הסופרס ציטן,ביים בית שני; ערשט דערנאָך, דאָרט, אין ארץ־ישראל, וועט קומען די אמתע גאולה...״

און דעם ריזשינער רבינס זון, דער סאַדיגורער רבי ר׳ אברהם יעקב, האָט אַמאָל ביים סדר צוגעגעבן צו זיין פאָטערס תורה: „עס וועט קומען אַ צייט, ווען די אומות העולם וועלן אונדז פיינט האָבן שנאת מות. זיי וועלן אָבער ניט קאָנען פּטור ווערן פון אונדז דורך רדיפות און שחיטות, וועלן זיי אונדז אַרויסטרייבן פון זייערע מדינות — קיין ארץ־ישראל... ס׳איז אפילו ניט קיין גרויסער כבוד — האָט דער סאַדיגורער רבי געזאָגט — צוריקצוקערן זיך קיין ארץ־ישראל אויף אַזאַ אופן. אָבער צי האָט דען אונדז פרעה ניט אַרויסגעטריבן פון מצרים? דער פּסוק זאָגט דאָך בפירוש: „כי גרשו ממצרים...״ אָבער זאָל זיין ווי ס׳וויל, אַבי מיר זאָלן קומען אין אונדזער אייגן לאַנד״, האָט דער סאַדיגורער רבי אויסגעלאָזט, „דאָס איבעריקע, וואָס דאַרף געשען, וועט שוין דערנאָך אַליין געשען...״

דער קאָלעווער רבי פאַרטייטשט די הגדה אויף אונגאַריש

דער קאָלעווער רבי ר׳ אייזיקל איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט איינגעפירט אין אונגאַרן דעם דרך החסידות. באַקאַנט איז ער אויך געווען אַלס אַ גרויסער בעל־מנגן.

דער „חוזה״ פון לובלין האָט געזאָגט, אַז דעם „קאָלעווערס סדר איז אַ חד בדרא, און פון אים גייט אַרויס אַ ליכטיקייט אויף דער גאַנצער וועלט״. רבי אייזיקל האָט געהאַט אַ מנהג אָפּצוריכטן דעם סדר אויך אויף אונגאַריש, און חסידים האָבן געזאָגט, אַז אין דעם איז פאַ־ראַן עפּעס גאָר אַ גרויסער סוד. אין אונגאַרן איז זייער פּאָפּולער דעם קאָלעווערס ניגון אויף „אדיר במלוכה״, און מען האָט געזאָגט, אַז מיט דעם ניגון האָבן די לויים געזונגען שירה אין בית־המקדש. די דאָזיקע מעשה מיט די לויים האָט דערציילט דער טשאָרטקאָווער רבי, ר׳ דוד משה. אין ספר „עשר צחצחות״ ווערט דערציילט, אַז איינמאָל איז דער רבי אייזיק קאָלעווער געזעסן ביים סדר, און ער האָט איבערגעהאַקט און ווייטער ניט געזאָגט. מען האָט געוואַרט, אָבער דער רבי איז געווען פאַרטיפט און זיך ניט גערירט. אינמיטן האָט מען דערהערט ווי פאַר דעם הויז פון רבין איז פאַרפאָרן אַ קאָטש; דער רבי איז באַלד אַרויס.

פון דער קאַטש זיינען אַרויסגעשפּרונגען עטלעכע מענטשן אָנגעטאָן ווי רייכע פּריצים. דער רבי האָט זיך מיט זיי דערפרייט, און עפּעס געשמועסט, און זיי האָבן זיך אויפגעזעצט און אַוועקגעפאָרן. דער רבי איז צוריק אַריין צו זיך אין שטוב און האָט ווייטער פאַרענדיקט דעם סדר. ווען מען האָט דערציילט די מעשה דעם אַלטן זידיטשויווער רבין ר׳ הערש, האָט ער געזאָגט, אַז די „פּריצים״ זיינען געווען די „אָבות״, וואָס זיינען געקומען צו דעם קאַלעווער רבין צום סדר.

מען דאַרף נישט קענען סובל זיין דעם גלות

אַן אַלטער קאָצקער חסיד האָט דערציילט, אַז דער קאָצקער רבי האָט איינמאָל ביים סדר געטייטשט דעם פּסוק „המוציא אתכם מתחת סבלות מצרים״, אַז דער גאַנצער אומגליק איז געווען, וואָס די יידן האָבן זיך שוין אַזוי געהאַט צוגעוואוינט צום גלות מצרים, אַז זיי האָבן שוין געקאָנט „סובל״־זיין דעם „סבלות־מצרים״. דער חסיד האָט דערציילט ווי אַזוי דער רבי האָט עס געזאָגט מיט זיין יידיש: „זיי האָבן זיך פאַגאַדזשעט (איינגעשטימט, צוגעפּאַסט) מיט גלות מצרים״.

פּסח ביים וואָרקער רבין

דער פּסח ביים וואָרקער רבין איז געווען באַרימט אין גאַנץ פּוילן. דער רבי האָט געהייסן רבי בונם און האָט געוואוינט צוערשט אין וואָרקע און דערנאָך אין אָטוואָצק נעבן וואַרשע. ער איז געווען אַן אייניקל פון גרויסן וואָרקער רבין, ר׳ יצחק, וועמען די חסידים האָבן גערופן סתם „דער אַלטער זכרונו לברכה״. רבי בונם איז געווען אַן אומגעוויינטלעך פרומער ייד. ער איז נזהר געווען אין דער קלענסטער זאַך. ער האָט אָפּגעהיטן זיינע חסידים, אַז זיי זאָלן ניט חלילה אַראָפּגיין פון דרך אבותיהם אויף אַ האָר. זיינע חסידים האָבן ניט געטאָרט טראָגן קיין העמדער מיט מאַנקעטן אָדער, חלילה, אַ שניפּס, ווייל דאָס איז שוין דער מנהג פון די דייטשן.

אַזוי ווי אַ גאַנץ יאָר איז ער דאָך געווען פרום געגנוג, איז ווי עס איז געקומען פאַר פּסח, איז געווען ביי אים אין הויף אַלאַרמירט ווי אין אַ פעסטונג פאַר אַ גרויסער שלאַכט. קודם האָט ער געהאַט באַזונדערע צימערן אויף פּסח, וואוהין מען איז אַ גאַנץ יאָר ניט אַריינגעקומען. דאָרט זיינען געווען אויך באַזונדער מעבל, אַ באַזונדערע קיך און אַפילו באַזונדערע גמרות, וואָס אַ גאַנץ יאָר האָט מען זיי ניט גענוצט. דאָס אַלץ איז געווען אום אויסצומיידן דעם חשש פון אַ האָר חמץ. דאָס סאַמע טשיקאַווע ביי אים אויפן הויף זיינען געווען די אינדיקעס, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט און וועלכע מען האָט געפּאַשעט אויף פּסח. די אינדיקעס זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין זאַקן. דער רבי האָט עס געהייסן טאָן אויס מורא,

טאָמער וועט זיך צוקלעפּן צו זיי עפּעס חמץ. ערשט דאָס שניידן די „שמורה" און באַקן די מצות — יעדעס יאָר האָט מען געמוזט אויפשטעלן אויפן הויף אַ נייעם אויוון דערצו.

דערפאַר אויף פּסח פלעגן צום דאָזיקן רבין קומען צו פאָרן ספּעציעל עטלעכע הונדערט שאַרפע יונגעלייט, חסידים, צו זיין ביי זיין סדר. צו אַנ־דערע רביים זיינען חסידים אויף פּסח ניט געקומען צו פאָרן: פּסח דאַרף אַ ייד זיין ביי זיין ווייב און קינדער, פלעגט מען זאָגן, אָבער רבי בונם וואָרקער איז געווען אַן אויסנאַם. געקומען זיינען צו אים די שאַרפע, די „דגול־מרבבהניקעס", די „מוח"־יונגעלייט.

דער רבי איז געווען אַ הדרת־פּנים מיט אַ לאַנגער באָרד און געדיכטע ברעמען — אַ וואונדערלעכע צורה. אַלע יונגעלייט זיינען געזעסן אַרום טיש, אָבער עס איז געווען שטיל, און די הגדה האָט געזאָגט נאָר דער רבי אַליין. אייגנטלעך איז ניט ריכטיק דאָס וואָרט „געזאָגט". ער האָט אין דער באַקאַנטער בענקענדיק־טרויעריקער הגדה־מעלאָדיע אַריינגעגעבן פאַר־שיידענע פאַרבן, געמאַכט עס מאַיעסטעטיש, געזונגען און בעת מעשה אינטערפּרעטירט, אויסגעטייטשט און אַריינגעטייטשט אין יעדעס וואָרט.

איינמאָל ביים סדר האָט דער וואָרקער רבי „רבי ר' בונם, זכרונו לברכה פון ארץ־ישראל" (אַזוי רופן אים די וואָרקער חסידים, ווייל ער איז סוף ימיו אַוועק קיין ארץ־ישראל און איז דאָרט נפטר געוואָרן) די ווערטער פון דער הגדה „בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים", צוגעזונגען מיט אַ פראַגע־טאָן און אַריינגעוואָרפן אַ יידיש וואָרט און עס איז אַרויסגעקומען „כאילו הוא — צי הוא יצא ממצרים?" דאָס הייסט, צי, אויב אין אַזאַ מדרגה ווי ער, וואָלט ער גאָר געקאָנט זוכה זיין צו דער גאולה? (געהערט פונ'ם מלומד ר' שמחה פּיעטרושקע, וועלכער איז געווען אַ וואָרקער חסיד.)

וואו געפינט זיך די פּרנסה?

חסידים דערציילן, אַז איינמאָל האָט דער ריזשינער רבי אַרויסגעקוקט חול־המועד פּסח דורכן פענסטער, האָט ער דערזען, ווי אַ ייד לויפט שנעל אויף דער גאַס, האָט ער אים אַריינגערופן און אים געפרעגט:

„פאַרוואָס לויפסטו אַזוי?"

„כ'ווייס אַז ס'איז היינט חול־המועד פּסח — האָט זיך דער חסיד גע־וואָלט פאַרענטפערן — נאָר דער רבי ווייסט דאָך, אַז די צייט איז שלעכט, לויף איך נאָך פּרנסה."

האָט דער ריזשינער רבי אים געענטפערט:

„פון וואַנען ווייסטו, אַז דיין פּרנסה געפינט זיך פאַר דיר און דו

דאַרפסט זיך יאָגן נאָך איר, טאָמער געפינט זיין דיין פרנסה הינטער דיר און דו אַנטלויפסט גאָר פון איר?..."

דער מנהג פון איבערגיין דעם „ים" שביעי של פסח ביי חסידים

דער מנהג פון געדענקען דעם נס פון קריעת ים־סוף האָבן די גערער חסידים געפראַוועט שביעי של פסח אויף אַזאַ אופן:

אין אַ גערער שטיבל אין וואַרשע שביעי של פסח זיינען חסידים זיך צונויפגעקומען אין שטיבל ביינאַכט נאָכן עסן. זיי האָבן אויסגעגאָסן אַ גרויסן פאַס־וואַסער אין שטיבל. די חסידים האָבן געטרונקען יום־טובדיקן מעד און וויין. זיי האָבן פאַרקאַטשעט די פאָלעס פון זייערע קאַפּאָטעס און אָנגעהויבן דורכצוגיין דעם ים...

יעדע פּאָר מינוט האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, געטרונקען „לחיים" און דערציילט נסים פון יציאת מצרים, און אויסגערעכנט וואָס די יידן האָבן אַלץ צוגענומען ביי די מצריים.

דערנאָך האָט מען אַרומגעקרייזט איבערן שטיבל, געקראָכן פּאַמעלעך, אַזוי ווי מען וואָלט געגאַנגען אין דער מדבר, און מען האָט אויסגערעכנט אַלע ערטער, וואָס זיי ווערן דערמאָנט אין דער תורה, ווען די יידן האָבן געצויגן דורך דער מדבר און וואו זיי האָבן גערוט, און אויף יעדן אָרט, וואו מען האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט מען גענומען טרינקען כוסות מעד...

אַזוי איז מען געגאַנגען איבערן מדבר ביז מען איז אָנגעקומען קיין גער... און דאָ ערשט האָט מען זיך משמח געווען, וואָס מען איז אַרויס פון מצרים...

דער ניגון פון קריעת ים סוף

שביעי של פסח ביינאַכט האָבן די רביים פון דער ראָפּשיצער גזע געפירט אַ טיש ביז פאַרטאָג. אַלטע ראַזוואַדאָווער חסידים דערציילן, אַז דער ראַזוואַדאָווער רבי ר' משהלע זצ"ל האָט איינמאָל געפירט אַ טיש און געזונגען דעם סקאַרבאָוון ראָפּשיצער ניגון אויף „ויושע ד'", מיט אַזאַ התלהבות, אַז חסידים האָבן געטאַנצט צוזאַמען מיטן רבי'ן שעה'ן לאַנג. דער ראַזוואַדאָווער רבי ר' משה האָט געהאַט אַ מתיקותדיק קול. ער האָט יעדן איינעם מעורר געווען מיט זיין זיס קול. דער זשאַבנער רבי זצ"ל (ער איז געווען אַן איידעם פון ראַזוואַדאָווער רבי'ן) האָט אַמאָל שביעי של פסח ביים טיש דערציילט, אַז ווען די ראַזוואַדאָווער חסידים האָבן דעמאָלט אויפגעהערט טאַנצן, האָט דער ראַזוואַדאָווער דייך, ר' אלעזר מו"ץ, געגעבן אַ געשריי:

„איך שווער אַ שבועה דאורייתא, אַז מיט דעם ניגון האָבן די יידן געטאַנצט, ווען זיי זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם ים־סוף בשעת יציאת מצרים". האָט דער ראָזוואַדאָווער רבי געזאָגט: „צי מען האָט טאַקע געטאַנצט מיט אָט דעם ניגון, ווייס איך נישט, אָבער אַז דער ניגון איז ראוי מען זאָל האָבן מיט אים געטאַנצטביים איבערגיין דעם ים, דאָס איז ביי מיר קיין שום ספק נישט!"

די רביים פון דער ראָפּשיצער גזע האָבן אויף יעדן פּיוט אויף פּסח אַ באַזונדערן סקאַרבאָוון ראָפּשיצער ניגון. די דאָזיקע סקאַרבאָווע ניגונים ווערן געזונגען פון די רביים, ראָפּשיצער אייניקלעך, ביזן היינטיקן טאָג.

דער אַלטער בלאָזשאָווער רבי, ר' הערש אלימלך שפּירא זצ"ל, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון ראָזוואַדאָווער רבין, האָט איבערגענומען אַ סך ראָפּשיצער ניגונים און שביעי של פּסח ביים טיש פלעגט ער זינגען די פּיוטים, וואָס געפינען זיך אין מחזור ביי מעריב „פּסח מצרים, פּסח לעתיד" מיט די באַקאַנטע ראָפּשיצער סקאַרבאָווע ניגונים.

אין די ראָפּשיצער הויפן איז פאַראַן אַ סקאַרבאָווער פּסח־ניגונדל, וואָס שטאַמט פון רבין ר' מענדעלע פון רימאַנאָוו. מען דערציילט וועגן דעם ניגונדל אַזאַ מעשה:

איינמאָל פּסח איז דער רבי ר' מענדעלע אַהיימגעקומען פון דאַווענען פון שול, האָט ער געזען צוויי קינדער טאַנצן פאַר אַ הויז און זינגען אַ ניגונדל מיט אָט די ווערטער:

„אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען
וועלן קומען פון דער שול
וועלן מיר עסן לעבערלעך".

די צוויי קינדער האָבן דאָס דאָזיקע לידל געזונגען מיט גרויס פרייד. דער רבי ר' מענדעלע האָט זיך צוגעקוקט ווי די קינדער טאַנצן מיט אַזויפיל חדוה, האָט ער געזאָגט צו די חסידים, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שמחה אויסגעגאָסן אויף די פּנימער פון יידישע קינדער ווי די צוויי קינדער האָבן געהאַט. און באַלד ביים טיש האָט דער רבי ר' מענדעלע געזונגען דאָס זעלבע ניגונדל, וואָס ער האָט געהערט זינגען די צוויי קינדער, אויף „אתה בחרתנו מכל העמים" און געטאַנצט מיט די חסידים מיט גרויס התלהבות און פון דעמאָלט אָן איז דאָס דאָזיקע ניגונדל געוואָרן אַ סקאַרבאָווע ניגונדל אין די ראָפּשיצער הויפן (דער ראָפּשיצער רבי איז געווען אַ תלמיד פון רבין ר' מענדעלע) און מען זינגט דאָס פּסח ביי יעדן טיש און בפרט ביי דעם לעצטן טיש פון אחרון של פּסח, וואָס ווערט אָנגערופן „נעילת־החג".

דער טיש פון נעילת־החג ווערט געפירט זייער לאַנג. ער הייבט זיך געווייִנטלעך אָן באַלד נאָכן דאַווענען און דער רבי זיצט ביים טיש ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

עס איז אַ מנהג, אַז די בעלי־בתים פון שטאָט שיקן קניידלעך צום רבינס סעודה פון נעילת החג, ווייל גאַנץ פּסח האָט מען זיך „נישט געמישט" אין הויז מיטן צווייטן, דאָס הייסט, אַ ייד האָט נישט געגעסן ביי אַ צווייטן יידן צוליב אַ חשש פון חמץ. אָבער דעם לעצטן טאָג פּסח האָט מען שוין נישט אַזוי מדקדק געווען און די בעלי בתים האָבן געשיקט קניידלעך צום רבין.

די גאָר גרויסע גבירים האָבן געשיקט גרויסע און פעטע קניידלעך; די פּשוטע בעלי־בתים געווייִנלעכע קניידלעך, און די אָרעמעלייט — קליינע, אויסגעדאַרטע קניידלעך. דער רבי פלעגט די אַלע קניידלעך אויסמישן אין איין גרויסן טעלער. דער רבי פלעגט עפּעס טועם זיין פון די קניידלעך און דערנאָך טיילן שיריים די חסידים. דערמיט האָט דער רבי געוואָלט, אַז די חסידים זאָלן געדענקען, אַז אַלע יידן זיינען פון היינט אָן און ווייטער גלייך.

ביי דעם טיש פון נעילת החג איז געווען אַ מנהג אין די ראָפּשיצער הויפן צו איבערזינגען די גאַנצע הגדה. דער טעם איז, ווייל עס שטייט „מחזירין את השטר בשיטה האחרונה" — דאָס הייסט, אַז אין דער לעצטער שורה פון שטר חזרט מען איבער וואָס עס געפינט זיך אין שטר. דעריבער האָט מען ביי נעילת החג איבערגעזונגען די גאַנצע הגדה מיט די ראָפּשיצער סקאָרבאָווע ניגונים. אין מיטן טיש האָט דער רבי אָבער שוין געזונגען דעם פּיוט „מכניסי רחמים", צו דערמאָנען די ימים הנוראים, וואָס דאַרפן קומען.

אין אַ טייל ראָפּשיצער הויפן האָט מען אויך געזונגען „חד גדיא" און „אחד מי יודע" מיט דעם קאָזשניצער מגידס ניגונימלעך. ביים רבין ר' מאירל פּרעמישלאַנער האָט מען געזונגען „אחד מי יודע" אויף פּויליש און אוקראַיניש.

דאָס אויסוויילן פון ראשי־הקהל שביעי של פּסח

אין אַ צאָל שטעט איז געווען אַ מנהג שביעי של פּסח אויסצואוויילן די ראשים פון דער קהילה.

אין „בני יששכר" ווערט געבראַכט דער דאָזיקער מנהג. מען רעכנט, אַז דער מקור פון דעם דאָזיקן מנהג איז, ווייל ס'שטייט, אַז עס איז שווער די פּרנסה פון אַ מענטשן ווי קריעת ים־סוף (קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים־סוף), אָבער אין דעם טאָג, ווען דער ים־סוף

האָט זיך געשפּאָלטן, איז גוט צו באַשטימען פּרנסים אויפן ציבור, וואָס פון זיי וועט קומען הילף פאַר פּרנסה פאַרן פאָלק.

אחרון של פּסח מנהגים

אין אוקראַינע און אין בעסאַראַביע איז געווען אַ מנהג אַרויסצוגיין אחרון של פּסח אין „פּאַסטולי־סאַנדאַלן". דאָס זיינען סאַנדאַלן געפלאָכטן פון קאָרע פון ביימער, וואָס די פּויערים טראָגן אין פרילינג. פאַרוואָס האָט מען אָנגעטאָן „פּאַסטולי סאַנדאַלן"? ווייל פּאַסטולים, אַזעלכע קיכלעך, האָט מען נישט געטאָרט באַקן אין פּסח, אָבער אחרון של פּסח האָט מען מתיר געווען דאָס צו עסן („נוה שלום", דיני פּסח, סעיף כ"ז: „אסור לעשות פאסטולים ממצה אפויה בפסח"), האָט דאָס פאָלק פאַרביטן „פּאַסטול" — אַ קיכל מיט „פּאַסטאָל", אַ סאַנדאַל אויף דער פּויערישער שפּראַך.

אַנדערע האַלטן, אַז דאָ איז פאַראַן אַ וואָרט־שפּיל. „פּאַסטול" (פּת טול — נעם ברויט, ווייל די מצוה פון עסן מצה איז שוין אַדורך), מיט פּאַסטולי — פּויערישער סאַנדאַל.

צווישן די חסידים פון קאַרלין און סטאָלין איז געווען אַ מנהג מוצאי פּסח ביינאַכט ביים דאַוונען דעם וואָכענדיקן מעריב זיך צו וואַרפן מיט פּאַסטולי סאַנדאַלן, און דאָרט וואו עס זיינען נישט געווען אַזעלכע סאַנדאַלן, האָט מען זיך באַגנוגנט מיט וואַרפן האַנטיכער, שמאַטעס און שאָלעכץ פון פּירות. (ספר המועדים — פּסח)

נעילת החג אין די רבייאישע הויפן

אין דעם רבייאישען הויף פון דער ראָפּשיצער גזע איז געווען אַ מנהג, אַז דעם לעצטן טאָג פּסח איז דער רבי געזעסן ביים טיש מיט די חסידים ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דעם „טיש האָט מען גערופן „נעילת החג".

דער רבי און די חסידים האָבן געטרונקען מעד, וואָס גאַנץ פּסח האָט מען די משקה ניט געטרונקען.

דער רבי האָט דעמאָלט געזונגען די גאַנצע הגדה מיט „סקאַרבאָווע" ראָפּשיצער ניגונימלעך.

איין פּסח־ניגונדל, וואָס מען טאַנצט דערמיט פּסח גאָר אַ סך, איז דעם רבין ר' מענדעלע רימאַנאָווער שטאַרק געפעלן. ער פלעגט זינגען מיט זיי און דערנאָך טיילן די חסידים שיריים.

און ווידער פלעגט מען זינגען אַ שטיקל הגדה. דער רבי פלעגט זאָגן תורה און מען פלעגט ווייטער טאַנצן.

און עס איז געוואָרן פינסטערער און פינסטערער אין דרויסן, די יידישע בעקערס האָבן שוין איינגעהייצט די אויוונס, אָנגעהויבן צו באַקן חמץ, אוןביים רבין איז געווען פינסטער און מען האָט געזונגען און געטאַנצט.

און איך געדענק, אַז איינמאָל ביי נעילת החג האָבן די חסידים ביי מיין פאָטער, דעם זשאַבנער רבין, ר׳ שלום דוד, זצ״ל, אין בית־המדרש שטאַרק געטאַנצט און דער ריח פון די פרישע בייגל, וואָס דער בעקער האָט געבאַקן איז שוין אַריינגעדרונגען אין בית־המדרש אַריין, אָבער די חסידים האָבן ניט געוואָלט עס זאָל ווערן אויס פסח, זיי האָבן געוואָלט פאַרטרייבן דעם חמץ, די וואָכעדיקייט, האָבן זיי אָנגעהויבן צו טאַנצן און זינגען דאָס „סקאַרבאָווע״ ניגונדל פון רבין ר׳ מענדעלע מיט אָט די ווערטער:

„ביי לייבוש בעקער
באַקט מען שוין בייגל
און דאָ איז נאָך פסח״.

און אַזוי האָט מען מיט דעם דאָזיקן ניגונדל און מיט די דאָזיקע ווערטער געטאַנצט אַ חסידישן התלהבותדיקן טאַנץ ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין...

דאָס מאַכן הבדלה איבער ביר

אין דעם ראָפּשיצער רבישן הויף איז געווען אַ מנהג, אַז מוצאי יום־טוב של פסח האָט מען געמאַכט הבדלה אויף ביר, וואָס מען האָט געקויפט ביי אַ גויאישן שענקער.

„דאָס שיינע קרבן פּסחל״

ראָפּשיצער חסידים פּראַווען יעדעס יאָר ערב פּסח די יאָרצייט פון דעם רבין ר׳ אשרל, דעם אידעם פון ראָפּשיצער רבין, ר׳ נפתלי צבי האָראָוויץ.

דער רבי ר׳ אשרל ווערט אָנגערופן אין דער חסידישער וועלט: „דאָס שיינע קרבן פּסחל״.

פאַרוואָס דער רבי ר׳ אשרל האָט באַקומען דעם דאָזיקן נאָמען, דערוועגן דערציילן די חסידים אַזאַ מעשה:

ביי די לובלינער חסידים איז געווען איינגעפירט דער מנהג נישט צו טאָן קיין שידוך מיט זייערע קינדער, ביז זיי האָבן פריער נישט באַקומען קיין הסכמה פון לובלינער רבין ר׳ יעקב יצחק האָראָוויץ, וועלכער האָט אויך געהייסן דער „חוזה״. אינעם קוויטל פלעגט אַ חסיד אַריינשרייבן דעם נאָמען פון חתן, וואָס מ׳האָט אים גערעדט אַ שידוך מיט זיין טאָכ־טער און דער לובלינער רבי פלעגט בעתן לייענען דאָס קוויטל זאָגן בלויז איין וואָרט „יאָ״ אָדער „ניין״, אָן וועלכן עס איז פּירוש. און לויט דעם „יאָ״ און „ניין״ האָבן די חסידים שוין געוואוסט, צי זיי זאָלן דעם שידוך טאָן צי נישט.

אויך דער ראָפּשיצער רבי, וועלכער איז געווען אַ חסיד פון לובלינער „חוזה״, האָט זיך איינמאָל שואל עצה געווען מיט דעם רבין וועגן זיין טאָכטער, די בת יחידה, וועלכע איז שוין געווען פאַררעכנט פאַר אַ „פאַר־זעסן״ מיידל, ווייל זי איז שוין אַלט געווען אַ צען־צוועלף יאָר, און לויט דער דאַמאָלסדיקער צייט פלעגט מען שידוכים טאָן מיט קינדער, ווען זיי זיינען נאָך גאָר יונג געווען.

„עס טרעפט זיך מיר ניט קיין פּאַסיקער שידוך״ — האָט זיך דער ראָפּשיצער רבי באַקלאָגט.

„מען מוז נישט דוקא טאָן אַ שידוך מיט אַ גוטן יידן — האָט דער „חוזה״ ביים געזעגענען געזאָגט — „כל ישראל בני מלכים הם״, אַלע יידן זיינען גלייכע מיוחסים. דער עיקר איז נאָר אַז דער קרן זאָל גוט זיין. פאָר קיין וואַרשע און טו דעם ערשטן בעסטן שידוך, וואָס וועט זיך דיר דאָרט טרעפן. צו די תנאים זאָלסטו צו מיר קומען מיט חתן־כלה. איך וויל דעם חתן זען און אים אויך פאַרהערן״.

איז דער ראָפּשיצער רבי גלייך אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע. ער האָט מער נישט איבערגעפרעגט דעם „חוזה״ קיין צווייט וואָרט. אַז דער רבי הייסט פאָרן קיין וואַרשע, מסתמא ווייסט ער וואָס ער זאָגט. געקומען קיין וואַר־שע, איז דער ראָפּשיצער רבי אַריין אין אַ בית המדרש. דאָרט האָט ער

צופעליק געטראָפן אַ יינגל זיצן און לערנען חומש. איז אים דאָס יינגל גראָד שטאַרק געפעלן געוואָרן. דער ראָפּשיצער האָט זיך מיט אים אַריינ־געלאָזט אין אַ שמועס און האָט דערזען, אַז ער איז אַ „כלי שלם".

„ווי הייסטו און וועמענס ביסטו?" — האָט אים דער ראָפּשיצער רבי געפרעגט.

„איך הייס ישעיה אשר און מיין טאַטע איז אַ מענער־שניידער" — האָט דאָס יינגל געענטפערט.

„פיר מיך אַהיים צו דיין טאַטן, ווייל אַן אַרבל פון מיין קאַפּטאַן האָט זיך מיר צעריסן און איך וויל אַז דיין טאַטע זאָל אים פאַרריכטן".

האָט דאָס יינגל געפירט דעם ראָפּשיצער רבין צו זיין פאָטער אין שטוב אַריין.

דער ראָפּשיצער רבי איז אַריינגעקומען אין אַ שניידערישער שטוב. ער האָט דעם פאָטער פון יינגל געטראָפן זיצן איינגעבויגן ביי אַ טיש און נייען אַ בגד.

„טאַטע, דער רב וויל אַז דו זאָלסט אים פאַרריכטן אַ מלבוש" — האָט דאָס יינגל געזאָגט.

דער שניידער האָט אַוועקגעלייגט די נאָדל און דעם בגד, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט און האָט דעם ראָפּשיצער רבין געגעבן „שלום עליכם".

דער ראָפּשיצער רבי איז געווען איינגעטונקען אין גרויס יחוס, אַזוי אַז ווען ער האָט געוואָלט ווערן אַ חסיד פון רבי ר' אלימלך פון ליזשענסק, האָט דער רבי ר' אלימלך נישט געוואָלט אים אַריינלאָזן, זאָגנדיק: „מיוחסים דאַרפן מיר ניט האָבן". איז אָבער דער ראָפּשיצער רבי געלעגן דריי מעת לעת פאַר דעם פענצטער פון רבין אלימלך און האָט געוויינט: „וואָס בין איך שולדיק אַז מיינע זיידעס זיינען געווען רבנים?" ערשט אויפן פערטן טאָג האָט אים דער רבי אלימלך אַריינגענומען און ער איז געוואָרן דעם רבי אלימלכס אַ חסיד.

און כאָטש דער ראָפּשיצער רבי איז געווען אַ גרויסער בעל־יחוס, האָט ער גאָר נישט געקוקט דערויף, וואָס דעם יינגלס פאָטער איז געווען אַ שניידער. ער האָט געדענקט דעם לובלינערס אָנזאָג: „אַלע יידן זיינען גלייכע מיוחסים". און ער האָט צו אים געזאָגט:

„איך וויל זיך מיט אייך משדך זיין. איך וויל נעמען אייער אשרל פאַר אַן איידעם".

„איך מוז קודם וויסן ווער איר זענט — האָט דער שניידער געענטפערט — מיין קינד וואַקסט אַן עילוי און איך וויל מיך נישט משדך זיין מיט אַבי וועמען".

„איר זענט גערעכט — האָט דער ראָפּשיצער געענטפערט — נאָר אויף מיר קענט איר זיך נאָכפרעגן ביים היגן רב".

איז דער שניידער אַוועק צום וואַרשעווער רב, צום גאון און בעל מחבר פון „חמדת שלמה", און אַזוי ווי דער וואַרשעווער רב האָט דערהערט דעם נאָמען פון ראָפּשיצער רב, האָט ער אים גלייך געהייסן טאָן דעם שידוך.

דער ראָפּשיצער רבי איז שוין מער ניט אַהיים געפאָרן. ער האָט מיט־גענומען דעם מחותן מיטן חתן קיין לובלין און ער האָט געשריבן צו זיין רביצין, זי זאָל קומען צו פאָרן מיט דער כלה קיין לובלין.

ווען דער ראָפּשיצער רבי איז אַריין מיטן מחותן זיינעם צום „חוזה", האָט דער „חוזה" ניט געקוקט אויפן מחותן, נאָר אויף דעם חתן. ער האָט אויפגעהויבן זיינע שווערע ברעמען פון קוויטל און האָט געזאָגט:

„לאָמיך דיך פאַרהערן און לאָמיך זען וואָס דו קענסט".

דאָס ייִנגל איז געשטאַנען אין איין ציטערניש און האָט מורא געהאַט דעם קאָפּ אויפצוהייבן.

דער „חוזה" האָט אַרויסגענומען פון טיש־קעסטל אַ לוח, אויפגעמישט אַ בלעטל און געהייסן דעם ייִנגל לייענען עטלעכע ווערטער, וואָס זיינען געדרוקט אין ראשי תיבות. די ראשי תיבות זיינען געווען: „ע"פ, ת"ב" (דאָס מיינט: ערב פסח, תענית בכורים). דאָס יונגע חתנדל האָט אָבער געליינט: „ערב פסח, תשעה באב".

„ער ווייסט וואָס ער זאָגט — האָט זיך דער „חוזה" אָנגערופן צום ראָפּשיצער, — יפה בחרת, דו האָסט דיר אויסגעקליבן אַ שיין קרבן פסחל".

קיין שום בן אדם האָט דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען דעם „חוזהס" דבורים. קיינער האָט נישט געהאַט די העזה איבערצופרעגן דעם רבין וואָס ער מיינט. אויך דער ראָפּשיצער האָט נישט געוואַגט צו פרעגן דעם רבין אַ פירוש אויף זיין זאָג.

דער ראָפּשיצער רבי האָט גענומען דעם שניידערס ייִנגל פאַר אַ חתן. ער איז געוואָרן דעם ראָפּשיצער רבינס איידעם, און נאָך דער פּטירה פון ראָפּשיצער רבין איז ניט זיין זון, דער רבי ר' אליעזרל פון דזשיקאָוו, נאָר זיין איידעם ר' אָשרל געוואָרן דער ממלא מקומו פון ראָפּשיץ.

דער רבי ר' אָשרל האָט געהאַט אַ סך חסידים און האָט געפירט די רביסטווע לויטן ראָפּשיצער נוסח. און ווען דער רבי ר' אָשרל איז נסתלק געוואָרן, האָבן חסידים ערשט דעמאָלט פאַרשטאַנען דעם „חוזהס" ווער־טער. ווייל דער רבי ר' אָשרל איז נפטר געוואָרן אין ערב פסח (אין יאָר תרי"ד—1854). און די חסידים האָבן דערנאָך געזאָגט, אַז דאָס איז געווען די כוונה פון דעם „חוזהס" זאָג, אַז ער איז אַ „שיין קרבן פסחל", מיט זיין אויסטייטשן די ראשי תיבות: ער איז געווען אַ קרבן פסח, ווייל ער איז נפטר געוואָרן אין ערב פסח, און די חסידים האָבן געטרויערט ווי אין תשעה באב.

דער סוד פון חייקל דעם וואַסער־טרעגער

און אויב איר מיינט, אַז אַ ייד דאַרף אַ סך דאַווענען, כדי צו קומען צו דער מדרגה פון זיין אַן עובד השם, זייט איר זיך טועה, — האָט ר׳ ירוחם סופר אָנגעהויבן זיין חסידישן שמועס מיט ייִנגעלייטלעך, וואָס זיינען געקומען צום זשאַבנער רבין אויף פּסח. — וואָרום מי לנו גדול פון רבין ר׳ מענדעלע פון רימאַנאָוו, זכרונו לברכה? און ער אַליין פלעגט תמיד זאָגן, אַז „בלויז פון אַן אמתן קרעכץ, וואָס וועט קומען מעומקא דלבא, פון טיפן האַרץ פון אַ פּשוטן ייד, וועט קומען משיח". דער עיקר איז כוונה, — האָט דער אַלטער ר׳ ירוחם אויסגעגלייכט זיין גראָע באָרד — און וואָס כוונה איז, האָט איר דאָך געהערט שבת ביים טיש אונדזער רבין נאָכדערציילן פון זיין זיידן, פון דעם הייליקן ראָפּשיצער, זכרונו לברכה, אַז עס זיינען צו אים געקומען אַמאָל יידן פון שטאָט פרעגן, אַז אַזוי ווי זיי זיינען משגיחים איבער די מצות, וואָס קהל באַקט פון קמחא דפסחא, פאַר די אָרעמע יידן אין שטאָט, ווילן זיי וויסן וואָס זיי זאָלן מכוון זיין בעת קנעטן די מירע. האָט דער ראָפּשיצער רבי מיט זיינע קלוגע אויגן אויף זיי אַ קוק געגעבן און האָט זיי געזאָגט: „וואָס מכוון צו זיין ווילט איר וויסן? די איינציקע כוונות אייערע ביים באַקן מצות דאַרפן זיין, אַז איר זאָלט אין זין האָבן, אַז די ווייבער, וואָס וועלגערן די מצות, זאָלן ניט דאַרפן אַרבעטן איבער די כוחות. שווייס פון שווערער האָרעוואַניע איז חמץ"...

און די מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן ביים „חוזה" פון לובלין, האָט איר דאָך זיכער געהערט! וואָס איז שייך איר זאָלט זי ניט האָבן געהערט? אדרבה, איר ווילט זי הערן, טאָ זעצט אייך אַנידער אָט־אָ־דאָ־אָ, הינטערן אויוון, וועל איך אייך די מעשה דערציילן. וואָרום צוריקגעשמועסט, וואָס האָט איר זיך צו איילן? קענט איר דען היינט אַהיימקומען אויף דער אכסניא? מ׳לאָזט היינט סיי־ווי־סיי קיינעם ניט אַריין. נאָר מ׳רוימט, מ׳וואַשט, מ׳שייערט, מ׳טומלט, מ׳פּילדערט, אַז מען קאָן אין קיין ספר ניט אַריינקוקן. טאָ איז דאָך שוין גלייכער איר זאָלט זיצן נעבן מיר און איר זאָלט האָרכן די מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפן ביים „חוזה" פון לובלין, כדי איר זאָלט וויסן דאָס גרויסקייט און הייליקייט פון די פריערדיקע צדיקים, די זיידעס פון אונדזער רבין, זכותם יגן עלינו — זייער זכות זאָל אויף אונדז מגין זיין און אויף אַלע יידן, אמן.

המ... המ... — האָט זיך דער אַלטער ר׳ ירוחם סופר צעשמייכלט. — אַזוי איז שוין דער סדר פון די מענטשן צו זאָגן „די פריערדיקע צדיקים", אַזוי ווי מען וואָלט געקאָנט מיינען, מי יודע וויפל וואָסערן עס זיינען שוין אָפּגעלאָפן זינט דער דאַמאָלסדיקער צייט, אָבער אין דער

אמתן, ווי לאַנג איז עס דען פון דער פטירה פון „חוזה" פון לובלין? און דאָך איז עס אַ הפלא ופלא, אַ מעשה נורא.

ר׳ ירוחם האָט זיך אָוועקגעזעצט צוזאַמען מיט די חסידישע יונגע־לייטלעך אין בית־המדרש הינטערן אויוון. ער האָט אַרויסגענומען די אַלע „כלים", וואָס זיינען אים שטאַרק נויטיק געווען, בעת ער פלעגט דער־ציילן אַ מעשה, ווי, למשל, די ביינערנע טאַבאַק־פּושקע, צו שמעקן טאַבאַק, וואָס ער אַליין האָט אים געריבן און האָט געזאָגט, אַז אַזאַ טאַבאַק איז אין ערגעץ ניט בנמצא; די גרויסע געבלומטע פאַטשיילע, די גע־דראַטענעברילן, וואָס איין שייבל איז געווען אויסגעהאַקט, און ר׳ ירוחם האָט געגעבן אַ פיר־דורך מיט זיינע אַלטע אויסגעדאַרטע פינגער איבער דער לאַנגער גראָער באָרד, האָט זיך אויסגעהוסט עטלעכע מאָל, האָט איינגעטונקען די פינגער אין אַ פּושקעלע וואַסער, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, אַזוי ווי ער זאָל זיך גרייטן צו טאָן אַ הייליקע עבודה און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן:

דער „חוזה" פון לובלין... פאַרוואָס, מיינט איר, האָט מען אים גע־רופן דער „חוזה" — זעער? ווייל ווען ער האָט געגעבן אַן עפן־אויף זיין לופּטשיקל פון זיין חדר מיוחד יעדן אינדערפרי און געגעבן אַ קוק אַרויס, האָט ער געזען ריין און לויטער וואָס עס טוט זיך אויף אַ ווייטקייט פון ת״ק פּרסה אויף ת״ק פּרסה, אויף פינף הונדערט מייל. ער האָט געזען אַלץ וואָס אַרום טוט זיך. אָבער ניט דערפאַר האָט מען געהאַלטן פון לוב־לינער רבין, וואָרום רוח הקודש האָט זיך געוואַלגערט אין לובלין אונטערן טיש און קיינער האָט זיך ניט געוואָלט צורירן דערצו... נאָר בלויז דערפאַר, ווייל ביים „חוזה" פון לובלין האָט מען געלערנט אַ דרך אין חסידות.

און דער דרך פון לובלינער רבין איז געווען, אַז יעדן פּסח אינדערפרי זאָל ער מכריז ומודיע זיין פאַר זיינע געהויבענע חסידים, מקורבים, וועל־כער סדר עס איז אין הימל אָנגענומען געוואָרן, פון וועלכן סדר די פמליא של מעלה האָט צומיינסטן אַ הנאה געהאַט.

מאַכט זיך אַ מעשה, איינמאָל, פּסח אינדערפרי, רופט דער „חוזה" פון לובלין אַריין דעם גבאי זיינעם און גיט אים אַ באַפעל, אַז ער זאָל גלייך צו אים ברענגען חייקלען פון לובלין.

איז דער גבאי אַרויסגעגאַנגען פון רבינס חדר אַ דערשראָקענער און ער האָט ניט געוואוסט וועמען צו רופן, וואָרום כמה חייקלס איכא בשוקא, וויפיל חייקלס זיינען פאַראַן אין לובלין? און ווידער צוריקגיין און פרעגן דעם רבין וועלכן חייקלען דער רבי האָט געמיינט האָט ער אויך ניט גע־קאָנט, ווייל דאָס איז ניט געווען דער שטייגער אין לובלינער הויף איבער־צופרעגן דעם רבין אויף זיינס אַ זאָג. האָט דער גבאי געטראַכט ביי זיך אין האַרצן: איך וועל גיין און רופן חייקלען, דעם ראש־הקהל. מסתמא האָט דער רבי אים געמיינט.

איז דער גבאי אַוועק צו חייקל דעם ראש הקהל, און האָט אים געזאָגט, אַז דער רבי וויל אים זען און ער זאָל למען השם גלייך מיט אים מיטגיין. דער ראש הקהל איז געווען אַביסל מיד פון די נעכטיקע אַרבע כוסות און פון סדר. אָבער אַז דער רבי רופט איז דאָך ניט שייך. איז ר׳ חייקל, דער ראש הקהל, גלייך געגאַנגען צוזאַמען מיטן גבאי צום רבין פון לובלין.

און ווען ר׳ חייקל ראש הקהל איז אַריינגעקומען צום לובלינער רבין אין שטוב אַריין, האָט דער „חוזה" אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון ספר. ער האָט געגעבן מיט זיינע טיפע אויגן אַ קוק אויף אים און געזאָגט: „ניט אים האָב איך געמיינט"...

איז דער גבאי ווידער אַרויסגעגאַנגען פון רבינס חדר־מיוחד און האָט ווידער ניט געוואוסט וועמען צו רופן, אויף וועלכן חייקלען דער רבי פרעגט זיך נאָך.

און עס איז ניט פאַרבייגעגאַנגען קיין שעה צייט ווי דער גבאי פון לובלינער רבין קומט צוריק אַריין אין דעם רבינס חדר־מיוחד מיט אַ צווייטן חייקלען, שוין ניט אַזאַ שיינער ייד ווי חייקל דער ראש הקהל, אָבער אויך אַ יוסטער בעל־הבית אין שטאָט, אַ ייד אַ בעל־צדקה און אַ גרויסער מכניס־אורח, און ווידער די זעלבע מעשה: דער רבי האָט אויפּ־געהויבן זיינע הייליקע אויגן פון ספר, ער האָט געגעבן אויף אים אַ קוק און געזאָגט: „ניט אים האָב איך געמיינט, גיי און רוף מיר אַן אַנדערן חייקל"...

הכלל, וואָס זאָל איך אייך מאריך זיין — האָט ר׳ ירוחם סופר געזאָגט, — דער גבאי האָט גערופן אַלע חייקלס, וואָס האָבן זיך געפונען אין לובלין, און דער רבי האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס: „ניט דעם חייקל האָב איך גע־מיינט!"

עס איז דערוויל געוואָרן שפּעט. אין בית־המדרש האָט מען געוואַרט אַז דער רבי זאָל אַריינקומען דאַווענען שחרית, אָבער דער רבי רירט זיך ניט פון אָרט, און דער גבאי איז כסדר אַרומגעלאָפן פון איין הויז צום צווייטן, פון איין בית־המדרש צום אַנדערן נאָכפרעגן, צי ס׳איז דאָרטן ניט פאַראַן אַ ייד, וואָס הייסט חייקל.

ביז דער גבאי איז אַריינגעקומען אין „חייטים שולעכל" אַריין. די מתפללים זיינען שוין פון לאַנג אַהיימגעגאַנגען. זיי האָבן זיך נוהג געווען צו דאַווענען בהשכמה. געבליבן זיינען נאָר אַ פּאָר געציילטע יידן, וועלכע האָבן פאַרשפּעטיקט דעם זמן־תפילה, און דאָרט האָט מען אָנגעוויזן דעם גבאי אויף אַ יידן, וואָס איז געזעסן ביי אַ טיש און האָט געזאָגט תהלים, אַז אָט דער ייד הייסט חייקל וואַסערטרעגער.

דער גבאי האָט זיך אַפילו לכתחילה געקווענקלט צוצוגיין צו אים. ער איז געווען מסופק צי דער רבי האָט אים געמיינט, אָבער אַזוי ווי ער האָט שוין גערופן צום רבין אַלע חייקלס, וואָס האָבן זיך געפונען אין לובלין און

דער רבי האָלט זיך אָלץ ביי זיינעם, אַז „ניט אים האָב איך געמיינט", איז דער גבאי פאַר אין־ברירה צוגעגאַנגען צו חייקל וואַסערטרעגער און ער האָט אים מיט ניט קיין זיכערן קול געזאָגט:

„זייט אַזוי גוט, ר' ייד, דער רבי רופט אייך".

אָבער ווי נבהל און נשתומם איז דער גבאי געווען, ווען ער האָט דער־זען דעם פחד און מורא, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם וואַסערטרעגער, ווען ער האָט דערהערט, אַז דער לובלינער רבי רופט אים. ער האָט אָנגעהויבן צו וויינען און צו קלאָגן און צו קלאַפּן זיין קאָפּ אין דער וואַנט און גע־שריגן: „ווינד און וויי איז מיר! דער רבי ווייסט שוין אויך דערפון. אַ בראָך איז צו מיר! וואו וועל איך זיך איצט אַהינטאָן, און וואָס וועל איך זאָגן דעם רבין? און וויי איז צו מיין לעבן, ווי אַזוי וועל איך מיין פּנים ווייזן פאַרן רבין?"...

דער גבאי אָבער, וואָס האָט ניט געוואוסט וואָס מיטן וואַסערטרעגער איז אַזוינס געשען, האָט איבערגעחזרט זיין ערשטן זאָג:

„נו, שנעלער, דער רבי וואַרט דאָך אויף אייך!"

און עס האָט ניט געהאָלפן די טענות פון חייקל וואַסערטרעגער און זיינע תחנונים. ער האָט געמוזט גיין צום רבין צוזאַמען מיטן גבאי.

און ווי נאָר חייקל וואַסערטרעגער איז אַריינגעקומען אין דעם חדר־מיוחד אַריין פון רבין פון לובלין איז ער געגעבן אַ פאַל־אַנידער פאַר דעם רבינס פיס און האָט אָנגעהויבן וויינען מיט ביטערע טרערן: הייליקער צדיק, גיט מיר אַרויס אַ תשובה פאַר מיין זינדיקער נשמה... איך בין ניט שולדיק..."

האָט דער רבי פון לובלין געגעבן אַ הויב־אויף זיינע הייליקע אויגן פונעם ספר און האָט געגעבן אַ זאָג: „אָט דאָס איז ער. אים האָב איך גע־מיינט... נו, הויב זיך אויף פון דער ערד און דערצייל מיר אַלץ, וואָס האָט זיך מיט דיר נעכטן פאַרלאָפן. קיין שום זאַך זאָלסטו פון מיר ניט פאַר־הוילן!..."

האָט חייקל וואַסערטרעגער ווידער אָנגעהויבן צו וויינען און זיך צו בעטן, אַז דער רבי זאָל אים אַרויסגעבן אַ תשובה, און דער רבי האָט זיך אַלץ געהאַלטן ביי זיינס: „דערצייל, קודם, וועלן מיר הערן"...

האָט זיך חייקל וואַסערטרעגער אויפגעהויבן פון דער ערד און האָט מיט אַ ציטערדיק קול אָנגעהויבן צו דערציילן:

„הייליקער רבי! שוין יאָרנלאַנג ווי איך בין אַ שטאָטישער וואַסער־טרעגער. טראָגן וואַסער פון דעם שטאָטישן ברונעם אין די יידישע הייזער אַריין, דאָס איז מיין פּרנסה. אַ גאַנץ יאָר לעב איך אין גרויס דחקות, ווי אַ וואַסערטרעגער, קוים וואָס איך האָב דעם טאָג איבערצולעבן, אָבער דאָך פאַרפעל איך, חס־ושלום, קיינמאָל ניט צו דאַווענען יעדן טאָג מיטן מנין אין דעם שניידערישן שולעכל. אַ חוץ איינמאָל אין יאָר, ערב פּסח,

ווען איך מוז פאַרזאָרגן, קיין עין־הרע, אַ גאַנצע שטאָט יידן מיט פּסחדיק וואַסער, דעמאָלט דאַוון איך ביחידות, און דאָס, וואָס עס האָט זיך מיט מיר געטראָפן נעכטן, גלויבט מיר, הייליקער צדיק, אַז ניט איך בין שולדיק. אַז שולדיק זיינען מער פון מיר אונדזערע בעלי־בתים פון שטאָט, ווייל אַ גאַנץ יאָר גיבן זיי מיר קוים אַ קאָפּיקע פאַר אַנגיסן אַ פאַס וואַסער, און ערב־פסח, ווען יעדער איינער וויל „מבער זיין זיין חמץ", איז וואו איך בין אַריינגעקומען האָט מען נאָר געהערט: „חייקל, ליידיק אויס דאָס פלעשל בראָנפן. עס איז מיר אַ שאָד דעם חמץ אַרויסצוגיסן!"...

און חייקל, אַ פראָסטער וואַסערטרעגער, האָט זיך ניט געקאָנט צוריק־האַלטן און אומעטום געטרונקען, וואָס די בעלי־בתים האָבן אים מכבד געווען, ביז... ערב פסח ביינאַכט איז ער באַלד נאָכן דאַווענען אַנידער־געפאַלן אַ טויט־מידער פון טראָגן פּסחדיק וואַסער אין אַלע באַלעבאַטישע הייזער אַריין און פון צופיל אויסרייניקן דעם „חמץ" אין די יידישע הייזער. דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט און איז אים געווען שווער ווי אַ ראָט־הויז. האָט חייקל געזאָגט צו זיין ווייב זלאַטע: „לאָמיר כאַפּן דערווייל אַ קליינ־טשיקן דרימל און דערנאָך וועלן מיר אָפּריכטן דעם סדר ווי עס געהער צו זיין"...

און זלאַטע, חייקל וואַסערטרעגער׳ס ווייב, איז אויך געווען זייער מיד און אויסגעמוטשעט פון אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן אין די גבירישע הייזער און וואַשן אין אַלע שטיבער די פאָדלאָגעס, האָט זי מסכים געווען אַביסל זיך איבערצושלאָפן...

אָבער ווען חייקל וואַסערטרעגער האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ־אויף פון זיין „קורצן" דרימל, איז שוין געווען כמעט טאָג אין דרויסן. יידן זיינען שוין געגאַנגען אין שול אַריין דאַווענען. איז חייקל וואַסערטרעגער געווען זייער פאַרזאָרגט און עס האָט אים שטאַרק געקלעמט ביים האַרצן, פאַרוואָס ער האָט ניט אָפּגעריכט דעם „סדר". האָט ער אויפגעוועקט זיין ווייב זלאַטע און ער האָט צו איר אַזוי געזאָגט: „אָפּריכטן דעם סדר איז איצט שוין צו־שפּעט, טאָ לאָמיר כאָטש מקיים זיין די מצווה פון עסן אַ כזית מצה און טרינקען די ארבע כוסות".

דאָס ווייב זיינס האָט געוויינט און האָט אים געענטפערט מיט אַ צע־בראָכן האַרץ: „פאַרוואָס זיינען מיר אַזוינע אומגליקלעכע מענטשן? אַ גאַנץ יאָר אַרבעט מען ווי פערד און ווען עס קומט אַ יום־טוב לאָזט מען אונז אויך ניט לעבן במנוחה"...

האָט חייקל וואַסערטרעגער איר געענטפערט: „אַזוי איז שוין דער גורל פון דעם אָרעמאַן, און קלאָגן איצט איז נישטאָ וואָס. לאָמיר בעסער מקיים זיין די מצווה פון טרינקען די ארבע כוסות". און חייקל וואַסערטרע־גער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן היסב־בעט, האָט געעפנט די הגדה, האָט גענומען אַ כוס און האָט אים אָנגעפילט מיט וויין און ער האָט אויפגעהויבן

זיין קאָפּ צום הימל און האָט אַזוי געזאָגט: „רבונו של עולם, האַר פון דער גאַנצער וועלט, דו ווייסט דאָך גוט אַליין, אַז איך בין ניט שולדיק. איך האָב געוואָלט אָפּריכטן היינט פאַר דיר דעם סדר אַזוי ווי אַ וואַסערטרעגער קאָן. און צוריקגעשמועסט, וואָס דאַרפסטו מיין הגדה? אָבער די ארבע כוסות, ווייס איך, איז אַ מצוה, אַז יעדער ייד דאַרף זיי טרינקען. בעט איך דיך, גאָט, זאָל זיין פאַר דיר באַוויליקט מיט טרינקען די כוסות ווי איך וואָלט געווען אָפּגעריכט פאַר דיר דעם סדר אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין און אַלע תפילות, וואָס איך האָב געדאַרפט זאָגן, זאָג דו, גאָט, אַליין פאַר מיר די הגדה און ריכט דו אָפּ פאַר מיר דעם סדר און איך וועל מקיים זיין צו טרינקען די ארבע כוסות".

און חייקל וואַסערטרעגער האָט געטרונקען די פיר כוסות, וואָס זיינען געווען געמישט מיט טרערן.

„אָבער הייליקער צדיק", האָט חייקל וואַסערטרעגער פאַרענדיקט דער־ציילן וואָס עס האָט זיך מיט אים נעכטן פאַרלאָפן, מיט אַ געשטיקט געוויין, „איר זעט דאָך אַליין, אַז ניט איך בין שולדיק, וואָס איך האָב ניט אָפּגע־ריכט דעם סדר. זיי זיינען שולדיק, און גיט מיר אַרויס אַ תשובה פאַר מיין זינדיקער נשמה".

האָט דער „חוזה" אויסגעהערט די מעשה, וואָס חייקל וואַסערטרעגער האָט דערציילט, און ער האָט צו אים געזאָגט:

„שרעק דיך ניט, חייקל. יהי חלקי עמך. הלואי איך זאָל האָבן אַ חלק אין דיין עולם הבא און גיי אַהיים און ריכט היינט ביינאַכט אָפּ דעם סדר ווי מען דאַרף".

און דערנאָך, ווען חייקל וואַסערטרעגער איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ גרינג האַרץ פון רבינס חדר־מיוחד, האָט דער „חוזה" מסביר געווען זיינע מקורבים דעם גאַנצן ענין און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

„ווען איך האָב היינט אינדערפרי געעפנט מיין לופטשיק, האָב איך פלוצלינג דערהערט אַ בת־קול אויסרופן: „דער סדר פון חייקל פון לובלין איז נתקבל געוואָרן אין הימל מער פון די סדרים פון אַלע אַנדערע יידן".

„האָב איך געוואָלט וויסן וואָס אַזוינס האָט חייקל געטאָן, וואָס ער האָט זוכה געווען צו דעם, אַז זיין סדר זאָל אָנגענומען ווערן מער פון אַלע אַנדערע סדרים. נו, איר האָט דאָך געהערט" — האָט דער חוזה" זיך גע־ווענדט צו זיינע חסידים. — „ער האָט זיך גאָר געהאַלטן פאַר אַ חוטא און געוואָלט אַרויסנעמען אַ תשובה, און זיין סדר איז אָנגענומען געוואָרן אין הימל... אַז גאָט אַליין האָט פאַר אים אָפּגעריכט דעם סדר און געזאָגט די הגדה, איז דאָך נישט שייך"...

נו, זעט איר שוין — האָט ר' ירוחם סופר אויסגעלאָזט זיין חסידישע מעשה — אַ פּשוטער וואַסערטרעגער איז חייקל פון לובלין געווען און דאָך האָט דער „חוזה" פון לובלין געוואָלט האָבן אַ חלק אין זיין עולם־הבא, ווייל דער עיקר תפילה איז דאָך די כוונה, האָט מען אין לובלין געלערנט.

אַן אורח צום סדר

איינמאָל אין ערב פּסח איז געקומען אַן אורח קיין קאָזשעניץ. דאָס אויסזען פון אורח איז געווען אַ מגושמדיקער, ווי ער וואָלט געווען איינער פון די אויסגעדינטע ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן. איז דער אורח אַריין אין בית־המדרש און האָט געבעטן אַ יידן ער זאָל אים ווייזן וואו דער קאָזשע־ניצער מגיד וואוינט. האָט דער ייד אים געוויזן דעם קאָזשעניצער מגידס הויז. איז דער פרעמדער אריין אין הויז פון קאָזשעניצער מגיד און האָט געפרעגט דעם גבאי, צי ער קאָן געבן שלום דעם רבין.

דער גבאי האָט געקוקט אויף דעם מאָדנעם אויסזען פון דעם פרעמדן, אויף זיינע מלבושים, וואָס זיינען ניט געווען קיין יידישע און אויף זיין צעדרייט לשון, וואָס איז געווען חצי יידיש און חצי רוסיש, האָט ער זיך געטראַכט, אפשר איז דאָס גאָר אַ מסור, וואָס וויל אויסשפּיאָ־נירן דעם רבין. האָט דער גבאי געזוכט אים מדחה צו זיין און געזאָגט:

„דער רבי איז איצט פאַרנומען מיט צוגרייטן זיך צו באַקן די ערב־פּסחדיקע מצות. מען קאָן ניט אַריינקומען צום רבין ווען מען וויל. דאָך וועל איך אַריינגיין פרעגן דעם רבין".

דער רבי האָט זיך געזאַמט אין רבינס חדר מיוחד איבער אַ שעה צייט און איז אַרויסגעקומען זאָגן דעם פרעמדן, אַז דער מגיד וויל אים זען.

איז דער פרעמדער אַריין צום מגיד אין חדר מיוחד און דער מגיד האָט אים געפרעגט:

„וואָס איז אייער בקשה?"

„איך וויל זיין ביי אייך ביים סדר" — האָט דער פרעמדער געענטפערט.

„אדרבה — האָט דער מגיד געזאָגט. — נישט בלויז ביים סדר, נאָר גאַנץ פּסח".

און דער פרעמדער איז אַרויס פון רבינס חדר מיוחד.

דער פרעמדער איז געגאַנגען איבער דער שטאָט, ביז ער איז צוגע־קומען צו אַ שענק. דאָרט האָט ער זיך געהייסן געבן צו טרינקען פּסח־דיקן מעד, וואָס מען האָט נאָך פאַרקויפט ערב פּסח.

דער פרעמדער האָט געטרונקען מער ווי מען דאַרף און איז געוואָרן אַ ביסל שיכורלעך. ער האָט זיינע שווערע פיס געשלעפּט צוריק אין בית־המדרש אַריין, זיך געלייגט אונטערן אויוון און איינגעשלאָפן.

דער קאָזשעניצער מגיד איז אַוועק מיט זיינע חסידים צום בעקער באַקן די שמורה־מצות. ער אַליין האָט בעת דעם קנעטן די מירע און וועלגערן די מצות געזאָגט מיט די חסידים הלל, האָט געזונגען ביים הלל זיין סקאַרבאָווע ניגונדל אויף „בצאת ישראל ממצרים", און כסדר

געשריגן צו די חסידים, אַז זיי זאָלן אין זינען האָבן, אַז די קרישקעלעך טייג, וואָס פאַלן אַראָפּ בעתן וועלגערן די מצות, זאָלן זיי הפקר. דערנאָך געזאָגט מיטן עולם חסידים „לשנה הבאה בירושלים" דריי מאָל, און צוריקגעגאַנגען אַהיים זיך צוצוגרייטן צום דאַווענען און צום סדר.

* * *

און ווען דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך געזעצט אויפן היסב־בעט און די חסידים אַרום דעם טיש, איז געבליבן שטיין איין שטול ליידיק פאַר דעם אורח, וואָס איז נישט געקומען. האָט דער מגיד געהייסן זיין גבאי ער זאָל גיין אין בית־המדרש אַריין און רופן דעם אורח. איז דער גבאי אַוועק אין בית־המדרש און געטראָפן דעם אורח שווער שלאָפן אונטערן אויוון. ער האָט אים אויפגעוועקט און אים געזאָגט, אַז דער מגיד וואַרט אויף אים מיטן סדר. דער אורח האָט געקוקט מיט פרעמדע אויגן אויפן גבאי, אַזוי ווי ער וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו אים. דער גבאי האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט: „דער מגיד וואַרט אויף אייך מיטן סדר"...

דער פרעמדער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן און האָט געשריגן: „וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס פאַרדרייט איר מיר אַ קאָפּ מיט אַ סדר, וואָס מגיד? ווער דאַרף אים?"

אָבער דער גבאי איז פון אים שוין ניט אָפּגעטראָטן. אַז דער מגיד האָט אים געגעבן אַ באַפעל, אַז ער זאָל ברענגען דעם אורח, וועט ער ניט צוריקקומען אָן אים.

און דער פרעמדער האָט זיך אויסגעטשוכעט פון שלאָף, האָט זיך געוואַשן די הענט און אויף שנעל אָפּגעמורמלט דעם יום־טובדיקן מעריב און איז אַוועק מיטן גבאי צום קאָזשעניצער מגיד.

ווען דער אורח איז אַריינגעקומען אין הויז פון קאָזשעניצער מגיד, האָט ער געטראָפן אַלע וואַרטן אויף אים. אויפן טיש זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט פאַרשידענע פלעשער וויין, פאַרשידענע זילבערנע כוסות און כוסות פון געשליפענעם גלאָז, און אינמיטן טיש — אַ גרויסער זיל־בערנער בעכער — דער כוס של אליהו. דעם מגידס קינדער זיינען גע־זעסן אויבנאָן, און אַרום דעם גאַנצן טיש די געהויבענע חסידים, וואָס האָבן אָפּגעריכט ביים מגיד דעם סדר, און ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ טיש און עס זיינען דאָרט געזעסן די רביצין מיט די ווייבער און די דינסטן, ווי דער מנהג איז געווען ביים קאָזשעניצער מגיד, אַז ביים סדר איז די רביצין געזעסן אין דער זעלבער שטוב וואָס דער מגיד, און אַפילו די דינסטמיידלעך זיינען געזעסן ביי דער רביצינס טיש.

און ווי דער מגיד האָט דערזען דעם פרעמדן אַריינקומען, האָט ער אים אָנגעוויזן אויף דער ליידיקער שטול, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים אָנגעגרייט און ער האָט גלייך אָנגעהויבן צו פראָווען דעם סדר.

דער מגיד האָט אָנגעהויבן צו זאָגן „קדש", האָט דער אורח אים אָנגעגאָסן דאָס כוס און דער מגיד האָט געמאַכט קידוש, און ביי „מגיד" האָט דער קאָזשעניצער רבי אָנגעהויבן צו זאָגן די הגדה.

דער קאָזשעניצער מגיד האָט געזאָגט די הגדה בנעימותדיק, מיט זיין ספּעציעלן ניגון. אַלע חסידים האָבן נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט. פון צייט צו צייט האָט דער מגיד זיך אָפּגעשטעלט און דערציילט פאַר די פרויען און קינדער וועגן דעם נס פון יציאת מצרים. ער האָט געזאָגט אַזעלכע תורהלעך, אַז אויך די פרויען און קינדער זאָלן זיי פאַרשטיין. ער האָט אויסגעטייטשט אַ פּסוק מיט אַ מעשה און אַ משל און כסדר גע־רעדט וועגן דעם לאַנגן גלות פון די יידן און אַז מען דאַרף ניט פאַרלירן די אמונה, אַז יעדע מינוט קאָן געשען דער גרויסער נס, אַז די יידן וועלן אויסגעלייזט ווערן.

אַלע חסידים האָבן נאָכגעזאָגט די הגדה נאָכן קאָזשעניצער מגיד, נאָר דער אורח איז געזעסן ווי אַ שטומער, נישט געעפנט דאָס מויל. ער האָט עפּעס געמורמלט אין דער שטיל און די חסידים האָבן זיך איבער־געוואונקען, אַז ער קען אפילו נישט גוט קיין עברי.

אַזוי איז דער אורח געזעסן די גאַנצע צייט ביי דער ערשטער העלפט פון דעם סדר, און ווען עס איז געקומען צום עסן איז דער פרעמדער געוואָרן לעבעדיק. ער האָט געגעסן און זיך געהייסן געבן נאָך און נאָך, און כסדר געטרונקען איין כוס נאָכן צווייטן...

און די חסידים זיינען געזעסן און האָבן זיך געחידושט: וואָס פאַר אַ מין פאַרשוין איז דאָס דער פרעמדער? ער קען אפילו ניט קיין עברי, האָט ניט רעכט געזאָגט די הגדה און דער קאָזשעניצער מגיד האָט אָן אים ניט געוואָלט אָפּריכטן דעם סדר, און דאָ זיצט ער און עסט און טרינקט, אַזוי ווי אַן אמתער זולל וסובא...

נאָך מער זיינען די חסידים פאַרחידושט געווען, ווען דער פרעמדער האָט נאָך דעם ווי ער האָט זיך געהאַט גוט אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען אָנגעהויבן צו זינגען. די ניגונים זיינען ניט געווען קיין חסידישע, נאָר עפּעס קאָזאַקישע מאַרשן. די חסידים האָבן זיך שטילערהייט צעלאַכט, אָבער דער קאָזשעניצער מגיד האָט געהייסן מען זאָל דעם פרעמדן ניט טשעפּען און לאָזן במנוחה.

נאָך דער סעודה, ווען מען האָט אָנגעגאָסן דעם דריטן כוס וויין, האָט דער קאָזשעניצער מגיד אַליין געבענטשט, און דער פרעמדער איז באַלד ווידער איינגעשלאָפן און די חסידים האָבן זיך שוין מער ניט אומגעקוקט אויף אים. זיי האָבן געזאָגט דעם צווייטן טייל הגדה און פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ שנאָרכן פון דעם פרעמדן און אַמאָל עפּעס אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס מען האָט געזען, אַז ער זעצט די פּסוקים ווי אַ בעקער...

אָבער ווען עס איז געקומען צו „חסל סידור פסח כהלכתו" האָבן אַלע דערזען, אַז דער אורח האָט זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט. ער איז געוואָרן זייער לעבעדיק און ער האָט געבעטן דעם קאָזשעניצער מגיד ער זאָל אים דערלויבן זינגען „חסל סידור פּסח", מיט דעם ניגון, וואָס ער האָט געהערט אין הויז ביי זיין פאָטער.

אַלע ביים סדר האָבן זיך פאַרוואונדערט, דערהערנדיק די דאָזיקע בקשה פון דעם פרעמדן. זיי האָבן געקוקט אויפן משונהדיקן אורח און אויף דעם קאָזשעניצער מגיד. עס האָט געהערשט אַ שטילקייט אין בית־המדרש. אַלע האָבן געוואַרט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם צו הערן וואָס דער קאָזשעניצער מגיד וועט ענטפערן. עס איז דורכגעגאַנגען אַ פּאָר רגעס. דער קאָזשעניצער מגיד איז געזעסן פאַרמוחט. דערנאָך האָט ער געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט — אַ סימן דער אורח מעג זינגען.

דער פרעמדער האָט אָנגעהויבן זינגען „חסל סידור פסח" מיט אַ מתיקותדיקן ניגון. דער ניגון איז געווען אַ זייער בענקענדיקער, און יעדע תנועה איז צעגאַנגען אין אַלע אברים, אָבער די ווערטער זיינען אַרויסגעקומען צעקאַליעטשעטע, אַזוי ווי אַ גוי וואָלט געזאָגט „עברי". האָבן אַלע אַרום זיך צוגעהערט צו דעם האַרציקן ניגון און צו דער משונהדיקער עברי און זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זיי האָבן געשוויגן און ניט נאָכגעזאָגט די ווערטער נאָך אים, און זיי זיינען געווען אין אַ גרויסער מבוכה. אָבער דער קאָזשעניצער מגיד איז געזעסן פאַר־דביקה׳ט און האָט זיך איינגעהערט אין דעם ניגון פון דעם אורח און פון זיי־נע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. מען האָט געהערט ווי דער קאָזשעניצער מגיד זאָגט: „ווידער חסל סידור פסח, ווידער אָפּגעריכט דעם סדר, יעדעס יאָר דאָס זעלבע. ווען וועט עס שוין נעמען אַ סוף צום גלות; ווען וועלן מיר שוין אויסגעלייזט ווערן?"...

דער אורח האָט ניט געהערט, אָדער זיך ניט געמאַכט הערנדיק, וואָס דער קאָזשעניצער מגיד האָט געזאָגט, און ער האָט ווייטער געזונגען. אָבער ווען ער איז געקומען צום פסוק „זך שוכן מעונה" האָט ער אָנגע־הויבן צו זינגען מיט גרויס התלהבות. דער ניגון איז געוואָרן מער חדוה־דיק. אין די טענער האָבן זיך געפילט האָפענונג. און ווען ער האָט גע־דאַרפט פאַרענדיקן דעם לעצטן חרוז: „פדויים לציון ברינה", האָט דער אורח געגעבן אַ שפרונג־אַראָפּ פון זיין בענקל. ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען אַ פריילעכן און ברענענדיקן ניגון, וואָס האָט אַלעמען מיטגעריסן. ער האָט זיך געלאָזט טאַנצנדיק צו דער טיר און האָט געשריגן „פּאַידיאָם" (אויף רוסיש מיינט עס „לאָמיר גיין") „לציון ברינה" (לאָמיר גיין קיין ציון מיט געזאַנג), און ער האָט כסדר געשריגן „פּאַידיאָם לציון ברינה"...

ווען דער מגיד האָט געהערט די ווערטער פון דעם פרעמדן מענטשן, איז ער אויך אַראָפּ פון זיין היסב־בעט. ער האָט פאַרגאַרטלט זיין גאַרטל,

פאַרריכט די פּאַנטאָפּעלעך אויף די פּיס, גענומען דעם שטעקן אין דער האַנט און ער האָט געזאָגט מיט פרייד: „יאָ, מיר זיינען גרייט צו גיין קיין ציון, מיר און אַלע יידן, מיט אונזערע ווייבער און קינדער...״

און נאָך איידער דער מגיד האָט פאַרענדיקט די לעצטע ווערטער, האָט זיך פּלוצלינג די טיר אַליין געגעבן אַן עפן־אויף. דער משונהדיקער אורח איז טאַנצנדיק און זינגענדיק צו צו דער טיר. ער האָט געזונגען מיט גרויס התלהבות, וואָס האָט אָנגעצונדן אַלע הערצער: „פּאַדיאָם לציון ברינה, פּאַדיאָם״... דער מגיד האָט זיך געאיילט אים נאָכצוגיין, אים צו דערגרייכן, אָבער ווען דער מגיד איז אַרויסגעקומען אין דרויסן, האָט ער מער ניט געזען דעם אורח. ער איז פאַרשוואונדן פון זיינע אויגן. ער האָט נאָר געהערט דאָס קול פון געזאַנג פון דעם אויסטערלישן אורח. דאָס געזאַנג האָט זיך כסדר דערווייטערט פון אים און האָט אָנגע־פילט די גאַנצע בלאָע־לופט. דאָס קול וואָס האָט זיך דערווייטערט איז וואָס אַמאָל, אַלץ שטילער און שטילער געוואָרן, און מען האָט נאָר געהערט „פּאַדיאָם לציון ברינה״, ביז עס איז אינגאַנצן פאַרשטילט געוואָרן...

אַ דאָרפס־ייִד טענהט זיך אויס מיטן רבונו־של־עולם ביים סדר

אין די צייטן פון רבין ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער זיינען די יידישע דאָרפסלייט געווען אין גרויס סכנה, זיי זאָלן מוזן אַלע פאַרלאָזן די דערפער. ניט ווייל די פריצים האָבן זיי געוואָלט פאַרטרייבן פון זייערע גיטער, נאָר ווייל דער רבי ר׳ מענדעלע האָט זיך געהאַט איינגעשפּאַרט, אַז די יידישע ישובניקעס ווערן פאַרגרעבט; זיי וואַקסן אויס אָן אַ מקוה און אָן אַ מנין; די קינדער ווערן דערצויגן אָן תורה און אָן דרך־ארץ — האָט דער רימאַנאָווער רבי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידישע דאָרפסלייט מוזן פאַרלאָזן זייערע ישובים און אַריבערציען זיך אין שטאָט אַריין. נישקשה, דער אויבערשטער וועט זיי ניט פאַרלאָזן; דער וואָס גיט לעבן, דער וועט געבן פּרנסה.

און אַז דער רבי ר׳ מענדעלע האָט באַפוילן עפּעס צו טאָן, האָט זיך קיינער ניט געוואַגט אים אַנטקעגנצושטעלן האָט ער געמעגט זיין פון די גרעסטע חסידים. בפרט נאָך דאָרפס־יידן...

איז אויף אַלע ישובניקעס אָנגעפאַלן אַ גרויסע אימה: ס׳טייטש, אַזוי פיל יאָרן געלעבט אין די דערפער, געהאַט פּרנסה בשפע, ווער מיט אַן אייגן הויז, ווער מיט אַ שטיקל ערד און ווער מיט אַ שטאַל בהמות. קיינער האָט זיך נישט געהאַט צו באַקלאָגן, און דאָ, מיטאַמאָל, קומט אָן אַ באַפעל פון רימאַנאָווער רבין, אַז מען מוז זיך אַרויסקלייבן פון די דערפער אין שטאָט אַריין!

האָבן די דאָרפס־יידן געזוכט אַן עצה ווי אַזוי צו פּועלן ביים רימאַנאָווער רבין ער זאָל בטל מאַכן די גזירה.

און אַזוי ווי עס איז דעמאָלט גראָד געווען פאַר פּסח, זיינען די דאָרפס־יידן געפאָרן צו פאַרשיידענע רביים און געוויינט פאַר זיי מיט ביטערע טרערן, זיי געבעטן זיי זאָלן ווירקן אויפן רבין ר׳ מענדעלע ער זאָל לכל הפּחות מסכים זיין די ישובניקעס זאָלן זיך איבערזומערן אין די דערפער. אָבער קיינער האָט זיך דאָס ניט געוואָלט אונטערנעמען טאָן. אַ קלייניקייט, דער רבי ר׳ מענדעלע! ווער וועט זיך דאָס וואַגן אים אַנטקעגנצושטעלן?

זיינען די יידישע ישובניקעס אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגטע און אַ סך פון זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו פּאַקן, געוואָלט אויספאַרקויפן זייער האָב און גוטס און זיך אַריבערקלייבן אויף פּסח אין שטאָט אַריין.

אָבער איינער אַ ישובניק, ר׳ סענדער סאַדאָווניק, וועלכער איז ניט געווען קיין גרויסער תלמיד־חכם, אָבער דערפאַר איז ער געווען אַן ערלעכער ייד, האָט געהאַלטן פון דעם כלל, אַז וואָס צו גאָט איז צו גאָט און

וואָס צו לייט איז צו לייט; ער האָט געהאַלטן אין פאַכט אַלע סעדער, וואָס דער פּריץ פון גרויסן דאָרף לעבן ראָפּשיץ האָט פאַרמאָגט.

קיין גרויסער חסיד איז ר׳ סענדער ניט געווען, נאָר צום ראָפּשיצער רבין פלעגט ער אָפט קומען און אים ברענגען אַמאָל אַ וואָגן עפּל און אַמאָל אַ וואָגן פלוימען, און ער פלעגט ביי אים תמיד נעמען אַ ברכה, אַז די פּירות־ביימער זאָלן געבן אַ סך פּרוכט אַז קיין ווינטן זאָלן ניט צעבלאָזן די בליעכץ און אַז קיין רעגנס זאָלן ניט שעדיקן די פּירות.

און ווען ר׳ סענדער האָט באַקומען אַ ברכה פון ראָפּשיצער רבין, האָט ער שוין דערנאָך געוואוסט וויפיל צו הייסן זיך געבן פאַר די פּירות, וואָס וואַקסן נאָך אויף די ביימער, און וויפיל אָנצובאָטן דעם פּריץ פאַר די סעדער.

און האָט זיך געמאַכט אַן עת צרה ביי ר׳ סענדער׳ן אין הויז, איז ער גלייך געלאָפן צום ראָפּשיצער רבין און פאַר אים אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ; פאַר אים אַוועקגעלייגט אַלע טענות, וואָס ער האָט געהאַט צו גאָט: „וואָס איז — פלעגט ער וויינען פאַר דעם ראָפּשיצער רבין — איך דאַווען ניט געננוג? גיב אפשר ווייניק צדקה? איז פאַרוואָס קומט דאָס מיר?״

דער ראָפּשיצער רבי פלעגט אים טרייסטן, אַמאָל אים געבן אַ פּשוטע עצה, וואָס ר׳ סענדער האָט זיך צוגעהערט דערצו. אָבער עס האָט זיך אויך געקאָנט טרעפן, אַז ר׳ סענדער סאַדאָווניק האָט ניט געוואָלט אָננעמען דעם ראָט פון דעם ראָפּשיצער רבין און ער האָט פאַרלאַנגט ער זאָל אים צוזאָגן, אַז ער וועט געהאָלפן ווערן.

ווי דאָס איז געווען דער פאַל, ווען דער פּריץ האָט פאַרלאַנגט פון סענדער סאַדאָווניק, ער זאָל אים געבן צוויי מאָל אַזוי פיל פאַכט־געלט פאַר די סעדער וואָס ער האָט באַצאָלט מיט אַ יאָר צוריק, איז סענדער סאַדאָווניק גיך אַריינגעלאָפן צום ראָפּשיצער רבין מיט אַ געוויין, אַז ער וועט בדלות ווערן. האָט אים דער ראָפּשיצער געעצהט ער זאָל זיך ווענדן צום גביר פון שטאָט ער זאָל אים אויסבאָרגן דאָס געלט. אָבער סענדער האָט דעמאָלט די עצה ניט געוואָלט אָננעמען און ער האָט געזאָגט:

„רבי, איך דאַרף מען דאָך ניט דערמאָנען, אַז עס שטייט אין פּסוק „אל תבטחו בנדיבים״ — פאַרלאָזט זיך ניט אויף די גבירים — „בבן אדם שאין לו״ — אויף די מענטשן, וואָס האָבן גאָרנישט — „תשועה״ — פון זיי וועט קומען די הילף. וויל איך, אַז איר, רבי, זאָלט מיר מבטיח זיין, אַז דער פּריץ וועט אַראָפּלאָזן פון פּרייז״.

„דו האָסט רעכט, סענדער. מיר׳ן זיך באַגיין אָן די גבירים״.

און דער ראָפּשיצער האָט אים געגעבן אַ ברכה און אים מבטיח גע־ווען, אַז דער פּריץ וועט זיכער מיט אים מושווה ווערן.

וכך הווה. דער פּריץ האָט אַראָפּגעלאָזט פון פּרייז און סענדער איז ווידער געבליבן דער איינציקער פאַכטער פון דעם פּריצס אַלע סעדער.

דערפאַר, ווען די דאָרפס־יידן האָבן געזוכט אַן עצה ווי אַזוי צו ווירקן אויף דעם רבין ר׳ מענדעלע ער זאָל בטל מאַכן די גזירה, אַז די יידישע ישובניקעס זאָלן פאַרלאָזן די דערפער, זיינען זיך אַ פאָר דאָרפס־יידן צו־נויפגעקומען צו סענדער סאַדאָווניק אין שטוב אַריין, זיך מיט אים צו באַראָטן וואָס צו טאָן. האָט סענדער סאַדאָווניק צו זיי געזאָגט:

„אמת, איר זענט טאַקע שוין ביי אַ סך רביים געווען, אָבער איך וועל איינשפּאַנען מיינע לייבן און איך וועל מיך אַראָפּלאָזן אין שטאָט אַריין צו מיין רבין ר׳ נפתלי ראָפּשיצער, וועט ער שוין געפינען אַ עצה ווי אַזוי דער רבי ר׳ מענדעלע זאָל צוריקציען זיין אָנזאָג״.

און סענדער סאַדאָווניק איז באַלד אַריינגעפאָרן אין שטאָט אַריין, געגעבן דעם ראָפּשיצער רבין אַ קוויטל און זיך פאַר אים באַקלאָגט וואָס פאַר אַ חורבן דעם רימאַנאָווער רבינס גזירה וועט אָנמאַכן אויף די דאָרפס־לייט.

האָט דער ראָפּשיצער אויסגעהערט זיינע טענות און האָט אים געזאָגט:

„פאָר צוריק און איך בין דיר מבטיח, אַז אַלע יידישע ישובניקעס וועלן בלייבן וואוינען אין זייערע דערפער און זיי וועלן אָפּריכטן דעם סדר ביי זיך אין די הייזער אַזוי ווי תמיד...״

דער ראָפּשיצער רבי האָט זיך דערנאָך פאַרטראַכט אויף אַ ווילע. זיין הייליקע צורה איז געוואָרן פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן. איין קלייניקייט: פקוח נפש, סכנת נפשות. יידן וועלן פאַרלירן דעם קוואַל פון פרנסה; און פון דער צווייטער זייט ווידער שטייט דער רימאַנאָווער רבי, איז מקנא קנאת ד׳ צבאות, זיינס אַ וואָרט...

און באַלד דערנאָך האָט דער ראָפּשיצער רבי אַ געשריי געגעבן:

„זאָל מען שפּאַנען די פערד. מיר וועלן זיך לאָזן מיט שליטן גלייך קיין רימאַנאָוו״.

און קיין רימאַנאָוו איז דער ראָפּשיצער רבי אָנגעקומען נאָך אַ לאַנגער נסיעה אַן אויסגעפרוירענער. ער האָט געהייסן דעם אָנטרייבער גלייך פאַר־פאָרן פאַרן רימאַנאָווער רבינס הויף. דער ראָפּשיצער רבי איז באַלד פון שליטן אַריין צום רימאַנאָווער רבין אין חדר אַריין, ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פעלץ און די זיידענע קאַפּאָטע און גלייך זיך אַריינגעלייגט אין רבינס בעטל און אָנגעהויבן שטאַרק צו קרעכצן.

באַלד איז געוואָרן אַ רעש אינעם רבינס הויף און תיכף האָט זיך דערפון דערוואוסט דער רימאַנאָווער רבי, אַז דער ראָפּשיצער איז אָנגעקומען כמעט אַ פאַרפרוירענער, כל עוד נשמתו בו, און ער ליגט אויפן רבינס בעטל און קרעכצט.

איז דער רימאַנאָווער רבי גלייך אַריינגעלאָפן אין זיין שלאָף־חדר, כדי זיך צו דערוויסן וואָס אַזוינס עס איז געשען מיט זיין באַליבטן תלמיד ר׳ נפתלי.

און דער ראָפּשיצער רבי האָט אים דערציילט, אַז ער איז אַזוי אויס־געפּרוּווירן געוואָרן צוליב דעם רבינס גזירה.

„אין די פריערדיקע צייטן — האָט דער ראָפּשיצער רבי זיך צע־קרעכצט — אַז אַ ייד פלעגט פאָרן אין ווינטער־צייט, האָט ער זיך ניט אַזוי שטאַרק געשראָקן פאַרן וועטער. ער האָט געוואוסט, אַז אין יעדן דאָרף איז פאַראַן אַ יידישע קרעטשמע, וועלכע נעמט אויף יעדן אורח מיט אַ ברייט האַרץ, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אברהם אבינוס אייניקלעך. דער קרעטשמער פלעגט מכבד זיין מיט אַ ביסל משקה, דערוואַרעמען דאָס האַרץ, געבן אַ ביסל וואַרעמס, אויסבעטן אַ געלעגער, האָט מען אינדער־פרי ווייטער זיך געקאָנט לאָזן אין וועג אַריין. היינט אָבער, אַז די דאָרפס־יידן פאַרלאָזן די דערפער, זיינען מקיים דעם רבינס באַפעל, איז נישטאָ ביי וועמען זיך אָנצואוואַרעמען; וואו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן. נו, וואָס וועלן טאָן די יידישע אָרעמעלייט, די, וואָס גייען איבער די שטעט, ווי אַזוי וועלן זיי קאָנען אויסהאַלטן? זיי האָבן דאָך ניט קיין וואַרעמען פעלץ ווי איך האָב. זיי האָבן דאָך ניט קיין אָקעוויט צו דערכאַפּן דאָס האַרץ און קיין אויסגעבעטן שליטן אויך ניט. וועלן זיי דאָך ממש אויסגיין אונטערוועגנס!"

דער רבי ר' מענדעלע איז אויפגעשפרונגען פון אָרט, מורמלענדיק צו זיך אַליין:

„און דאָס האָב איך אַלץ אָנגעמאַכט, אַלץ איך. יידן זיינען אין אַ סכנה. וואָס וועלן די יידישע אָרעמעלייט טאָן? דאָס וועגט דאָך אַלץ איבער..."

און נאָך אַ ווײַלע האָט זיך דער רבי ר' מענדעלע אָפּגעשטעלט און אויסגערופן:

„ראָפּשיצער רבי, מיר האָבן דאָס געמיינט לשם שמים, אָבער מיר זעען איין, אַז עס איז געווען אַ טעות. איר האָט אונז מנצח געווען. זאָלן די יידן בלייבן אין די דערפער! נישקשה, דער רבונו של עולם וועט זיך שוין זיין וועלטל אַליין באַשטיין!"

איז דער ראָפּשיצער באַלד אַראָפּגעשפרונגען פון בעטל מיט אַ שמחה און אויסגערופן:

„רבי! איך בין שוין געזונט!"

האָבן באַלד אַלע דאָרפס־יידן זיך דערוואוסט, אַז דער רבי ר' מענ־דעלע האָט בטל געמאַכט די גזירה, און אַלע האָבן געבראַכט מתנות סענ־דער סאַדאָווניקן, וואָס ער איז געפאַלן אויף דער גוטער המצאה אַריינצופאָרן צום ראָפּשיצער רבין.

און די ישובניקעס האָבן אָנגעהויבן זיך צוצוגרייטן צו פּסח.

אָבער וואָס נענטער ס'האָט זיך צוגערוקט צו פּסח, אַלץ מער איז דער ראָפּשיצער רבי אַרומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטער. ער האָט ווייניקער גערעדט, אפילו צו זיינע קינדער, און מער ניט געזאָגט קיין הלצהלעך, ווי זיין סדר איז געווען. נאָר ווען עס איז געקומען אַ טאָג פאַר ערב פּסח און סענדער

סאַדאָוואַניק איז אַריינגעקומען אין שטאָט אַריין צו מאַכן אַ שטר מכירה, צו פאַרקויפן זיין חמץ אויף פסח, האָט דער ראָפשיצער רבי זיך אויסגעדרייט צו זיין זון, צום רבין ר׳ אליעזרל, דער דזשיקאָווער רב, און האָט צו אים געזאָגט בדרך הלצה:

„ווייסטו, מיין זון, פאַרוואָס אַ רב דרשנט צוויי מאָל אַ יאָר אין דער שול — שבת שובה און שבת הגדול?״

דער זון זיינער און די חסידים, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אים, האָבן גאָרניט געענטפערט, ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער ראָפשיצער אַליין וויל די קשיא פאַרענטפערן, און דער ראָפשיצער האָט דערנאָך מיט אַ שמייכל געזאָגט:

„ד׳ער רב זאָגט אַ דרשה אין שול אין שבת שובה, כדי די שטאָט בעלי־בתים זאָלן וויסן, אַז זיי האָבן אַ גוטן „גוי״ צוגעגרייט צו טראָגן זייערע זינד, און אין שבת הגדול — כדי צו געבן צו וויסן דער שטאָט, אַז זיי האָבן אַ גרויסן „גוי״, וועמען צו פאַרקויפן דאָס חמץ...״

האָט דאָס די חסידים הנאה געטאָן, וואָס דער ראָפשיצער האָט צוריק־געקראָגן גדלות המוחין און איז צוריק אַריין אין זיינע מדרגות אַזוי, אַז ער דערלויבט זיך צו זאָגן אַ ווערטל.

אָבער ווען די חסידים זיינען פון זיין חדר אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך צוריק אַרויפגעלייגט אַ שאָטן אויף זיין פנים און ער האָט מיט אַ קרעכץ געזאָגט צום רבין ר׳ אליעזרל:

„מיר דאַרפן היי־יאָר ביים סדר האָבן סייעתא דשמיא. אין הימל איז פאַראַן אַ גרויסער קטרוג אויף די יידן. דער שטן טומלט, אַז עס מערן זיך קטני אמונה ביי יידן. מען דאַרף זיך גוט אונטערגאַרטלען...״

דעם סדר האָט דער ראָפשיצער אָפּגעריכט מיט גרויס שמחה אַזוי ווי תמיד, האָט געזונגען הלל מיט אַלע זיינע סקאַרבאָווע נגונימלעך, געזאָגט מיט גרויס דביקות „ובכן ויהי בחצי הלילה״, און ווען עס איז געקומען צום חרוז „שומרים הפקד לעירך כל היום וכל הלילה, תאיר כאור יום חשכת לילה״, האָט זיך דער רבי שטאַרק צעוויינט, גאָר ניט ווי זיין שטייגער איז געווען ביים סדר. ער האָט זיך באַלד שטאַרק פאַרמוטשט און פלוצ־לינג האָט זיין פנים אויפגעשטראַלט פאַר שמחה. ער האָט שוין דערנאָך געזונגען דעם „חסל סדור פסח״ מיט דעם באַקאַנטן ראָפשיצער נגונדל, און אַלע האָבן געפילט, אַז די זאָרג, וואָס האָט געדריקט דעם רבין די גאַנצע צייט, איז עפּעס ווי מיט איינמאָל פאַרשוואונדן.

און דער ראָפשיצער רבי אַליין האָט זיך באַלד אויסגעדרייט צו זיין זון און האָט צו אים געזאָגט:

„מיר האָבן מנצח געווען. סענדער סאַדאָוואַניק האָט רעכט געהאַט... אַ וואוילער טייטש פון אַ ישובניק!״

דער דזשיקאָווער רבי ר׳ אליעזרל האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דער פאָטער זיינער מיינט.

אָבער ווען עס איז געקומען דער ערשטער טאָג חול המועד און סענדער סאַדאָווניק איז אַריינגעקומען אין שטאָט אַריין האַנדלען, האָט דער ראָפּשיצער געשיקט נאָך אים און האָט אַריינגערופן זיינע קינדער מיט אַ פּאָר געהויבענע חסידים אין זיין חדר אַריין און האָט סענדערן געפרעגט:

„ווי אַזוי האָסטו, סענדער, אָפּגעריכט דעם סדר און וואָס פאַר אַ אורחים האָסטו געהאַט?"

„ווי תמיד, רבי — האָט סענדער געענטפערט. — זינט דער באַ־העלפער וואָס איך האָב צו מיינע קינדער איז אַוועק, גייט צו אַ ביסל שווערלעך. איר ווייסט דאָך, רבי, אַ פּשוטער ישובניק און די עברי איז נישט אַ לייכטע... אָבער מען האָט דורכגעקאָפּעט. נאָר צוויי אורחים האָב איך געהאַט, וואָס זיינען פלוצלינג ערב פּסח פאַרנאַכט אָנגעקומען אין דאָרף אַריין און האָבן ניט געוואָלט ביי קיינעם איינשטיין נאָר ביי מיר. נו, האָב איך פון זיי צרות געהאַט. איינער איז געווען זייער אַ וואוי־לער, האָט גאָרנישט פאַרלאַנגט, און אַלץ, וואָס מען האָט געטאָן, האָט אים גרויס הנאה געטאָן. אָבער דער צווייטער איז געווען עפּעס אַ מאָד־נער מענטש; האָט זיך געהאַלטן אין איין וואָרפן: דאָס געפעלט אים נישט און דאָס איז נישט ריכטיק; דאָ איז נישט געווג פּסחדיק און דאָ האָט ער אונז געמוסרט, אַז מיר ריכטן ניט אָפּ דעם סדר ווי עס דאַרף צו זיין".

נו, וואָס איז ווייטער געווען?"

האָט זיך שוין דער ישובניק דערשראָקן, וואָס דער רבי פרעגט אים אַזוי געגוי אויס וועגן די אורחים און ער האָט שטאַמלענדיק ווייטער דערציילט:

„איך האָב זיי חלילה גאָר נישט געטשעפּעט. אדרבא, זיי שטאַרק מקרב געווען. נאָר ווען עס איז געקומען נאָך דעם סדר און דער זעלבער אורח, וואָס האָט כסדר געפּונעט עוולות ביי אונז, האָט גענומען ריידן מיט דעם צווייטן אורח, אַז די יידן זיינען זינדיק, דערפאַר שטראָפט זיי גאָט; אַז מיר גלויבן נישט אַזוי שטאַרק אין דעם רבונו של עולם ווי אונזערע עלטערן האָבן געגלויבט, און דערפאַר שיקט גאָט אויף אונז אַזוי פיל פורעניותן. האָב איך זיך שוין גאָר נישט געקאָנט איינהאַלטן און איך האָב געזאָגט: „וואָס מיינט ער דאַרטן אויבן, אַז מיר וועלן כסדר ליידן אין גלות און ער וועט וואַרטן מיט זיין גאולה? זאָל ער אונז פריער עפּעס געבן אַ שטיקל הילף, וועט ער זען ווי די יידן וועלן צוריק אָנ־הויבן צו גלויבן". און בעת מיר האָבן זיך אַזוי געאַמפּערט, האָב איך באַמערקט ווי דעם צווייטן אורח טוט עס הנאה וואָס איך זאָג אַזוי גוט אַריין דעם פריינט זיינעם. האָב איך באַקומען נאָך מער קוראַזש, און אַ ביסל בין איך געווען בגילופינדיק, רבי, דאָס מוז איך מודה זיין, פון

די פיר כוסות, וואָס איך האָב אויסגעטרונקען נאָך מיט אַ שמיטשיק דערצו... נו, האָט זיך ביי מיר די צונג צעלאָזט און איך האָב אים גוט אַריינגעזאָגט..."

דער ראָפּשיצער רבי האָט געשמייכלט, ווען ער האָט געהערט ווי אַזוי סענדער סאַדאָווניק האָט געשטעלט זיינע טענות צו גאָט, און ער האָט אים געפרעגט:

„נו וואָס פאַר אַ פּסוק האָסטו עפּעס אויסגעטייטשט בעת דיין וויכוח מיט דעם אורח?"

סענדער סאַדאָווניק איז געבליבן שטיין אַ רגע פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זיך וועלן אין עפּעס דערמאָנען, און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

„יאָ, איך ווייס שוין וואָס דער רבי מיינט. איך האָב דעם אורח אָנ־געוויזן אויף אַ בפירושן פּסוק, אַז איך האָב רעכט און איך האָב אים געזאָגט: „עס שטייט אין דער תורה „ויושע ד' ביום ההוא" — אַז גאָט האָט געהאָלפן די יידן אין דעם דאָזיקן טאָג, ווען ער האָט זיי אַרויסגע־צויגן פון מצרים, און דערנאָך ערשט שטייט „ויאמינו בד' ובמשה עבדו" — דערנאָך האָבן די יידן געגלויבט אין גאָט און אין זיין קנעכט משה. זאָל גאָט פריער שיקן אַ ישועה צו די יידן, דערנאָך וועלן זיי צו־ריק ווערן גרויסע מאמינים, וועלן זיי ווערן פרום ווי אונזערע זיידעס זיינען געווען!..."

„וואויל געטייטשט — האָט דער ראָפּשיצער רבי געזאָגט. — דו האָסט רעכט און דו האָסט מיט דיין טייטש אַ גרויסע טובה געטאָן דעם כלל ישראל..."

און דערנאָך, ווען סענדער סאַדאָווניק האָט פאַרלאָזט דעם ראָפּשי־צערס חדר, האָט דער רבי געזאָגט צו זיינע חסידים:

„אין הימל איז געווען אַ גרויסער רעש. דער שטן האָט שטאַרק מקטרג געווען אויף די יידן, אַז די אמונה פאַלט. דערפאַר האָט דער רבי ר' מענדעלע געוואָלט, אַז די יידן זאָלן פאַרלאָזן די דערפער. האָט מען אַראָפּגעשיקט דעם ס"ם צוזאַמען מיט אליהו הנביא, זיי זאָלן זען ווי אַזוי יידן ריכטן אָפּ דעם פּסח, צי דאָס יידישקייט איז טאַקע גע־פאַלן. נו, האָבן זיי זיך ביידע פאַרקליבן צו סענדער סאַדאָווניק אין שטוב אַריין. האָט איר דאָך אַלע אַליין געהערט ווי גוט דער פּראָסטער ישובניק האָט זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו של עולם ביים סדר און ווי אַזוי ער האָט צעקלאַפּט אַלע טענות פונם שטן..."

און דער ראָפּשיצער רבי האָט אויסגעלאָזט:

„אין זכות פון אָט די פּשוטע יידישע ישובניקעס און פּראָסטע דאָרפס־לייט האַלט זיך די וועלט. זיי קאָנען אַמאָל מיט אַ פּשוטן טייטש פון אַ פּסוק מער פועלן אין הימל ווי אַ תורה פון אַ רבין אָדער שאַרף פּשטל פון אַ גרויסן תלמיד חכם..."

רבי וואָס האָט דערוואַרט משיחן לכבוד פסח

דער רבי ר׳ משה טייטלבוים פון אוהעל, וואָס מען רופט אים אויפן נאָמען פון זיין ספר „ישמח משה״, האָט ממש געאָטעמט מיט משיחן. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געחלומט וועגן דער גאולה און ביאת המשיח.

ווען ער איז נאָך געווען אַ תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין, האָט דער „חוזה״ אויף אים געזאָגט, אַז ווען עס זאָלן זיין כאָטש צען יידן, וואָס זאָלן ווועלן אַזוי שטאַרק און טאַקע בלב ונפש זיין אַזוי פאַרטאָן אין ברענגען די גאולה, ווי ר׳ משה אוהעלער, וואָלט משיח שוין לאַנג געווען געקומען.

יעדן טאָג פלעגט ער אַריינרופן זיינע קינדער און זיי זאָגן: זייט וויסן, אַז אויב איר וועט דערהערן, אַז „ער״ איז שוין געקומען, זאָלט איר נישט קוקן אויף כבוד אב און איר זאָלט מיך אויפוועקן.

ווען דער אוהעלער רב האָט געמיינט מיטן זאָג „ער״ האָבן אַלע געוואוסט, ווייל טאָג און נאַכט האָט דער „ישמח משה״ נאָר גערעדט וועגן „אים״, ווען „ער״ וועט קומען.

און אַ שטעקן האָט דער אוהעלער רבי געהאַט אַ לאַנגן. אַ פאַסטוך־שטעקן, וואָס איז תמיד געשטאַנען צו־קאָפּנס פון זיין בעט. דער שטעקן איז געווען אָנגעגרייט מיט אים אַנטקעגן צו גיין משיח.

אַ בעל חלומות איז דער אוהעלער רבי געווען. יעדן טאָג האָט ער דערציילט זיינע קינדער וועגן די חלומות וואָס ער האָט געהאַט, און גע־חלומט האָט ער על פי רוב וועגן „אים״, ווי אַזוי „ער״ איז געקומען און ווי אַזוי „ער״ האָט אויסגעלייזט די יידן פון פינצטערן גלות.

און איינמאָל, ווען דער אוהעלער רבי איז געזעסן ביים טיש, שבת, מיט זיינע חסידים, איז אויסגעבראָכן אַ שריפה אין אַ הויז. איז געוואָרן אַ רעש אין בית־המדרש. דער רבי איז געזעסן שטאַרק פאַרמוחט און זיך געגרייט צו זאָגן תורה.

דער גערודער אין בית־המדרש האָט אָפּגעריסן דעם רבין פון זיין פאַרמוחטקייט. ווען דער רבי האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ־אויף האָט ער דאָס ערשטע אַ פרעג געטאָן:

„וואָס איז, „ער״ איז שוין געקומען?״

אַז מען האָט אים געענטפערט, אַז עס האָט בלויז אויסגעבראָכן אַ שריפה אין אַ הויז. איז דער רבי געוואָרן פאַר׳מרה־שחורהט אויף אַ ווײַלע. ער האָט זיך אָבער אויך דערמאָנט, אַז שבת דאַרף מען זיין בשמחה, ווי מיר זאָגן „ביום שבת קודש שישו ושמחו״, און דער

רבי האָט דערנאָך געזאָגט אַ פייערדיקע תורה וועגן דער קדושת שבת. ער האָט אין זיין תורה נאָכגעזאָגט דאָס וואָרט פון ר׳ שלמה לייב לענטשנער, וואָס ווערט דערציילט, אַז ווען דער רבי ר׳ בונם פון פשיסכע האָט אַמאָל געזאָגט אין אַ חסידישן שמועס, אַז סוכות איז די אייינציקע מצוה, וואָס דער ייד גייט אַריין אין איר מיט אַלע אברים, האָט אים דערויף געענטפערט דער רבי ר׳ שלמה לייב לענטשנער, אַז נאָך אַ גרעסערע מצוה איז שבת, ווייל דער מענטש טוט גאָרנישט, און ווען ס׳קומט אָן דער שבת, געפינט ער זיך שוין אין דער מצוה...

און נאָך אַ מעלה, האָט דער אוהעלער רבי צוגעגעבן, האָט דער שבת, וואָס דער ייד קען פון דער מצוה אויף קיין איין רגע נישט אַרויסגיין...

און דער אוהעלער רבי האָט אין זיין תורה מעורר געווען די יידן, זיי זאָלן האָבן בטחון, אַז משיח וועט זיכער גאָר אינגיכן קומען...

און ווען עס איז געקומען פאַר פסח, האָט דער אוהעלער רבי זיך געגרייט „אים" מקבל פנים צו זיין. ער האָט געבאַקן שמורה מצות און געווען זיכער, אַז אין פסח וועט „ער" קומען. שטייט דאָך, אַז אין פסח זיינען די יידן אויסגעליזט געוואָרן און אין פסח וועלן זיי אויסגעלייזט ווערן. ווערט דאָך פסח אָנגערופן „חג החירות"! און דער אור פון דער גאולה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון יציאת מצרים, פאַרשפּרייט זיך אויף דער וועלט און ער וועט קומען אַראָפּ צו די יידן אין פסח, ווען עס וועט זיין די אמתע גאולה שלמה...

און אַ זון האָט דער אוהעלער רבי געהאַט, ר׳ אליעזר ניסן האָט ער געהייסן, וואָס איז געווען רב אין דראָהאָביטש. האָט דער אוהעלער רבי געהאַט אַ מנהג, אַז פסח צום סדר זאָלן זיין אַלע קינדער ביי אים. האָט מען געשריבן בריוו צו ר׳ אליעזר ניסן, אַז ער זאָל קומען אויף פסח. גערעכט האָט מען זיך, אַז דער דראָהאָביטשער רב וועט קומען קיין אוהעל נאָך אויף שבת הגדול, אָבער אַז עס איז דורך דער שבת הגדול און ר׳ אליעזר ניסן איז נישט געקומען, האָט מען נישט געקענט פאַרשטיין די סיבה.

פון דראָהאָביטש קיין אוהעל איז אין יענע יאָרן געווען אַ מהלך רב. מען האָט געדאַרפט פאָרן עטלעכע טעג מיט פערד און וואָגן.

גראָד האָט אין יענעם יאָר פאַר פסח מוראדיק גערעגנט. עס האָט גע־מבולט. אַלע וועגן זיינען געווען פאַרגאָסן. האָט מען זיך געשראָקן אין רבינס הויף, אַז רבי אליעזר ניסן וועט חס ושלום היי־יאָר נישט קענען קומען אויף פסח קיין אוהעל. און אַזוי איז פאַרגאַנגען איין טאָג און נאָך אַ טאָג, און ר׳ אליעזר ניסן איז נישט געקומען. האָט מען אַרויסגעשיקט רייטער אין די אַרומיקע דערפער, אויסצוגעפינען צי דער דראָהאָביטשער רב האָט זיך נישט פאַרהאַלטן אין אַ דאָרף; אפשר איז אַ דאָרף פאַרפלייצט געוואָרן, די בריקן זיינען איבערגעריסן געוואָרן און ער קען נישט קומען אין שטאָט אַריין. זיינען די רייטער צוריקגעקומען און האָבן דערציילט, אַז

זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביי די יידישע קרעטשמערס, צי זיי האָבן געזען דורכפאָרן דעם דראָהאָביטשער רב. אָבער קיינער האָט אים נישט געזען.

איז מען געווען פאַרזאָרגט אין אוהעלער הויף. דערווייל איז שוין גע־קומען ערב פסח. דער אוהעלער רבי האָט שוין מבער געווען דאָס חמץ. מען האָט געמיינט, אַז דעם רבינס זון וועט קומען צום באַקן די ערב פסח־דיקע שמורה־מצות, אָבער ער איז נישט געקומען.

דער אוהעלער רבי האָט אַליין געקנעטן די ערשטע מיירע. ער האָט געזאָגט הלל מיטן עולם — די חסידים, וואָס האָבן געוועלגערט און גע־שיבט די מצות אין אויוון אַריין. מען האָט שוין געהאַט אָפּגעבאַקן די מצות. דער אוהעלער רבי האָט פון די שמורה־מצות געטיילט די געהויבענע חסידים מצות־שמורה. טייל האָבן געקראָגן דריי מצות פאַר כהן, לוי, ישראל, טייל בלויז צו איין מצה. און ווען עס איז געוואָרן פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך שוין געהאַלטן ביים זעצן הינטער די בערג, איז דער אוהעלער רבי געגאַנגען נאָכאַמאָל אין מקוה אַריין זיך טובל צו זיין פאַרן דאַווענען און פאַרן אָפּריכטן דעם סדר.

און דער אוהעלער הויף איז געווען איינגעהילט אין טרויער. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס נישט אַלע קינדער וועלן זיין ביים אוהעלער רבין פסח. ביים אָפּריכטן דעם סדר וועט פעלן דעם אוהעלער רבינס זון, דער דראָהאָביטשער רב, ר׳ אליעזר ניסן.

און פּלוצלינג, ווען דער עולם האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו קלייבן אין בית־המדרש אַריין, האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פון פערדישע פּאָדקאָ־וועס. אַ וואָלקן שטויב האָט זיך אויפגעהויבן פון וועג און עס איז אַריינגעקומען צו פאָרן גאַלאָפּ אַ פור מיט דריי פערד ווי לייבן נאָ־שפּיק. די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט האַרט פאַרן רבינס הויז, און פון דער בויד איז אַרויס אַ פאַרשוויצטער דער דראָהאָביטשער רב.

אַ גרויסע שמחה איז געוואָרן אינעם רבינס הויז. די חסידים האָבן זיך דערוואוסט, אַז גאָר גרויסע מכשולים זיינען געווען אויפן וועג און ר׳ אליעזר ניסן האָט געדאַרפט דריי מאָל אויפן וועג בייטן די פערד, אַז די וועגן זיינען געווען פאַרפלייצט צוליב דעם שלאַקסרעגן, אַ סך לאַוועס זיינען אָפּגעשווענקט געוואָרן, בריקן זיינען פאַרפלייצט געוואָרן און ר׳ אליעזר ניסן האָט שוין געטראַכט זיך אָפּצושטעלן אויף פסח ביי אַ שענקער אין אַ וויטן דאָרף. אָבער דער שענקער האָט אים געגעבן אַ פּאָר פרישע פערד ווי לייבן און אַ נייעם בעל־עגלה, וואָס קען זיך אויס אויף די זייטן וועגן, וואָס פירן קיין אוהעל. די פערד זיינען געפלויגן ווי אָדלערס. דער בעל־עגלה האָט אונטערגעשמיסן די פערד און זיי זיינען אָנגעקומען האַרט פאַרן דאַווענען. איז דער גבאי געלאָפן אָנזאָגן די גוטע בשורה דעם אוהעלער רבין אין מקוה אַריין. ווען דער גבאי איז אַריינגעקומען אין מקוה, האָט דער רבי שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין פון וואַסער. ער האָט זיך טובל גע־

וועז לכבוד יום־טוב. פון דער גראָער באָרד האָבן געטריפט טראָפּנס וואַ־סער און ער האָט געהאַלטן ביים אָנטאָן דעם טלית־קטן.

דער גבאי איז צו צום רבין, האָט אָפּגעשטופּט דעם משמש, וואָס האָט באַגלייט דעם רבין אין מקוה אַריין, און ער האָט דעם רבין געזאָגט מיט שטראַלנדיקע אויגן:

„ער איז געקומען!"

ווי דער רבי האָט דערהערט די דאָזיקע דריי ווערטער, האָט זיין פּנים אויפגעשטראַלט פאַר שמחה.

„אַזוי, אַזוי, ער איז געקומען!" — און ער האָט אַרומגעכאַפּט דעם גבאי און האָט אָנגעהויבן מיט אים צו טאַנצן פאַר פרייד.

„וואו איז „ער"?" — האָט דער רבי שנעל געפרעגט.

„געקומען אין שטאָט אַריין!" — האָט דער גבאי געענטפערט.

„איז וואָס שטייט מען, וואָס שווייגט מען? — האָט דער רבי אַ צע־טומלטער פאַר שמחה געשריגן. — גיט מיר די שטעק־שיך, לאָמיך שנעל אָנטאָן די קאַפּאָטע און לויפן אים מקבל פּנים זיין! אַזוי, אַזוי, ער איז געקומען!" — האָט דער אוהעלער רבי אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט די ווערטער.

„אָבער פאַרוואָס איז „ער" געקומען קיין אוהעל? פאַרוואָס האָט „ער" אויסגעקליבן אוהעל?" — האָט דער רבי זיך געפרעגט.

דער גבאי האָט נישט פאַרשטאַנען דעם רבינס פראַגע, אָבער ער האָט געענטפערט:

„ווייל דער רבי וואוינט דאָ!"

„ער" האָט אויסגעקליבן צו קומען צוערשט קיין אוהעל. אוי־וואַ, טאַקע קיין אוהעל! און וואו איז „ער"?"

„אין רבינס הויז" — האָט דער גבאי געענטפערט.

„אַזוי, אין מיין הויז. זע נאָר זע, פלאי פלאים, „ער" איז געקומען קיין אוהעל און איז אין מיין הויז. אָבער פאַרוואָס אין מיין הויז? מען דאַרף לויפן אים מקבל פּנים זיין. גיב מיר שנעל די קאַפּאָטע און לאָמיר גיין „אים" מקבל פּנים זיין!"

און דער אוהעלער רבי איז שנעל געגאַנגען פון דער שול־גאָס צו זיין הויז. ער איז נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן — נישט געלאָפן, נאָר געשוועבט אין דער לופטן, און כהרף עין איז ער שוין געווען אויף דער שוועל פון זיין הויז. ער האָט שנעל גערעדט:

„וואו איז „ער"? לאָמיך „אים" געבן שלום."

„ער איז אין רבינס חדר מיוחד" — האָבן די שטוב־מענטשן געענט־פערט.

„אַזוי, אין מיין חדר מיוחד. וואָס פאַר אַ זכיה!" — האָט דער אוהע־לער געמורמלט בעת ער איז געלאָפן איבער דער פראַווע־שטוב צו זיין

חדר מיוחד. — ער איז געקומען צוערשט קיין אוהעל, אַריין אין מיין הויז און געפינט זיך אין חדר מיוחד. וואָס פאַר אַ זכיה, רבונו של עולם! מיט וואָס האָב איך דאָס פאַרדינט? — האָט ער אויפגעהויבן די אויגן זיינע. — עס וועט שוין זיין אַ סוף צום גלות! ער איז געקומען!״

דער אוהעלער רבי האָט שנעל געגעבן אַ פּראַל אויף די טיר פון זיין חדר מיוחד און געגעבן אַ געשריי:

„וואו איז „ער״?״

און ווען ער האָט דערזען זיין זון ביים טיש מעיין זיין אין אַ ספר, און קיינער איז מער נישטאָ אין זיין שטוב, איז ער פּלוצלינג געבליבן שטיין אינמיטן שטוב, ווי זיינע פיס וואָלטן געליימט געוואָרן, און פון זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו רינען צוויי ריטשקעלעך טרערן...

„ער״ איז נאָך נישט געקומען!״ — האָט דער אוהעלער רבי זיך צע־וויינט ווי אַ קינד.

דער דראָהאָביטשער רב איז צו צום פאָטער, האָט ביי אים גענומען שלום, און באַלד זיינען זיי ביידע אַריין אין בית־המדרש דאַווענען.

און ביים סדר, בעת דאָס גאַנצע בני בית איז געזעסן אַרום דעם אוהעלערס טיש און אָפּגעריכט דעם סדר האָט דער אוהעלער רבי דער־ציילט ווי זיין שטייגער איז געווען, ווי ער געדענקט, ווי ער איז אַרויסגע־גאַנגען פון מצרים. ער האָט אפילו געדענקט, וואָס פאַר אַ כלים ער האָט זיך געבאָרגט פון אַ מצרי, ווען מען איז אַרויס פון מצרים, און ווי אַזוי ער איז געווען פון די ערשטע אַריינצושפּרינגען אין ים אַריין, ווען ער האָט זיך געשפּאָלטן אויף צוויי טיילן.

און דער אוהעלער רבי האָט אויסגערעכנט ביים סדר ווי ער איז אין אַן אַנדערן גילגול געווען אין ארץ ישראל בזמן הבית, און ווי אַזוי ער האָט געטראָגן אַ ציגעלע אויף די פּלייצעס קיין ירושלים צו ברענגען אַ קרבן אין בית המקדש, און ווי ער האָט געבראַכט אַמאָל אַ שעפּסל פאַרן קרבן פסח און די גאַנצע משפחה איז געזעסן צוזאַמען אין ירושלים און דערציילט פון יציאת מצרים, ווייל ווער ס׳מערט צו דערציילן פון יציאת מצרים, דער ווערט געלויבט. איז מען אַזוי געזעסן צוזאַמען אין ירושלים און מען האָט דערציילט וועגן דעם אַרויסגיין פון מצרים, ביז עס איז גע־קומען דער זמן פון קריאת שמע פון שחרית.

און ביי יעדן פּזמון פון דער הגדה האָט זיך דער אוהעלער רבי אָפּ־געשטעלט און האָט עס אויסגעטייטשט אויף יידיש, כדי אויך די ווייבער און קינדער זאָלן פאַרשטיין און וויסן, אַז אין דער נאַכט פון פסח איז פאַראַן אַ גרויס התעוררות, אַז „ער״ זאָל קומען.

„די גאולה פון עבדות לחירות — האָט דער אוהעלער רבי דעמאָלט געזאָגט — מיינט מען, אַז יעדער יחיד זאָל אַרויס פון זיין אייגענער קנעכט־שאַפט לחירות. ער זאָל נישט זיין פאַרשקלאַפט צום יצר הרע און זאָל

ווערן פריי צו קענען בעטן דעם אויבערשטן, אַז עס זאָל קומען די גאולה שלמה״.

און ווען מען האָט געהאַט פאַרענדיקט דאָס אָפּריכטן דעם סדר און מען האָט געדאַרפט זאָגן „לשנה הבאה בירושלים״ — האָט דער אוהעלער רבי זיך אָפּגעשטעלט און האָט געזאָגט:

„ווער האָט כוח צו וואַרטן אַ גאַנץ יאָר? ווי וועלן מיר קענען אויס־האַלטן נאָך אַ יאָר אין דעם גלות? דאַרפן מיר בעטן, אַז „ער״ זאָל שוין היינט קומען, טאַקע באַלד, כדי מיר זאָלן שוין מאָרגן קענען זיין אין ירושלים!״

און ער האָט מיט גרויס התלהבות אַ געשריי געגעבן:

„בלילה הבא בירושלים!״

„לאָמיר אַלע שרייען, אַז שוין איצט זאָל „ער״ קומען. עס זאָל נעמען באַלד אַ סוף צו דעם פינצטערן גלות. שרייט אַלע מיט:

„בלילה הבא בירושלים!״

מען דאַרף זאָגן די הגדה מיט התלהבות

יעדעס יאָרביים אָפּריכטן דעם סדר, האָט דער מאָגעלניצער רבי, ר׳ חיים מאיר יחיאל, איידער ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן אין דער הגדה „ונצעק אל ד׳ אלקי אבותינו וישמע ד׳ את קולנו״, דערציילט אַזאַ מעשה:

געווען אַ דאָרפס־ייד, וואָס האָט געהאַלטן אַ קרעטשמע אויף אַרענדע פון פּריץ.

דער סדר איז דעמאָלט געווען ביי די פּריצים, אַז די יידן וואָס האָבן געהאַלטן די אַרענדע, האָבן געדאַרפט אָפּצאָלן די „ראַטעס״ פיר מאָל אין יאָר, יעדע דריי חדשים אַ ראַטע. אויב דער ייד האָט די ראַטע נישט באַצאָלט אין צייט, האָט דער פּריץ אים גערופן אין הויף אַריין, און ער האָט געהייסן זיינע דינער זיי זאָלן דעם יידן שמייסן.

נישט פערציק מלקות האָט דער דאָזיקער אומגליקלעכער ייד געקראָגן, נאָר הונדערט און צוויי הונדערט מלקות, ביז דאָס בלוט האָט גערונען פון זיין לייב. דערנאָך ערשט האָט ער אים איינגעזעצט אין קעלער פון פּאַלאַץ און ער האָט אים דאָרט אַזוי לאַנג געהאַלטן, ביז עס איז געקומען דאָס בני־בית פונעם יידן און האָבן אָפּגעצאָלט די ראַטע, אָדער עס זיינען געקומען יידן, וואָס זיינען רחמנים און זיי האָבן געגעבן געלט פאַר דער ראַטע.

האָט זיך געטראָפן, אַז דאָס בני־בית האָט נישט געקענט אָפּצאָלן די ראַטע, אָדער די יידן פון דער סביבה זיינען אַליין געווען גרויסע אָרעמעלייט און זיי האָבן נישט געקענט אויסלייזן דעם יידן, האָט דער פּריץ אַזוי לאַנג געהאַלטן דעם יידן אין תפיסה, אים געגעבן צו עסן בלויז ברויט מיט וואַסער, ביז דער ייד איז דאָרט אויסגעגאַנגען פון הונגער.

ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער חודש פון צאָלן די ראַטע, וואָס פאַלט געוויינטלעך אויס אין די פּסח־טעג, און דער דאָרפס־ייד האָט דערזען, אַז ער האָט נישט קיין פּרוטה צו באַצאָלן די צווייטע ראַטע, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו זאָרגן און ער איז אַרומגעגאַנגען טרויעריק און פאַר׳צער׳ט.

פרעגט אים זיין ווייב, וואָס ער איז אַזוי פאַרזאָרגט, זאָגט ער איר ווי שווער עס איז אים אויפן האַרצן, אַז עס דערנענטערט זיך שוין די צייט צו באַצאָלן די צווייטע ראַטע, און ער האָט נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה.

צען טעג פאַר פּסח איז זיין ווייב געפאָרן אין דעם נעבנדיקן שטעטל אַריין, איינצוקויפן מצות און ווין אויף פּסח.

ווען זי איז צוריק אַהיימגעקומען, דערציילט זי איר מאַן, אַז זי

האָט געהערט אין שטעטל, אַז אין דער שטאָט מעזשיבעזש, וואָס איז אַ צען מייל פון דאָרף, געפינט זיך אַ גוטער־ייד, וואָס מען רופט אים „אוהב ישראל״, ווייל ער איז אַ רבי, וואָס האָט ליב און העלפט אַלע יידן וואָס קומען צו אים. איז איר עצה, אַז ער זאָל אויך גיין צו דעם דאָזיקן גוטן־יידן, און אים געבן אַ קוויטל, וועט ער געהאָלפן ווערן.

האָט זיך דער דאָרפס־ייד אַרויסגעלאָזט צו פוס קיין מעזשיבעזש צום רבין ר׳ אברהם יהושע העשל, וואָס די וועלט האָט אים דערנאָך אויך גערופן דער „אַפּטער רבי״, ווייל ער האָט מיט יאָרן שפּעטער געוואוינט אין אַפּט.

די וועגן זיינען דעמאָלט געווען פול מיט בלאָטעס, דער שניי האָט שוין אָנגעהויבן צו צעגיין און האָט אַלע וועגן פאַרוואַנדלט אין איין גרויסער בלאָטע.

שלעפּט זיך אַזוי דער דאָרפס־ייד מיט זיינע גרויסע שטיוול און מיט אַ זעקל ברויט און טלית און תפילין אויף די פּלייצעס קיין מעזשיבעזש צו דעם „אוהב ישראל״, ער זאָל אים העלפן ער זאָל קענען באַצאָלן דעם פּריץ די צווייטע ראַטע.

אָנגעקומען קיין מעזשיבעזש איז דער דאָרפס־ייד געווען אינגאַנצן איינגעטונקען אין בלאָטע. ווען ער איז אַריין אין הויז פון מעזשיבעזשער רבין, צו דעם „אוהב ישראל״, איז שוין געווען אויפגערוימט פאַר פּסח. די ווענט זיינען געווען געקאַלכט, די פּאָדלאָגעס געוואַשן און די ספרים־שאַנק אויסגעלופטערט.

און ווען דער דאָרפס־ייד איז אַריינגעקומען מיט זיינע פאַרבלאָטיקטע שטיוול און ער האָט געזאָגט דעם משמש, אַז ער וויל אַריינגיין צום רבין, האָט דער משמש אים מדחה געווען, ער האָט אים אין זיין פאַרבלאָטיקטן הילוך נישט געוואָלט אַריינלאָזן צום רבין.

דער גבאי האָט דעם דאָרפס־ייד אַרויסגעטריבן פון רבינס פּראָווע־שטוב, וואו עס זיינען געזעסן די קוויטל־שרייבער און געשריבן קוויטלעך פאַר די יידן, וואָס זיינען געקומען צום רבין.

האָט דער דאָרפס־ייד נישט געוואוסט וואָס צו טאָן און אַזוי ווי עס איז געווען דאָנערשטיק פאַרנאַכט, האָט ער זיך געטראַכט, אַז ער וועט שוין בלייבן שבת אין מעזשיבעזש.

קיין געלט צו גיין אין אַן אכסניא האָט דער דאָרפס־ייד נישט געהאַט, איז ער אַריין אין פּאַליש פון בית־המדרש און זיך אַוועקגעלייגט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אָרעמע יידישע וואַנדערער.

אַזוי ווי דער שבת איז געווען שבת הגדול האָט אויך דער „אוהב ישראל״ געהאַלטן שבת אַ דרשה אין בית המדרש ווי דער מנהג איז ביי יידן, אַז רבנים האַלטן דרשות שבת הגדול אין די שולן.

שבת נאָכן עסן זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע יידן פון שטאָט

אין בית־המדרש אריין צו הערן דעם רבין אברהם יהושע העשל זאָגן די דרשה. מען איז געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ און אויך דער דאָרפס־ייד האָט זיך געשטופּט צווישן עולם און ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער וועט זען די צורה פון רבין.

דער „אוהב ישראל" האָט געהאַלטן די דרשה על פּי פּרד"ס, צוערשט פאַרענטפערט אַ האַרבן רמב"ם אויף הלכות פּסח, דערנאָך גערעדט על פּי קבלה און חסידות, וואָס דער דאָרפס־ייד האָט גאָר נישט פאַרשטאַנען, אָבער דערנאָך האָט דער „אוהב ישראל" אויסגעטייטשט די הגדה אין יידיש און ווען ער איז געקומען צו דעם מאמר „ונצעק אל ד' אלקי אבותינו"... איז דער רבי אַריינגעפאַלן אין גרויס דביקות און ער האָט מעורר געווען די יידן און ער האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זאָל זיך נישט דאַכטן, אַז דאָס איז נאָר געווען איין מאָל אין מצרים, ווען די יידן האָבן געשריגן צו גאָט און גאָט האָט צוגעהערט צו זייער קול און האָט זיי געהאָלפן, נאָר דאָס קאָן געשען אויך היינט, ווייל יעדעס יאָר אין דער נאַכט פון פּסח גייען אַרויס גרויסע ליכטער פון הימל, וואָרים דער זמן איז גורם און יעדער ייד וואָס געפינט זיך אין אַ צרה און דאַרף אַ ישועה און רחמים פון הימל, דאַרף ער שרייען אין דער דאָזיקער נאַכט צום באַשעפער, און ער וועט געהאָלפן ווערן. יעדער ייד וואָס דאַרף האָבן קינדער, יעדער ייד, וואָס דאַרף האָבן פּרנסה, אָדער דער, וואָס האָט אויף זיך אַ פּראָצעס, אָדער דער ייד וואָס דאַרף באַצאָלן אַ „ראַטע" צום פּריץ און האָט נישט צו באַצאָלן, דאַרף שרייען ביים סדר צום אויבערשטן און ער וועט געהאָלפן ווערן...

דער דאָרפס־ייד, וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען די גאַנצע דרשה פון רבין, האָט אָבער די לעצטע ווערטער, וואָס דער רבי האָט געזאָגט מיט גרויס התלהבות אויפן מאמר פון דער הגדה „ונצעק אל ד' אלקי אבותינו", גוט פאַרשטאַנען און ער האָט זיך געטראַכט „עס האָט זיך מיר געלוינט צו קומען קיין מעזשיבעזש, כאָטש איך האָב דעם רבין קיין קוויטל נישט געגעבן. איך וועל שוין וויסן וואָס צו טאָן, כדי איך זאָל האָבן מיט וואָס צו באַצאָלן די ראַטע".

זונטיק אין דער פרי איז דער דאָרפס־ייד צוריקגעגאַנגען צופוס אַהיים אין דאָרף אַריין.

ווען דער דאָרפס־ייד איז אַהיימגעקומען, האָט אים זיין פרוי געפרעגט:

„נו, וואָס האָט דער רבי געזאָגט?"

„דו דאַרפסט זיך גאָרנישט זאָרגן", האָט דער דאָרפס־ייד איר געענטפערט, „איך וויים שוין וואָס צו טאָן. ווען עס וועט קומען די צייט, וועל איך דיר שוין זאָגן. וואַרט נאָר צו, ביז עס וועט קומען פּסח".

ווען עס איז געקומען די ערשטע נאַכט פּסח האָט דער דאָרפס־ייד אָפּגעריכט דעם סדר אַזוי ווי אַלע מאָל, אָבער ווען ער האָט גערדאַרפט

זאָגן „ונצעק אל ד׳ אלקי אבותינו וישמע ד׳ את קולנו״, האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב:

„דאָ דאַרפֿן מיר ביידע שרייען און מיר וועלן געהאָלפֿן ווערן, אַזוי האָט בפירוש געזאָגט דער רבי, אַז אויב מיר וועלן גוט שרייען, וועלן מיר באַלד האָבן געלט צו באַצאָלן די ראַטע״...

און ביידע האָבן געשריגן און געשריגן און זיי האָבן נישט געוואוסט ווען אויפֿצוהערן, ביז עס האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ קלאַפּ אין פֿענסטער. דאָס קלאַפּן איז געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער, זיינען זיי אַנטשוויגן געוואָרן און זיי האָבן דערהערט ווי עמיצער שרייט צו זיי, זיי זאָלן שנעל עפֿענען די טיר.

לכתחילה האָבן זיי זיך שטאַרק דערשראָקן, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז עס פֿלעגט זיך נישט איינמאָל טרעפֿן, אַז גוֹיים פֿלעגן אין דער דאָזי־קער נאַכט פֿון פּסח אַנפֿאַלן אויף יידישע שטובן, אָבער באַלד האָבן זיי דערקענט דאָס קול פֿון אַ גוי, זייערער אַ באַקאַנטער.

האָט דער דאָרפֿס־ייִד געעפֿנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען אַ גוי, זייערער אַ שכן, מיט צוויי טעפּ אין די הענט און ער האָט צו דעם דאָרפֿס־ייִד געזאָגט:

„איך האָב זיך היינט שטאַרק אָנגעשיכור׳ט, האָב איך געשלאָגן מיין ווייב אַזוי לאַנג ביז זי איז געשטאָרבן. האָב איך מורא, אַז מאָרגן וועט זיך דערפֿון דערוויסן דער פּריץ, וועט ער מיך הרג׳ענען, האָב איך נישט קיין אַנדער עצה, ווי צו אַנטלויפֿן ווייט אַוועק. איך האָב דאָ צוויי טעפּ פֿול מיט גאָלדענע רענדלעך, וואָס איך האָב געקראָגן בירושה פֿון מיין זיידן, קיינער ווייסט נישט דערפֿון. איצט ווייס איך נישט וואָס צו טאָן מיט זיי און אַזוי ווי איך האָב געהערט אייער געשריי, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז איר שלאָפֿט נאָך נישט, איז מיר איינגעפֿאַלן אייך איבערצוגעבן די צוויי טעפּ מיט די רענדלעך און איך גיב זיי אייך איצט מיט פֿאָלגנדן תנאי: אויב איך וועל צוריקקומען אַהיים זאָלט איר מיר צוריקגעבן בלויז איין טאָפּ רענדלעך און דעם צווייטן זאָלט איר האָבן פֿאַר דער טובה וואָס איר האָט מיר געטאָן, וואָס איר האָט באַהאַלטן מיין אוצר, און אויב איך וועל נישט צוריקקומען, זאָלן בעסער ביידע טעפּ מיט רענדלעך בלייבן ביי אייך, ווייל עס איז מיר בעסער זיי זאָלן זיין אייערע ווי זיי זאָלן אַריינפֿאַלן אין פֿרעמדע הענט, וואָרים איך קען איך פֿון לאַנג און אייך האָב איך ליב...״

דער דאָרפֿס־ייִד מיט זיין ווייב האָבן צוגענומען די צוויי טעפּ מיט רענדלעך און זיי האָבן מיט שמחה פֿאַרענדיקט אָפּריכטן דעם סדר.

און דעם ערשטן טאָג חול־המועד פּסח, ווען עס איז אויסגעפֿאַלן דער טאָג צו באַצאָלן די ראַטע, איז דער דאָרפֿס־ייִד געגאַנגען צום פּריץ אין הויף אַריין און האָט דעם פּריץ באַצאָלט די ראַטע.

האָט דער פּרץ צו זיי געזאָגט: אַזוי ווי איר זייט פֿאַרלעסלעכע מענטשן, וועט די אַרענדע אייך תמיד געהערן.

נאָך פּסח האָט דעם דאָרפֿס־יידס ווייב געזאָגט צום מאַן:

„עס איז נישט יושרדיק מיר זאָלן נישט אַריינפֿאָרן קיין מעזשיבעזש און דאַנקען דעם רבין, וואָס צוליב זיין עצה זיינען מיר געהאָלפֿן געוואָרן".

האָט דער דאָרפֿס־ייד געקויפֿט אַ פֿערד און וואָגן. ער האָט אויסגעקלאַפּט פּוטער און מיטגענומען פּוטער און קעז צום רבין אַ מתנה.

ווען דער דאָרפֿס־ייד איז אַריינגעקומען צום רבין און האָט אים דערציילט, אַז דורך אים, איז ער געהאָלפֿן געוואָרן, האָט דער „אוהב ישראל" צו אים געזאָגט:

„מיר קומט קיין שום מתנה נישט. איך האָב נאָר געזאָגט דעם פּשט פֿון מאמר פֿון דער הגדה און ווער עס גלויבט דערין קאָן טאַקע געהאָלפֿן ווערן אָן אַ קוויטל און אָן אַ ברכה פֿון רבין..."

נאָכדעם ווי דער מאָגעלניצער רבי האָט געענדיקט דערציילן די דאָזיקע מעשה, האָט ער גלייך אָנגעהויבן צו זאָגן „ונצעק אל ד' אלקי אבותינו" מיט גרויס התלהבות און גרויס התעוררות...

(שארית ישראל, זייטן 206־208)

ראָזוואַדאָווער ניגון אויף פּסח

סזנטר



כל חמירא

דינאווער ניגון



והיא שעמדה

קארלינער ניגון



ויהי בחצי הלילה

בראַצלאַווער ניגון

באוועגלעך



אחד מי יודע

זשאבנער ניגון

פריילעך



שיר השירים

ראָפּשיצער ניגון

לאַנגזאַם-האַרציק



דער זשאַבנער רבי פלעגט מיט דעם ניגון זינגען שיר־השירים
נאָכן אָפּריכטן דעם סדר.

קול דודי

פון ליאַדער רבין ר׳ שניאור זלמן

מעסיק-רעליגיעז



ויושע ד׳



לובלינער ניגון, געזונגען אין די ראָפּשיצער הויפן פסח

ים ליבשה



געזונגען אין די ראָפּשיצער הויפן שביעי של פסח

קוידינאָווער ניגון



שבועות



אַ זילבערנע ספר־תורה־ציץ אויף שבועות פון אָנהייב פון 18־טן יאָרהונדערט.

שבועות



אַ שבועות־רייזעלע פונעם 19טן יאָרהונדערט פון גאַליציע

דער מנהג פון אויסצירן די שול מיטביימער און גרינס אום שבועות

דער מנהג פון אויסלייגן גראָזן אויף די דילן פון די שולן אין שבועות ווערט געבראַכט אין „מנהגי מהר״ל". אויך דער רמ״א ברענגט דעם מנהג און ער זאָגט, אַז דאָס איז „לזכר מתן תורה". אין „מגן אברהם" צום שולחן ערוך ווערט געבראַכט אַ מנהג פון אויסצירן די שול און די הייזער מיט ביימער. ר׳ יעקב עמדין ברענגט אין זיין „סידור", אַז עס איז אַ מנהג ביי יידן צו שמעקן די בלומען אין שבועות.

אין של״ה (מס׳ שבועות דף ק״פ, ע״ב) ווערט געבראַכט אַ מנהג, אַז אין שבועות טיילט דער שמש פון שול אויס יעדן איינעם שמעקעדיקע גרינסן, בעת דער חזן זינגט „האל בתעצומות".

עס ווערן אָנגעגעבן פאַרשידענע טעמים פאַרוואָס מען צירט אויס די שול מיט הויכע גראָזן אין שבועות. איין טעם איז, ווייל הויכע גראָזן וואַקסן ביים טייך און דאָס דערמאָנט, אַז משה רבנו איז אַרויס־געצויגן געוואָרן פון טייך און אַזוי אַרום איז ער ניצול געוואָרן און האָט אונז געגעבן די תורה (קדושת לוי). נאָך אַ טעם: ווייל מען האָט געגעבן די תורה אויפן באַרג סיני, וואָס איז געווען פול מיט גרינס און ביימער.

דער ווילנער גאון האָט געוואָלט מבטל מאַכן דעם דאָזיקן מנהג,

ווייל „אין די איצטיקע צייטן איז עס אַ מנהג ביי די אומות העולם אויפצושטעלן ביימער אין זייער הגא״ (משנה ברורה, סימן תצ״ד, ס״ק א׳).

אין גאַליציע איז געווען אַ מנהג אויסצוקלעפּן די פענסטער פון דעם בית־המדרש און פון פּריוואַטע הייזער מיט „רייזעלעך״ (אויסגע־שניצטע פּאַפּירלעך).

דעם דאָזיקן מנהג האָט מען שטאַרק אָפּגעהיט אין די רביישע הויפן פון גאַליציע.

אויך איז געווען אַ מנהג אין די רביישע הויפן פון דער ראָפּשיצער גזע צו מאַכן אין בית המדרש אַ באַלדאַכין פון צווייגן פון ביימער, ווי אַ מין חופה, וואו דער רבי איז שבועות געשטאַנען ביים דאַוונען.

תיקון ליל שבועות

דער רבי ר׳ אהרן קאַרלינער איז אַמאָל אַריינגעקומען שבועות ביינאַכט אין בית־המדרש אַריין און האָט געזען, ווי דער עולם זיצט אַרום די טישן און זאָגט „תיקון ליל שבועות״. שטעלט זיך אַוועק דער קאַרלינער רבי און הויבט אָן שרייען אויף רוסיש: „טאָוואַר דאַוואַי! דאַוואַי טאָוואַר!״ (סחורה גיב אַהער, גיב אַהער סחורה). פאַרשטייט נישט דער עולם, וואָס דער רבי מיינט, דערקלערט דער רבי צו די חסידים:

„בנוהג שבעולם, עס איז אַ מנהג אין דער וועלט, אַז אַ רייזנדער פאָרט אַרויס אין וועג, פירט ער נישט די גאַנצע סחורה מיט זיך, נאָר בלויז מוסטערן, אַ מוסטער פון יעדן מין, וואָס ער האָט צו פאַרקויפן. לויט די מוסטערן, וואָס ער ווייזט, נעמט ער אָן באַשטעלונגען און דערנאָך שטעלט ער צו די סחורה. איז, ווען האָבן די מוסטערן אַ ווערט? ווען אין לאַגער גופא געפינט זיך טאַקע גענוג סחורה פון יעדן מין. זאָל אָבער איינער אַרומפאָרן בלויז מיט מוסטערן, נישט־האָבנדיק קיין שום סחורה אויפן לאַגער, וועט מען אים אָננעמען אָדער פאַר אַ שווינדלער אָדער פאַר אַ משוגענעם.

„דאָס זעלבע איז מיטן „תיקון־ליל־שבועות״, אין דער נאַכט פון שבועות, איבם יום־טוב פון קבלת התורה, זעצן מיר זיך אַוועק און לייגן אויס די מוסטערן פון אַלץ, וואָס מיר האָבן אַ גאַנץ יאָר אָנגעלערנט און אָנגעזאַמלט אויפן לאַגער מכל־המינים: תורה, נביאים, כתובים, משנה, תלמוד וכדומה. איז ווען איז דאָס אַלץ געלערנט געוואָרן? ווען מען האָט טאַקע דאָס אַלץ ליגן אויף די פּאָליצעס. אָבער אויב אַ גאַנץ יאָר לערנט מען נישט, די פּאָליצעס זיינען ליידיק, און שבועות ביינאַכט זעצט מען זיך פּלוצלונג אַוועק און מען הויבט־אָן אויפמישן און אויסשרייען די פאַרשידענע מוסטערן — דעמאָלט זאָגן מיר: וואָס טויגן מיר די בלויזע מוסטערן דיינע? טאָוואַר דאַוואַי! דאַוואַי טאָוואַר!״...

פאַרוואָס עסט מען מילכיקס אום שבועות?

דער „כל־בו" שרייבט, אַז עס איז אַ מנהג צו עסן אום שבועות האָניק און מילכיקע מאכלים, ווייל עס שטייט: „דבש וחלב תחת לשונך".

דער בעל „משנה ברורה" ברענגט אַ טעם, ווייל ווען די יידן זיינען געקומען אַהיים פון באַרג סיני, האָבן זיי נישט געהאַט עפּעס אַנדערש צו עסן ווי מילכיקע מאכלים. צו עסן אַ פליישיקע שפּייז האָבן זיי שוין געדאַרפט שעכטן מיט אַ געשליפענעם חלף. זיי האָבן באַדאַרפט בודק זיין די לונג, מאַכן כשר דאָס פלייש און אויסטרייבערן די אָדערן. הכלל, עס האָט געדאַרפט געדויערן אַ שטיקל צייט, האָבן זיי דערווייל געגעסן מילכיקס.

נאָך אַ טעם געפינט מען אין די ווערטער, וועלכע ווערן דערמאָנט ביי שבועות: מנחה ח־דשה ל־ד' ב־שבועותיכם, איז די ראשי תיבות „חלב" (מילך).

* * *

פון רבין ר' מענדעלע קאָצקער ווערט אויך געזאָגט, אַז דעריבער עסט מען מילכיקס אין שבועות, ווייל ביז מתן־תורה האָבן די בני־ישראל גע־האַט דעם דין פון בני־נח, וועלכע מען האָט געאסרט „אבר מן החי" — און אין כלל „אבר מן החי" גייט אויך אַריין חלב — מילך. ערשט ביי מתן־תורה האָט מען עס מתיר געווען. דעריבער עסן מיר אינעם דאָזיקן טאָג מילכיקס.

דער קאָצקער רבי האָט געזאָגט נאָך אַ טעם: אין טאָג פון שבועות, ווען די יידן האָבן מקבל געווען די תורה, זיינען זיי געגליכן געוואָרן צו ניי־געבוירענע קינדער, וועלכע קאָנען נאָך נישט פאַרטראָגן קיין אַנדערע שפּייזן ווי נאָר מילך...

* * *

דער „עוללות אפרים" ברענגט אַ טעם: מילך קאָן זיך האַלטן נאָר אין שפּלדיקע ערדענע כלים. אין כלי כסף וכלי זהב ווערט זי שנעל קאַליע. און דאָס זעלבע איז מיט דער תורה. האַלטן האַלט זיך די תורה נאָר ביי די אָרעמע שפלדיקע יידן, ביי די „בני עניים", אָבער נישט ביי די כלי כסף וכלי זהב — ביי די גבירים...

* * *

בשעת די מלאכים — זאָגט דער מדרש — האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט אין הימל און האָבן מקטרג געווען, אַז די יידן זיינען נישט ראוי מקבל צו זיין די תורה, האָט זיי דער אויבערשטער געענטפערט, אַז די מלאכים זיינען גיכער דערצו נישט ראוי, מחמת בשעת זיי האָבן אַראָפּגענידערט אויף דער ערד און זיי זיינען געקומען צו אברהם אבינו, האָבן זיי דאָרט געגעסן „בשר וחלב", ווי עס שטייט אין פּסוק: „ויקח חמאה וחלב ובן־

הבקר — ויאכלו״ — און ער האָט געגומען פּוטער און מילך און פלייש — און זיי האָבן געגעסן. און נאָך דער דאָזיקער תשובה זיינען די מלאכים אָנטשוויגן געוואָרן. זעען מיר אַז צוליב דעם מכשול פון „בשר וחלב״ זיינען די מלאכים באַזיגט געוואָרן און די תורה איז צו די יידן געגעבן געוואָרן. עסן מיר דעריבער אינעם טאָג פון מתן־תורה, שבועות, מילכיקס, כדי צו ווייזן, אַז מיר זיינען יאָ אין דעם נזהר...

(שפתי צדיקים)

* * *

פון קאָזשעניצער מגיד ווערט געזאָגט אַ טעם, פאַרוואָס מען עסט מילכיקס אין שבועות, ווייל ווי נאָר די יידן האָבן מקבל געווען אין דער מדבר די תורה, האָבן זיי מער נישט געטאָרט געניסן פון די צוגעגרייטע פליישיקע מאכלים, וועלכע זיינען שוין געווען נישט כשר, לויט די נייע דינים פון כשרות. זיי האָבן אויך מער נישט געקאָנט זיך באַנוצן מיט די פריערדיקע פליישיקע כלים. — האָבן זיי דעריבער אינעם ערשטן טאָג פון מתן־תורה געמוזט יוצא זיין מיט מילכיקס.

ווי הייסט דער שבת פאַר שבועות?

אַ חסיד האָט אַמאָל געפרעגט דעם גערער רבין ר׳ איטשע מאיר:

„רבי, ווי אַזוי הייסט דער שבת פאַר שבועות? דער שבת פאַר פסח הייסט שבת הגדול. האָט דאָך געדאַרפט דער שבת פאַר שבועות אויך האָבן אַ נאָמען״.

„דער שבת פאַר שבועות, — האָט דער גערער רבי געענטפערט, — הייסט „שבת דרך־ארץ״, מחמת אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: „דרך־ארץ קדמה לתורה״, דאָס מיינט, אַז נאָך פאַר מתן־תורה איז שוין חל געווען אויף די מענטשן דער דין פון דרך־ארץ״.

דער ריזשינער האָט שבת פאַר שבועות נישט געזאָגט קיין תורה

דער ריזשינער רבי פלעגט דעם שבת פאַר שבועות קיין תורה נישט זאָגן. ער פלעגט דאַן זאָגן: „איך פיל מיך ווי אַ פּויער פאַרן שניט: די אַלטע תבואה איז שוין אויסגעגאַנגען און קיין נייע איז נאָך נישטאָ...״

פאַרוואָס האָט מען די תורה ניט געגעבן אין ארץ ישראל?

אין „מכילתא״ ווערט געבראַכט, אַז דערפאַר האָט מען געגעבן די תורה אין דער מדבר, אין אַ הפקרדיקן פּלאַץ, און ניט אין ארץ ישראל,

ווייל, „שאלו נתנה בארץ ישראל, היו אומרים לאומות העולם: אין להם חלק בה" — ווען די תורה וואָלט געגעבן געוואָרן אין ארץ ישראל, וואָלטן די יידן געקענט זאָגן צו די פעלקער פון דער וועלט: איר האָט אין איר קיין חלק ניט, ווייל ארץ ישראל געהערט בלויז צו די יידן. דעריבער האָט מען די תורה געגעבן אין דער מדבר, וואו קיינער האָט קיין חלק נישט, כדי יעדער וואָס וויל זי אַננעמען, זאָל קומען און זי נעמען.

אַ חסיד האָט אַמאָל די זעלבע פראַגע געפרעגט דעם ראָפשיצער רבין, פאַרוואָס מ'האָט די תורה נישט געגעבן אין א"י, האָט דער ראָפשיצער רבי אים געענטפערט, אַז עס ווערט געבראַכט אין „ילקוט שמעוני", אַז דעריבער איז די תורה נישט געגעבן געוואָרן אין ארץ־ישראל, ווייל דאָרטן וואָלט דאָס געמוזט זיין אויף אַ פּלאַץ, וואָס געהערט צו אַ באַשטימטן שבט, וואָלט זיך יענער שבט גרויס געהאַלטן איבער די אַנדערע שבטים און ער וואָלט געזאָגט: „בארצי נתנה" — אין מיין לאַנד איז די תורה געגעבן געוואָרן, „לפיכך נתנה תורה במדבר..." — דערפאַר האָט מען די תורה געגעבן אין דער מדבר, אויף אַ פּלאַץ וואָס איז הפקר צו יעדן איינעם, כדי קיין איין שבט זאָל זיך נישט קענען גרויס האַלטן איבער די אַנדערע שבטים...

פאַרוואָס די יידן ווערן געגליכן צו אַ טויב

דער בעלזער רבי האָט אַמאָל אום שבועות געזאָגט, אַז דערפאַר זיינען די יידן געגליכן צו אַ טויב, ווייל עס איז פאַראַן אַ „מדרש רבה" (פרשת לך לך ל"ט), אַז אַלע עופות, בשעת זיי ווערן מיד פליענדיק, שטעלן זיי זיך אַוועק אָפּרוען אויף אַ שטיין, מיטן אויסנאַם פון דער טויב, וועלכע שטעלט זיך ניט אָפּ ווען זי ווערט מיד, נאָר זי פליט מיט איין פליגל בשעת דער צווייטער רוט.

אויך די יידן זיינען אַזוי. ווען אפילו זיי רוען, — רוען זיי נאָר מיט איין פוס. דעם צווייטן האַלטן זיי שטענדיק גרייט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין...

זמן מתן תורתנו

פאַרוואָס מען זאָגט ביים דאַווענען און קידוש, שבועות, „זמן מתן תורתנו" און נישט „יום מתן תורתנו", דערויף איז פאַראַן אַ סך טעמים. איינער פון זיי איז, ווייל די תורה איז נישט געגעבן געוואָרן אין איין טאָג, וואָרים אַ סך מצוות זיינען געגעבן געוואָרן פריער, ווי די מצוה פון מילה צו אברהמען, די מצוה פון שבת און אבר מן החי צו די בני נח.

דער גערער רבי האָט געזאָגט אין אַ „תורה", פאַרוואָס מען זאָגט „זמן מתן תורתנו" און נישט „זמן קבלת תורתנו"? ווייל דער זמן פון מתן־

תורה, פון געבן די תורה, איז פאָרגעקומען נאָר איין מאָל, אויפן באַרג סיני. דאַקעגן דער זמן פון מקבל זיין די תורה האָט קיינמאָל נישט אויפ־געהערט. דאָס דאַרף מען טאָן שטענדיק, וואָרים יעדן טאָג איז דער אויבערשטער משפיע די תורה און יעדן טאָג איז פאַראַן „נתינת התורה", נאָר דער אָנהויב פון דער נתינה איז געווען אין שבועות.

(נפלאות חדשות)

* * *

דער קאָצקער רבי, ווידער, האָט אָנגעגעבן דעם פאָלגנדיקן טעם פאַר־וואָס מען זאָגט נישט „זמן קבלת תורתנו": ווייל געגעבן די תורה האָט מען טאַקע צו אַלע יידן גלייך, אָבער מקבל געווען די תורה האָט יעדער ייד באַזונדער, לויט דער גרויסקייט פון זיין נשמה און לויט זיין מדרגה משיג צו זיין דעם בורא עולם.

פאַרוואָס האָט מען גענייט די יידן מקבל צו זיין די תורה?

דער אַלטער בעלזער רבי האָט אַמאָל אום שבועות אין אַ „תורה" גע־זאָגט: דערפאַר איז געווען „כפה עליהן הר כגיגית" (שבת פ"ח) — גאָט האָט אויף די יידן אַרויפגעלייגט דעם באַרג ווי אַ מולטער, זיי זאָלן מוזן אָננעמען די תורה, כדי די כנסת ישראל זאָל האָבן דעם דין פון אַן אנוסה, און ביי אַן אנוסה איז דער דין, אַז „לא יוכל לשלחה כל ימיו", אַז דער מאַן קאָן זי קיינמאָל מער נישט אַוועקשיקן. אַזוי קאָן זיך גאָט אויך מער נישט שיידן מיט די יידן...

חסידים זיינען מקבל די תורה

שבועות ביים דאַווענען פאַרן לייענען, איז דער רבי ר' מענדעלע פון רומאַנאָוו אַרויסגעגאַנגען פון בית־המדרש און זיך פאַרמאַכט אין זיין חדר מיוחד. ער האָט זיך דאָרט געזאַמט אַ ווײַלע און דערנאָך איז ער צוריק אַריין אין בית־המדרש און ער האָט געזאָגט:

„איך באַפריי אייך היינט פון דעם, וואָס מען האָט אייך גענייט מקבל צו זיין די תורה. די ברירה איז היינט ווידער ביי אייך: ווילט איר מקבל זיין די תורה?"

„מיר ווילן אויך איצט מקבל זיין די תורה!" — האָבן די חסידים אויסגעשריגן מיט גרויס התלהבות. (עטרת מנחם)

„עפּעס האָט זיך צו זיי צוגעקלעפּט"

אויף דעם מאמר אין דער גמרא, אַז הקב"ה האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער תורה צווישן אַלע אומות און קיינער האָט זי נישט געוואָלט

מקבל זיין, ביז די יידן האָבן זי מקבל געווען, האָט דער באַרדיטשעווער רבי געזאָגט: „הגם עס איז געווען גלוי וידוע פאַר דעם אייבערשטן, אַז די אומות העולם וועלן די תורה נישט מקבל זיין, האָט עס דאָך געהאַט אַ געוויסע פעולה. בלויז מיטן פאָרלייגן זיי צו נעמען די תורה איז אין זיי נתדבק געוואָרן עפעס וואָס, אַ שמץ פון דער תורה״.

מען דאַרף פאַרשטיין וואָס די תורה לערנט אונדז

מתנגדים האָבן אַמאָל געפרעגט דעם רבי׳ן ר׳ שניאור זלמן פון לאַדי, דער באַגרינדער פון דער חב״דער שיטה אין חסידות, פאַרוואָס ער פאָרט צום מעזריטשער מגיד. אויב כדי דאָרט צו לערנען תורה, וואָלט דאָך בעסער געווען ווען ער פאָרט צום ווילנער גאון.

האָט ר׳ שניאור זלמן געענטפערט:

אין ווילנע לערנט מען ווי צו לערנען תורה פאַר זיך און פאַר אַנדערע, אָבער אין מעזריטש לערנט מען צו פאַרשטיין, וואָס די תורה לערנט אונז, כדי מיר זאָלן פון איר קענען לערנען און דאָס צו לערנען מיט אַנדערע״... (החסידות, ערשטער באַנד, זייט 244).

און נאָך האָט ר׳ שניאור זלמן געזאָגט:

„איך האָב געלערנט ביים מעזריטשער מגיד דריי זאַכן: השגחת הבורא, השגת ישראל און השגת הניגון — צו פאַרשטיין דעם בורא, צו פאַרשטיין די יידן און פאַרשטיין אַ ניגון״... (באר החסידות, ערשטער טייל, זייטן 244—245).

נאָר מיט אחדות קען מען זיך דערהאַלטן

דער רבי ר׳ משה קאָברינער האָט געזאָגט: עס שטייט „ויחן שם ישראל נגד ההר״ (יתרו, י״ט, ב׳) — און ישראל האָט דאָרט גערוט קעגן באַרג — „ויחן״ איז לשון יחיד, ווייל נאָר מיטן כוח פון אחדות קאָנען יידן אימשטאַנד זיין אַקעגנצושטעלן זיך „נגד ההר״ — קעגן דעם מוראדיקן באַרג פון שנאה, מיט וועלכן מיר זיינען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

דער באַרדיטשעווער איז מלמד זכות אויף אַ גנב

דער באַרדיטשעווער רבי איז אַמאָל געזעסן שבועות ביינאַכט אין זיין חדר מיוחד און געזאָגט „תיקון ליל שבועות״.

פלוצלינג האָט דער באַרדיטשעווער דערזען, ווי דורכן אָפענעם פענצ־טער איז אַריין אַ גנב און צוגענומען פון טיש די לייכטער, דעם שולחן־

ערוך, וואָס איז געלעגן אויפן טיש און דעם זייגער, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם שענקל.

דער באַרדיטשעווער האָט נישט געוואָלט פאַרשעמען דעם גנב און ער האָט געשוויגן.

אַז דער גנב איז שוין געווען ווייט אַוועק, איז דער באַרדיטשעווער אַריין צו די חסידים און געזאָגט: „זעט ווי הייליק עס איז דאָס פאָלק ישראל. איז איינער שוין, חלילה, אַ גנב, נעמט ער צו דעם שולחן־ערוך, כדי צו לערנען גאַטס מצוות, ער נעמט צו די לייכטער ער זאָל קענען לערנען ביינאַכט און אַ זייגער, כדי ער זאָל וויסן ווען מען דאַרף אָפּריכטן חצות.

ווּעלכער באַרג איז חשובער?

איינמאָל איז דער סאַנדזער רבי געפאָרן צום ריזשינער רבין ר׳ ישראל, וועלכער האָט געוואוינט אין סאַדעגורע. פאַרנדיק אַהיים, האָט דער סאַנ־דזער רבי זיך אָפּגעשטעלט אין קראָקע און געגאַנגען אויף אַ באַזוך צום מרא דאתרא. האָט דער קראָקעווער רב אים געפרעגט: היתכן? איז דען דער ריזשינער רבי אַ גרעסערער תלמיד חכם פון מיר? פאַרוואָס זענט איר פריער געפאָרן קיין סאַדעגורע?

האָט דער סאַנדזער רבי אים געענטפערט:

„צוויי חשובע בערג זיינען פאַראַן: דער הר סיני, אויף וועלכן יידן האָבן מקבל געווען די תורה און דער הר המוריה, אויף וועלכן אברהם האָט געפירט יצחקן צו דער עקידה. איז דאָך אין פלוג קשה: פאַרוואָס האָט מען דעם בית־המקדש געבויט אויפן הר המוריה און נישט אויפן באַרג סיני, אויפן באַרג, וואו מען האָט געגעבן די תורה? — נאָר דער תירוץ איז: דאָס אָרט, וואו אַ ייד איז גרייט אויסצושטרעקן זיין האַלז פאַרן אויבערשטן איז ביים רבונו של עולם פיל חשובער פונעם אָרט, וואו מען האָט געגעבן די תורה. לומדות, תורה, — האָט דער סאַנדזער רבי אויסגעלאָזט — איז אַוודאי ביי אייך פאַראַן מער, אָבער אין סאַדעגורע ביים ריזשינער רבין האָב איך געזען מסירת הנפש!״

(שמועות טובות)

צוליב וואָס די יידן האָבן געקראָגן די תורה

דער רבי ר׳ שלמה ראַדאָמסקער האָט געזאָגט: דעריבער זאָגן די חז״ל: „הכל מודים בעצרת דבעינן לכם״ (ביצה ט״ו), אַז אין שבועות דאַרף זיין „לכם״, דאַרף מען עסן, ווייל דער מדרש זאָגט, אַז בשעת משה רבינו איז אַרויף אין הימל מקבל זיין די תורה, האָבן די מלאכים זיך אַקעגנגע־שטעלט און האָבן געטענהט: „חמדה גנוזה... אתה מבקש ליתנה לבשר ודם״ — אַזאַ טייערן אוצר ווילסטו אַוועקגעבן צו אַ מענטשן? האָט דערויף

משה געענטפערט: „רבונו של עולם, תורה שאתה נותן לי מה כתיב בה... כלום אתם עושים מלאכה... קנאה יש ביניכם? יצר הרע יש ביניכם" — די תורה וואָס דו גיסט מיר, וואָס שטייט דאָרט געשריבן?... טוען די מלאכים אַן אַרבעט; איז צווישן אייך פאַראַן קנאה־שנאה; האָט איר אַ יצר־הרע? — דערפון זעען מיר, אַז די תורה איז צוגענומען געוואָרן פון די מלאכים און זי איז געגעבן געוואָרן צו אונז, נאָר צוליב דעם, ווייל מיר זיינען מענטשן, מיט אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן און מענטשלעכע באַ־דערפענישן, דעריבער נויטיקן מיר זיך אין דעם דאָזיקן יום־טוב אינעם „לכם", ווייל, ווען נישט דער „לכם", וואָלטן מיר די תורה נישט באַקומען...

* * *

ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט אַמאָל שבועות ביים דאַווענען אויס־געררופן: „רבונו של עולם! די חז"ל זאָגן: הכל מודים בעצרת דבעינן לכם — אויף צו קאָנען מקיים זיין די תורה מוזן מיר האָבן דעם „לכם", וואָרים — אם אין קמח אין תורה, אַז מיר וועלן נישט האָבן קיין פרנסה, וועלן מיר נישט קאָנען מקיים זיין די תורה!... מוזסטו זען, אַז אַלע יידן זאָלן האָבן פרנסה!..."

די האַנט וואָס דערגרייכט דעם הימל

דער קאָזשעניצער מגיד האָט אַמאָל שבועות געזאָגט: עס שטייט „ויחן שם ישראל נגד ההר" (שמות י"ט, ב'). מאַכט רש"י: „כאיש אחד בלב אחד" (ווי איין מענטש מיט איין האַרץ). ווען אַלע יידן זאָלן האָבן אחדות און זיך געבן די הענט, וואָלט פון אַלע הענט געוואָרן איין האַנט, וועלכע וואָלט גע־קענט דערגרייכן ביז צום כסא הכבוד.

זיי זיינען געשטאַנען פון דערווייטנס

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם ריזשינער רבין: עס שטייט „וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק". ווי האָט מען געקענט שטיין פון דערווייטנס, ווען מיר וויסן, אַז גאָט איז אומעטום, ווי מיר זאָגן: „מלא כל הארץ כבודו?"

האָט זיי דער ריזשינער געגעבן צו פאַרשטיין: די מופתים זיינען פאַר קטני־אמונה, פאַר די קליין־גלויביקע, און די יידן האָבן ביים מעמד הר סיני געזען אַז הקדוש ברוך הוא קומט מיט מופתים, האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז זיי שטייען נאָך „מרחוק", פונדערווייטנס, זייער ווייט פון משיג צו זיין דעם אויבערשטן, און זייער האַרץ האָט אָנגעהויבן צו ציטערן, ווייל זיי האָבן געהאַט גרויס השתוקקות צו קומען צו דער אמונה שלימה.

(מאורות הגדולים)

מען האָט געמוזט זען די קולות

מען האָט אַמאָל, שבועות, געפרעגט דעם גערער רבין ר׳ איטשע־מאיר, גערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר „חידושי הרי״ם״: עס שטייט: „וכל העם רואים את הקולות״ (און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען די קולות — יתרו כ׳, ט״ו). נאָך וואָס איז נויטיק געווען דער דאָזיקער נס, אַז מען זאָל אויפן באַרג סיני נישט נאָר הערן, נאָר אויך זען די קולות? האָט דער „חידושי הרי״ם״ געענטפערט: עס איז נויטיק געווען צוליב דעם טעם, ווייל עס זיינען פאַראַן אין לשון קודש פיל ווערטער, וואָס זייער קלאַנג איז דער זעלבער, דאָך האָבן זיי פאַרשידענע באַדייטונגען, און עס ווענדט זיך אין דעם, ווי אַזוי דאָס וואָרט ווערט געשריבן. אַט, למשל, די ווערטער „לא תגנוב״ האָט מען געקענט האָבן אַ טעות און מיינען, אַז דאָס זאָגט מען די יידן „לו תגנוב״, און דער פשט איז: לו, צו אים, פאַרן אויבערשטנס וועגן, לשם שמים, מעג מען גנבענען... דערפאַר איז געווען „וכל העם רואים את הקולות״, מען האָט זיי געמוזט ווייזן, ווי אַזוי די ווערטער זיינען געשריבן, ווי אַזוי זיי לייגן זיך אויס, אַז דער לא איז מיט אַן „אלף״, צו וויסן, אַז מען טאָר קיינמאָל נישט גנבענען...

הימלדיקע הערצער

דער רבי ר׳ הענעך פון אַלעקסאַנדער, האָט געטייטשט דעם פסוק: „וההר בוער באש עד לב השמים״ — דאָס פייער פון באַרג סיני איז אַריין אינעווייניק אין יעדן יידן באַזונדער, — „עד לב השמים״, „ביז זייערע הערצער זיינען געוואָרן הימלדיק״.

(חשבה לטובה, חלק א׳)

פון באַרג — גלייך צום פאָלק

אַ מתנגד האָט אַמאָל געפרעגט דעם רבין ר׳ דודל לעלעווער, פאַרוואָס ער איז מבטל פון לערנען מכלומרשט פאַר צרכי הצבור, פאַר פדיון־שבויים. האָט דערויף ר׳ דודל לעלעווער אים געענטפערט, אַז רש״י זאָגט אויפן פסוק „וירד משה מן ההר אל העם״ — „מלמד שלא היה משה פונה לעסקיו״, אַז משה האָט זיך נישט אומגעקערט צו זיינע עסקים, נאָר — „פון באַרג גלייך צום פאָלק״... און וואָסערע עסקים האָט דען משה געקאָנט האָבן אַ חוץ תורה און עבודת הבורא? איז דערפון געדרונגען, אַז צוליב צרכי הצבור דאַרף מען אויך פון די דאָזיקע „געשעפטן״ מבטל זיין...

דער „איך" איז די מחיצה

דער רבי ר׳ ישעיהלע מושקאַט, פון פּראָגע, האָט אַמאָל אין שבועות געזאָגט: עס שטייט „אנכי עומד בין ד׳ וביניכם" (דברים ה׳, ה׳). דער „אנכי", דער „איך", די מענטשלעכע, גשמיותדיקע תאווה, דאָס איז די מחיצה, וואָס שיידט אָפּ „בין ד׳ וביניכם" — צווישן דעם אייבערשטן און צווישן אייך...

דער אמתער טייטש פון „לא תגנוב"

רבי ליפּמאַן ראַדאָמסקער, דער אײדעם פון „תפארת שלמה", איז געווען אַ קאָצקער חסיד. איינמאָל, אַהיימקומענדיק נאָך שבועות פון קאָצק, פרעגט אים דער „תפארת שלמה":

„נו, וואָס ביסטו דאָרט דערגאַנגען? דאָרט האָט מען אַנדערש מקבל געווען די תורה, ווי מיר דאָ?"

„יאָ, גאָר אַנדערש — ענטפערט אים דער אײדעם — ביי אייך דאָ טייטשט מען: „לא תגנוב", איר זאָלט נישט גנבענען, און אין קאָצק ווערט געטייטשט: „לא תגנוב", דו זאָלסט זיך אַליין נישט באַגנבענען".

דער גאָלדענער כוס

איינמאָל האָט דער רבי ר׳ פּנחסל קאָריצער געזען שבועות אין זיין הויז אַ גילדענעם כוס, וואָס די רביצין האָט געקויפט צו מאַכן קידוש.

האָט דער רבי ר׳ פּנחסל קאָריצער זיך צעשריגן: „פון וואַנען קומט צו מיר אין הויז אַריין אַ גאָלדענער בעכער? ווילסט כ׳זאָל, חלילה, אַריינפאַלן אין גאווה?"

האָט זיך די רביצין פאַרענטפערט, אַז דער כוס איז ניט קיין גאָלדענער, נאָר ער איז באַגילדעט געוואָרן.

„אויב אַזוי — האָט ר׳ פּנחסל געענטפערט — האָסטו מיר געטאָן אַ טאָפּלטע רעה. נישט בלויז, וואָס דו האָסט אַריינגעבראַכט גאווה אין מיין הויז, האָסטו אויך אַריינגעבראַכט דעם שקר און גניבת־דעת!"...

מיט תמימות איז לייכט אָפּצונאַרן

דער רבי ר׳ בונם פון פּשיסכע האָט אַמאָל אין שבועות געזאָגט צו זיינע חסידים:

אויב איר ווילט מקיים זיין די תורה, מוזט איר זיין ערלעך צו זיך

אַליין, אַזוי ווי מיר זעען עס אין דער תורה. עס שטייט געשריבן: „תמים תהיה עם ד׳ אלקיך״. ביי קיין שום אַנדער מצוה ווערט נישט געזאָגט „עם ד׳ אלקיך״, נאָר ביי תמימות. ווייל מיט דער דאָזיקער מידה איז זייער לייכט אָפּצונאַרן מענטשן. עס איז זייער לייכט צו פאַרשטעלן זיך פאַר אַ תמים. דערפאַר וואָרנט די תורה און זאָגט: „תמים תהיה עם ד׳ אלקיך!״

מען דאַרף בלויז זאָגן דעם אמת

דער רבי ר׳ אלימלך ליזשענסקער האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע חסידים אין שבועות:

ווען איך וועל קומען אויף יענער וועלט, וועט מען מיך פרעגן: „האָסטו געלערנט תורה?״ — וועל איך ענטפערן: ניין... וועט מען ווייטער פרעגן: „האָסטו אָפּגעהיט דאָס דאַווענען?״ — וועל איך ענטפערן: ניין... „האָסטו עוסק געווען אין מצוות און אין מעשים טובים?״ — וועט מען ווייטער פרעגן, וועל איך אַלץ ענטפערן: ניין!... „אויב אַזוי״, וועט מען מיר דערויף זאָגן, „ביסטו דאָך מקיים דעם פסוק „מדבר שקר תרחק״, זאָגסטו דאָך דעם ריינעם אמת. איז שוין צוליב דעם אַליין קומט דיר עולם הבא...״

זכר ליציאת מצרים

דער גערער רבי, דער „חדושי הרי״ם״, האָט אַמאָל געזאָגט: פאַרוואָס זאָגט מען שבועות „זכר ליציאת מצרים״? ווייל כל זמן די יידן האָבן נישט מקבל געווען די תורה, איז גאָרנישט געווען דער אמתער יציאת מצרים. דער עיקר יציאת מצרים איז געווען בשעת קבלת התורה, ווען עס איז געווען „פסקה זוהמתן״.

אויפן באַרג סיני האָט מען נישט געזאָגט קיין פּשטלעך

דער רבי ר׳ ישעיהלע פּראַגער האָט אַמאָל, שבועות, געזאָגט בדרך הלצה: „ויתיצבו בתחתית ההר״ (יתרו) — זאָגט דערויף דער מדרש, אַז מען האָט אויף די יידן אַרויפגעלייגט דעם באַרג ווי אַ מולטער („מלמד שכפה עליהן הר כגיגית״). פרעגט מען: אין פסוק שטייט דאָך בפירוש, אַז די יידן האָבן גערנוויליק אויסגערופן „נעשה ונשמע״, אַז זיי האָבן מיט זייער גוטן ווילן מקבל געווען די תורה?

נאָר דער תירוץ איז, אַז פון אָנהויב האָבן די יידן געמיינט, אַז אויפן באַרג סיני וועלן זיי הערן שאַרפע פּשטלעך, רבישע תורות, האָבן זיי זיך דעריבער גלייך אָנגעכאַפּט אָן דעם. וואָרים וועלכער ייד איז עס נישט ביי

זיך אַ „שיינער ייד", אַ למדן און אַ חסיד ?... אָבער ווי נאָר זיי האָבן דער־הערט, אַז מען װענדט זיך צו זיי מיט אַזעלכע איינפאַכע זאַכן, ווי „לא תגנוב", „לא תחמוד", האָבן זיי אָנגעהויבן צו דרייען מיט די נעז: „עט, נישטאָ וואָס צו הערן. אַזוינע תורות זיינען פאַרן פּראָסטן המון, נישט פאַר אונז, שיינע יידן", און זיי האָבן זיך געוואָלט פאַנאַנדערגיין. און דעריבער — „כפה עליהן הר כגיגית"...

יידן ווילן תמיד מקיים זיין די תורה

אין דער גמרא ווערט געבראַכט, אַז „גאָט איז אַרומגעגאַנגען מיט דער תורה צווישן אַלע פעלקער און קיינער האָט זי נישט געוואָלט מקבל זיין, ביז ער איז געקומען צו די יידן און זיי האָבן זי יאָ מקבל געווען". פרעגן חסידים: אין פלוג קומט דאָך אויס, אַז מען האָט די יידן געגעבן די תורה ערשט דעמאָלט, ווען אַלע פעלקער זיינען נישט געווען קיין בעלנים אויף איר. איז ווי־זשע וואָלט געווען, ווען די אומות וואָלטן דאַן יאָ מסכים גע־ווען — וואָלט מען, הפנים, אָן אונז איינגאַנצן פאַרגעסן ?

אָבער דער תירוץ איז: גאָט האָט נישט פאַרגעסן אָן די יידן. און דאָס וואָס ער האָט די תורה פריער אַרומגעטראָגן צווישן די פעלקער איז דאָס געווען בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ווען אפילו די אומות־העולם וועלן די תורה יאָ מקבל זיין, וועלן זיי די יידן מקיים זיין, וואָרים די יידן האָבן דאָך תמיד ליב זיך צו פאַרקוקן אויף די גויים און נאָכצומאַכן זיי...

פאַראַן ווייניק בעלנים אויף דער תורה

בעת דער רבי ר' יעקב יוסף פון פּולנאה, דער מחבר פון „תולדות יעקב יוסף", האָט אָפּגעדרוקט זיין ספר, איז ער אַרומגעפאָרן איבער שטעט אים פאַרקויפן. ער האָט געשטעלט אַ הויכן פּרייז פאַרן ספר, אַ רענדל אַן עקזעמפּלאַר. איז ער געקומען קיין באַרדיטשעוו און פאַרפאָרן אין אַן אכסניה און געוואַרט אַז בעלנים זאָלן קומען קויפן זיין ספר, אָבער קיין קונים האָבן זיך נישט באַוויזן. האָט ר' יעקב יוסף דערפון גרויס צער גע־האַט און ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר דעם רבין ר' וואָלף זשיטאָמירער, דער מחבר פון „אור המאיר".

„ווי איז דאָס געהערט געוואָרן — האָט דער רבי ר' יעקב יוסף גע־טענהט — כ'בין געקומען אַהער פאַרקויפן אַ ספר, וואָס לערנט דער וועלט דעם רבינס (בעל־שם־טובס) תורה, לסוף באַווייזט זיך ניט קיין קונה פאַר קיין רפואה!"

„וואָס איז דער רעש — האָט אים דער רבי ר' וואָלף זשיטאָמירער גע־

ענטפערט מיט אַ שמייכל — אויך דער רבונו של עולם איז געווען אַ גאַנץ אַנגעזעענער מחבר. זיין ספר איז זיכער נישט געווען ערגער פון אייערן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך אויך אַרומגעטראָגן מיט דער תורה און קיינער האָט זי ניט געוואָלט נעמען״...

דער טשערנאָבילער רבי האָט זיך אויסגעטענהט מיט גאָט

ר׳ אהרעלע טשערנאָבילער האָט זיך אַמאָל אין שבועות אויסגעטענהט מיטן רבונו של עולם און געזאָגט בדרך הלצה:

„וואָס איז דער תידוש, וואָס די יידן האָבן דעמאָלט ביים באַרג סיני מקבל געווען די תורה? געלט האָבן זיי געהאַט גענוג — זיי זיינען געווען רייך פון „ביזת הים״. פון שעבוד גלויות זיינען זיי פריי געווען. אַלע קראַנקע, זאָגן די חז״ל, זיינען געזונט געוואָרן, און דערצו האָט איטלעכער באַשיינפערלעך געזען „התגלות האלקות״, גאָטס אַנטפּלעקונג — טאָ וואָס איז דער וואונדער: זאָל דאָס אַלץ היינט זיך איבערחזרן, און דו וועסט זען, רבונו של עולם, מיט וואָס פאַר אַ חשק מיר וועלן מקבל זיין און מקיים זיין די תורה...״

מען קאָן זען און דאַך שטיין פון דער ווייטנס

דער קאָצקער רבי האָט אַמאָל, שבועות, געזאָגט: „ביי מתן־תורה שטייט אין פסוק: „וירא העם וינועו ויעמדו מרחוק״ — דאָס מיינט: מען קאָן זען, מען קאָן זיך שאָקלען און דאַך שטיין פון דער ווייטנס״.

ר׳ וועלוועלע זבאַרזשער פאַרהיט גנבים פון עובר זיין אויפן לאו „לא תגנוב״

חסידים פלעגן שבועות דערציילן די מעשה, ווי אַזוי דער רבי ר׳ וועלוועלע זבאַרזשער האָט פאַרהיטן גנבים פון עובר זיין אויפן לאו פון „לא תגנוב״.

איינמאָל האָבן גנבים זיך אַריינגעכאַפּט אין ר׳ וועלוועלע זבאַרזשערס שטוב און האָבן אַלץ צוגענומען און אַריינגעלייגט אין אַ זאַק אַריין. ר׳ וועלוועלע האָט געזען די גנבים, זיצנדיק ביי זיך אין זיין חדר מיוחד און ער האָט זיי נישט געשטערט. ווען די גנבים האָבן שוין געהאַט אויסגעליידיקט אַלץ, וואָס עס איז געווען אין שטוב, האָבן זיי צווישן די אַנדערע כלים אויך גענומען אַ טעפּעלע, וואָס עס האָט דערפון פריער געטרונקען אַ חולה מסוכן. איז דער רבי ר׳ וועלוועלע זיי נאָכגעלאָפן און געשריגן: „גוטע מענטשן, וואָס איר האָט ביי מיר געפונען זאָל עס זיין ביי אייך ווי אַ מתנה

און איך האָב גאָר קיין תערומות ניט אויף אייך. אָבער מיט דעם טעפּעלע, בעט איך אייך, זאָלט איר זיין זייער פאָרזיכטיק, ווייל עס האָט דערפון גע־טרונקען אַ חולה מסוכן און איר קענט אייך נאָך, חס ושלום, אָנשטעקן".

און פון דעמאָלט אָן פלעגט ר' וועלוועלע זבאַרזשער יעדע נאַכט, איי־דער ער איז זיך געגאַנגען לייגן, זאָגן: „איך בין מפקיר אַלץ וואָס איך פאַרמאָג און וואָס עס איז אין מיין רשות", און זיין כוונה איז דערביי געווען, אַז אויב גנבים וועלן קומען גנבענען, זאָלן זיי ניט עובר זיין אויפן לאו פון „לא תגנוב".

(מפעלות הצדיקים)

אַ געלט־שידוך

איינמאָל האָט ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, שבועות ביים דאַווענען, ווי זיין שטייגער איז געווען, זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו של עולם:

„רבונו־של־עולם, — האָט ר' לוי יצחק געזאָגט — האָסט זיך מיט אונז מתחתן געווען, ווייל מיר זיינען דיר ליב, ווי עס שטייט: „והייתם לי סגולה", מיר זיינען מיוחסים, קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב. דו האָסט זיך פאַר אונז פאַרגעשטעלט, אַז דו ביסט אַן עושר, ביסט רייך מיט געלט, ווי עס שטייט: „לי הכסף ולי הזהב נאום ד'" (צו מיר איז דאָס זילבער און דאָס גאָלד, זאָגט גאָט) — הייסט דאָס, אַז מיר האָבן מיט דיר געטאָן אַ געלט־שידוך. בעט איך דיך טאַקע, זאָלסט האַלטן דיין צוזאָג און מסלק זיין, ווי דו האָסט דיך בעת דעם שידוך מתחייב געווען, ווייל צו לעבן אין גלות דאַרף דאָס יידישע פאָלק האָבן אַ גרויסן נדן"...

דאָס איז אַלץ

דער רבי ר' אהרן קאַרלינער האָט אַמאָל אום שבועות געזאָגט: עס שטייט: וידעת היום... כי ד' הוא האלקים... אין עוד (דברים ד', ב"ט), און דו זאָלסט היינט וויסן, אַז דער בורא עולם איז אונזער באַשעפער, „אין עוד" — און מער איז ניטאָ וואָס צו וויסן...

גאָט זאָל דיר נישט זיין פרעמד

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם רבין ר' מענדעלע קאָצקער: וואָס פאַר אַ חידוש האָט דוד המלך מחדש געווען, ווען ער האָט געזאָגט: „לא יהיה בך אל זר". עס שטייט דאָך בפירוש אין די עשרת הדברות „לא יהיה לך אלהים אחרים"? (זאָלסט ניט האָבן קיין אַנדערן גאָט).

האָט דער קאָצקער רבי געענטפערט: „דער פשט איז, אַז גאָט זאָל דיר ניט זיין פרעמד".

(שיח שרפי קודש, חלק ג')

די תורה און תפילה וואָס גייט נישט אַרויף אין הימל אַריין

איינמאָל איז דער בעל־שם־טוב געבליבן שטיין פאַר דער שוועל פון אַ בית־המדרש און ער האָט נישט געוואָלט אַריינגיין אינווייניק.

„איך קען נישט אַריינגיין", — האָט דער בעש"ט געזאָגט, — „דאָס בית־המדרש איז פול פון איין וואַנט צו דער צווייטער און פון דער פאָד־לאָגע ביז צום באַלקן מיט תורה און תפילה, און וואו קאָן איך דאָרט געפי־נען אַן אָרט?"

און דער בעל־שם־טוב האָט געזען אַז די, וואָס שטייען אַרום, קוקן פאַרחידושט, ווייל זיי פאַרשטייען נישט זיינע ווערטער, האָט ער צוגעגעבן: „די רייד פון תורה, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דורך די ליפּן פון די לער־נער און די תפילות, וואָס זיינען אַרויס פון די מיילער פון די דאַוועגערס, זיי זיינען נישט געקומען פון הארץ, דעריבער זיינען זיי נישט אַרויף אין הימל אַריין, נאָר זיי זיינען געבליבן אין בית־המדרש און האָבן אָנגעפילט דעם גאַנצן חלל, פון איין עק וואַנט צו דער צווייטער, און פון דער פאָדלאָגע ביז צום באַלקן, אַזוי אַז עס איז דאָרט מער נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר מיר אַריינצוגיין". (דברי משה)

דרך־ארץ איז אַן הקדמה צו דער תורה

צום רבין ר' בונם פון פשיסכע זיינען אַמאָל געקומען אַ פּאָר לומדים אויף שבועות. זיי זיינען נישט געווען קיין חסידים. ביים טיש האָבן זיי זיך די גאַנצע צייט געשטופּט און האָבן געוואָלט געבן יעדן איינעם צו פאַרשטיין, אַז זיי זיינען חשובער ביים רבין, ווייל זיי קענען לערנען. האָט זיך ר' מענדעלע קאָצקער אָנגערופן:

„עס שטייט: „דרך־ארץ קדמה לתורה", מיינט מען, אַז דרך־ארץ איז אַ הקדמה צו דער תורה. פון דער הקדמה קאָן מען דערקענען וואָס דער מענטש איז — דערקענט מען ווי אַזוי זיין תורה זעט אויס..."

האָט איינער פון די פרעמדע יונגעלייטלעך דערויף געענטפערט:

„און מיר טייטשן עס פּשוט: אַז איר דאַרפט פאַר זיי האָבן דרך־ארץ, ווייל זיי קענען לערנען..."

דערויף האָט זיי ר' העניך אַלעקסאַנדערער געענטפערט, דערציילן די חסידים, אַזוי:

„איר דאַרפט אָבער וויסן, אַז אַ גנב איז נישט דער וואָס קען גנבענען, נאָר דער וואָס גנבעט. און אַ לערנער איז נישט דער וואָס קען לערנען, נאָר דער, וואָס לערנט..."

* * *

אויף אַן ענלעכן אופן ווערט דערציילט, ווי ס'האָט דער קאָצקער רבי אַמאָל געפרעגט:

מיר ווייסן, אַז ס'איז פון אייביק אָן אַ מנהג ביי די מחברים צו מאַכן אַ הקדמה צו זייערע ספרים, אַזוי אַז מען זאָגט: אַ ספר אָן אַ הקדמה איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה. טאָ פאַרוואָס האָט דער אייבערשטער נישט געמאַכט קיין הקדמה צו זיין תורה? דער אמת איז, — האָט דער קאָצקער געע־נטפערט — אַז גאָט האָט יאָ געמאַכט אַ הקדמה צו זיין ספר — און דאָס איז דרך־ארץ, ווי די גמרא זאָגט: „דרך־ארץ קדמה לתורה״. דערפאַר דאַרף יעדער ייד, איידער ער גייט לערנען גאָטס תורה, פריער אַריינקוקן אין זיין הקדמה און זיך אויפפירן ווי אַ מענטש.

(דער קאָצקער רבי, זייט 44)

דער חילוק פון אַ פּראָסטן מענטשן און אַ שיינעם יידן

דער ראָפּשיצער רבי האָט אַמאָל געזאָגט בדרך הלצה: „אין די עשרת הדברות, אין פרשת יתרו, שטייט „לא תגנוב״ און אין פרשת קדושים שטייט „לא תגנובו״. ווייל אין די עשרת הדברות ווערט גערעדט צו אַ פּראָסטן מענטשן. דאָרט אָבער — צו אַ שיינעם יידן, וועלכן מען קאָן נישט „דו׳צן״, נאָר מען מוז רעדן צו אים בלשון „איר״. צו אַזעלכן ווענדט זיך די תורה באַזונדער און זאָגט אים „לא תגנובו״, — זייט־זשע מוחל, ר׳ ייד, און גנבעט נישט!...״

ווען מען דאַרף קוקן צום הימל און ווען — אויף דער ערד

אַ רבי האָט אַמאָל, אין שבועות, געהערט, ווי די חסידים זיינע זאָרגן זיך פאַרוואָס עס גייט זיי נישט אַזוי גוט אין מסחר, בעת חסידים פון אַן אַנדער רבין גייט עס בעסער. האָט דער רבי דערויף געטייטשט דעם פסוק: „אשר בשמים ממעל ואשר בארץ מתחת...״ (שמות כ׳, ד׳) — ווען עס האַנדלט זיך אין הימל־זאַכן, אין רוחניותדיקע ענינים, וועגן גוטע מידות, דעמאָלט זאָלסטו קוקן אַרויף, אויף די, וואָס שטייען העכער פון דיר, און זיך אָפּלערנען פון זיי... אָבער „ואשר בארץ מתחת״ — ווען עס האַנדלט זיך וועגן גשמיותדיקע ענינים, וועגן ערדישע, מאַטעריעלע זאַכן, זאָלסטו קוקן אַראָפּ, און דאַן וועסטו זען, אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן וועלכע לעבן אין שווערערע און אין ערגערע באַדינגונגען פון דיר...

צוליב וואָס דער בעל־שם־טוב איז געקומען אויף דער וועלט

דער סאָכאַטשאָווער רבי, ר׳ אברהם, דער איידעם פון קאָצקער רבין, פלעגט יעדן שבועות דערציילן, אַז דער קאָצקער רבי האָט געזאָגט: דער

בעל־שם־טוב איז געקומען אויף דער וועלט און איינגעפירט אַ נייעם דרך צו דינען דעם אייבערשטן דורך חסידות, נישט דערפאַר ווייל דער וועג פון חסידות איז העכער פון דעם תורה־וועג, וואָס די יידן זיינען ביז אים געגאַנגען, נאָר דערפאַר וואָס בעוונותינו הרבים איז געוואָרן אַ פּגם אין דער תורה, דורך די פאַלשע פּשטלעך, וואָס די רבנים האָבן געזאָגט, דהיינו: אַז פּרעה האָט געהאַלטן ווי אביי אָדער רבא א. אַ. וו. דעריבער איז געווען אַ גרויסער קטרוג אין הימל און ס'איז נישט געווען קיין אַנדערע עצה נאָר אַראָפּצושיקן אויף דער וועלט דעם בעל־שם־טוב, ער זאָל פאַרשפּרייטן זיין נייעם דרך פון חסידות.

(אביר הרועים, סימן ק״י)

וואָס עס מיינט אַ גונב דעת הבריות

צום קאָזשעניצער מגיד איז אַמאָל געקומען אַ ייד אויף שבועות. דער ייד איז געווען אַ גרויסער פאַסטער און די חסידים האָבן נישט שטאַרק פון אים געהאַלטן. האָט דער קאָזשעניצער מגידביים טיש געזאָגט אין אַ תורה אויפן פּסוק לא תגנוב: „דער וואָס דערציילט אויף זיך, אַז ער פאַסט משבת לשבת, און אין דער אמתן עסט ער און טרינקט בצינעא, פאַרבאַרגענער־הייט, דער איז אַ גונב דעת הבריות — דער באַגנבעט די מיינונג פון אַנ־דערע מענטשן. דער אָבער וואָס פאַסט טאַקע פון שבת צו שבת — דער איז אַ... „גונב דעת עצמו״, דער באַגנבעט זיך אַליין...״

דאָס יידישע פאָלק אַן „עם סגולה״

אַ יידענע איז אַמאָל געקומען צום קאָזשעניצער מגיד מיט אַ געוויין, אַז דער מאַן האָט אויף איר געוואָרפן אַן אומחן, אַז ער האָט זי פיינט געקראָגן און ער שרייט אַז זי איז מיאוס.

„אפשר ביסטו טאַקע שולדיק אין דעם, וואָס דיין מאַן האָט דיך פיינט געקראָגן. ביסט אפשר טאַקע מיאוס געוואָרן?״

„ווי איז צו מיר און צו מיין לעבן — האָט די יונגע פרוי אויפן קול זיך צעוויינט — ווען איך בין מיט מיין מאַן געגאַנגען אונטער דער חופה, האָט ער געזאָגט צו מיר, אַז איך בין די שענסטע און געליבטסטע אין זיינע אויגן און איצט בין איך אים מיאוס געוואָרן?״

האָט דער קאָזשעניצער מגיד אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל און האָט אויסגעשריגן:

„רבונו של עולם! ווען די יידן האָבן געזאָגט: „נעשה ונשמע״, האָסטו זיי אָנגעטאָן קרוינען אויף די קעפּ, האָסט זיי גערופן: „גוי קדוש, עם סגולה״, אַז נאָר זיי האָסטו אויסדערוויילט פון אַלע אומות, און איצט זיינען

מיר דיר נמאס געוואָרן, האָסט אַן אומחן אויף אונז געוואָרפן. צור ישראל, קומה בעזרת ישראל! ווער צוריק גוט מיט אונז און העלף אונז..."

(עשר אורות)

די מנהיגים

פאַרוואָס — פלעגט זאָגן דער ראָפּשיצער — האָט גאָט געוויזן משהן "דור דור ומנהיגיו" — פריער די דורות און ערשט נאָכדעם די מנהיגים? — ווייל די פירער ווערן וואָס אַמאָל שוואַכער, וואָס אַמאָל קלענער, לויט די דורות... טאָ שטעלט אייך פאָר, ווען מען וויזט משהן פריער די מנהיגים און ער דערזעט פּלוצלינג אַז אויך נפתלי ראָפּשיצער איז אין דער חברה, וואָלט ער דאָך זיכער אויפגעשפּרונגען פון איבערראַשונג און אויסגעשריגן: "וואָס, אויך נפתלי איז אַ מנהיג? אויך נפתלי — אַ רבי?..." דעריבער האָט מען אים פריער געוויזן דעם דור און דאַן האָט ער זיך שוין מער נישט געחידושט: וואָרים אין אַזאַ דור קאָן שוין נפתלי אויך זיין אַ רבי...

(עשר צחצחות)

די שמחה מיט דער תורה

דער ראַדזינער רבי ר' גרשון העניך האָט אַמאָל אין שבועות געזאָגט: "עמי־הארצים פרייען זיך שמחת־תורה, וואָס זיי האָבן געענדיקט די תורה — די יידן, לומדים, פרייען זיך שבועות, ווען זיי זיינען מקבל און הייבן אָן די תורה"...

די הכנה איז אַ העלפט פון קבלת התורה

דער קאָצקער רבי האָט געזאָגט: "עס שטייט אין פּסוק: "היו נכונים ליום השלישי" — די הכנה גופא איז געווען אַ העלפט פון קבלת־התורה, דערפאַר זאָגן מיר: "אלו קרבנו לפני הר סיני" און בלויז געגעבן אונז די הכנה, — "ולא נתן לנו את התורה — דיינו".

אַ שידוך מוז אויסגעפירט ווערן דורך אַ שדכן

ר' שמעון אַלטער, דער ברודער פון גערער רבין, דעם "שפת אמת", האָט זיך געוואָלט משדך זיין מיט זיין ברודער. איז ער אַליין אַריין צום "שפת אמת" און גערעדט מיט אים וועגן שידוך.

ענטפערט אים דער "שפת אמת", אַז קוים איז דער שידוך אָן אַ שדכן, האָט ער מורא, אַז עס וועט פון שידוך גאָר נישט אַרויסקומען. און ער האָט געבראַכט אַ משל פון קבלת התורה:

די יידן האָט מען געשדכנט די תורה דורך אַ מעקלער, דורך משה רבינו, איז דער שידוך אויפן אָרט געשלאָסן געוואָרן. בנוגע צו די אַנדערע פעלקער האָט מען עס געפּרואווט מאַכן אָן אַ שדכן. דער רבונו של עולם אַליין האָט געטראָגן די תורה צו די פעלקער און געבעטן אַז זיי זאָלן זי אָננעמען, איז טאַקע פון דעם עסק גאָרנישט געוואָרן!

שופטים דאַרפן אין אַן עת־צרה טרייסטן דאָס פאָלק

חסידים זאָגן נאָך פון בעל־שם־טובס וועגן, אַז ער האָט געטייטשט דעם פסוק אין רות, „ויהי בימי שפוט השופטים", אַזוי: די גמרא זאָגט אין בבא בתרא, אַז דאָס איז געווען אין דער צייט פון „דור ששופט את שופטיו" — ווען דער דור האָט געמשפּט די ריכטער. וואָרום שופטים, וועלכע משפטן און שטראָפן דאָס פאָלק, בשעת עס געפינט זיך אין אַן עת צרה, אין אַ הונגער, אַנשטאָט זיי זאָלן דאָס פאָלק טרייסטן און מלמד זכות זיין אויף אים — אַזעלכע שופטים דאַרפן אַליין געמשפּט ווערן...

מען דאַרף זען ווי אַזוי מען וועט זיך אויפפירן אין דער היים

אסרו חג נאָך שבועות האָט איינמאָל דער רבי ר' בונם צונויפגערופן די חסידישע יונגעלייט און געזאָגט צו זיי:

די תורה דערציילט אונז, אַז נאָך קבלת התורה האָט השי"ת געזאָגט צו משהן: „לך אמור להם שובו לכם לאהליכם" (דברים ה', כ"ז). יאָ, זיי האָבן מקבל געווען די תורה, איך וואָלט שוין אָבער געוואָלט זען, ווי אַזוי עס וועט זיין נאָכן „שובו לכם לאהליכם", ווי אַזוי זיי וועלן זיך אויפפירן אין דער היים...

מען דאַרף זיין צוגעגרייט נישט אריינצופאַלן אין אַ בלאָטע...

דער רבי ר' מאירל פּרעמישלאַנער איז געווען אַן אוהב נאמן פונעם ריזשינער רבין.

דער רבי ר' מאירל פּרעמישלאַנער האָט געלעבט אין גרויס דחקות, עס האָט קיינמאָל איבערגענעכטיקט אַ פּרוטה אין זיין הויז, און דאָס מעבל איז געווען אַלט און די הויז־כלים צעבראָכענע, און דאָס גאַנצע געלט, וואָס דער רבי ר' מאירל פּרעמישלאַנעד האָט געקראָגן פון חסידים, האָט ער עס גלייך אַוועקגעגעבן פאַר צדקה..

אינגאַנצן אַנדערש איז געווען דער דרך פון רבין ר' ישראלטשע פון ריזשין; דעם הויף האָט מען געפירט מלכותדיק און מיט גרויס עשירות.

דעם רבין ר' מאירל פּרעמישלאַנערס חסידים פלעגן זאָגן: וואָס איז דער חילוק צווישן אונזער רבין און דעם ריזשינער? אויף אים זאָגט דער

פסוק: „הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד" און אויף אונזער רבין זאָגט דער פסוק: „פזר נתן לאביונים וצדקתו עומדת לעד".

פלעגן פּרעמישלאַנער חסידים שבועות דערציילן אַזאַ מעשה: איינמאָל האָבן זיך די צוויי רביים באַגעגנט אויפן וועג. דער רבי ר' מאירל פּרע־מישלאַנער איז געפאָרן אין א צעבראָכן וועגעלע מיט אַן אויסגעדאַרט פערדל געשפּאַנט, און דער ריזשינער רבי איז געפאָרן אין אַ קעניגלעכער קאָטש, מיט פיר פערד ווי לייבן געשפּאַנט.

האָט דער ריזשינער רבי געזאָגט צו ר' מאירל פּרעמישלאַנער: „איך פאָר אין אַ קאָטש געשפּאַנט מיט פיר פערד, כדי ווען די קאָטש וועט אריין אין אַ בלאָטע און זומפּ, זאָלן די פערד זי קאָנען גרינג און שנעל ארויס־ציען, אָבער איר, פּרעמישלאַנער רבי, פאַרוואָס פאָרט איר בלויז מיט איין פערדל?

האָט דער רבי ר' מאירל פּרעמישלאַנער געענטפערט:

„ווייל איך פאָר מיט איין אויסגעדאַרט פערד און איך ווייס אַז דאָס פערדל וועט נישט קענען אַרויסציען מיין וואָגן פון דער בלאָטע, מוז איך זיין פון פריער פאָרזיכטיק אַז מיין פערדל זאָל נישט אַראָפּ פון גלייכן וועג און מיין וועגעלע זאָל נישט פאַרזינקען אין אַ בלאָטע!"...

די פטירה פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב אין שבועות

שבועות, דער יום־טוב פון מתן תורה, איז אויך די יאָרצייט פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, דער באַגרינדער פון חסידות.

אין שבועות האָט גאָט געגעבן די תורה די יידן און אין שבועות האָט גאָט צוגענומען אַ גרויסע נשמה פון די יידן — די נשמה פון בעל־שם־טוב.

איינגעהילט אין אַ מיסטעריעזן שלייער איז די פטירה פונם בעש״ט. וואונדערשיינע מעשיות האָט דאָס חסידות געוועבט אַרום זיין פטירה.

לאַנג געגרייט האָט זיך דער בעש״ט נסתלק צו ווערן פון דער וועלט. און די תלמידים זיינע האָבן געגלויבט באמונה שלימה, אַז ער וועט נישט שטאַרבן ווי אַ געוויינלעכער מענטש. זיי האָבן געהאָפט, אַז ער וועט אַרויפגיין אין הימל ווי אליהו הנביא — אָבער דער דור איז נישט ראוי געווען דערצו.

* * *

אין פסח פון דעם יאָר תק״ך — 1760 (דער בעש״ט איז געבוירן געוואָרן צווישן די יאָרן תנ״ח—ת״ס, אַרום דעם יאָר 1700) איז דער בעש״ט קראַנק געוואָרן אויפן מאָגן. ער איז שטאַרק מאָגער געוואָרן און זיין קול איז געוואָרן זייער שוואַך, אַזוי אַז מען האָט כמעט נישט געהערט וואָס ער רעדט.

דער בעש״ט איז געזעסן אין זיין התבודדות־שטיבל און ער האָט נישט געהאַט קיין כוח צו רופן זיין משרת, האָט מען אויפגעהאָנגען אַ גרויסן גלאָק אין דעם גרויסן הויז און אַ שטריק האָט זיך געצויגן פון גלאָק צו דעם קליינעם הויז, וואו דער בעש״ט איז געזעסן אָפגעזונדערט. און ווען דער בעש״ט האָט געוואָלט רופן דעם משרת, האָט ער געגעבן אַ ציי ביים שטריקל, האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון גלאָק און דער משרת איז צו אים אַריינגעקומען.

איינמאָל איז צום בעש״ט אַריינגעקומען זיין תלמיד ר׳ דוד פורקיס, ז״ל, דער מגיד פון מעזשיבעזש, און האָט אים געפרעגט וועגן אַן ענין פון עבודת הבורא. אַ חסיד פון באַר האָט געזאָגט, אַז ר׳ דוד פורקיס האָט אים געפרעגט, ווי אַזוי מען קאָן מתפלל זיין פאַר אַ קראַנקן דורך דערציילן מעשיות. האָט דער בעש״ט אים אָנגעהויבן צו זאָגן, און אַזוי לערנענדיק אים, איז ער אַריין אין התלהבות. זיין פנים האָט געברענט ווי אַ שטיק פייער. איז אַ פחד באַפאַלן ר׳ דוד פורקיס און ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער צוליב דעם וואָס דער בעש״ט האָט מיט אים גערעדט פנים אל פנים, האָט ער נישט געוואָגט אַרויסצוגיין. אינצווישן איז אַריינגעקומען זיין טאָכטער אָדעל און זי האָט געזאָגט צום בעש״ט:

„עס איז שוין געקומען די צייט צו עסן, ווייל עס ווערט שפעט".

איז דער בעש"ט צוריק בלייך געוואָרן. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט און האָט איר געזאָגט:

„טאָכטער, טאָכטער מיינע! וואָס האָסטו געטאָן?"

האָט ר' דוד פורקיס זיך אָנגערופן:

„זי האָט רעכט. עס איז געקומען די צייט צו עסן".

האָט דער בעש"ט געזאָגט:

„דו ווייסט גאָרנישט ווער עס איז דאָ געווען. פון איין זייט איז געשטאַנען אליהו הנביא און פון דער צווייטער זייט מיין רבי (אחיה השילוני). זיי האָבן מיר געזאָגט, וואָס איך האָב דיר אָנגעהויבן געבן צו פאַרשטיין, און ווען זי איז אַריינגעקומען, האָט זי מיך מבלבל געווען — זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען". (שבחי הבעש"ט)

* * *

און נאָך ווערט דערציילט אין „שבחי הבעש"ט" וועגן דעם בעש"טס פטירה:

פסח פאַר דער פטירה איז געווען ביים בעש"ט דער רבי ר' פנחס פון קאָרעץ. ער איז אַ ביסל שוואַך געוואָרן, דערפאַר האָט ער געטראַכט, צי ער זאָל ערב יום־טוב פון די צווייטע טעג גיין אין מקוה אַריין, צי נישט. און ער האָט באַשלאָסן נישט צו גיין. שביעי של פסח ביים דאַווענען האָט ר' פנחס קאָרעצער דערזען, אַז עס איז נגזר געוואָרן אין הימל, אַז דער בעש"ט זאָל אינגיכן נסתלק ווערן... האָט ר' פנחס געוואָלט מתפלל זיין פאַר דעם בעש"ט, אָבער ער האָט נישט געקאָנט, ווייל ער איז נישט געגאַנגען אין מקוה אַריין.

נאָכן דאַווענען איז צו אים צוגעגאַנגען דער בעש"ט און האָט אים געפרעגט, צי ער איז געווען אין מקוה. האָט ער געענטפערט „ניין". האָט דער בעש"ט געזאָגט:

„עס איז שוין צו־שפעט. מען קאָן שוין גאָרנישט העלפן".

נאָך פסח איז דער בעש"ט געוואָרן נאָך מער קראַנק אויפן מאָגן. דאָך האָט ער זיך אַ ביסל געשטאַרקט און האָט געדאַוונט פאַרן עמוד, און די תלמידים זיינע, וואָס האָבן געקאָנט מיט זייערע תפילות אים אויסבעטן ער זאָל בלייבן לעבן, האָט דער בעש"ט גאָרנישט אויסגעזאָגט, נאָר ער האָט זיי געשיקט אין אַנדערע שטעט, און דער רבי ר' פנחס איז נישט אַהיימגעפאָרן.

און אין דער נאַכט פון שבועות האָבן זיך אין הויז פון בעש"ט פאַרזאַמלט זיינע „אנשי סגולה", זיי זאָלן אויף־זיין די גאַנצע נאַכט, לויטן תיקון פון אר"י הקדוש. דער בעש"ט האָט פאַר זיי געזאָגט תורה וועגן ענין פון מתן תורה.

גאַנץ פרי האָט דער בעש"ט געשיקט רופן די „חברה קדישא", צווישן

זיי ר׳ לייב קעסלער, און האָט זיי געלערנט ווי אַזוי זיי זאָלן זיך מתעסק זיין מיט זיין קבורה. ער האָט זיי געגעבן סימנים, ווי די נשמה זיינע וועט אַרויס פון יעדן אבר פון זיין גוף באַזונדער. דערנאָך האָט ער געהייסן, אַז אַ מנין זאָל מיט אים דאַווענען. ער האָט זיך געהייסן געבן אַ סידור און געזאָגט:

„איך וויל זיך נאָך אַ ביסל דורכשמועסן מיט השם יתברך״.

נאָכן דאַווענען איז זיין תלמיד, ר׳ נחמן האָראָדענקער, געגאַנגען מתפלל זיין און בעטן רחמים ביי גאָט פאַר דעם בעש״ט וועגן.

האָט דער בעש״ט געזאָגט צו זיינע תלמידים:

„אומזיסט איז ער מרעיש עולמות. ווען ער וואָלט געקאָנט אַריינגיין אין הימל דורך דער זעלבער טיר, וואָס איך פלעג אַריינגיין, וואָלט ער מיט זיין תפילה געקאָנט פועלן, אָבער אַזוי איז אַלץ פאַרפאַלן״.

* * *

דער בעש״ט האָט דערנאָך צונויפגערופן אַלע זיינע תלמידים און יעדן באַזונדער באַשטימט, מיט וואָס פאַר אַ פּרנסה ער זאָל זיך פאַר־נעמען. דעם תלמיד זיינעם, ר׳ יעקב, וואָס האָט אַ לענגערע צייט אים משמש געווען, האָט דער בעש״ט אָנגעזאָגט:

„זאָלסט אַרומפאָרן איבער אַלע שטעט, וואו מיין נאָמען איז באַקאַנט, און דערציילן דאָרט מעשיות וועגן מיר. דערפון וועסטו האָבן פּרנסה בשפע״. (עדת צדיקים, זייטן 24־28)

* * *

דערווייל זיינען די אַלע נשמות, וואָס דרייען זיך אַרום אויפן עולם התוהו, וואַרטנדיק אויף אַ תיקון, געוואויר געוואָרן, אַז דער בעש״ט גייט באַלד אַוועק פון דער וועלט. האָבן זיי זיך אַלע אַ לאָז געטאָן צו אים, ער זאָל זיי געבן אַ תיקון.

האָט דער בעש״ט זיי אַלע געגעבן אַ תיקון. נאָר איין נשמה פון צווישן זיי האָט ער פאַרשטויסן פון זיך און האָט איר נישט געוואָלט געבן קיין תיקון.

דאָס איז געווען אַ נשמה פון איינעם, וואָס איז שוין געווען אַכציק יאָר טויט.

„אַכציק יאָר — האָט דער בעש״ט אָנגעהויבן שרייען אויף דער נשמה, — אַז דו ביסט נע־ונד, און ביז היינט האָסטו נישט געהערט, אַז איך געפין זיך אויף דער וועלט! אַוועק פון דאַנען, רשע!״

און באַלד האָט דער בעש״ט געזאָגט צו זיין משרת:

„לויף שנעל און שריי אין די גאַסן, מען זאָל אַראָפּ פון וועג, ווייל איך האָב אויפגערייצט אַ נשמה; האָב איך מורא, אַז זי וועט עמיצן שעדיקן״.

אָבער עס איז שוין געווען צו־שפּעט. די נשמה איז אַריין אין אַ בתולה, די טאָכטער פון שמש.

און ווען דער משרת איז צוריקגעקומען צום הויז פון בעש״ט, האָט

ער געהערט, ווי דער בעש״ט זאָגט:

„די צוויי שעה בין איך דיר מוחל, אַבי מאַטער מיך נישט״.

האָט דער משרת אים געפרעגט:

„מיט וועמען רעדט איר?״

האָט דער בעש״ט געענטפערט

„זעסטו נישט דעם מלאך המות, וואָס פלעגט תמיד אַנטלויפן פון מיר, ווי מענטשן זאָגן „דאָרט וואו דער פעפער וואַקסט״ — און איצט, ווען מען האָט אים געגעבן רשות איבער מיר, זיינען ביי אים די פּלייצעס ברייטער געוואָרן און עס איז אויף אים אַ גאָר גרויסע שמחה״.

דערנאָך זיינען אַלע יידן פון דער שטאָט געקומען ביטן דעם בעש״ט גוט יום־טוב. האָט דער בעש״ט פאַר זיי געזאָגט תורה.

ביי דער סעודה האָט דער בעש״ט געהייסן דעם משרת, ער זאָל אים געבן מעד אין אַ גרויסער פלאַש. האָט ער אים געגעבן אַ קליינע. האָט דער בעש״ט געזאָגט:

„אָט דאָס הייסט „אין שלטון ביום המות״ — אפילו דער גבאי פאָלגט מיך שוין נישט״.

דערנאָך האָט דער בעש״ט געזאָגט צו זיינע חסידים אַ סימן, אַז ווען ער וועט אַוועקגיין פון דער וועלט, וועלן זיך אָפּשטעלן ביידע זייגערס...

און פּלוצלינג האָט זיך אָפּגעשטעלט דער גרויסער זייגער. האָבן די חסידים אים פאַרשטעלט, דער בעש״ט זאָל ניט דערזען ווי דער זייגער האָט זיך אָפּגעשטעלט. האָט דער בעש״ט געזאָגט:

„איך זאָרג זיך נישט וועגן זיך אַליין, ווייל עס איז ביי מיר זיכער, אַז איך וועל אַרויסגיין פון דער טיר און באַלד וועל איך אַריינגיין אין אַן אַנדער טיר״.

און דער בעש״ט האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט און געהייסן זיינע תלמידים, זיי זאָלן זיך אַרומשטעלן אַרום זיין בעט. ער האָט פאַר זיי געזאָגט תורה וועגן דעם זייל, וואָס גייט אַרויף פון גן־עדן התחתון צום גן־עדן העליון און האָט זיי געהייסן זאָגן „ויהי נועם״.

דער בעש״ט האָט זיך דערנאָך צוריק אַוועקגעלייגט אויפן בעט און ווידער זיך אויפגעזעצט. אַזוי אַ פּאָר מאָל. און ער האָט כסדר מכוון געווען גרויסע כוונות, ביז מען האָט נישט מער געהערט וואָס ער זאָגט.

דער בעש״ט האָט זיך דערנאָך געהייסן צודעקן מיט אַ ליילעך און ער האָט אָנגעהויבן צו ציטערן אַזוי ווי ביי דער שמונה־עשרה, און דערנאָך האָט ער זיך צו־ביסלעך באַרואיקט. די תלמידים האָבן דערזען, אַז אויך דער קליינער זייגער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

האָבן די תלמידים געוואַרט ביזן אָוונט און זיי האָבן אַרויפגעלייגט אַ פעדער אויף זיין נאָז און זיי האָבן דערזען, אַז דער בעש״ט איז נפטר געוואָרן.

דער געהיימער וועג צו דוד המלכס קבר

אין ירושלים, אויפן הר־ציון, לעבן שער־ציון, איז פאַראַן אַן אַלטע הייל, וואָס ווערט אָנגערופן „קברי בית דוד" און דאָרט אין דער הייל געפינט זיך, לויט דער מסורה, דער קבר פון דוד המלך.

יעדן שבועות איז אַ מנהג אַז די יידן פון ירושלים קומען אַהין מתפלל זיין, אָבער בעת די טערקן האָבן געהערשט אין לאַנד, האָבן זיי די אידן אַהין נישט אַריינגעלאָזט, ווייל די יידן קענען נאָך, חלילה, „מחלל זיין" די הייליקייט פון דעם מעטשעט, וואָס איז לעבן דער הייל אויסגעבויט געוואָרן.

אָבער כאָטש די טערקן האָבן אַהין קיין איין ייד נישט אַריינגעלאָזט, דאָך איז דאָרט אַמאָל געווען אַ ייד, וואָס האָט די זכיה געהאַט אין דער הייל אַריינצוגיין. דאָס איז געווען דער פאָטער פון דעם גרויסן רבין ר' הירש קאַמינקער.

עס ווערט דערציילט, אַז ר' הירש קאַמינקערס פאָטער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער ער האָט נישט געהאַט אויף הוצאות הדרך. דאָך האָט ער תמיד געהאָפט, אַז ער וועט אויף די עלטערע יאָרן קומען קיין ארץ־ישראל. דאָס גאַנצע לעבן זיינס האָט ער געזאָגט תהלים און געבעטן גאָט ער זאָל דערלעבן צו זיין אין ארץ־ישראל.

איינמאָל, אין אַ יאַריד־טאָג, קומט אַריין צו ר' הירש קאַמינקערס פאָטער עפּעס אַן אָרעמאַן, וואָס גייט איבער די טירן, און בעט אים ער זאָל אים דערלויבן איבערצולאָזן זיינע שטיוול, ווייל ס'איז זייער הייס אין דרויסן און ער קאָן זיי נישט דערטראָגן.

ר' הירש קאַמינקערס פאָטער האָט אים אָנגעוויזן אויף אַן אָרט, און דער אָרעמאַן האָט די שטיוול אַנידערגעלייגט. דער אָרעמאַן האָט געזאָגט, אַז פאַרנאַכט, נאָכן יאַריד, וועט ער קומען די שטיוול אָפּנעמען.

פאַרנאַכט איז דער אָרעמאַן נישט געקומען און דער פאָטער פון ר' הירש קאַמינקער האָט פאַרגעסן וועגן די שטיוול און זיי זיינען דאָרט אַזוי געלעגן ביז איבערן ווינטער. ווען עס איז געקומען פאַר פסח און מען האָט אָנגעהויבן צו רוימען אויף יום־טוב, האָט ר' הירש קאַמינקערס פאָטער דערזען די שטיוול ליגן און האָט זיך דערמאָנט אין דעם אָרעמאַן. ער האָט די שטיוול אויפגעהויבן, האָבן זיך פון זיי אָנגעהויבן אַרויסצושיטן גאָלדענע רענדלעך, וואָס האָבן באַדעקט די גאַנצע פּאָדלאָגע.

ר' הירש קאַמינקערס פאָטער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער אָרעמאַן איז געווען אליהו הנביא און מסתמא האָט מען אים צוגעשיקט דאָס געלט מן השמים ער זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל. האָט ער תיכף איינגע־

פּאַקט די זאַכן, די קינדער איבערגעלאָזט אין גאַליציע און אָפּגעפאָרן מיט זיין ווייב אין הייליקן לאַנד.

עס איז אָבער אין די דאַמאָלסדיקע יאָרן נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. חדשים־לאַנג האָט ער זיך געשלעפּט אויף פאַר־שידענע זעגל־שיפן. איינמאָל האָט אַ שטורעם־ווינט די גאַנצע שיף שיר נישט דערטרונקען. אַן אַנדערש מאָל זיינען די שיף באַפאַלן רויבער, גע־וואָלט אַלע מענטשן אויף דער שיף פאַנגען און זיי פאַרקויפן פאַר קנעכט, אָבער זיי האָבן געגעבן אויסקויף־געלט און זיינען ניצול געוואָרן. ווען ר׳ הירש קאַמינקערס פאָטער איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, האָט ער שוין מער קיין פּרוטה נישט געהאַט פון דעם גאַנצן געלט, אָבער ער האָט זיך זייער געפרייט, וואָס ער איז בשלום אָנגעקומען אין לאַנד אַריין.

ער פלעגט טאָג און נאַכט זיצן ביי דעם כותל מערבי מיט זיין תהלימל אין דער האַנט און וויינען אויף גלות־השכינה. ער איז אויך יעדן טאָג געגאַנגען צו דוד המלכס קבר, וואָס געפינט זיך אויפן הר־ציון אין ירושלים, אָבער די טערקן האָבן קיין יידן צום קבר נישט צוגעלאָזט, האָט ער דערי־בער געמוזט שטיין צען איילן ווייט פון קבר און זאָגן תהלים.

איינמאָל איז דער סולטאַן זייער קראַנק געוואָרן און אַלע דאָקטוירים האָבן אים שוין געהאַט אויפגעגעבן. האָט דער סולטאַן געשיקט אַ שליח קיין ירושלים און באַפוילן די יידן זיי זאָלן מתפלל זיין, אַז דער סולטאַן זאָל געזונט ווערן. האָבן די יידן דעם שליח אָנגעוויזן אויף ר׳ הירש קאַ־מינקערס פאָטער און דער שליח האָט אים געבעטן ער זאָל מתפלל זיין פאַרן געזונט פון סולטאַן.

דאַן איז ר׳ הירש קאַמינקערס פאָטער געגאַנגען מיט אַ מנין יידן צו דעם כותל המערבי און האָט דאָרט מתפלל געווען. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז דער סולטאַן איז געזונט געוואָרן. אַלע טערקן זיינען געווען זיכער, אַז נאָר דעם גרויסן צדיקס תפילה האָט געפּועלט. האָט דעם סולטאַנס שליח געפרעגט ר׳ הירש קאַמינקערס פאָטער, וואָס בעט ער דערפאַר, ווייל דער סולטאַן האָט געגעבן זיין וואָרט אַז דאָס וואָס ער וועט זיך אויסבעטן וועט מען אים נאָכגעבן. האָט ער זיך אויסגעבעטן, מען זאָל אים דערלויבן אַריינצוגיין אין דער הייל פון דוד המלכס קבר.

דער שליח האָט געשיקט אַ רייטער צום סולטאַן און אים געפרעגט, צי ער זאָל די דערלויבעניש געבן. האָט דער סולטאַן געענטפערט, אַז זיין וואָרט וועט ער נישט צוריקציען און מען זאָל אים אַריינלאָזן פריי אין דער הייל.

האָבן זיך אָבער דערפון דערוואוסט די חכמים און די ראַטגעבער פון סולטאַן און האָבן אויפגעהויבן אַ געוואַלד, אַז מען טאָר נישט עובר זיין אויפן געזעץ און מען טאָר נישט אַריינלאָזן קיין ייד צו דעם הייליקן קבר פון דוד המלך.

האָט דער סולטאַן אָפּגעהאַלטן אַ ראַט מיט זיינע יועצים און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דעם סולטאַנס וואָרט זאָל מען נישט צוריקציען, נאָר אַזוי ווי דער סולטאַן האָט געזאָגט אַז ער דערלויבט אים אַריינצולאָזן, וועט מען אים טאַקע אַריינלאָזן, אָבער אַרויסלאָזן וועט מען אים נישט, ווייל עס קומט אים מיתה — וועט ער דאָרטן שטאַרבן.

דאָס איז געווען אַ פּאָר טאָג פאַר שבועות. ר׳ הירש קאַמינקערס פאָ־טער איז געגאַנגען מיט זיין תהלימל צום קבר פון דוד המלך. מען האָט פאַר אים ברייט געעפנט די טויערן, אַזוי ווי דער סולטאַן האָט געהייסן, און ווי נאָר ער איז אַריינגעגאַנגען אינעווייניק, האָט מען די טויערן פאַר־שלאָסן.

ר׳ הירש קאַמינקערס פאָטער איז געגאַנגען פון איין הייל צו דער צווייטער, ביז ער האָט אָנגעטראָפן צום קבר פון דוד המלך. דאָ האָט ער אָנגעהויבן צו זאָגן תהלים מיט גרויס געוויין; האָט געגאָסן מיט טרערן אויף גלות השכינה און געבעטן אויף דער גאולה. ווען ער האָט שוין גע־האָט פאַרענדיקט זיין תפילה און געוואָלט צוריק אַרויסגיין, האָט ער פּלוצ־לינג דערזען אַז די טירן זיינען פאַרמאַכט. ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן, אָבער מען האָט אים נישט געענטפערט. האָט ער גענומען נאָך שטאַרקער צו קלאַפּן און צו שרייען, אָבער קיינער האָט זיין קול נישט דערהערט.

ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די טערקן האָבן אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און זיי ווילן אים מער נישט אַרויסלאָזן, כדי ער זאָל דאָ אין די היילן אויסגיין פאַר הונגער.

איז ר׳ הירש קאַמינקערס פאָטער צוריקגעגאַנגען צום קבר פון דוד המלך; איז מיט גרויס געוויין צוגעפאַלן מיטן פּנים צום קבר און געשריגן, אַז ער וועט נישט אָפּטרעטן פון דאַנען, ביז דער אויבערשטער וועט נישט צוהערן זיין תפילה און וועט נישט אויסלייזן די יידן פון גלות.

אַזוי איז ער אָפּגעלעגן ביים קבר אַ גאַנצן מעת־לעת און כסדר גע־וויינט, ביז ער איז פאַר גרויס מידקייט אַנטדרימלט געוואָרן.

דאָ האָט ער פּלוצלינג געזען ווי עס קומט צו אים אַן אַלטער ייד, אָנגעטאָן אין בגדי מלכות, מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ און האַלט אַ גרויס ספר אין דער האַנט. דער אַלטער ייד האָט אָנגענומען ר׳ הירש קאַמינקערס פאָטער ביי דער האַנט און האָט צו אים געזאָגט: „זיי ווילן, דו זאָלסט דאָ אויסגיין פאַר הונגער. קום, וועל איך דיר ווייזן אַ וועג, דורך וועלכן מען קען אַרויסגיין פון דער דאָזיקער הייל“.

און דער אַלטער ייד האָט אים געפירט איבער פאַרשידענע אונטער־ערדישע וועגן, ביז ער האָט אים צוגעפירט צו זיין שטוב, וואָס געפינט זיך אין דער אַלטער שטאָט ירושלים, אין דער רחוב חברון.

פאַר דער טיר פון זיין שטוב האָט צו אים דער אַלטער ייד געזאָגט:

„איך האָב צוגעהערט דיין געוויין. די יידן וועלן שוין פאַרבלייבן אויף תמיד אין ארץ־ישראל. זיי וועלן זיך כסדר מערן און מערן, ביז עס וועט קומען דער זמן פון דער אמתער גאולה. אַלס סימן, אַז אַלץ וואָס איך זאָג דיר איז אמת, האָסטו דאָס דאָזיקע ספר פאַר אַ מתנה".

ווען ר׳ הירש קאַמינקערס פאָטער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער דערזען, אַז ער געפינט זיך גאָר אין זיין שטוב אין דער רחוב חברון און האַלט אַ תהלימל אין דער האַנט, וואָס דוד המלך האָט אים געגעבן אַ מתנה.

די טערקן זיינען געוועזן זיכער, אַז ר׳ הירש קאַמינקערס פאָטער איז געשטאָרבן אין דער הייל פון דוד המלכס קבר. לסוף האָט ער זיך גאָר אַרומגעדרייט פריי אין דער אַלטער שטאָט אין ירושלים.

זייט דאַמאָלס איז פאַרבליבן אַ מסורה ביי די יידן אין ירושלים, אַז עס איז פאַראַן אַ געהיימער אונטערערדישער וועג פון דער רחוב חברון, וואָס פירט צו דוד המלכס קבר, און גרויסע מקובלים זיינען געגאַנגען דורך דעם דאָזיקן וועג יעדן שבועות ביינאַכט צו דוד המלכס קבר מתפלל צו זיין אַז די גאולה זאָל קומען.

שבועות ביים סאַנדזער רבין

איינער פון די גרעסטע רבים פון גאַליציע, וואָס האָט זיך זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן מיט גמילת חסדים און געגעבן צדקה די פאַרבאָרגענע אָרעמעלייט פון גאַנץ גאַליציע, איז געווען דער רבי ר׳ חיים האַלבערשטאַם פון סאַנדז, דער תלמיד פון ראָפּשיצער רבין, ר׳ נפתלי האָראָוויץ.

פון גאַנץ גאַליציע פלעגן זיך שלעפּן קיין סאַנדז הונדערטער אָרעמע־לייט און זיי האָבן געוואַרט דער רבי זאָל זיי אַריינלאָזן און אויסהערן זייערע בקשות, ווייל געוואוסט האָבן שוין די אָרעמעלייט, אַז קוים קומט אַריין אַן אָרעמאַן צום רבין אין שטוב אַריין, וועט דער רבי אים אָוועק־געבן אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט.

און דריי סאָרטן אָרעמעלייט האָט דער סאַנדזער רבי אויסגעהאַלטן. געווען אָרעמעלייט, פּשוטע, מדינה־גייערס — זיי האָט דער סאַנדזער רבי געגעבן אַלץ וואָס ער האָט צונויפגענומען פון די קוויטלעך פון זיינע חסידים. געווען אָרעמעלייט, פאַרבאָרגענע, בעלי־בתים, וואָס זיינען פאַר־אָרעמט געוואָרן און זיי האָבן זיך געשעמט מען זאָל זיך דערוויסן אין שטאָט אַז זיי זיינען אָרעם געוואָרן. פון זיי האָט טאַקע קיינער נישט געוואוסט אַ חוץ דער סאַנדזער רבי אַליין און דער גבאי זיינער. זיי האָט דער רבי געשיקט בסוד, פאַרבאָרגענערהייט, אַלץ וואָס זיי האָבן געדאַרפט. און עס זיינען געווען אָרעמעלייט, „געפאַלענע גבירים" — וועגן זיי האָט שוין אפילו דער גבאי אַליין נישט געוואוסט. זיי פלעגן קומען צום רבין אויף אַ יום־טוב און זיך נאָך אויפפירן גביריש, אַליין טיילן שיינע נדבות אין שטאָט, נאָר בסתר, שטילערהייט, האָט דער סאַנדזער רבי זיי אויס־געהאַלטן, און זיי האָט דער סאַנדזער רבי נישט געגעבן סתם אַ נדבה, נאָר גרויסע סומעס געלט, זיי זאָלן קענען ווייטער אַנגיין מיט זייערע מסחרים.

דער סאַנדזער רבי פלעגט נישט סתם געבן אַ נדבה אַן אָרעמאַן כדי אים אָפּצופּטרן, נאָר ער איז תמיד אַריינגעגאַנגען אין דעם מעמד פון דעם אָרעמאַן. אַזוי איז באַקאַנט די מעשה, וואָס ווערט דערציילט אין גאַנץ גאַליציע, אַז איינמאָל איז דעם סאַנדזער רבינס ווייב געגאַנגען אין מאַרק אַריין איינקויפן אויף שבת. האָט זי געוואָלט קויפן אַן אינדיק ביי אַ פויער־טע. די פויערטע האָט אָבער געוואָלט אַ גרויסן פּרייז און די רביצן האָט זיך געישובט צי זי זאָל איר געבן אַזאַ גרויסן פּרייז. אָבער ווי דערשטוינט איז די סאַנדזער רביצן געוואָרן, ווען זי האָט דערזען, אַז ווי נאָר זי איז אָוועקגעגאַנגען, איז באַלד צוגעקומען אַ יידענע, וואָס די רביצן האָט זי

געקענט, ווייל איר מאַן נעמט וואָכן־געלט פון דעם סאַנדזער רבין און די יידענע האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און האָט דער גויע גלייך באַצאָלט וויפיל זי האָט פאַרלאַנגט פאַרן אינדיק.

דער סאַנדזער רביצן האָט עס זייער פאַרדראָסן און זי האָט באַשלאָסן דאָס צו דערציילן איר מאַן, דעם סאַנדזער רבין. זאָל ער זען, ווער עס זיינען זיינע אָרעמעלייט.

ווען דער סאַנדזער רבי האָט דערהערט, וואָס די רביצן האָט אים דערציילט, האָט ער גלייך געהייסן אַריינרופן זיין גבאי און האָט צו אים געזאָגט: „משה יהושע, וויפיל געהאַלט נעמט די דאָזיקע משפחה אַ וואָך?"

„פופצן גולדן וועכנטלעך" — האָט דער גבאי געענטפערט.

„שטעל צו צום צעטל נאָך דריי גולדן — האָט דער סאַנדזער רבי באַפוילן. — אַז אַן אָרעמאַן דאַרף האָבן ווייַן, מוז מען אים געבן אויף ווייַן — האָט דער סאַנדזער רבי געשריגן מיט התלהבות. — אַז ער דאַרף עסן פלייש יעדן טאָג, מוז מען אים געבן פלייש, און אַז איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די משפחה דאַרף האָבן אינדיקעס, מוז מען געבן נאָך דריי גולדן אַ וואָך, זיי זאָלן האָבן אויף אינדיקעס אויך".

און די קינדער פון סאַנדזער רבין האָבן שוין אויך געוואוסט, אַז מען דאַרף היטן דעם פאָטער זייערן, עס זאָלן צו אים נישט צוקומען קיין סך אָרעמעלייט, ווייל ווען נישט, האָט זיך געטראָפן, אַז די קינדער אַליין האָבן נישט געהאַט אויף שבת, און דאָס גאַנצע געלט, וואָס דער פאָטער זייערער האָט געהאַט, האָט ער צעטיילט צווישן די פאַרשידענע אָרעמע־לייט וואָס זיינען געווען אין סאַנדזער הויף.

אָבער נישט תמיד האָבן אים די קינדער געקאָנט אויסהיטן פון די אָרעמעלייט. אַזוי ווערט דערציילט, אַז איינמאָל, ווען דער סאַנדזער רבי האָט געהאַלטן ביים חתונה מאַכן זיינס אַ טאָכטער מיט אַ גרויסן רבין אין רוס־לאַנד, האָט מען אין „הויף" געמאַכט אַ שיינעם אויסשטייער פאַר דער כלה. די קינדער האָבן אָבער באַמערקט, אַז אין הויף דרייט זיך אַרום אַן אָרעמע יידענע און וויל דווקא אַריינגיין צום סאַנדזער רבין. האָבן זיי זי שוין געהיט און האָבן איר געגעבן וויפיל זי האָט געוואָלט, אַבי זי זאָל נישט אַריינגיין צום סאַנדזער רבין. אָבער וויפיל די הויף־מענטשן האָבן נישט געוואָלט נאָכטשאַטעווען נאָך דער יידענע, איז זיי אַלץ נישט געלונ־גען זי אויסצוהיטן פון אַריינקומען אין סאַנדזער רבינס שטוב. און איינמאָל, ווען עס זיינען געקומען אַ סך חסידים און חסידיתטעס פון די פאַרשידענע שטעטלעך אַרום סאַנדז זיך פראַווען ביים רבין, האָט די אָרעמע יידענע זיך אויך אַריינגעשטופט צווישן די פילע חסידים און ווייבער און ווען זי האָט אָפּגעגעבן דאָס קוויטל דעם רבין, האָט זי אָנגעהויבן צו וויינען און צו קלאָגן אויף איר ביטער מזל. ווייל זי האָט קוים געטאָן אַ שידוך מיט אירס אַ פאַרזעסענער טאָכטער און ווען עס האָלט שוין ביי דעם זמן

חתונה ווייל דער חתן אָפּלאָזן דעם שידוך, ווייל זי האָט נישט קיין געלט אויף צו מאַכן אַן אויסשטייער פאַר דער כלה.

„אַזוי, אַזוי — האָט דער סאַנדזער רבי געקרעכצט — צוליב אַן אויסשטייער זאָל אָפּגיין אַ שידוך; צוליב אַן אויסשטייער זאָל בלייבן זיצן אַ נישט־חתונה־געהאַטע יידישע טאָכטער!״...

און ער האָט גלייך אַריינגערופן זיין גבאי און געהייסן אַרויסנעמען דאָס גאַנצע אויסשטייער, וואָס ס'איז געלעגן אָנגעגרייט אין די גרויסע קופערס און ער האָט דאָס גאַנצע אויסשטייער אַוועקגעגעבן צו דער פרעמדער אָרעמער יידענע.

ווען דעם סאַנדזער רבינס טאָכטער האָט זיך דערוואוסט, אַז מען האָט איר גאַנץ אויסשטייער אַוועקגעגעבן צו אַן אָרעמער יידענע און זי וועט שוין מוזן חתונה האָבן אָן אַן אויסשטייער, האָט זי זיך זייער מצער געווען און האָט זיך צעוויינט. האָט מען דאָס דערציילט דעם סאַנדזער רבין, אַז די טאָכטער זיינע איז טרויעריק, ווייל זי וועט דאַרפן חתונה האָבן אָן אַן אויסשטייער. האָט דער סאַנדזער רבי זי געהייסן אַריינרופן און האָט זי איינגענומען מיט גוטע רייד, און ער האָט איר דערציילט אַ משל מיט אַ בלינדן בעטלער:

אַמאָל איז געווען אַ בלינדער בעטלער — האָט דער סאַנדזער רבי איר דערציילט — וואָס האָט געהאַט אָנגעזאַמלט אַ שטיק פאַרמעגן. דער בעטלער האָט געהאַט עטלעכע קינדער. איינער פון זיי איז געווען אַ בלינ־דער, פונקט אַזוי ווי ער. איז ווען דער בלינדער בעטלער האָט דערפילט, אַז זיין צייט רוקט זיך אָן, אַז ער האַלט שוין ביים שטאַרבן, האָט ער צו־נויפגערופן אַלע זיינע קינדער און האָט צווישן זיי פאַרטיילט זיין גאַנץ פאַרמעגן, און דעם בלינדן זון האָט ער גאָר נישט איבערגעלאָזט.

„פאַרוואָס האָט איר געטאָן אַזאַ עוולה? — האָט אים זיינער אַ פריינט געפרעגט. — פאַרוואָס האָט איר אַלע קינדער איבערגעלאָזט געלט און אייער בלינדן זון האָט איר נישט איבערגעלאָזט קיין פרוטה? אדרבה, מיטן שכל וואָלט איר דאָך געדאַרפט איבערלאָזן אייער גאַנץ פאַרמעגן אייער בלינדן זון, ווייל ער האָט נעבעך אַ מום, ער איז בלינד. לסוף האָט איר געטאָן פונקט פאַרקערט?״

„איר זענט נישט קלוג — האָט אים דער בלינדער בעטלער געענט־פערט. — איר פאַרשטייט: מיין בלינדער זון איז דער זעלבער קאַליקע וואָס איך, און ער וועט קענען האָבן די זעלבע „מלאכה״ וואָס איך, ווייל, אַז ער וועט אַרויסגיין אין דער גאַס בעטן אַ נדבה, וועט אים יעדער איי־נער געבן, אָבער די אַנדערע זין זיינען נישט קיין קאַליקעס. דאַרף מען זיי איבערלאָזן געלט, ווייל קיינער וועט זיי נישט וועלן געבן...״

„דאָס זעלבע איז אויך מיט דיר. דו ביסט געגנוג אַ „קאַליקע״ — האָט דער סאַנדזער רבי פאַרענדיקט זיין משל און זיך געווענדט צו זיין טאָכ־

טער — ווייל דו ביסט מיין טאָכטער און צו ווען דו ווען זיך ווענדן, וועט מען דיר העלפן. אָבער די פרעמדע אָרעמע יידענע נעבעך — ווער וועט זיך אויף איר אומקוקן? און ווען איך וואָלט איר נישט געווען אַוועק־געגעבן דיין אויסשטייער, וואָלט דער חתן געווען אָפּגעלאָזט דעם שידוך מיט איר טאָכטער. נו, וואָלסטו געווען געוואָלט אַז עס זאָל בלייבן אַ יידי־שע טאָכטער אָן אַלט פאַרזעסן מיידל? דערפאַר דאַרפסטו זיין לוסטיק, וואָס אַ יידישע טאָכטער וועט חתונה האָבן"...

דער סאַנדזער רבי פלעגט אויך אויסנוצן כלערליי תחבולות כדי צו באַקומען געלט ביי די גבירים פאַר צדקה־זאַכן. אַזוי האָט ער פורים פאַר דער מגילה פאַרקויפט עולם־הבא, און ווער עס האָט געגעבן מער געלט פאַר די אָרעמעלייט, דעם האָט דער סאַנדזער רבי צוגעזאָגט אַ גרעסערן חלק עולם־הבא. און איינמאָל, דערציילן די אַלטע סאַנדזער חסידים, האָט דער רבי נישט געוואָלט אָריינגיין שבועות דאַווענען מוסף, ביז די גרויסע גבירים זיינע האָבן אים נישט צוגעזאָגט צו געבן צוויי טויזנט רייניש (גולדן).

די מעשה איז אַזוי געווען: דער סאַנדזער רבי האָט געהאַט אַ מנהג, אַז יעדן שבועות, פאַרן דאַווענען מוסף, האָט ער געזאָגט פאַר זיינע טויזנ־טער חסידים אַ גרויסן דרוש אין הלכה. און אַזוי ווי דער סאַנדזער רבי איז געווען באַקאַנט פאַר איינעם פון די גרעסטע גאונים אין זיין דור, זיינען תמיד אויף שבועות געקומען צו פאָרן די גרעסטע לערנערס, חסידים, תלמידי חכמים, וואָס האָבן געוואָלט הערן דעם רבין זאָגן דאָס פייערדיקע פשטל... און ערשט ביים טיש האָט דער רבי געזאָגט תורה על־פי־קבלה.

אָבער דאָס מאָל איז דער סאַנדזער רבי שבועות פאַר מוסף גע־בליבן שטיין אויפן באַלעמער; די טויזנטער חסידים האָבן זיך געשטופּט צו זיין נענטער צום רבין, צו הערן דעם גרויסן דרוש. אָבער אָנשטאָט אָנצוהייבן צו זאָגן דאָס פשטל, האָט דער סאַנדזער אַראָפּגעלאָזט דעם טלית אויפן אַקסל און ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן:

„רבותי! מיין מנהג איז, יעדן שבועות פאַר מוסף, צו זאָגן אַ דרוש פאַר די לומדים. היי־יאָר וועל איך זאָגן מיין דרוש פאַר אייך, גבירים!"

און דער סאַנדזער רבי האָט זיך צעפייערט אויף די גבירים, וואָס זאַמלען אָן גאָלד און קוקן זיך נישט אום אויף די אָרעמעלייט. ער האָט גערעדט מיט ברען און געטופּעט מיט זיין קראַנקן פוס אויף דעם באַלע־מער, אַז בלוט האָט באַלד אָנגעהויבן צו רינען פון זיין אייביקער נישט פאַרהיילטער וואונד.

„זייט וויסן, גבירים, שיינע יידן, וואָס איר קומט צו מיר אויף שבועות, ווייל איר ווילט גילטן פאַר חסידים, אַז איך דאַרף האָבן צוויי טויזנט רייניש (גולדן) פאַר הכנסת כלה און פאַר אַנדערע וויכטיקע ענינים. איר הערט — האָט דער סאַנדזער רבי זיך צעשריגן אויף אַ קול — איר

הערט, נגידים? פאַר הכנסת־כלה, חתונה צו מאַכן אַ יידישע טאָכטער און פאַר אַנדערע וויכטיקע ענינים. איך מוז דערפאַר, נגידים, האָבן באַלד מוצאי יום־טוב דאָס געלט, ווען נישט, וועל איך נישט צוגיין דאַוונען מוסף״...

אין בית־המדרש איז געוואָרן זייער שטיל. די חסידים האָבן געקוקט אויף דער מזרח־וואַנט, צו די נגידים, וואָס זיינען געקומען צום רבין אויף יום־טוב צו זען וואָס זיי וועלן טאָן. און די נגידים האָבן זיך איבערגעוואונקען איינער צום אַנדערן און געוואָרט איינער אויפן צווייטן... ביז דער רבי האָט געגעבן אַ געשריי צו זיינס אַ חסיד, אַ גרויסער גביר, ר׳ קלמיש פון סיגעט (אונגאַרן):

„קלמיש! וואָס וואַרט מען? גייט אַריין צוזאַמען אין פאַליש און צעטיילט דעם סכום צווישן אייך. זאָל יעדער איינער געבן וויפיל ער קאָן, און דער סכום זאָל זיין, ווייל אַז נישט, וועל איך נישט גיין דאַוונען מוסף!״...

זיינען די נגידים פאַר אין־ברירה אַריינגעגאַנגען אין פאַליש אַריין און נאָך אַ פּאָר מינוט זיך זאַמען דאָרט זיינען זיי צוריק אַריינגעקומען אין בית־המדרש אַריין און געזאָגט דעם סאַנדזער רבין, אַז זיי האָבן שוין דעם סכום צווישן זיך צעטיילט. ערשט דעמאָלט איז דער סאַנדזער רבי צוגעגאַנגען צום עמוד און אָנגעהויבן צו דאַוונען מוסף.

מאָזשיצער ניגון



בעש״ט-ניגון



וואָלט איך האָבן גילדענע פליגלען

פון רבין ר׳ מענדעלע וויטעבסקער



וואָלט איך האָבן גילדענע פליגלען,
וואָלט איך צו דיר פליען,
וואָלט איך האָבן גילדענע רעדער,
וואָלט איך צו דיר פאָרן,
וואָלט איך האָב פערד און זאָטל,

וואָלט איך צו דיר געריטן,
וואָלט איך האָבן טינט און פעדער,
וואָלט איך צו דיר געשריבן,
וואָלט איך האָבן אַ גילדענעם פינגערל,
וואָלט איך צו דיר געגעבן.

חב"ד'ער יום-טוב ניגון



ביאָ־ביאָגראַפֿישער זוך־צעטל

פערזאָנען

א

ר׳ אברהם פון אולינאָוו, מחבר פון ספר „תולדות אברהם״ אויף ש״ס, זון פון ר׳ יצחק חריף, רב אין סאַמבאָר. ז״ז 216—217.

ר׳ אברהם באָרנשטיין פון סאָכאַטשאָוו, זון פון ר׳ וועלוויש, רב אין אָלקוש, איידעם פון רבי׳ן ר׳ מענדעלע פון קאָצק. געבוירן אין יאָר תקצ״ט — 1839. נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ע — 1910. זיינע ספרים: „אגלי טל״ און „שו״ת אבני נזר״. ז״ז 307—308.

ר׳ אברהם טווערסקי פון טריסק, גערופען „טריסקער מגיד״, זון פון רבי׳ן ר׳ מרדכי־מאָטעלע, „דער מגיד פון טשערנאָביל״. נפטר געוואָרן אין יאָר תרנ״ט — 1899. זיין ספר „חסד לאברהם״. זייט 189.

ר׳ אברהם חיים האָראָוויץ פון פּלאָנטש, זון פון רבי׳ן ר׳ משה האָראָוויץ פון ראָזוואַדאָוו, געוואוינט פאַר דער 1טער וועלט־מלחמה אין ראַדאָמישלע, נאָך דער 1טער וועלט־מלחמה אין ריישע. נפטר געוואָרן תרפ״ג — 1923. זייט 190.

ר׳ אברהם יהושע העשל פון אַפּט, אויך גערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר „אוהב ישראל״. געבוירן אין יאָר תקט״ו — 1755, נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ה — 1825. אַ תלמיד פון רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזשענסק. זיינע ספרים: „אוהב ישראל״ און „תורת אמת״. ז״ז 92, 190, 219, 235—236.

ר׳ אברהם יצחק קוק, זייט 123.

אדעל, טאָכטער פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. ז״ז 312—313.

ר׳ אהרן פון זשיטאָמיר, אַ תלמיד פון רבי׳ן ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשאָוו. נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״ז — 1817. זיין ספר: „תולדות אהרן״. זייט 98.

ר׳ אהרן טווערסקי פון טשערנאָביל, זון פון רבי׳ן ר׳ מרדכי־מאָטעלע דער „מגיד פון טשערנאָביל״. געבוירן אין יאָר תקמ״ז — 1787, נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ב — 1872. זייט 304.

ר׳ אהרן פון קאַרלין, גערופן „דער גרויסער ר׳ אהרן״, תלמיד פון ר׳ דוב־בער, „דער גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. געבוירן אין יאָר תצ״ו — 1736, נפטר געוואָרן אין יאָר תקל״ב — 1772. זיין ספר: „בית אהרן״. ז״ז 237, 292, 305.

ר׳ אהרעלע (אהרן אלימלך) טווערסקי פון קראָס, זון פון רבי׳ן ר׳ מרדכי־דוב פון האָרנאָסטאָפּאָל, איידעם פון רבי׳ן ר׳ משה האָראָוויץ פון ראָזוואַדאָוו. נפטר געוואָרן אין יאָר תרפ״ד — 1924. זייט 190.

ר׳ אורי (אורילע) פון סטרעליסק, גערופן „דער שרף״, איידעם פון ר׳ יעקב קאָפּל, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ שלמה פון קאַרלין. נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ו — 1826. זיין ספר: „אמרי קודש השלם״. ז״ז 58, 83, 84, 146.

אידעלסאָן, א. צ., זייט 74

ר׳ אליהו, ווילנער גאון, געבוירן אין יאָר 1720, נפטר געוואָרן אין יאָר 1797. זייט 291.

ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, תלמיד פון ר׳ דוב־בער, „דער גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. געבוירן אין יאָר תע״ז — 1717, נפטר געוואָרן אין יאָר תקמ״ז — 1787. זיין ספר: „נועם אלימלך״. ז״ז 3, 81—82, 96—97, 302.

ר׳ אליעזר האָראָוויץ פון דזשיקאָוו, זון פון רבי׳ן ר׳ נפתלי צבי האָראָוויץ פון ראָפשיץ. נפטר געוואָרן אין יאָר תרכ״א — 1861. ז״ז 86—87, 124, 159, 233, 234, 239, 269.

ר׳ אליעזר פון גראָדזשיסק, געוואוינט אין טאַרנע, זון פון רבי׳ן ר׳ אברהם חיים האָראָוויץ פון פּלאָנטש. פאַר דער 2טער וועלט־מלחמה געוואוינט אין טארנע. אומגעקומען דורך די נאַציס, הי״ד. זייט 190.

ר׳ אליעזר ניסן טייטעלבוים פון דראָהאָביטש, זון פון רבי׳ן ר׳ משה טייטלבוים פון אוהעל. געבוירן אין יאָר תקמ״ו — 1786, נפטר געוואָרן אין יאָר תרט״ו — 1855. זיינע תורות געפינען זיך אין זיין זונס ספרים: „ייטב לב״ און „ייטב פנים״. ז״ז 273—276.

ר׳ אשר (ישעיה) רובין פון ראָפּשיץ, זון פון ר׳ אליעזר ליפּמאַן, איידעם פון רבי׳ן ר׳ נפתלי צבי האָראָוויץ פון ראָפשיץ. נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ה — 1845. ז״ז 6, 251—253.

ב

באַרדיטשעווער רבי, זע: ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו.

ר׳ בנימין השני, זייט 144.

ר׳ בער (יששכר) פון ראדישיץ און פרשעדבאָרזש, גערופן „הסבא קדישא״, זון פון ר׳ יצחק, תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין און אַנדערע רביים. נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ג — 1843. זיינע תורות געפינען זיך אין ספר: „נפלאות הסבא קדישא״. זייט 68.

ר׳ בער (בעריש) פון וואָלבאָזש, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ חיים מאיר יחיאל פון מאָגעלניצע. נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ז — 1877. ז״ז 58, 166.

ר׳ ברוך פון מעזשיבעזש, זון פון אָדעל, טאָכטער פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, און פון ר׳ יחיאל מיכל פון מעזריטש. געבוירן אין יאָר תקי״ז — 1756, נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״א — 1811. זיין ספר: „בוצינא דנהורא״. ז״ז 72, 220.

ג

ר׳ (אברהם) גרשון פון קיטעוו, שוואָגער פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. נפטר געוואָרן אין ארץ־ישראל, בערך אין יאָר תק״כ — 1760. ז״ז 43, 155, 156.

ר׳ גרשון חנוך העניך פון ראדזין, זון פון רבי׳ן ר׳ יעקב פון איזשביצע. געבוירן אין יאָר תקצ״ט — 1839, נפטר געוואָרן אין יאָר תרנ״א — 1891. זיינע ספרים: „פתיל התכלת״, „סוד ישרים״ און אַנדערע. זייט 300.

ד

דאַווידזאָן, דוד, זייט 74.

ר׳ דוד שפירא פון דינאָוו, זון פון רבי׳ן ר׳ הירש אלימלך פון דינאָוו. געבוירן בערך אין יאָר תקס״ה — 1805, נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ד — 1874. זיין ספר: „צמח דוד״. זייט 233.

ר׳ דודל טווערסקי פון טאַלנע, זון פון רבי׳ן ר׳ מרדכי־מאָטעלע טווערסקי פון טשערנאָביל. נפטר געוואָרן אין יאָר תרמ״ב — 1882. זיינע ספרים: „ברכת דוד״, „מגן דוד״ און „קהלת דוד״. ז״ז 118—119, 215—216, 241—242.

ר׳ דוד׳ל פון לעלעוו, זון פון ר׳ שלמה צבי. געבוירן אין יאָר תק״ו — 1746, נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״ד — 1814, תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין. זיינע תורות געפינען זיך אין ספר „מגדל דוד״, זיין ביאָגראַפיע און מעשיות וועגן אים אין ספר „קודש הלולים״. ז״ז 28, 33—34, 300.

ר׳ דוד פאָרקיס, תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, ווערט דערמאָנט אין „שבחי הבעש״ט״. זייט 312.

ר׳ דוד משה פרידמאַן פון טשאָרטקאָוו, זון פון רבי׳ן ר׳ ישראל פרידמאַן פון ריזשין. געבוירן אין יאָר תקפ״ז — 1827, נפטר געוואָרן אין יאָר תרס״ד — 1904. זיין ספר: „דברי דוד״. ז״ז 137—138.

דינאַבורג, בן־ציון, זייט 211.

ה

רב האי גאון, ז״ז 73, 143.

ר׳ הערש (צבי) אלימלך שפּירא פון בלאָזשעוו, זון פון רבי׳ן ר׳ דוד שפּירא פון דינאָוו, איידעם פון רבי׳ן ר׳ משה האָראָוויץ פון ראָזוואַדאָוו. געבוירן אין יאָר תר״א — 1841, נפטר געוואָרן אין ריישע אין יאָר תרפ״ד — 1924. זיינע ספרים: „צבי לצדיק״ אויף די חדשים פון יאָר, „שו״ת צבי לצדיק״ מיט הגהות פון זיין אייניקל, דער בלאָזשאָווער רבי ר׳ ישראל שפּירא, און „צבי לצדיק״ אויף תורה. ז״ז 146—147, 190, 233—235, 247.

ר׳ הערשעלע (צבי) אייכנשטיין פון זידיטשויב, זון פון ר׳ יצחק אייזיק סאַפּרינער. געבוירן אין יאָר תקכ״ג — 1763, נפטר געוואָרן אין יאָר תקצ״א — 1831, תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין. זיינע ספרים: „בית ישראל״, „פרי קודש הלולים״ און „סור מרע ועשה טוב״. ז״ז 40, 217—218.

ר׳ הערש (צבי) אלימלך פון דינאָוו, תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין און פון רבי׳ן ר׳ מענדעלע פון רימאַנאָוו. געבוירן אין יאָר תקמ״ה — 1785, נפטר געוואָרן אין יאָר תר״א — 1841. זיינע ספרים: „בני יששכר״, „אגרא דכלה״, „אגרא דפרקא״ און אַ צאָל אַנדערע ספרים. ז״ז 93—94, 117, 156, 159—160, 185, 187, 215.

ר׳ הערש (צבי) פון קאַמינקע, תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. נפטר געוואָרן אין יאָר תקמ״ב — 1782. ז״ז 316—319.

ר׳ הירש (צבי) קיידענאָווער, מחבר פון „קב הישר״. זייט 187.

ר׳ (חנוך) העניך הכהן פון אַלעקסאַנדער, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ שמחה בונם פון פשיסכע. געבוירן אין יאָר תקנ״ח — 1798, נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ל — 1870. זיין ספר: „השבה לטובה״. ז״ז 240—241.

ר׳ הערשעלע (צבי) האָראָוויץ פון ראָזוואַדאָוו, זון פון רבי׳ן ר׳ משה האָראָוויץ פון ראָזוואַדאָוו. נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ף — 1920. זייט 190.

ר׳ הערשעלע (צבי) פון רימאַנאָוו, גערופן „ר׳ הערש משרת״, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ מענדעלע פון רימאַנאָוו. נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ג — 1843. ז״ז 58, 116—117, 123, 232.

ו

ר׳ וועלוועלע (צבי זאב) פון זבאַראַזש, זון פון רבי׳ן ר׳ יחיאל מיכל פון זלאָטשאָוו. זייט 304.

ר׳ וואָלף קוצעס פון טולטשין, תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. נפטר געוואָרן אין יאָר תקמ״ח — 1788. זייט 29.

ז

ר׳ זאב (וואָלף) פון זשיטאָמיר, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ס — 1800. זיין ספר: „אור המאיר״. ז״ז 31, 303—304.

ר׳ זישע פון אַניפּאָליע, זון פון ר׳ אליעזר ליפּא, ברודער פון רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ס — 1800. זיין ספר: „מנורת זהב״. ז״ז 41, 90.

ח

דער חוזה פון לובלין, זע: ר׳ יעקב יצחק האָראָוויץ.

ר׳ חיים אַלפּאַנדרי פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, זייט 114.

ר׳ חיים האַלבערשטאַם פון סאַנז, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ נפתלי צבי האָראָוויץ פון ראָפּשיץ. נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ו — 1876. זיינע ספרים: „דברי חיים״ אויף תורה, און „שו״ת דברי חיים״. ז״ז 9—10, 67—68, 96, 116, 117, 118, 146, 149—150, 185—186, 216—217, 232—233, 298, 320—324.

ר׳ חיים יוסף דוד אזולאי (חיד״א), זייט 187.

ר׳ חיים מאיר יחיאל שפּירא פון מאָגעלניצע, גערופן „דער שרף״, זון פון רבי׳ן ר׳ אבי עזרא זעליק פון גרעניץ, און פון דער „פרומער פערעלע״, טאָכטער פון קאָזשעניצער מגיד. איידעם פון רבי׳ן ר׳ אליעזר פון ליזשענסק, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ אברהם יהושע העשל פון אַפּט. נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ט — 1849. ז״ז 278—282.

י

ר׳ יהודה מינץ, רב אין פּאַדואַ, זייט 213.

ר׳ יהודה לייב (לייבוש) אַלטער פון גער, זון פון רבי׳ן ר׳ אברהם מרדכי פון גער. געבוירן אין יאָר תר״ז — 1847, נפטר געוואָרן אין יאָר תרס״ה — 1905. זיין ספר: „שפת אמת״. ז״ז 56, 236, 309—310.

ר׳ יהודה צבי אייכנשטיין פון ראָזלע, זון פון רבי׳ן ר׳ משה פון סאַמבאָר. נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ח — 1848. זיינע ספרים: „עמוד התורה״ און „דעת קדושים״. ז״ז 38—39.

ר׳ יהושע האָראָוויץ פון דזשיקאָוו, זון פון רבי׳ן ר׳ מאירל האָראָוויץ פון דזשיקאָוו. נפטר געוואָרן אין יאָר תרע״א — 1911. זיין ספר: „עטרת יהושע״. זייט 47.

ר׳ יואל בן שמואל סג״ל יפה סירקיס, מחבר פון „בית חדש״ (ב״ח), זייט 213.

ר׳ יחיאל מאיר ליפּשיץ פון גאָסטינין, גערופן דער „תהלים ייד״, זון פון ר׳

יעקב צבי, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ מענדעלע פון קאָצק. געבוירן אין יאָר תקע״ו — 1806. נפטר געוואָרן אין יאָר תרמ״ח — 1888. זיינע תורות און מאמרים געפינען זיך אין „שיח שרפי קודש״. ז״ז 70—71.

ר׳ יאָסעלע (יוסף) אונגער פון דאָמבראָווע, זון פון רבי׳ן ר׳ מרדכי דוד אונגער פון דאָמבראָווע, איידעם פון רבי׳ן ר׳ משה קאָזשעניץ. נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ז — 1877. ז״ז 126—127, 151.

ר׳ יעקב פון קאָזלאָוו, זייט 127.

ר׳ יעקב יוסף פון אָסטראָהא, זון פון ר׳ יהודה לייב, תלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. געבוירן אין יאָר תצ״ח — 1738, נפטר געוואָרן אין יאָר תקנ״א — 1791. זיין ספר: „רב ייבי״. ז״ז 8, 56—57.

ר׳ יעקב יוסף פון פּאָלנאָהע, תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. נפטר געוואָרן אין יאָר תקמ״ב — 1782. זיינע ספרים: „תולדות יעקב יוסף״, „בן פורת יוסף״, „צפנת פענח״ און „כתנת פסים״. ז״ז 303—304.

ר׳ יעקב יצחק האָראָוויץ פון לובלין, גערופן דער „חוזה״, זון פון ר׳ אברהם אליעזר הלוי האָראָוויץ, רב אין שעבערשין, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזשענסק. געבוירן אין יאָר תק״ה — 1745, נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״ה — 1815. זיינע ספרים: „זאת זכרון״, „זכרון זאת״ און „דברי אמת״. ז״ז 33—34, 40, 57, 68, 71, 149, 167, 236, 242, 251—253, 254—259.

ר׳ יעקב יצחק פון פשיסכע, גערופן דער „ייד הקדוש״, תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין. נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״ד — 1814. ז״ז 35—37, 193—194.

יפתח יוסף יוזפא מנצפך, זייט 213.

ר׳ יצחק (איציקל) האַמבורגער, זייט 123.

ר׳ יצחקל האָראָוויץ פון סטוטשין, זון פון רבי׳ן ר׳ משה האָראָוויץ פון ראָזוואַדאָוו. נאָך דער 1טער וועלט־מלחמה געוואוינט אין טארנע. נפטר געוואָרן אין יאָר ת״ש — 1940. זייט 190.

ר׳ יצחק אייזיק טויב פון קאלעוו, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ שמואל שמעלקע פון ניקלשבורג. נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ט — 1829. ז״ז 243—244.

ר׳ יצחק (אייזיקל) פון קאָמאַרנע, זון פון ר׳ אלכסנדר סענדער סאַפרין. געבוירן אין יאָר תקס״ו — 1806, נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ד — 1874, תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין. מחבר פון 15 ספרים, צווישן זיי „זוהר חי״. זייט 67.

ר׳ יצחק הלוי האָראָוויץ, גערופן „של״ה״ אויפן נאָמען פון די ראשי תיבות פון זיין ספר „שני לוחות הברית״. זייט 152.

ר׳ יצחק וואָרקער, תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין און פון רבי׳ן ר׳ שמחה בונם פון פשיסכע. געבוירן אין יאָר תקל״ט — 1779, נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ח — 1848. ז״ז 69—70, 136, 157, 518.

ר׳ יצחק (איטשע) מאיר פון גער, גערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר „חדושי הרי״ם״, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ מענדעלע פון קאָצק. געבוירן אין יאָר תקנ״ט — 1799, נפטר געוואָרן אין יאָר תרכ״ו — 1866. זיינע ספרים: „חדושי הרי״ם״ און „ספר הזכות״. ז״ז 60, 75—77, 194, 241, 294, 296, 300, 302.

ר׳ ישראל איסרלן, זייט 64.

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב (בעש״ט) פון מעזשיבעזש, באַגרינדער פון חסידות, זון

פון ר׳ אליעזר. נפטר געוואָרן אין יאָר תק״כ — 1760. ז״ז 4, 5, 29, 41, 43—44, 56, 90—91, 100, 144—145, 306, 307—308, 310, 312.

ר׳ ישראל ברונא, זייט 187.

ר׳ ישראל האָפּשטיין פון קאָזשעניץ, גערופן „דער קאָזשעניצער מגיד״, זון פון ר׳ שבתי איינבינדער. געבוירן בערך אין יאָר תצ״ז — 1737, נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״ה — 1815. תלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. זיינע ספרים: „עבודת ישראל״, „נר ישראל״, „אור ישראל״, „תהלות ישראל״, „גבורות ישראל״, און אַנדערע ספרים. ז״ז 83, 101, 106, 136, 167, 187, 260—263, 294, 299, 308—309.

ר׳ ישראל פרידמאַן פון ריזשין, זון פון רבין ר׳ שלום שכנא פון פּראָבישץ, וועלכער איז געווען אַ זון פון ר׳ אברהם מלאך. אין יאָר 1841 איז דער ריזשינער רבי אַנטלאָפן פון רוסלאַנד און ער האָט זיך באַזעצט אין סאַדעגורע. נפטר געוואָרן אין יאָר תרי״א — 1851. זיינע תורות זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין די ספרים: „עירין קדישין״, „בית ישראל״, „תפארת ישראל״, „כנסת ישראל״, „פאר לישרים״, „שארית ישראל״ און אַנדערע. ז״ז 45, 47, 58—59, 72—73, 91—92, 95—96, 150, 153.

ר׳ ישעיה הכהן פון דינאָוויץ, תלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. נפטר געוואָרן אין יאָר תקנ״ד — 1794 אין סמאָלנע. ז״ז 18—20.

ר׳ ישעיהו פון פּשעדבאָרזש, ז״ז 92—93, 301, 302—303.

כ

צבי כשדאי, זייט 212.

ל

ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשאָוו, זון פון ר׳ מאיר פון הוסאַקאָוו, תלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ע — 1810. זיין ספר: „קדושת לוי״: ז״ז 5, 6, 7, 11—15, 16—20, 27—28, 29—31, 32—33, 35, 37, 38—39, 41, 42, 48—52, 66, 68, 73, 75, 77—79, 80—81, 83, 84—85, 88—89, 92, 98—99, 117, 119, 121, 124—126, 134, 135, 148—149, 160—162, 163—166, 187, 192—193, 219—220, 297—298, 299, 305.

ר׳ (אריה) לייב פון שפּאָלע, גערופן דער „שפּאָלער זיידע״, זון פון ר׳ ברוך. געבוירן אין יאָר תפּ״ה — 1725, נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״ב — 1812. זיין ספר: „תפארת מהרא״ל״. ז״ז 41—42.

ר׳ (יהודה) לייב מוכיח פון פּאָלנאָהע, תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. נפטר געוואָרן אין יאָר תק״ל — 1770. זיין ספר: „קול אריה״. זייט 41.

מ

ר׳ מאיר הלוי פון אַפּט, תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין. נפטר געוואָרן אין יאָר תקצ״א — —1831. זיין ספר: „אור לשמים״. ז״ז 59—60.

ר׳ מאיר פון פּרעמישלאַן, זון פון ר׳ אהרן לייב פון פּרעמישלאַן, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ מרדכי פון קרעמעניץ. נפטר געוואָרן אין יאָר תרי״ב — 1852. זיינע ספרים: „אור

המאיר" און „מרגניתא דרבי מאיר". ז"ז 44, 87—88, 151—152, 191—192, 248, 310—311.

ר' מאיר יחיאל הלוי האלטשיק פון אָסטראָווצע, זון פון ר' אברהם יצחק הלוי האלטשיק. נפטר געוואָרן אין יאָר תרפ"ח — 1928 אין עלטער פון 77 יאָר. מחבר פון אַ צאָל ספרים. זיינע תורות געפינען זיך אין ספר „אור תורה". זייט 122.

י. ל. הכהן פישמאַן־מימון, זייט 213.

ר' מענדעלע (מנחם) פון רימאַנאָוו, תלמיד פון רבי'ן ר' אלימלך פון ליזשענסק. געבוירן אין יאָר תק"ה — 1745, נפטר געוואָרן אין יאָר תקע"ה — 1815. זיינע ספרים: „תורת מנחם", „מנחם ציון" און „אילנא דחיי". ז"ז 21—24, 27, 38, 158—159, 238, 247, 249, 265, 267—268, 271, 296.

ר' מענדעלע (מנחם) פון קאָצק, תלמיד פון „חוזה" פון לובלין, פון „ייד הקדוש" פון פשיסכע און פון רבי'ן ר' שמחה בונם פון פשיסכע. געבוירן אין יאָר תקמ"ח — 1788, נפטר געוואָרן אין יאָר תרי"ט — 1819. ז"ז 75, 115, 120, 151, 244, 293, 298, 304, 305, 306—307, 309.

ר' מנחם מענדל קאַליש פון וואָרקע, זון פון רבי'ן ר' יצחק קאַליש. געבוירן אין יאָר תקע"ט — 1819, נפטר געוואָרן אין וואַרשע אין יאָר תרכ"ח — 1868. ז"ז 66—67.

ר' מרדכי פון לעכאוויטש, תלמיד פון רבי'ן ר' שלמה פון קאַרלין. נפטר געוואָרן אין יאָר תק"ע — 1810. ז"ז 119—120, 135.

ר' מרדכי פון נעשכיז, תלמיד פון רבי'ן ר' יחיאל מיכל (מעכעלע), מגיד פון זלאָטשעוו. נפטר געוואָרן אין יאָר תק"ס — 1800. זיין ספר: „רשפי אש". זייט 41.

ר' מרדכי פון נאַדוואָרנע, אייניקל פון רבי'ן ר' מאירל פון פרעמישלאַן. נפטר געוואָרן אין יאָר תרנ"ו — 1896. ז"ז 4, 97.

מרדכי ראַקאָווער, לץ ביים „חוזה" פון לובלין, זייט 242.

ר' משה איסרלש, רמ"א, ז"ז 214—215.

ר' משה טייטלבוים פון אוהעל, תלמיד פון „חוזה" פון לובלין. געבוירן אין יאָר תקי"ט — 1759, נפטר געוואָרן אין יאָר תר"א — 1841. זיינע ספרים: „שו"ת השיב משה", „ישמח משה" און „תפילה למשה". ז"ז 67—68, 85—86, 97, 272—277.

ר' משה סופר פון פשעוואָרסק, תלמיד פון רבי'ן ר' אלימלך פון ליזשענסק. נפטר געוואָרן אין יאָר תקס"ה — 1805. זיין ספר: „אור פני משה". ז"ז 146—147, 235.

ר' משה פון קאָברין, זון פון ר' אליעזר פון קאָברין. געבוירן בערך אין יאָר תקמ"ד — 1784, נפטר געוואָרן אין יאָר תרי"ח — 1838. תלמיד פון רבי'ן ר' מרדכי פון לעכאָוויטש, זיינע תורות און מעשיות וועגן אים זיינען צונויפגעזאַמלט אין ספר „אמרות טהורות". ז"ז 31, 69, 93, 120—121, 147, 154, 297.

ר' משה האָראָוויץ פון ראַזוואַדאָוו, זון פון רבי'ן ר' אליעזר פון דזשיקאָוו. נפטר געוואָרן אין יאָר תרנ"ח — 1998. זיינע תורות זיינען געבליבן בכתב־יד. ז"ז 90, 115, 149, 189, 198—200, 221—226, 233—234, 246—248.

ר' משה לייב פון סאַסעוו, זון פון ר' יעקב, תלמיד פון רבי'ן ר' שמעלקא פון ניקלשבורג און פון רבי'ן ר' אלימלך פון ליזשענסק. נפטר געוואָרן אין יאָר תקס"ז — 1807. זיין ספר: „לקוטי רמ"ל". ז"ז 34—35, 89, 128—133, 137, 172—178, 201—205.

נ

ר׳ (מנחם) נחום טווערסקי פון טשערנאָביל, גערופן „טשערנאָבילער מגיד״, זון פון ר׳ צבי. געבוירן אין יאָר ת״צ — 1730, נפטר געוואָרן אין יאָר תקנ״ח — 1798, תלמיד פון בעש״ט און פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. זיינע ספרים: „מאור עינים״ און „ישמח לב״. זייט 41.

ר׳ נחמן פון בראַסלאַוו, זון פון ר׳ שמחה, און אייניקל פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. געבוירן אין יאָר תקל״ב — 1772, נפטר געוואָרן אין אומאַן אין יאָר תקע״א — 1811. זיינע ספרים: „לקוטי מהר״ן״, „לקוטי עצות״, „לקוטי הלכות״, „לקוטי תפילות״ און אַנדערע. ז״ז 7, 40, 42, 238—239.

ר׳ נח פון לעכאָוויטש, זון פון רבי׳ן ר׳ מרדכי פון לעכאָוויטש. נפטר געוואָרן אין יאָר תקצ״ג — 1833. ז״ז 33, 90, 220.

ר׳ נפתלי הערץ בזשעזשאַנער, תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין. זייט 168.

ר׳ נפתלי צבי האָראָוויץ פון ראָפּשיץ, זון פון ר׳ מענדעלע רובין, רב אין לינסק. געבוירן אין יאָר תק״כ — 1760, נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ז — 1827. תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין, פון קאָזשעניצער מגיד און פון רבי׳ן ר׳ מענדעלע פון רימאַנאָוו. זיינע ספרים: „זרע קודש״ און „אילה שלוחה״. ז״ז 40, 57—58, 60, 71, 77, 86—87, 122, 123, 124, 148, 152, 156—157, 194—196, 218, 233, 236, 242, 251—253, 266—271, 295, 307.

ע

ש. י. עגנון, זייט 146.

רב עמרם גאון, זייט 142.

פ

י. פּאָזנאַנסקי, זייט 74.

ר׳ פנחס שפּירא פון קאָריץ, תלמיד פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. געבוירן אין יאָר תפ״ו — 1726, נפטר געוואָרן אין יאָר תקנ״א — 1791. זיינע ספרים: „מדרש פנחס״ און „מדרש פנחס החדש״. ז״ז 65, 188, 301, 313—314.

ר׳ (אפרים) פישל פון סטריקאָוו, תלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש און פון רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזשענסק. נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ה — 1825. זייט 121.

ק

דער קאָזשעניצער מגיד, זע: ר׳ ישראל פון קאָזשעניץ.

דער קאָצקער רבי, זע: ר׳ מענדעלע פון קאָצק.

ר׳ קלמיש (קלמן) קלונימוס הלוי עפּשטיין פון נײשטאָט און קראָקע, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזשענסק און פון „חוזה״ פון לובלין. נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ז — 1827. מחבר פון „מאור ושמש״. זייט 168.

שמואל קרייז, זייט 74.

ר

דוד רייפּמאַן, זייט 156.

ש

ר׳ שלום רוקח פון בעלז, זון פון ר׳ אליעזר רוקח פון בראָד. געבוירן אין יאָר תקל״ט — 1779, נפטר געוואָרן אין יאָר תרט״ו — 1855. זיין ספר: „דובר שלום״. ז״ז 74—75, 196—198, 238—239, 295.

ר׳ שלום דוד אונגער זצ״ל פון זשאַבנע, זון פון רבי׳ן ר׳ יעקב יצחק אונגער פון זשאַבנע, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ מאירל האָראָוויץ פון דזשיקאָוו, אַן איידעם פון רבי׳ן ר׳ משה האָראָוויץ פון ראָזוואַדאָוו. געבוירן אין יאָר תרט״ו — 1855, נפטר געוואָרן ב׳ דראש חודש אלול, תרפ״ג — 1924. זיין ספר: „שו״ת יד שלום״, אויך הגהות אויף זיין זיידנס ספר „שו״ת אמרי נועם״ פון רבי׳ן ר׳ מאירל האָראָוויץ פון דזשיקאָוו. ז״ז 190, 250.

ר׳ שלמה אפרים איש לונטשיץ, מחבר פון „כלי יקר״, זייט 215.

ר׳ שלמה פון קאַרלין, זון פון ר׳ נחום, תלמיד פון ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש און פון רבי׳ן ר׳ אהרן, גערופן דער „גרויסער אהרן״ פון קאַרלין. גע׳הרג׳עט געוואָרן דורך אַ רוסישן קאָזאַק אין לודמיר בשעת ער האָט געהאַלטן אינמיטן דאַוונען, אין יאָר תקנ״ב — 1792. זיינע תורות געפינען זיך אין ספר „שמע שלמה״. ז״ז 218—219.

ר׳ שלמה קלוגער פון בראָד, זייט 118.

ר׳ שלמה הכהן ראַבינאָוויטש פון ראַדאָמסק, זון פון ר׳ דוד צבי הכהן, תלמיד פון ר׳ בער פון ראַדאָשיץ. נפטר געוואָרן אין יאָר תרכ״ח — 1868. זיין ספר: „תפארת שלמה״. ז״ז 69, 298.

ר׳ שלמה לייב פון לענטשנע, תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין און פון „ייד הקדוש״ פון פשיסכע. נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ג — 1843. ז״ז 34, 241.

ר׳ (שמואל) שמעלקא האָראָוויץ פון ניקלשבורג, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. געבוירן אין יאָר תפ״ו — 1726, נפטר געוואָרן אין יאָר תקל״ח — 1778. זיין ספר: „דברי שמואל״. ז״ז 59, 79—80, 147—148.

ר׳ שמואל פון מאַקאַראָוו, תלמיד פון „חוזה״ פון לובלין, זייט 170.

ר׳ שמחה בונם קאַליש פון וואָרקע, נפטר געוואָרן אין ארץ־ישראל. ז״ז 244—245, 301—302.

ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, גערופן דער „רב״, אויך אויפן נאָמען פון זיין ספר „תניא״, באַגרינדער פון דער חב״דער שיטה אין חסידות, תלמיד פון רבי׳ן ר׳ דוב־בער, דער „גרויסער מגיד״ פון מעזריטש. געבוירן אין ליאָזשנע אין יאָר תק״ח — 1748, נפטר געוואָרן אין יאָר תקע״ח — 1818. זיינע ספרים: „תורה אור״, „לקוטי תורה״ און אַנדערע. ז״ז 57, 297.

ספרים

א

אביר הרועים, ...קורות ימי חייו... אדמו"ר מסאָכאַטשאָוו... מאת צבי יהודה מאמלאַק מקאַליש. פיעטריקאָוו, תרצ"ה — 1935.

אבן ספיר, הר' יעקב ספיר, ספור מסעותיו בארצות המזרח, ב' חלקים, ליק—מגנצא, תרכ"ו — תרל"ד. ז"ז 64, 211.

אהל נפתלי, כולל לקוטי תורה, שיחות, ספורים והנהגות מאת... רבי נפתלי צבי הורוויץ, אבד"ק ראָפשיץ... מאת אברהם חיים שמחה בונם מיכלזאהן, לבוב, תרע"א — 1911. זייט 153.

אהלי יצחק, כולל ספורים, הנהגות וחדושי תורה מאת... רבי יצחק מווארקי, יו"ל ע"י משה מנחם וואלדען, פיעטריקאָוו, תרע"ד — 1914. זייט 157.

אוהב ישראל, על התורה מאת... רבי אברהם יהושע העשיל, אבד"ק אפטא, הובא לבית הדפוס ע"י נכדו ר' משולם זוסיא מזינקוב, זיטאָמיר, תרכ"ג. זייט 116.

אור הגנוז, סיפורי חסידים, מאת מ. בובר, הוצאת שוקן, ירושלים—תל־אביב, תש"ז. זייט 122.

אור הגנוז (לצדיקים) . . . הר' אהרן הכהן מזעליחוב, הנהגות ומדות מלוקטות מספרי החסידים כסדר התורה, וואַרשע, תרמ"ז — 1887. זייט 29.

אור המאיר, רמזי תורה וחמש מגילות וכן דרושים למועדים, מאת רבי זאב וואָלף מזשיטאָמיר. קאָריץ, תקנ"ח. זייט 31.

אור זרוע, הר' יצחק ב"ר משה מוינה, באורים בסוגיות התלמוד... ושו"ת, זשיטאָמיר, תרכ"ב. זייט 142.

אור ישראל, הרב ישראל ב"ר שבתי מקוזניץ, באורים על תקוני הזהר, טשערנאָוויץ, תרכ"ב — 1862. זייט 193.

אור ישרים, ד"ת ולקוטים בשם חסידים שונים, הר' משה חיים קליינמאַן, וואַרשע, תרפ"ד — 1924. ז"ז 29, 56.

ארחות חיים, והוא צוואת התנא רבי אליעזר הגדול... ונלוה אליו עשר מלין דחסידותא מאת... רבי גרשון העניך בהרב רבי יעקב מאיזביצא, הוצאת הרב ירוחם ליינר, ניו־יורק, תש"ו — 1946. זייט 100.

ב

באר החסידות, ...רבי פנחס מקוריץ, הסבא משפולה, רבי ברוך ממזיבוז, ר' נחמן מברסלב, ר' ישראל מרוזין, ר' מנחם מנדיל מקוצק, ר' זאף וואלף מסטריקוב. מאת אליעזר שטיינמאַן, הוצאת כנסת, תל־אביב, ז"ז 42, 65, 150, 151, 297.

בית הכנסת, תל־אביב, תש"ז — 1947. זייט 154.

בית ישראל, קובץ אמרות וחדושים מאת... רבי ישראל מרוזין ובניו הקדושים ...נלקט ע"י ראובן ז"ק מאוסטילה. פיעטריקאָוו, תרע"ג — 1913. זייט 72.

בן פורת יוסף, ...מר׳ יעקב יוסף הכהן... אשר קיבל מרבו... מו״ה ישראל בעש״ט... קאָרעץ, תקמ״א — 1781 (עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט). זייט 6.

בת מלך, נדפס עם „זרע קודש״, מאת ר׳ משה גראף... מונקאַטש, תרנ״ז — 1897. זייט 90.

בני יששכר, לכל חדשי השנה ולמועדים טובים... מאת ר׳ צבי אלימלך שפירא אב״ד מכמה קהלות ומ״כ בק״ק דינוב, זולקווא, תר״ן — 1890. ז״ז 13, 117, 185, 187, 248.

ג

גאולת ישראל, באורי מדרשים תמוהים, מתלמידי הבעש״ט, ופירוש חיות הקודש ...מאת ר׳ יהושע אברהם מזיטומיר, אוסטראה, תקפ״א — 1821. זייט 100.

ד

דברי דוד, לקוטי דברי תורה... מאת ר׳ דוד משה מטשאָרטקאָוו ... אסף וכתב ר׳ ישראל ראַפּאַפּאָרט מטשאָרטקוב. הוסיאַטין, תרס״ב — 1902. ז״ז 84, 98, 138.

די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, פון ד״ר ישראל צינבערג, פאַרלאַג „טאָמאַר״, ווילנע, 1935. זייט 213.

דברי חכמים, מאת הרי״ל יקותיאל מבוצץ, לקוטים... זולקווא, תקי״ז — 1757. זייט 154.

דברי משה, על התורה עד סוף פרשת בהעלותך ...מאת ר׳ משה מדאלינא, חד מבני היכלא קדישא של הבעש״ט, מעזשיבעזש, תקס״א — 1801. זייט 306.

דברי תורה, לקוטים מספרי מוסר וחסידות [מאת ר׳ משה נוסבוים], ורשה, תר״ט — 1849. ז״ז 79—80.

דברים בעתם, מאת אברהם כהנא (אבר״ך), דרשות והרצאות לחגים ומועדים... בילגוריי, תרצ״ח — 1938. זייט 191.

דברים ערבים, ספורים נפלאים על... גאונים וקדושי עליונים... הבעש״ט, האחים רבי אלימלך ורבי זושה, רבי לוי יצחק מברדיטשוב, המגיד מקוזניץ, הרמ״ל מסאסוב, הרי״א מקאלוב, החוזה מלובלין, רמ״מ מרימנוב, ...מונקאַטש (פעלט יאָר פון דרוק). זייט 67.

דבש השדה, מהד׳ בער מאיר, ספורים ודברי תורה בשמות חסידים שונים, בילגוריי, תרס״ט — 1909. זייט 136.

דרך חסידים, ס״ו ענינים מחכמת הבעש״ט ותלמידיו, לבוב, תרל״ו — 1826. זייט 41.

דרכי חיים, אמרות טהורות ושיחות נפלאות מאת ר״ח מצאנז, לבוב, תרצ״א — 1931. זייט 10.

ה

האסיף, זייט 187.

היברו יוניאָן קאָלעדזש ענועל, 1931—1932, זייט 74.

הנגון והרקוד בחסידות, מאת מ. ש. גשורי, הוצאת „נצח״, תל־אביב, תשט״ו — 1955. ז״ז 20, 72.

השבה לטובה, חדושי תורה מאת... רבי חנוך העניך הכהן מאלכסנדר. פיעטריקאָוו, תרפ״ט — 1929. זייט 300.

ו

ויקהל משה, עם מדור מדי דברי בו, על כל פרשיות השבוע, חדושים וחידודים מגאונים צדיקים וגדולי ישראל... נאסף ונסדר על ידי משה הכהן גורדון, ברוקלין—ניו־יורק, תשט״ז — 1856. ז״ז 122, 229.

ז

זוהר, ז״ט 143.

זכרון טוב, ספורי מעשיות ומכתבי קודש ות״ת של... יצחק מנעסכיזש, כתב והו״ל ע״י יצחק בן ר׳ לייב לנדא, פיעטריקאָוו, תרנ״ב — 1892. ז״ט 73.

זכרנו לחיים, מאת הר׳ דוד ארמן, ספורים, מופתים ושיחות... מר׳ חיים האלבערשטאַם ובנו הר׳ יחזקאל שרגא, והר׳ חיים אליעזר שפירא, מונקאַטש, תרצ״ח — 1938. ז״ז 7, 73.

ח

חגים ומועדים, מאת הרב יהודה ליב הכהן פישמן [מימון], הוצאת „מוסד הרב קוק״, ירושלים, תש״ד — 1944. ז״ז 213, 217, 238.

חסידים מספרים, מאת אהודה לייב לוין, הוצאת „עין החכמה״, ירושלים [יאָר פון דרוק נישט אָנגעגעבן]. ז״ז 28, 68.

ט

טעמי המנהגים, ...מאת אי״ש שו״ב, ברוקלין, 1944. ז״ז 44, 63, 92.

י

יאָרבוך צו יידיש־ליטעראַרישער געזעלשאַפט, פראַנקפורט אַם מיין, דייטשלאַנד, 1928. ז״ז 74.

ילקוט יוסף ...מאת ר׳ יוסף חיים בר׳ אליהו ילוז, פסקי דינים בשם מהרי״ט אלגאזי וספורים עם תולדות ר׳ חיים ן׳ עטר ותלמידיו והערות הנוגעות לתולדות הישוב הישראלי בטבריה. ירושלים, תרצ״ג — 1933. ז״ט 154.

ימים נוראים, מאת א. אסף, כולל חודש אלול, ראש השנה, עשרת ימי תשובה, יום כפור. תל־אביב, הוצאת ספרים, תשט״ו — 1955. ז״ט 64.

ישראל בגולה, מאת בן ציון דינאבורג, ז״ט 279.

כ

כל בו, כולל הדינים מכל השנה... לבוב, תר״ך — 1860. ז״ז 73, 186, 293.

ל

לקוטי מהרי״ח, מאת ר׳ ישראל חיים פרידמאַן, באורים על התפילות עם דינים ומנהגים לכל עתות השנה, סיגט—סטמר, תרצ״ב — 1932. ז״ט 4.

לקוטי עצות, למוהר״ן [ר׳ נחמן מברסלב] עפ״י סדר א״ב, לעמבערג, 1869. ז״ט 40.

לקוטי עצות החדש ... [מאת] ר׳ נחמן [מברסלב], לעמבערג, 1874. ז״ז 42, 238.

לקוטים חדשים, עניני חסידות, וואַרשע תרנ״ט — 1899. זייט 68.

לקוטים יקרים, מהר׳ פנחס שפירא [מקאריץ], בעניני החסידים, ע״י הר׳ מרדכי מנישחיז, טשערנאָוויץ, תרכ״ד — 1864. ז״ז 31, 58.

לקט יושר, מנהגים, שו״ת ופסקים, מהר׳ ישראל איסרלין, מחבר ספר תרומת הדשן, מלוקטים ע״י יוסף ממינשטר, עם מבוא והגהות הר׳ יעקב פריימן, ב׳ חלקים, בערלין, תרס״ג — 1903. זייט 64.

מ

מאור עינים, על התורה ולקוטים על ש״ס, מאת רבי מנחם נחום מטשרנוביל, סלאוויטא, תקנ״ח — 1798. זייט 41.

מאוצר המחשבה של החסידות, מאת שבתי ווייס, תל־אביב, תש״ט — 1949. זייט 70.

מאורות הגדולים ... ספורים מחסידים ואנשי מעשה, בילגוריי, תרע״א — 1911. זייט 299.

מגדולי החסידות, האדמו״ר מרוזין, מאת הרב א. י. ברומברג, תל־אביב, תשי״ג — 1953. ז״ז 67, 96.

מדור דור, מאת מרדכי ליפסאָן־יבורסקי, מעשיות ושיחות, אמרות ובדיחות, המצאות וחידות, הנהגות ומדות... תל־אביב, תרפ״ט — 1929. זייט 135.

מטה משה, מאת ר׳ משה בר׳ אברהם מת, סדר ברכות ותפילות בשבתות ומועדים, ומנהגים לכל השנה... קראקא, שנ״א. זייט 100.

ממלכת ארדט, ספור מסע בקוקז ובסביבתה אצל הים הכספי... מה״ר צבי כשדאי, אודיסה, תרע״ה — 1915. זייט 212.

מנהגי בית יעקב, מאת ר׳ יצחק ונדרובסקי, טעמי המנהגים ומקורותיהם, ניו־יארק, תרע״א — 1911. זייט 63.

ספר המנהגים, מאת ר׳ [יצחק] אייזיק טירנויא, סדר המנהגים והדינים לכל השנה, ויניציא, שכ״ו — 1546 (אויך אַנדערע דרוקן), זייט 237.

מנהגים־בוך פון וואָרמס, פּאַרפאַסט פון יפתח יוסף יוזפא בן נפתלי צבי פון דער פּאַמיליע מנצפך. זייט 213, 214.

מנהגים, מהרי״ל, מאת ר׳ יעקב בר׳ משה מולין הלוי, סדר המנהגים לכל השנה... לובלין, תרס״ד — 1904. ז״ז 155, 291.

מנחם ציון, פירוש על התורה, מאת רבי מנחם מענדיל מק״ק פריסטיק ורימנוב, אשר איזן... רבי יחזקאל פּאַנעט, אבד״ק זיבענבירגען. לובלין, תרל״ג — 1873. זייט 228.

מסעי ישראל, מאת ר׳ ישראל בר׳ יוסף בנימין, ספור מסעותיו בארצות אזיה ואפריקה... מתורגם ע״י ר׳ דוד גורדון, ליק, תרי״ט — 1859. זייט 144.

מעשיות ומאמרים יקרים, מהר״י בעש״ט, ונכדיו ר׳ ברוך ממעזשיבעזש ור׳ אפרים מסדילקוב, מלוקט ע״י ישעיה צוקערניק, זיטאָמיר, תרס״ג — 1903. זייט 145.

מפעלות הצדיקים, עם דברי מישרים, ספורים מחסידים ודברי תורה, [ע״י ר׳ מנחם מענדיל בודק], לבוב, תרט״ז — 1855. זייט 305.

מקור חיים, כולל לקוטי חדושי תורה, שיחות, ספורים והנהגות מאת... רבי

חיים האַלבערשטאַם, אבד״ק צאַנז, ונלוה לזה ספר זכרון יחזקאל מאת רבי יחזקאל שרגא אבד״ק שינאווא, אספתי אברהם שמחה בונם מיכלזאהן, בילגוריי, תרע״ב — 1912. זייט 67.

נ

נוה שלום, מאת ר׳ אליהו חזן, מנהגי קהלות נא־אמון וארץ מצרים... נא־אמון, תרנ״ד — 1894. זייט 249.

נופת צופים, דברי חסידות, מאת ר׳ פנחס שפירא, פיעטריקאָוו, תרע״א — 1911. זייט 100.

נפלאות הרבי, אוסף של ספורים על רבי יעקב יצחק „החוזה״ מלובלין, מאת ר׳ משה מנחם וואלדען, וואַרשע, תרע״א — 1911. זייט 57.

נפלאות חדשות ...מאת ר׳ יחיאל משה בר׳ צבי, ליקוטים בשם ר׳ יעקב יצחק מפרשיסכא... פיעטריקאָוו, תרנ״ז — 1897. זייט 296.

ס

סדור בית יעקב, פון ר׳ יעקב עמדין, זייט 291.

סדור רש״י, זייט 154.

סדר הדורות החדש, סופר ומונה תלמידי ר׳ ישראל בעש״ט וספריהם [מאת מענדיל בודק], לבוב, תרכ״ה — 1865 (עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט). זייט 18.

סדר הקפות לשמיני עצרת ולשמחת תורה, מרבנו מהר״י מזידיטשוב. מונקאַטש, תרנ״א — 1891. זייט 149.

ספורי חסידים, תקנ״ז ספורים... מסודרים לפרשיות השבוע, ע״י הרב שלמה יוסף זוין, הוצאת ספרים אברהם ציוני, תל־אביב, תשט״ו — 1955. ז״ז 219, 220.

ספר החסידות, מאת אברהם כהנא, מהדורה שניה, וואַרשע, תרפ״ב — 1922. זייט 156.

ספר הטעמים, זייט 64.

ספר המועדים ...סוכות, לוקט ונערך על ידי ד״ר יום־טוב לוינסקי, תל־אביב, תשי״א — 1951. ז״ז 146, 148, 249.

ספורים יקרים, לבוב, תקפ״ד — 1824. זייט 57.

ספרן של צדיקים, אמרות טהורות מחמשים צדיקים אשר שמעה אזני מאדמו״ר רבי יחיאל משה מקוזניץ, נסדרו ע״י אליעזר דוב מקוזניץ. לובלין, תרפ״ח — 1928. זייט 8.

ע

עבודת ישראל, על התורה, לר׳ ישראל בר׳ שבתי מקוזניץ, יוזעפאָף, תר״ב — 1842. זייט 187.

עדת צדיקים, ספורים מהבעש״ט ותלמידיו, [מאת מיכאל לוי פרומקין], לבוב, תרכ״ה — 1865 (עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט). זייט 314.

עוללות אפרים, מאת ר׳ שלמה אפרים בר׳ אהרן לענטשיץ, דרשות על התורה ומועדים, לובלין, ש״נ — 1590 (עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט). ז״ז 191, 293.

עטרת מנחם, לקט חדושי תורה, שיחות וספורים של רבי מנחם מנדיל מרימנוב, בילגוריי, תר״ע — 1910. זייט 296.

עשר אורות, ספורים נפלאים... מן עשרה תלמידי הבעש״ט... נאסף ע״י ר׳ ישראל בערגער מבוקארעשט. פיעטריקאָוו, תרס״ז — 1907. ז״ז 135, 309.

עשר צחצחות, ספורים נפלאים... מן עשרה קדושים... נאסף ע״י ר׳ ישראל בערגער מבוקארעשט. פיעטריקאָוו, תרס״ז — 1907. ז״ז 39, 94.

פ

פאר מקדושים, ספורים מחסידים וקדושיהם [מאת מנחם מנדיל בודק], לבוב, תרט״ז — 1856. זייט 218.

פון די חסידישע אוצרות, אַ זאַמלונג פון רבישע תורה־ווערטלאַך... אויף חמשה חומשי תורה און ימים טובים, פון הרב דוד קירשענבוים, הוצאת „פרדס״ ניו־יאָרק, 1948. זייט 69, 148, 157.

פון רבי׳נס הויף, (פון טשערנאָביל ביז טאַלנע), געזאַמלטע חסידישע מעשה׳לעך, פון ד. ל. מעקלער, ניו־יאָרק, 1931. זייט 205.

ק

דער קאָצקער רבי, וואַרשע, תרצ״א —1931. זייט 307.

קבוצת יעקב, ספורי קודש מאת ה״ר יעקב ראב״ד דק״ק ברדיטשוב, נעתק ע״י שלמה טעלינגאַטאָר, ונקרא ספר „גדולי מעשה צדיקים״, ירושלים, 1926. זייט 44.

קב הישר, מאת ר׳ צבי הירש בר׳ שמואל קאידנובר, מאמרי מוסר... פראַנקפורט אַם מאַין, תס״ה — 1705 (מערערע מאָל איבערגעדרוקט). זייט 187.

קדושת לוי, על התורה, על המגילות והמועדים, פירושי אגדות... מאת רבי לוי יצחק מברדיטשוב, הובא לבית הדפוס ע״י נכדו רבי יוסף מברדיטשוב. סלאוויטא, תרנ״ח — 1798. ז״ז 33, 291.

קהל חסידים החדש, כולל מאמרים, ספורים ונפלאות מחוללי החסידות ותלמידיהם, לבוב, תרס״ו — 1906. זייט 60.

קהלת משה, על התורה, מאת הרב ר׳ משה אליקים בריעה בהר׳ המגיד מקוזניץ, לובלין, תר״ס — 1900. זייט 241.

קיצור מלקוטי מהר״ן תנינא, ירושלים, תרע״ג — 1913. זייט 7.

ר

רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער, פון יעקב צבי, פאַרלאַג „מסורה״ לאָדזש, תרפ״ט — 1929. ז״ז 30, 75, 79, 92.

ספר הרוקח, מאת ר׳ אלעזר בר׳ יהודה מגרמיזא, עניני תשובה ויראה, עם דיני איסור והיתר... פאנו, רס״ה — 1505 (מערערע מאָל איבערגעדרוקט). זייט 155.

ש

שארית ישראל, מאת ר׳ ישראל הכהן גארזשיצאַנסקי... נסדרו על ידי בנו הצעיר משה הכהן גורדון, ניו־יאָרק, תשט״ז —1956. זייט 282.

שבחי הבעש״ט, **להרב דוב־בער בר׳ שמואל שוחט, ברדיטשוב, תקמ״ה — 1795 (מערערע מאָל איבערגעדרוקט). ז״ז 145, 313.**

שבלי הלקט, **מאת ר׳ צדקיהו בר׳ אברהם הרופא, דינים ומנהגים השייכים לטור או״ח, וויניציאה, ש״ו — 1546 (מערערע מאָל איבערגעדרוקט). זייט 211.**

שלחן הקריאה, **מאת דוד דוב־בער רייפמאַן, דיני קריאת התורה, ווילנע, תרכ״ה — 1865. זייט 156.**

של״ה, **(שני לוחות הברית) מאת ר׳ ישעיהו בר׳ אברהם הלוי הורוביץ, חדושי תורה, הלכות, כללי הש״ס... ורשה, תרכ״ב — 1862. ז״ז 152, 291.**

שלטי הגבורים, **מאת אברהם בר׳ דוד משער אריה, צורת הבית וכליו... עניני הקרבנות, מנטובה, שע״ב — 1612. זייט 186.**

שיח שרפי קודש, **להי׳ יועץ קיים קדיש רקץ, לקוטי תורה בחסידות עם ספורים, ה׳ חלקים, לודז, תרפ״ח—צ״א — 1928—1931. ז״ז 56, 71, 305.**

שיחות יקרות... **מאת אלימלך זאב שטיק, סטמר (פעלט יאָר פון דרוק). זייט 27.**

שם טוב קטן, **מאת ר׳ בנימין בינוש בר׳ יהודה ליב הכהן, תפילות, כוונות ותקונים לענינים שונים, זלצבך, תס״ו — 1706 (מערערע מאָל איבערגעדרוקט). זייט 56.**

שמועות טובות, **...מאת ר׳ חיים אלעזר דייטשמאַן, וואַרשע, תר״ן — 1890. זייט 298.**

שפתי צדיקים, **על התורה, מאת ר׳ פנחס לערנער, לבוב, תרכ״ג — 1863. זייט 294.**

ת

תולדות יעקב יוסף, **על התורה, מאת רבי יעקב יוסף הכהן מפולנאה, הובא לדפוס ע״י הרב אברהם שמשון אבד״ק ראשקוב. קוריץ, תק״מ — 1780 (מערערע מאָל איבערגעדרוקט). זייט 6.**

תפארת שלמה, **מאת הרב ר׳ שלמה הכהן, פשטים על קדושת המועדים ועל התורה... וואַרשע, תרכ״ז — 1867. זייט 93.**